STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10311

IN'M LOYF FUN YORN

Shalom Shvartsbard

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום שווארצבארד

טאַבעלע געשניצט פון עלפאַנט־ביין פון ירושלים׳ער
קינסטלער, משה מוראַ

שלום שווארצבארד

אין'ם לויף פון יארן



ארויסגעגעבן פון שלום שווארצבארד קאמיטעט
שיקאגא, איל. 1934



צייכנונג פון חנוך הענד גליצנשטיין

Copyright 1933 by
S. SCHWARTZBORD COMMITTEE
Chicago, Ill.
Printed in U. S. A.

M. Ceshinsky, Publisher
2720 W. Division St., Chicago, Ill.

צייכנונג פון דוד בן מנחם בעקקער (אבי שושנה)

טעכניש ארראנזשירט פון יוסף ה. ערעלסאָן

387

Fireside Printing Co.,
812 W. Van Buren St.,
CHICAGO, ILL.

אינהאַלט:

פּאָגראָמען
רעוואָלוציע

דער פּאָגראָם אין 1905 — — — — — — — — 35
די רעוואָלוציע... — — — — — — — — 61
אוקראַינע — פּאָגראָמען — — — — — — — 71
פּאַרוואָלקנטע הימלען — — — — — — — 87
אַטריאַד ראַשעל — — — — — — — — 126
גריגאָריעווס באַנדעס — — — — — — — 142
די ערלים וועלן נאָך דערהערן — — — — — — 154
קיעוו — 1919 — — — — — — — — 167

טאָג בוך פון תפיסה
דער נקמה אַקט

מ׳וויל מיך לינטשן — — — — — — — — 183
מיין פּרווי קומט אָן — — — — — — — — 198
אין פינסטערן קעלער — — — — — — — 204
אין קאָנסיערזשעריע — — — — — — — 222
פּריזאָן לאַ סאַנטע... — — — — — — — 228
טאַרעס׳עס סעקרעטאַר — — — — — — — 239
דער ערשטער פאַרהער — — — — — — — 238
בריוו פון פּריזאָן — — — — — — — — 253
דער צווייטער פאַרהער — — — — — — — 275
דער דריטער פאַרהער — — — — — — — 284
די רעדע וואָס איך האָב ניט געהאַלטן — — — — 308
וויענער געשיכטע... — — — — — — — 317
דער יום הדין — — — — — — — — 332
מיין לעצט וואָרט — — — — — — — — 360

אינ׳ם לויף פון יאָרן

פאַגראָמען
רעוואָלוציע
נקמה אַקט

א

***

געקומען בין איך אויף דער וועלט שבת נחמו, און געווען זייער אן אנגעלייגטער גאסט. ערשטנס, בין איך געווען א טרייסט נאך די דריי קינדער וואס זיינען געשטארבן פאר מיר; צווייטנס, די טרייסט און האפנונג פון כל ישראל. „נחמו, נחמו עמי״ — נאך דעם צווייענדיקן חורבן פון בית המקדש און דער אידישער זעלבסטשטענדיקייט; דריטנס, האבן אידן בכלל געהאפט, אז נאך די אלע פאגראמען, רדיפות און גזרות, וואס האבן זיך א שאט געטאן אויף די אידישע קעפ אין רוסלאנד און רומעניען, מוז קומען די גאולה, ווייל נאך א גוס רעגן קומט א זונען־שיין און עס ווערט ניט ליכטיק איידער ס'איז ניט גוט פינסטער... און ס'איז דאך געווען „וימש חשך״...

דער ברית איז געווען א גרויסארטיקער. דער רב און די גאנצע פני פון שטאדט זיינען געווען און געוואונשן „בימיו ובימינו תושיע יהוה״... ווייבער האבן זיך געוואונטשן, אז אז דער געווינערינ'ס שאדן, אויף זיי און אויף אלע אידישע מאמעס געזאגט געווארן אזא געראטן קינד... די קוואטערס זיינען גע־ווען דער מאמע'ס שוועסטער, אסתר מיט איר חתן זלמן קאנעוור־סקי, א קאוואלערייסקי סאלדאט וואס האט געענדיקט די דינסט אין איזמאאיל.

מען האט נאך ניט געענדיקט מיט די אלע גליקוואונטשן און „מי שברך'ס״, ווי מען האט זיך געגעבן א שטעל אריין מיט א פריקאז: איציק מיט זיין פאמיליע זאל אויף גיך פארלאזן די שטאט איזמאאיל און די גאנצע געגענט וואס געפינט זיך אין די 50 ווערסט פון דער גרענעץ! און דער טאטע האט אויף גיך איינגעפאקט די בעבעכעס, גענומען די שוואכע ווייבל מיט'ן זויג־קינד און אוועק אפריכטן גלות...

דאס איינציקע לעבעדיקע באשעפעניש וואס מען האט אי־בערגעלאזט אין דער פוסטער שטוב איז געווען די קאץ, וועלכע

האָט שטאַרק געביינקט, געמיאַקעט, ביז זי איז געשטאָרבן. זי האָט ניט געוואָלט אַפּטרעטן פון דער שטוב, ניט געוואָלט ביי קיינעם עסן, אַזוי שטאַרק האָט זי געביינקט נאָך איר בעל־הבית. אַזוי האָט מען אונז דערנאָך דערציילט.

אין באַלטע, וואוהין דער טאַטע האָט זיך ווידער אַמאָל אומגעקערט צו זוכן אַ מקום מנוחה, האָט זיך נאָך שטאַרק געפילט די פּאָגראָם־שטימונג; פון איין זייט זיינען די אידן ארומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און ניט געוואוסט צו וואָס זיך צו נעמען — און ס'איז טאַקע ניט געווען צו וואָס. די צופלינדערטע, צוראבירטע קראָמען זיינען געבליבן פּוסט, צובראָכן, אַזוי ווי די פּאָגראָמשטשיקעס האָבן זיי איבערגעלאָזט. די שויבן פון די הייזער זיינען נאָך פאַרבליבן אויסגעזעצט, און די מורא איז נאָך געהאָנגען איבער די אידישע קעפּ. פון דער צווייטער זייט, זיינען די גוים ביי זיך געווען תקיף. זיי האָבן געזען, אַז ניט נור מ'האָט זיי ניט באַשטראָפט פאַר'ן רויבן און פּלינדערן אידיש האָב און גוטס, נאָר אַז די אידן האָבן נאָך מורא אַ קאָפּ אויפצוהויבן. דאָס האָט זיי נאָך צוגעגעבן מער חשק צו דראָהען מיט נייע פּאָגראָמען און רציחות... זיי האָט אָנגעהויבן צו ווערן גרויס אין די אויגן דאָס ביסל פּארמעגן וואָס אידן האָבן נאָך געהאַט פאַרמאָגט.

— וואַרט, וואַרט, איר זשידעס, מיר וועלן זיך ערשט נעמען צו אייך, ביז אַהער איז נאָך גאָר ניט געווען! איר וועט ערשט נעמען פילן!... מיר וועלן אייך ווייזן, וואַרט זשידעס, וואַרט!...

אידן פּלעגן זיך דערשרעקן, זיך צוזאַמענגעמען אין רעדלאַך און זיך סוד'ען. זיי האָבן אויסגעזעצן ווי דערשראָקענע שעפּעלאַך וואָס טוליען זיך צונויף ווען זיי דערפילן וועלף, און אַזוי פּלעגן אין די רעדלאַך יעדעס מאָל געבוירן ווערן נייע און פרישע קלאָגען: אָט וועלן זיך ענגלאַנד און פראַנקרייך אָננעמען פאַר די אידן, ווי אין דער צייט פון ניקאָלאַי'ן האָבן זיי זיך אריינגעמישט און דערלאַנגט „פּאַניע'ן" אין דער מאָרדע. אָט איז משה מאָנטעפיאָרע געקומען קיין פּעטערבורג פּועל'ן אַז מען זאָל שוין מער נישט שלאָגן אידן און מ'זאָל זיי נאָך אומקערן כפל כפלים פאַר אַלעם וואָס מען האָט ביי זיי צוגערויבט און צובראָכן. ווידער זיינען געווען קלאַנגען, אַז באַראָן ראָטהשילד און באַראָן הירש ווילן אָפּקויפן ארץ ישראל ביים טערק און באַזעצן אַלע אידן... נאָר די פרומע לייט האַלטן אין איין שרייען, אַז מען טאָר ניט

פאָרן קיין ארץ ישׂראל זיך צו באַזעצן פֿאַר׳ן קץ... אידן קענען נאָך חלילה האָבן דעם זעלבן סוף פֿון די בני אפרים, וואָס זיינען אליין ארויסגעגאַנגען פֿון מצרים, ניט דערוואַרטענדיק זיך דעם קץ... באַגלייך מיט ארץ ישׂראל, האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פֿון דעם נייעם גאָלדענעם לאַנד אין אַמעריקע. א סך וואָס זיינען אָבגעפאָרן באַלד נאָך דעם פּאָגראָם שרייבן שוין פֿון דאָרטן גאַנ־צע גליקן, ממש מען שאַרט דאָרטן גאָלד מיט לאָפּעטעס, אידן ווערן דאָרט אָפּגעשאָטן מיט געלד...

און דאָס איז טאַקע געבליבן די גאַנצע טרייסט: פֿאָרן קיין אַמעריקע קען מען אליין ניט פֿאָרן, שיקט מען אַ קינד, אַ פֿריינט, מיט דער האָפֿנונג אַז ער וועט מיט דער צייט אויך אריבערנעמען די איבעריגע פֿאַמיליע; ביטער איז נאָר דעם וואָס האָט ניט אויף הוצאות. קיינע קרובים און נאָנטע פֿריינט, וועלכע זאָלן אים העלפֿן, שיקן אַ שיפֿס־קאַרטע און אריבערנעמען קיין אַמעריקע.

און אַזוי ווי די רעדלאַך פֿון מאַרק וואָס שפּייזן זיך דעם גאַנצן טאָג מיט גוטע און שלעכטע קלאַנגען, אַזוי זיצן די עלטערע פֿרומע אידן אין די בתי־מדרשים און מען שמועסט. — ר׳ משה מאַנטעפֿיאָרע איז אַ שטאַרק פֿרומער איד, ווייסט ער מסתמא, אַז די גאולה איז נאָך ניט געקומען, און די נביאות פֿון דעם נביא דניאל מיט דער אויסרעכענונג פֿון זוהר הקדוש זיינען נאָך חל אויף אונזער צייט, ווען מען זאָל אָננעמען שבתי צבי׳ן פֿאַר משיח בן יוסף, און די מלחמות פֿון נאַפּאָלעאָנען פֿאַר די מלחמות פֿון גוג ומגוג וואָלט מען געמעגט פּילייכט האָפֿן אויפ׳ן קץ פֿון משיח בן דוד. ס׳זיינען שוין געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך איינגע־שפּאַרט און געוואָלט מיט׳ן לערנען און פֿאַסטן אַראָפּברייינגען משיח׳ן, נאָר עס איז געווען אַן איבערשלאָגעניש: דער שטן פֿלעגט זיך אריינמישן און שטערן, ווען אַלעס איז שוין געווען אויף אַ וועג. אייניקע פֿלעגן אָפּזיצן גאַנצע נעכט אין בית המדרש — זוכן, נישטערן און אויסרעכענען אַלע רמזים און גמטריות פֿון די הייליקע ספֿרים וועגן קץ. אַ סך איז אַפֿילו געלונגען פֿעסטצו־שטעלן דעם קץ אויף די יאָרן תרס״ה און תרס״ו.

און אין דערזעלבער צייט פֿלעגט זיצן נעבעך דאָס ווייבל אין דער היים און ניט געהאַט מיט וואָס אין מאַרק צו גיין. די קינ־דערלאַך זאָלן לעבן און געזונט זיין האָבן ניט געקענט וואַרטן אַז וואַרעמעס אָדער „וועטשערע״ ביז משיח וועט קומען. שכר־לימוד

האט מען אויך געמוזט פון צייט צו צייט עפּעס משלם זיין, ווייל דער מלמד איז נעבעך א גרויסער נצרך געווען.

געקומען צוריק קיין באַלטע, האט דער טאַטע זיך באַזעצט אין גוי'אישן טייל פון שטאָט, ביים ברודער שמואל'ן אין שטוב, און גענומען זוכן פרנסה. האט ער צוערשט גערונגען ביים זיידן אויפ'ן נייעם מאַרק א קראָם. די מאַמע פלעגט דאָרטן פאַרקויפן באַקאַליי און דער טאַטע פלעגט אַרויסלויפן אין גאַס זוכן א פאַר־דינסטל... א כשר'ע מציאה. די קראָם, געדיינק איך, ווי דורך א חלום. דאָרטן האָב איך געמאַכט די ערשטע שפּאַן אויף אונ־זער זינדיקער ערד... איך געדיינק אויך, ווי די מאַמע פלעגט אָפּזיצן גאַנצע טעג אין קראָם און אַרויסקוקן אויף א קונה פאַר א פּאָר קאָפּיקעס; ווי דער טאַטע פלעגט אַרומלויפן די גאַנצע טעג אויפ'ן גאַס און אָפּטמאָל קומען א היים מיט א ליידיק זעקל, פוס־טע קעשענעס און א פאַרדרוס אין האַרצן...

— מיין מאַן, — פלעגט די מאַמע ס'רוב זאָגן: — דו ביזט א גראַטענער...

— וואָס זאָל איך טאָן, מיין ווייב, אז דער רבונו של עולם האָט אונז פאַרלאָזט? מסתמא איז שוין אַזוי באַשערט, אז מיר זאָלן זיך מאַטערן, דאָס פינסטער מזל אונזערס איז אָנגעצייכנט פון אויבן.

פון פעטער שמואל'ס שטוב געדיינק איך גוט דעם גאָרטן מיט'ן פּלויט, אויף וועלכן איך פלעג ווייזן קונצן; אַריבערשפּרינ־גען, ניט צוהאַלטנדיק זיך מיט די הענט; גיין אויפ'ן שאַרף פון די ברעטער אַרום און אַרום דעם פאַרקאַן און אָנהאַלטן בלויז מיט די הענד גלייכגעוויכט, ווי די קאָמעדיאַנטן אויף די שטריק. איך געדיינק די גרויסע געלע קאַבאַקעס וואָס פלעגן דאָרט וואַקסן און מיר פלעגן זיי אָפּרייסן סוף זומער און אויסטריקענען די ווייסע קערלעך צו קנאַקן אויף שבת נאָך טיש. די גאַנצע קיילעכדיקע וואָך פלעגט מען עסן א זיסן צימעס פון קאַבאַק. אויך די גרינע אוגערקעלאַך, רויטע און גרינע פּאַטליזשאַנעס, וואָס מיר האָבן אָנגעריסן און איינגעזייערט, כדי צו מאַכן פאַרשיידענע פאַרשפּייזן און צושפּייזן צום עסן. איבערהויפּט, קען איך ניט פאַרגעסן די אַרבוזעס און מעלאָנעס, די לאַנגע און הויכע „פּאַדסאָלנעשני־קעס" מיט די גרויסע ברייטע שווערע קעפּ פול מיט קערנדלאַך מיט די געלע בלעטלאַך אַרום. מיר פלעגן אויסטריקענען די קערנדלאַך און זיי קנאַקן און פון די לאַנגע שטעקנס פלעגן מיר

מאַכן פאַרשיידענע קלאַרנעטן און פּייפערס, אויך וואַפן אַלערליי.

מער פון אַלעם האָב איך ליב געהאַט, אַלס קינד, די „פּאַפּע־שויעס” (מאַאים) וואָס האָבן געוואַקסן ביים פעטער שמואל'ן אין גאָרטן. ווי זיי פלעגן פאַרטיק ווערן, פלעגן מיר זיי אָפּרייסן, אויס־זידן אין קאַכיקן סאַמאָוואַר, דערנאָך באַשיטן מיט זאַלץ און עסן: טעם גן עדן! פּרייטיק־צו־נאַכטס, ווען די מאַמע און די מומע חיה, דעם פעטער שמואל'ס ווייב, האָבן זיך באַפּרייט און פאַררוקט טשאָלענט, האָבן מיר יונגוואַרג גענומען פּאַפּעשויעס און אָפּגעשיילט די קערנדלאַך און אויף דעם הייסן אויוון זיי געלאָזט אויסבראָטן און אויסשפּילן. ווען דאָס פּאַפּעשוי־קערנדל האָט אַ קנאַק און אַ שפּרונג געטאָן, פלעגן מיר נעמען פּאַטשן מיט די הענט פאַר פרייד.

ווייזט אויס, אַז צוויי ברידער אונטער איין דאַך קענען ניט לעבן בשלום; איבערהויפּט צוויי שוועגערינס וואָס הייסן ביידע חיה... און מיר האָבן זיך ארויסגעצויגן פון פעטער שמואל'ס שטוב און זיך באַזעצט ביי די סקלאַדן פון ברעטער, אַנטקעגן צלם וואָס שטייט ביי די קאַזאַרמעס.

טרעפט זיך אַ מעשה: דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז, לויפט ארום אין מאַרק צו כאַפּן אַ פאַרדינסטל. די מאַמע איז אין קראָם און קוקט ארויס אויף אַ קונה און איך מיט מיין קליינעם ברודערל, שמואליק, זיינען געבליבן אין שטוב פאַרשלאָסן. נעמען מיר זיך שפּילן מיט שוועבעלאַך און שפּילן זיך אַזוי לאַנג, ביז מיר צינדן אָן די קאָלדרע פון בעט. נעמט די קאָלדרע ברענען, און מיר שפּילן זיך ווידער. כאַפּט זיך אָן דאָס בעט־געוואַנט, דאָס בעט, און דאָס איבעריקע מעבל. ס'ווערט אַ רויך צום דערשטיקט ווערן. די טיר איז פאַרשלאָסן. די פענסטער פאַרמאַכט. און מיר ביידע בלייבן ליגן פאַרטשאַדעט אין מיטן שטוב פול מיט רויך און פייער... עפּעס דורך אַ צופאַל האָבן דערזען די מייסטער וועל־כע האָבן געאַרבעט ניט ווייט פון אונזער שטוב, דעם רויך און דאָס פייער וואָס האָט גענומען ארויספּלאַקערן פון שטוב. האָבן זיי צובראָכן די פענסטער און אריין אין שטוב און אונז ביי די פיסלאַך ארויסגעשלעפּט האַלב־טויטע... די מאַמע מיט'ן טאַטן זיינען אָנגעלאָפן. ס'איז געוואָרן אַ רעש, מען האָט קוים אָפּגע־לאָשן דאָס פייער. אָבער. אָבער אַלעס וואָס איז געווען אין שטוב איז פאַרברענט געוואָרן...

— דאַנקען גאָט דערפאַר, — האָט דער טאַטע מיט דער מאַמען געזאָגט, — אַבי די קינדערלאַך זיינען אונז געבליבן...

— נאָך אַ שרפה ווערט מען רייך, וועסט זען, מיין ווייב, אַז מיר וועלן געהאָלפן ווערן.

באַלד נאָך דער שרפה האָבן מיר זיך ארויסגעצויגן פון די סקלאַדן און זיך באַזעצט ביי ר' איציקל באַרדיטשעווסקי, טאַקע ניט ווייט פון דער קראָם. און די מאַמע האָט אונז געבראַכט נאָך אַ ברודערל, מאיר'ל, אַ מתנה. און ווידער אַמאָל איז די מאַמע אַוועק אין קראָם און דער טאַטע אין מאַרק זוכן פרנסה. איך מיט מיין ברודערל, שמואל, זיינען געבליבן אין שטוב און געוויגט דאָס קליינע ברודערל מאיר. האָט דאָס קינד פלוצלינג אָנגעהויבן וויינען און שרייען, האָבן מיר עס גענומען פאַרשפּילן און איינמאָל גענומען אַ הייסע „פּאַקרישקע" פון „פּליטע" און צוגעלייגט צום פּיסל. דאָס קינד האָט נאָך מער גענומען וויינען... די מאַמע מיט'ן טאַטען זיינען געקומען און דערזען ביים קינד אַ רויט פּיסעלע מיט אַ ווייסן בלאָטער און זיך דערוואוסט וואָס מיר האָבן געטאָן צום קינד.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס ברודערל מאיר געשטאָרבן. נאָך דער „שבעה" האָבן מיר זיך פון דאָרטן ארויסגעצויגן ווידער אויף דער סאַנזיוועקע. ווערט פלוצלינג קראַנק די מומע חיה און גיט אַ שטאַרב אָפּ און לאָזט איבער דעם פעטער שמואל'ן מיט פינף יתומים. און ביים טאַטן גייט אויך ניט אָם בעסטן מיט דער פּרנסה און צו די אַלע גליקן קומען אָן אַ פּרייטיק־צו־נאַכטס גנבים און טראָגן אַרויס אַלעס פון דער שטוב און עס קאָסט נאָך מיה און געלד דאָס זוכן, אָבער ס'איז פאַרפאַלן ווי אין ים אריין.

— דאַנקען גאָט דערפאַר, זאָגן טאַטע־מאַמע, טאָמער איז אונז באַשערט קראַנק צו זיין, אָדער אונזערע קינדער, זאָלן מיר דערמיט האָבן איבערגעקומען!...

העלפט גאָט, און די מאַמע ווערט קראַנק באַלד נאָך דער גנבה, און אין אַ פּאָר טעג אַרום שטאַרבט זי, פּונקט ערב יום כפור...

פון מיין פריעסטער יוגנט איז מיר געבליבן אין זכרון די הויפעלקעס פון סאַנזיוועקע, וואו יעדן גוי'אישן פּסח (פּאַסקאַ) פלעגן זיך צוזאַמענקומען שקצים און שיקסעס פון די אַרומיקע דערפער, און זיך הוידען. אָפטמאָל פלעגן צוקומען אַ גאַנצע כאַפּטע שקצים מיט שיקסעס צום בודקעלע פון זעלצער־וואַסער, קוואַס און צו־

קערקעס, וואָס מײַן טאַטע האָט געהאַלטן אַנטקעגן די הוידעלקעס. זיי פלעגן אַפּט כאַפּן די צוקערקעס פון דער אויסלאַגע און ניט באַצאָלן, צומאָל, אַז מען האָט זיך מיט זיי געשטעלט, פלעגן זיי זיך זידלען און שעלטן: „איר פאַרפלוכטע זשידעס! איר האָט געמוטשעט אונזער גאָט! מיר וועלן זיך נאָך מיט אײַך אָפּרע־כענען"....

פּאַסקאַ־צײַט איז פאַר אונדז אידישע קינדער ניט געווען צו־צוקומען צו די הוידעלקעס. אַ גאַנץ יאָר אָבער זײַנען זיי געשטאַ־נען פּוסט און פאַרלאָזן און מיר פלעגן אויף זיי מאַכן פאַרשיידענע קונצן און קאָמעדיאַנטישע שטיק. מיר האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די פאַרשטעטישע שקצים'לאַך וואָס זײַנען געקומען אונדז שטערן און מלחמה האַלטן מיט אונדז. ניט איינמאָל איז איינער פון אונדז געקומען אַהיים צו טאַטע־מאַמע מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ, מיט ביילן אויפ'ן שטערן, מיט אַן אויסגעדרייטע האַנט אָדער פוס. און אַז ניט פון די שקצים, איז מען געקומען מיט צעריסענע פּלודערן און צעשלאָגענע פּנים'ער פון די קונצן וואָס מען האָט געמאַכט אויף די הוידעלקעס אַליין...

מיט מײַנע צוויי חברים בין איך געגאַנגען צוזאַמען אין חדר. ווינטער, פון פּרשה לך לך, זײַנען מיר בײַנאַנד געגאַנגען בײַנאַכט מיט די אָנגעצונדענע לאַמטערנעלאַך פון חדר, געטאַפּטשעט די בלאָטעס ביז צו די קניעס, דורכגייענדיק די פּוסטע קאַזאַרמעס און סקלאַדן, זיך שרעקנדיק פאַר די ניט־גוטע וואָס האַלטן זיך אין זיי אויף...

יעדן שבת אָדער יום טוב אָבער, באַלד נאָכ'ן עסן, פלעגט מען אונדז פאַרפּוצן. דער טאַטע פאַר איין הענטל גענומען, די מאַמע פאַר'ן צווייטן — און געגאַנגען גוט־שבת אָדער גוט־יום־טוב ביעטן, צומאָל צום זיידן משה, אָבער אַם מייסטענס צום פעטער אידל, דער מאַמע'ס עלטערער ברודער, וועלכער פלעגט מיך נעמען יעדן שבת צום פאַרהערן. דאָס האָט מיך ווייניג גע־קימערט, ווייל דער פעטער איז ניט געווען אַזוי שטריינג, און ווי־דער האָב איך טאַקע גוט געקענט וואָס מען האָט מיט מיר גע־לערנט; חוץ לזה, פלעגט דער טאַטע מיט מיר לערנען און אי־בער'חזר'ן די תורה פון רבי'ן.

צומאָל, ווען עס איז אָראָפּגעקומען אַ גוטער איד אין שטאָט — דער טאַלנער צדיק, צי אַן אַנדער רבי, — פלעגט דער טאַטע מיך מיטנעמען, ברענגען אַ פּדיון דעם רבי'ן, זיך לאָזן שרייבן אַ

קוויטל, און איך פלעג אפטמאל בייוואוינען ביי א שלוש־סעודות, זען ווי דער רבי זיצט אויבן־אן, זאגט תורה, די חסידים כאפן שיריים פון טיש און מאכן קולות...

דער מאמעס טויט געדיינק איך גאנץ גוט.

א טאג מיט א נאכט פריהער, געדיינק איך, ווי ס'זיינען זיך צונויפגעקומען דער זיידע משה, דער פעטער אידל און אלע אונ־זערע קרובים, שכנים און שכנות. א מנין אידן זיינען געזעסן און געזאגט תהלים די גאנצע נאכט אין איין צימער, אין צווייטן צי־מער איז געלעגן די מאמע, געקרעכצט און געשריגן. דער טאטע איז ארומגעלאפן הין און צוריק, געבראכן די הענד און געכליפעט...

איך און מיין ברודערל, שמואל, זיינען געשלאפן, ווען דער טאטע האט אונז פלוצלינג אויפגעוועקט און געזאגט מיט א קלאגנ־דיקער שטימע: „שטייט אויף קינדערלאך! געזעגנט זיך מיט אייער מאמען וואס איז אוועק אזוי יונג פון דער וועלט!..." ער האט מיך אנגענומען ביי דער האנד און געזאגט: „גיי, מיין קינד, גיב א קוק אויף דער מאמען, כדי דו זאלסט זיך שפעטער דער־מאנען אן דיין ארימער, געטרייער מאמען, וועלכע האט דיר גע־בוירן און אויסגעהאדעוועט; גיי, גיי, מיין ארים קינד, גיי צו צום בעט!... ווי איז מיר, ווינד איז מיר!... אויף וועמען האסטו אונז איבערגעלאזט? דיינע ארימע גוטע קינדערלאך, חיה, וואס וועט זיין פון זיי... ווער וועט אויף זיי אכטונג געבן... ווי איז מיר!"...

דער זיידע און די פעטערס זיינען געגאנגען טרייסטן דעם טאטן.

„איצע, איצע! בארעכן זיך! דו ביזט א איד, א טאטע פון קינדער! דו מוזט זיך שטארקן! ס'איז אן אומגליק... מ'מוז אלעס אננעמען פאר ליב, מסתמא הייסט גאט אזוי, וואס קען מען זיך העלפן, מען איז ביי דעם, וואס לעבט אייביק, אין די הענד!... איצע! איצע!..."

„שטארק זיך, ביזט א טאטע פון פיצלאך קינדער, באדיינק זיך, איצע!

די חברה שמשים האבן געכאפט די מטה מיט דער מאמען און זיינען גיך געלאפן ערגעץ ווייט... ווייט... דער טאטע איז נאכגעלאפן און געיאמערט. עמיצער האט זיך אומגעקערט און מיך גענומען ביי דער האנד און געפירט אויפ'ן בית עולם. דארטן

ביים אָפּענעם קבר האָט מען מיט מיר געזאָגט קדיש. דער טאַטע האָט געוויינט, און איך — אויף אים קוקנדיק...

אַצינד, ווען איך וויל זיך דערמאָנען דאָס בילד פון מיין מאַמע'ן, איז מיר אונמעגלאַך צו האָבן דעם קלענסטן באַגריף פון איר. עפּעס ווי פון אַ חלום שטעלט זיך מיר פאָר אַ פאַרנעבלט בילד פון אַ פרוי, וואָס איז שטענדיק געגאַנגען איינגעוויקלט אין אַ גרויסן טערקישן שאַל; זי פלעגט פאַר אונז זומער כאַפּן היי־שעריקן און ברענגען אונז, מיר זאָלן זיך מיט זיי שפּילן... זי איז אָבער געווען צו אונז שטרענג. דער טאַטע האָט אונז גע־צערטלט, און די מאַמע פלעגט זיך בייזערן...

שפּעטער, נאָך דער מאַמע'ס טויט, ווען איך פלעג אַ קוק טאָן אויפ'ן טערקישן שאַל, פלעגט מיר אַ קלאַפּ טאָן אין האַרץ, עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט מיך דעם מאָמענט באַהערשט...

באַלד נאָכ'ן טויט פון מיין מאַמע'ן, האָט מיך דער טאַטע אָפּגענומען פון איצעק קודלער, דעם דרדקי מלמד, און מיך אוועק־געגעבן אין דער תלמוד תורה צו יענקל קאַלקער. נאָר אַזוי ווי איך בין נאָך געווען טעמפּ אויף דער „עברי", דאָס הייסט, אַז ביים רבי'ן איצע קודלער האָב איך זיך אַלע יאָרן געלערנט זאָגן „עברי" און ערשט ניט געקענט (הגם דער טאַטע האָט מיט מיר שוין אין דער היים געהאַקט חומש מיט רש"י), האָט דער רבי יענקל קאַלקער מיך אָפּגעגעבן אויף עטלאַכע וואָכן צו אַ קלענערן מלמד, אַז איך זאָל מיך אַביסל אויסלערנען זאָגן בעסער „עברי"; אין אַ קורצער צייט האָב איך איבערגעיאָגט אַלע אינגלאַך פון דער תלמוד תורה, און דער רבי מיט'ן טאַטן האָבן געפּלאָנעוועט מיך אָפּצוגעבן צו אַ גוטן גמרא־מלמד וואָס זאָל מיך אַרויספירן אויף אַ דרך...

נאָר דערווייל האָט זיך געמאַכט דעם טאַטן אַ שידוך און ער האָט חתונה געהאַט.

אין דער צייט איז מיין זיידע געשטאָרבן, און דער טאַטע האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט לאָדן די ירושה; די קלע־נערע ברידערלאַך זיינען אונטערגעוואַקסן און מען האָט געמוזט פאַר זיי צאָלן שכר־לימוד, פון פרנסה האָט גאָט אָפּגעהיט, — האָט קיין רייד ניט געקענט זיין מיך ווייטער האַלטן ביי אַ מלמד.

דעם זיידן משה גראַלניק קען איך זיך בולט ניט גאַנץ קלאָר מאַכן. ווען איך וויל זיך אים פאָרשטעלן, זע איך פאַר זיך אַ איד מיט אַ גרויסער ברייטער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ גרויסן טכוי־

רענעם טולופ מיט א וויזענעם קאלנער, אביסל סוטולאוואטע, די צוויי פינגער פון דער לינקער האנט זיינען ביי אים געווען פאר־בויגן, און אז מיר זיינען געקומען צו אים אין שיינק אדער דער זיידע פלעגט קומען צו אונז אהיים, האט ער אונז געגעבן עטלאכע קיילעכיגע פלעצעלאך און צו זילבערנע גריווענעס א יעדן. איך געדיינק, ווען שלום, דעם זיידנ׳ס בן זקונים, איז געשטארבן, האט מען אים אנגעטאן אין ווייסן און אנידערגעלייגט אין שיינק אויף א גרויסן טיש. דער זיידע איז צוגעגאנגען צום טויטן און אים אין דער שטיל עפעס איינגערוימט אין אויער... אין א קורצער צייט ארום איז אויך דער זיידע געשטארבן...

צום לערנען האב איך דוקא געהאט גרויס חשק און אלעם גוט פארנומען. דער רבי, יענקל קאלקער, האט געזאגט דעם טאטן, אז איך בין א חרב חדה; אין בית המדרש פלעגן די עלטערע אידן וואס זיצן און לערנען, זאגן, אז איך בין דער צווייטער רבי אלעזר בן ערך — „כמעין המתגבר”. נאר איין חסרון האב איך געהאט: איך האב ליב געהאט זיך צו שפילן, מאכן קאמעדיאנטישע שטיק, זיך דראפען אויף לייטערס, קלעטערן אויף די גלייכע ווענט. איז געווען א טעלעגראפן־סלופ — אהא, מיין שלום איז שוין אויף דעם סאמע שפיץ; א גרוב — מיין בחור שפרינגט שוין איבער׳ן גרוב; זעט ער ערגעץ הוידעלקעס — מוז ער באווייזן זיינע קונץ־שטיק. וואו מען האט מיך ניט פארזייט, דארטן בין איך אויסגע־וואקסן... און דער טאטע האט געהאט דערפון שטארקע עגמת נפש, ס׳זאל מיט מיר זיך חס ושלום ניט טרעפן קיין אומגליק...

ווייל א חוץ די הוידעלקעס, אויף וועלכע איך פלעג באווייזן מיינע גרויסע קענטנישן און קומען אהיים מיט צוריסענע פלודערן, צודראפעטע הענד און פיס, פארבלוטיגטן נאז און אויפגעלאפע־נעם שטערן, — האבן זיך מיט מיר געטראפן אנדערע אומגליקן; איינמאל שפרינגענדיק איבער א טיפן ברייטן גרוב וואס מען האט אויסגעגראבן פאר א ברונעם, פאל איך אריין און קען שוין אליין פון דארטן ניט ארויס, מען האט אנגעזאגט דעם טאטן און ער איז געקומען ניט־טויט ניט־לעבעדיק, און מיך ארויסגעצויגן מיט א שטריק. א צווייטן מאל שפרינג איך איבער זעק מיט ווייץ און פארטשעפע א פוס און קום אהיים מיט א צופלעטשעטער נאז, ווי מיכל אנזשעלא... און אזוי כסדר. דער טאטע פלעגט מיך ניט שלאגן, נאר זאגן מוסר, וואס איז מיר טויזנט מאל ערגער געווען ווי קלעפ: „א פאטש פארהיילט זיך און א ווארט געדיינקט זיך”

— פלעגט דער טאַטע מיר זאָגן — „און דערפאַר וויל איך ניט שלאָגן, דו זאָלסט געדיינקען מיינע רייד!”...

זיינע רייד זיינען געווען ביי מיר, ווי די רייד פון די חכמים: „פּייערדיקע קוילן”! איך האָב ניט געוואָלט דעם טאַטן אָנטאָן שמערצן, פאַרשאַפן צרות, נאָר איך האָב זיך פּאָרט ניט געקענט העלפן; דער קינדערשער יצר הרע איז פּאָרט געווען שטאַרק, ביז דער טאַטע האָט איינגעזען, אַז מוסר העלפט ניט און ער האָט מיר מער ניט געשטערט.

„ער איז דאָך מער ניט ווי אַ קינד, — פלעגט ער מיך פאַר־ענטפערן, — זאָל ער זיך אַ שפּיל טאָן. וואָס? די פאַרגעניגן וואָס ער האָט ביי זיין טאַטן! מ'שטיינס געזאָגט... זאָל ער כאָטש האָבן דעם פאַרגעניגן קליינערהייד צו שפּרינגען, אַז ער וועט עלטער ווערן וועט אים דאָס מער ניט ליגן אין קאָפּ”...

איינמאָל, אַזוי שפּרינגענדיק, האָב איך געפונען אַ זילבער־נעם זייגער. אַ צווייטעס מאָל, האָב איך פון אַ סלופּ אַראָפּגענו־מען קינדערשע שפּיעלזאַכן וואָס מען האָט געגעבן אַלס פּרייז פאַר גימנאַסטיק און קונץ־שטיק...

דערווייל איז אין שטוב געוואָרן ערגער און ערגער, די בודקע פון זעלצער־וואַסער האָט גאַרניט אַריינגעטראָגן, און דערצו איז שוין געוואָרן קאַלט, האָט מען מיך אוועקגעגעבן אין אַ גאַלאַנטע־ריי־געשעפט, צו ר' מאיר ווארשאַווסקי. אָפּגעאַרבעט עטלאַכע חדשים בחנם און זיך געפּלייסט צו זיין אַ לייט, האָט מיך ר' מאיר ווארשאַווסקי'ס איידעם צוגענומען צו זיך אין צעלניק־געשעפט נאָך אַלץ בחנם. אָפּגעווען אַ שטיק צייט ביים איידעם אין דער צעלניק־קראָם, האָבן זיך דער שווער און דער איידעם אָנגעהויבן צו קריגן איבער מיר. יעדער האָט מיך געריסן צו זיך. דיביידע געשעפטן זיינען געווען אינאיינעם, בלויז איבערגעצוימט מיט אַ שטיקל ווענטל, פלעג איך זיין פול אין ביידע. אַלע לעבער האָט מען מיט מיר פאַרשטופּט. וואו מען האָט געדאַרפט אַ גאַנג האָט מען מיך געשיקט; אויף די „פּאַליצעס” שפּרינגען בין איך געווען אַ „כוואַט”, יעדע שטיקל סחורה האָב איך געוואוסט וואו עס געפינט זיך, און געווען געשיקט, פליסיק. האָט דער שווער ניט פאַרגונען דעם איידעם דעם עבד כנעני, און דער איידעם איז געווען אייפערזיכטיג וואָס איך העלף די אַנדערע „פּריקאַזשטשי־קעס” ביים שווער אין געשעפט און פאָלג אַ גאַנג דעם שווער: „וואָס?! — פלעגט ער טענה'ן, איך וועל האַלטן אַ אינגל און ער

זאָל גאָר העלפֿן אין קראַם און ארומלויפֿן דעם גאַנצן טאָג פֿון יענעמס וועגן?"....

נאָך דעם וואָס איך בין שוין אָפּגעווען ביי מאיר ווארשאוו־סקי און ביי זיין איידעם קאַרגע צוויי יאָר, צוריסן עטלאַכע פּאָר שיך וואָס דער טאַטע האָט מיר געמאַכט, אויסגענוצט אַ פּאָר קאָס־טיומען און ניט באַקומען דעם מינדעסטן לויז, האָט דער טאַטע מיט מיר גענומען ריידן און געבן צו פֿאַרשטיין די לאַגע:

— זע, מיין קינד, איך האָב דיך געמוזט אָפּנעמען פֿון חדר; עס האָט מיר געגנוג וויי געטאָן און געריסן דאָס האַרץ, נאָר איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. איך האָב דיך געמוזט האָבן מיר צו העלפֿן צו דער פּרנסה. נאָר ס'איז ניט געווען קיין תּכלית פֿאַר דיר. האָב איך אַלעס געטאָן איבער מיינע כּחות, אַבי צו מאַכן פֿון דיר אַ לייט. פֿאַר אַ בעל־מלאכה האָב איך דיר ניט געוואָלט אָפּגעבן אויף גאַנצע דריי יאָר פֿאַר אַ קנעכט, אַז אַ גראָ־בער יונג אַ סטאָליאַר אָדער אַ שוסטער זאָל זיך מיט דיר שאַפֿן און באַפֿעלן. איך האָב גערעכנט אַז אַ „פּריקאַשטשיק" איז איי־דעלער. וועסט זיין צווישן בעל־הבית'ישע מענטשן און מיט דער צייט ווערן אַ לייט. אַצינד ביזטו שוין באַלד צוויי יאָר אַן אומזיס־טיקער עבד כּנעני ביי ר' מאיר ווארשאַווסקי און ביי זיין איידעם. איך קלייד דיך און שוך דיך — פֿאַר פֿרעמדע נוצן וועגן, אַז יענער זאָל זיך מיט דיר שאַפֿן און אויסנוצן אומזיסט־אומנישט! ביז ווען איז דער שיעור? וואו איז עס דען געשריבן געוואָרן, אין וואָסער תּורה? זיינען דען די יונגע קינדערשע כּחות גאָר נישט ווערט? סטייטש, היתּכן? דו מוזט מיין קינד אַליין אָנ־הויבן צו פֿאָדערן אַז מ'זאָל דיר באַצאָלן פֿאַר דער אַרבעט און דינסט!

אַ פּאָר מאָל איז דער טאַטע געגאַנגען צו ר' מאיר ווארשאוו־סקי פֿרעגן, ביז וואַנען איך וועל נאָך מוזן זיין אַן אומזיסטיקער אַרבעטער.

— וואָס איילט איר זיך מיט אים? — האָט יעדעס מאָל געזאָגט ר' מאיר ווארשאַווסקי, — זאָל ער נאָך זיין אַ שטיקל צייט וועט מען שוין זען. צום רב וועלן מיר חלילה ניט גיין. די הויפּט־זאַך — פֿלעגט ער יעדעס מאָל באַטאָנען, — זאָל ער זיך נאָר גוט פֿלייסן און וועלן זיין אַ מענטש. אַזוי האָב איך צו אים גאָר ניט, חלילה. זייער אַ געהאָרכזאַמער אינגל, פֿאָלגט וואו מ'שיקט אים, און אַז ער וועט זיך פֿלייסן, וועט מיט דער צייט פֿון אים

ווערן אַ לייט. נור איך דאַרפֿט זיך ניט איילן... גלויבט מיר, ר׳ איצע, ווען איך וויל צונעמען אינגלאַך — אַזוי פֿיל גוטע יאָר אויף מיר, וויפֿיל ס׳קומען זיך בעטן צו מיר, און בעל־הבית׳ישע קינדער — וואָלט איך געקענט אַ פֿולע קלייט אָנשטופּן; נאָר איך וויל ניט. אייערער איז שוין דאָ, זאָל ער זיין...

דער איידעם האָט נאָך געהאַט טענות צום טאַטן:

— וואָס הייסט? איך זאָל האַלטן אַ אינגל, אים נאָך צאָלן אויך, און ער זאָל זיין מער ביי יענעם אין קראָם ווי ביי מיר? זאָל אים דער שווער געבן. ער שאַפֿט זיך מיט אים מער ווי איך!

און אַזוי וואָלט איך נאָך געוועזן פֿאַרבליבן אַן עבד כנעני ביי צוויי אדונים, ווען ניט דער עלטסטער משרת, דוד טאַבאַטש־ניק, וואָס האָט ניט געקענט צוזען ווי מ׳שאַפֿט זיך מיט מיר אַזאַ צייט אומזיסט און האָט זיך דורכגערעדט וועגן מיר מיט זיינעם אַ באַקאַנטן זייגערמאַכער ישראל, וועלכער האָט נישט לאַנג גע־מאַכט אַ געשעפֿט פֿאַר זיך אַליין און געזוכט אַ לערן־אינגל. מ׳האָט איבערגערעדט מיט׳ן טאַטן און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן אויף גאַנצע פֿינף יאָר; די ערשטע דריי יאָר בלויז פֿאַר עסן און די לעצטע צוויי יאָר אַ קליינעם לוין דערצו...

— די הויפּטזאַך, — האָט גע׳טענה׳ט ישראל דיק, — איז ביי מיר אַ בעל־הבית׳יש קינד, פֿון אַ פֿיינער אָנשטענדיגער פֿאַמי־ליע. ער וועט שוין ביי מיר ווערן אַ לייט, אויב ער וועט נאָר וועלן...

ביז מ׳האָט מיך ניט אָפּגעגעבן צום זייגערמאַכער אויף גאַנ־צע פֿינף יאָר, האָב איך נאָך ניט אַזוי שטאַרק געפֿילט דאָס פֿרעמד־קייט און אָבגעריסנקייט פֿון דער היים און דעם טאַטנ׳ס טיש, ווייל איך פֿלעג עסן ביים טאַטן און שלאָפֿן אין דער היים. אַ קנעכט בין איך נאָר געווען בייטאָג. דאָ, ביי ישראל דיק, איז שוין גע־ווען גאַנץ אַנדערש. איך האָב גלייך דערפֿילט אַז איך בין שוין ניט ביי זיך, אַז איך געהער צו יענעם. מ׳האָט מיך אָפּגעקויפֿט פֿאַר׳ן עסן.

צו יענער צייט בין איך נאָך געווען שטאַרק פֿרום. אַ קאַ־פּיטל תהלים פֿלעג איך אָפּזאָגן פֿאַר׳ן דאַווענען, תפֿילת הדרך האָב איך געזאָגט ביי יעדן גאַנג. יום כּפּור פֿלעג איך נעכטיקן אין קלויז און די גאַנצע נאַכט זאָגן תהלים. איך האָב זיך אָפֿט אַוועק־געשטעלט פֿאַר׳ן עמוד און געוואָרן פֿאַרזאָגער, און די עלטערע אידן פֿלעגן מיר נאָכזאָגן. דאָס איז ביי מיר געווען מיין גרעסטער

פארגעניגן און שטאָלץ: איך אַ פּאַרזאָגער ביים עמוד פאַר אַלטע און פרומע אידן...

אַ גרויסע פרייד האָט דער טאַטע געהאַט, ווען ער פלעגט קו־מען אין קלויז אָדער אין בית המדרש און מיך טרעפן זיצן מיט די עלטערע אידן אַרום אַ לאַנגן טיש מיט גרויסע אָפענע ספרים און לערנען!...

— איצע! דו האָסט אַ אינגל אַזוינס ווי אַזעלכעס! ס'נאַר אַ שאָד וואָס דו קאָנסט אים ניט האַלטן ביי אַ רעכטן מלמד. ער וואָלט אויסגעוואַקסן אַ לייט...

אין בית המדרש האָב איך מיך אָנגעהערט פילע באָבע מעשיות פון ניט־גוטע, פון שרעטלאַך, פון חורבות, פון חלומות, פון מתים וואָס באַזוכן די לעבעדיקע, און דאָס האָט שטאַרק גערייצט מיין פאַנטאַזיע.

איך האָב אָבער מיט דער צייט גענומען פרעגן קשיות, אויף וועלכע די עלטערע אידן האָבן מיר ניט געקענט ענטפערן. — איינ־מאָל, זיצנדיק אַ שבת נאָכ'ן עסן אין בית המדרש מיט די פרומע אַלטע אידן און בעת'ן לערנען „עין יעקב", שטעל איך מיך אָפּ און פרעג: „ווי קומט עס, ס'איז דאָך אַ בפירושער פסוק: אין מלאך אחד עושה שתי שליחות — ווי זשע קומט עס, אַז דער רבונו של עולם האָט געשיקט דעם מלאך גבריאל אַכטונג געבן אויף די תבואות און אין דערזעלבער צייט חרוב מאַכן די מחנה פון סנחריב. ס'האָט זיך דאַמאָלס אָנגעהויבן אַ וכוח און אַ שפּאַרעניש. יעדער האָט אַרויסגעצייגט חריפות און אַלעם האָט זיך געדרייט אַרום מיין שאלה. מער אָבער האָט מיך אינטערע־סירט די הויפּט־פראַגע: פאַרוואָס איז דעם צדיק שלעכט און דעם רשע אַזוי גוט? אָדער: וואָס וואָלט דען געאַרט דעם רבונו של עולם, אַז אדם זאָל געווען עסן פון עץ הדעת און ווערן קלוג, נישט זיין ווילד און ניט אַרומגיין נאַקעט — און אין דער זעלבער צייט, עסנדיק פונ'ם עץ הדעת, טאַקע לעבן אייביק? עס וואָלט אים דען געווען געקאָסט טייער אין געשעפט?...

די ענטפערס וואָס איך האָב באַקומען אויף אַזעלכע פראַגן האָבן מיך ניט געקענט צופרידן שטעלן.

דער איינציקער פאַר וועמען איך האָב זיך געקלאָגט איז געווען מיין טאַטע, און ער האָט דאָס זעלבע געטאָן פאַר מיר. איך האָב פאַר'ן טאַטן קיין שום סודות ניט געהאַט; איך האָב אים אַלעס אויסדערציילט, און ער האָט זיך דאַסגלייכן פאַרטרויט פאַר מיר

מיט אַלעמען. נאָך מער בין איך געוואָרן צוגעבונדן צום טאַטן און ער צו מיר — זייט איך בין אריבערגעגאַנגען אויף קעסט צום זייגערמאַכער, און איך האָב דעם טאַטן געזען בלויז משבת לשבת.

און האָבן מיר זיך נאָר געטראָפן שבת באַלד נאָכ'ן עסן, זיי־נען מיר ארויס שפּאַצירן — אָפטמאָל ארויס דער שטאָט — און זיך אויסגערעדט די הערצער איינס פאַר'ן אַנדערן, ביז ס'האָבן זיך געוויזן בלישטשענדע שטערנדלאַך אויפ'ן הימל...

די ערשטע צייט נאָך דער מאַמעס טויט פלעגט ער מיך נע־מען פאַר'ן האַנד, ארומפירן און וויזן אַלע ערטער און געגנטן וואו ער פלעגט שפּאַצירן מיט דער מאַמען, דערציילן אירע מעלות, איר ליבשאַפט צו די קינדער, איר איבערגעבענהייט און זאָרג וועגן פּרנסה און וואָס פאַר אַ געטרייער פריינט זי איז אים געווען.

— זעסט, מיין קינד, דאָ בין איך אַמאָל מיט דער מאַמען גע־גאַנגען שפּאַצירן אַ שבת נאָכ'ן עסן, פּונקט ווי היינט, און מיר האָבן זיך געזעצט אָפּרוהען אויפ'ן שטיין; רופט זיך די מאַמע אָן צו מיר: „זעסט, אַצינד רו איך זיך אָפּ אויפ'ן שטיין און שפּע־טער וועט דער שטיין ליגן און זיך אויסרועז אויף מיר... דאָס גראָז, וואָס איך טרעט אויף דעם, וועט נאָך דעם וואַקסן אויף מיין קבר”.... איך בין געוואָרן אויפגעציטערט און געזאָגט: „חיה! וואָס רעדסטו? ווי מעג מען גאָר אַזוי ריידן?! ווי טאָרן גאָר קומען אַזעלכע מחשבות אויפ'ן געדאַנק?”...

„איך ווייס וואָס איך רייד, איך בין ניט פון זינען!” — האָט זי געענטפערט, און טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן. זי האָט דאַן נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די טרערן האָבן איר גענומען שטיקן אין האַלז... אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איז זי געשטאָרבן. זי האָט געפילט, אַז דער טויט גייט איר נאָך, דיין אָרימע מאַמע... אוי, חיה! חיה! ווי לאַנג איז דען ווי מיר זיינען דאָ צוזאַמען שפּאַצירן געגאַנגען!...

ביי די ווערטער האָבן אים די טרערן גענומען שטיקן און מיר האָבן פאַרלאָזט דאָס אָרט.

אויף קיין פּלאַץ האָט דער טאַטע ניט אַזוי געעפנט זיין האַרץ, ווי אויפ'ן קבר פון דער מאַמען. אין חודש אלול איז דער קבר גע־ווען באַזוכט פון מיר מיט'ן טאַטן צוויי מאָל אַ וואָך — מאַנטיק און דאָנערשטיק. דער מאַן און דאָס קינד פלעגן זיך אַנידערזעצן

אויפ׳ן גראָז ביים קבר, זאָגן און זאָגן פון דעם מענה לשון ארויס און אין דער שטיל זיך גוט אויסוויינען...

נאָך דעם ווי דער טאַטע האָט גענומען דאָס צווייטע ווייב, און איך בין שוין געווען אין דער פרעמד, פלעגן מיר נאָך אַלץ ארומשפּאַצירן די שבתים נאָכ׳ן עסן. דער טאַטע האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט: „איך ווייס זייער גוט, מיין קינד, דעם טעם פון בלייבן יונג אַ יתום אָן אַ מאַמען, און נאָך מער ווייס איך דעם טעם פון אַ שטיף־מאַמע. איך האָב צו מיינע קינדער ניט געוואָלט נעמען קיין שטיף־מאַמע — גאָט ווייסט דעם אמת, — נאָר איך האָב געמוזט"....

אָפּטמאָל פלעגט ער מיט מיר גייענדיק זיך אויס׳טענה׳ן מיט׳ן רבונו של עולם, פאַר וואָס ער האָט ניט באַשאַפן די וועלט אַנדערש, ניט מיט אזוי פיל פעלערן און שלעכטקייט?... צו וואָס טויג אי אַ יצר טוב אי אַ יצר הרע?... אין דער צייט פון דעם לאָדעניש מיט דער ירושה, ווען די שטיף־באָבע האָט געמאכט פאַלשע וועקסלען אויפ׳ן זיידענס נאָמען און מ׳האָט דעם טאַטן ארויסגעוואָרפן פון זיין טאַטנ׳ס שטוב, איינמאָל, און אַ צווייטעס מאָל, קיין פרנסה איז ניט געווען, די צווייטע ווייב האָט גענומען שעלטן אים מיט די קינדער, — האָבן די שפּאַצירן נאָכ׳ן עסן זיך נאָך מער פאַרלייגנערט. ער פלעגט שאַרף ארויסטרעטן קעגן דעם רבונו של עולם און זאָגן: „אויב אויף דער וועלט גייט אָן נאָר שווינדל און באַטרוג און „כל דאלים גבר" — מעג מען האָבן גרויסע תרעומות אויף גאָט"... איך האָב פּראָטעסטירט קעגן דעם. אָבער שפּעטער, ווען איך בין געוואָרן אַ סאָציאַליסט און אַ „פרייַדיינקער", האָב איך אויך געהאַט טענות צום רבונו של עולם, און דער טאַטע האָט זיך פאַר אים אָנגענומען...

אזוי שפּאַצירנדיק אויסער דער שטאָט, פלעגן מיר קוקן מיט קנאה אויף די צעוואָרפענע פויערשע הייזלאַך מיט די גערטנער און פעלדער, מיט די בהמות וואָס פאַשן זיך ארום דער שטוב; דאָס רוהיגע זיכערע לעבן, אָן יאָגעניש. דער קאָפּ דאַרט ניט אויפ׳ן מאָרגענדיקן טאָג פאַר ברויט. ער האָט דאַן אויסגעשריגן מיט׳ן נביא ישעיה: הוי מגיעי בית בבית! שדה בשדה יקריבו עד אפס מקום... ער האָט פיינט געהאַט די שטעט מיט זייער הו־האַ לעבן.

— זעסט, מיין קינד, — פלעגט ער מיר אָנווייזן אויף די פויערישע גערטנער און פעלדער, — אָט דאָס איז גאָט׳ס ברכה! אָט אזוי האָבן אַמאָל אידן געלעבט אויף זייער ערד: איש תחת

גפנו ואיש תחת תאנתו! די שאָף און רינדער האָבן זיך געפּאַ־שעט אויף די בערג פון יהודה, „די ציהן זיינען געווען ווייס פון מילך און די אויגן רויט פון וויין".

ביי ישראל דיק דעם זייגערמאַכער האָב איך צוערשט געמוזט דורכמאַכן שבעה מדורי גהינום, ביז איך האָב געקענט האַלטן אַ שטיקל ווערק־צייג אין דער האַנד און צונעמען אַ וועקער אָדער אַ וואַנט־זייגער.

איך בין צו אים אַנגעקומען באַלד נאָך דער חתונה זיינער. מיין גליק איז געווען, וואָס דאָס יונגע פּאָר פאַלק האָט ניט גע־האַט קיין קינדער און דאָס האָט מיך באַפרייט פון אַ סך ארבעטן; וויגן און שפּילן זיך מיט דעם קינד פון דער בעל הבית'טע, וואַשן די ווינדעלאַך און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן, מיט וואָס אַ לערן־אינגל ווערט געפּרואווט בשעת דער לאַנגער לערע־צייט. איך בין געווען פון די וואָס ווען מען שיקט זיי עפּעס קויפן פרייען זיך די קרע־מער. און פון די לערן־אינגלאַך וואָס די בעלי בתים האַלטן פון זיי, פאַרטרויען אַלעס און שיקן ארום דעם גאַנצן לאַנגן טאָג; די בעלי־הבית'טעס האָבן זיי ליב, ווי אייגענע קינדער און שאַפן זיך מיט זיי ווי מיט אַ דיענסט. וואַשן די פּאָדלאָגעס, רייבן דעם סאַ־מאָוואַר מיט די לייכטער, וואַשן די פענסטער, גייען צום קצב נאָך פלייש, לויפן קוילען אַ הון צום שוחט, קויפן אין דער שפּייז־קראָם און אין דער צעלניק־קראָם וואָס די באַלעבאָסטע דאַרף, — מיט איין וואָרט, איך האָב געמוזט זיין אַ דיענסט אין שטוב, אַ משרת אין קליט און אַ לערן־אינגל ביים ווערקשטאָט. די באַלעבאָסטע איז פון מיר געווען צופרידן, ווייל איך פלעג איר טאָן אַלע ארבעטן אין שטוב, פאַרלויפן אַלע וועגן. דערפאַר איז אָבער דער בעל הבית ניט געווען צופרידן פון מיר. ערשטנס דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ מאַינאַק, ווי די מערסטע זייגער־מאַכערס. ער האָט פאַרמאָגט זיין אייגענס אַן אויגל וואָס האָט געקוקט, ווי דער בוציפאַל פון אַלעקסאַנדער מוקדון, און וואָס איך זאָל ניט געווען האָבן געטאָן, האָט דאָס אויגל אַלץ געקוקט קרום. ער האָט גע־וואָלט, ניט מער — ניט ווייניגער, נאָר אַז די פּלאַטינעס פון די וואַנט־זייגערס וואָס ער גיט מיר אויסצופּוצן זאָלן גלאַנצן ווי נייע, אַז די ציין פון די רעדעלאַך זאָלן בלישטשען ווי בריליאַנטן און די ארבעט זאָל דערצו אָפּגעטאָן ווערן אין איין שמע ישראל! ווייזן האָט ער ניט ליב געהאַט קיין סך און אים צופרידנשטעלן האָט מען געמוזט האָבן געדולד פון אַן אייזל.

ביי דער ענדע פון די דריי יאָר האָט ער זיך געכאַפּט, אַז איך קען נאָך גאָר ניט אַרבעטן, פון צונעמען אַ קליין זייגערל און אויספּוצן איז גאָר קיין רעדע ניט, אַפילו אַ גרויסן וואַנט־זייגער בין איך נאָך זייער ווייט געווען צו קאָנען צוזאַמענשטעלן, ווי ס׳געהער צו זיין, און דאַ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעריי צווישן דעם פּאָר פאָלק:

— פאַרוואָס ווייזטו אים ניט צו אַביסל, ישראל? ער איז שוין ביי אונז דריי יאָר און קען נאָך גאָר ניט אַרבעטן! ס׳איז דאָך אַ שאַנדע! ס׳איז אויך אַ רחמנות אויף דעם אינגל! — אַזוי פלעגט טענה׳ן די באַלעבאָסטע.

— און ווער איז שולדיג? ווען דו נעמסט אים ניט צו אויף גאַנצע טעג אין דער שטוב און אין דער קיך, וואָלט ער געווען מיט מיר און צוגעקוקט ווי איך אַרבעט! ווען ער וואָלט געוואָלט קענען, וואָלט ער שוין געקענט. ער האָט אין זינען אַנדערע זאַכן און די אַרבעט ליגט אים ניט אין קאָפּ. — אַזוי פלעגט טענה׳ן דער בעל הבית.

נאָר דער אמת איז געווען, אַז אַ חוץ דעם וואָס די בעל־הבית׳טע האָט מיך מאָנאָפּאָליזירט אויף דער גרעסטער העלפט פון טאָג, האָט דער מייסטער מיך ניט צוגעלאָזט, אין דער פרייער צייט וואָס איך האָב מיך געפונען אין קלייט, אַ שטיק צייט צום וואַרשטאַט, כדי איך זאָל חלילה ניט כאַפּן די תורה מיט אַמאָל און אים אָוועקוואַרפן. די לעצטע פיר חדשים פון מיין לערן־צייט האָט ער מיך שוין אַליין צוגערופן און געזאָגט מוסר, אַז האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן צו לערנען אַליין פון לעבן און פון זיך ניט גוט צוקוקן, ווי ער אַרבעט...

אין דער צייט וואָס מען האָט מיך אָפּגעגעבן אין דער פרעמד, פריער נאָך אַלץ פּריקאַזשטשיק, און שפּעטער אַלס זייגער־מאַכער, האָב איך זיך שוין אָנגעהויבן צו לערנען אַליין פון לעבן און פון די אַרומיגע מענטשן, ווי אַזוי זיך אויפצופירן, ווי אַזוי זיך באַגיין מיט מענטשן... דער חדר האָט מיר ניט פיל געגעבן און ס׳איז אויך קיין צייט ניט געווען עפּעס צו לערנען. חברים האָב איך ניט געהאַט אַזעלכע פון וועמען זיך אָפּצולערנען. די חדר־אינגלאך, מיט וועמען איך האָב זיך גע׳חבר׳ט קליינערהייד, זיינען שוין ניט געווען אין שטאָט; אַנדערע, טאַטענס קינדער, האָבן פאַררייסן די קעפּ און זיך מער ניט געוואָלט חבר׳ן מיט מיר, אַ לערן־אינגל.

נאָר עפּעס האָט זיך געטראָפן, וואָס האָט מיט אַמאָל מיך גע־געבן אַ שטויס און געענדערט דעם גאַנצן שטייגער פון מיין לעבנס־גאַנג...

דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ שבת, ווען איך האָב זיך גע־לאָזט גיין אין בית המדרש, ווי שטענדיק נאָכ׳ן עסן, זיך צו טרעפן ביי אַ לאַנגן טיש מיט עלטערע און אינגערע אידן און איבערקייען שוין צום וויפילטן מאָל אַ פּרק משניות, אַ שטיקל עין יעקב, אַ מדרש רבה. קומט צו מיר צו מיינער אַ קאָלעגע, מיט וועמען איך בין געווען אָנגעשטעלט ביי ר׳ מאיר ווארשאווסקי, און רופט מיך מיט. אָפּגייענדיק מיט אים אַ שטיקל וועג, שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט זיך אום און זאָגט:

— אַ צינד וועסטו מיר נאָכגיין, נאָר פון דערווייטנס, אַז מ׳זאָל אונז ניט באַמערקן!...

אזוי פּאַוואָלינקע זיינען מיר ארויס פון דער שטאָט הינטער׳ן גרינעם בארג. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ גוטן תחום שבת, און אין אַ טאָל, צווישן צוויי בערג, האָבן מיר געטראָפן אַ גאַנצע קאָמ־פּאַניע אינגלאַך מיט מיידלאַך; פּריקאַזטשיקעס, בעלי מלאכות, טאָטענס קינדער, גימנאַזיסטן און קורסיסטקעס. די ערשטע רעדע וואָס איך האָב געהערט איז געווען וועגן „אַלגעמיינע, געהיימע, דירעקטע וואַל־רעכט", מ׳זאָל צאָלן די פאָלקס־פאָרשטייער, כדי זיי זאָלן צייט האָבן ארומצופאָרן איבער די שטעט און שטעטלאַך און אַגיטירן דעם עולם. איך האָב געהערט דערציילן, אַז די בעלי הבתים נוצן אוים די ארבעטער, די רעגירונג מיט די קאַפּיטאַליסטן זיינען איינס, און דער קבצן איז אויף גרויסע צרות... אזוי ווי איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט אַזעלכע רייד, בין איך גע־וואָרן באַגייסטערט און האָב גענומען דאָס וואָרט און דערציילט וואָס כ׳האָב געוואוסט פון די נביאים, וועלכע שטראָפן די רייכע, די וואָס באַשווינדלען און באַרויבן די אָרימע לייט, די אלמנות און יתומים. איך האָב אויסדערציילט מיינע חלומות וועגן משיח׳ס צייטן, מיינע געפילן וואָס זיינען ביז דעם מאָמענט געווען פאַר־שלאָסן אין מיר, די אַלע אומגערעכטיקייטן וואָס קאָכן אויף מיין בלוט...

נאָך דער פאַרזאַמלונג בין איך באַלד אריין אין דער חברה „איסקרא" (פונק) און געוואָרן מיט אַמאָל דערהויבן צו אַן אַגי־טאַטאָר. מען האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט מיט אַלע קאָנספּירא־ציעס און מען האָט מיך אריינגעצויגן אין די באַזונדערע „קרו־

זשאַקעס" (פּאַראיינען), וואו געציילטע פּלעגן זיך טרעפן — אַ פּאָר סטודענטן און קורסיסטקעס וואָס פּלעגן אונז ערציהען און לערנען מיט אונז די עקאָנאָמישע לערע פון קאַרל מאַרקס, די פּראָגראַמע מינימום־מאַקסימום, דיסקוטירן איבער די בראָשורן פון פּלעכאַנאָוו, ענגעלס, לאַסאַל, ליבקנעכט, נעמען וואָס זיינען מיר געווען שווער איינצו׳חזר׳ן, ווי אויך פרעמד־ווערטער, ווי למשל: פּראָלעטאַריאַט, בורזשואַזיע, רעספּובליקאַ, קאָנסטיטוציאַ און טויזנט אַנדערע ווערטער וואָס די ציין זיינען פון זיי אייליק געוואָרן — דאָס אַלעס האָט איינגאַנצן אָנגעפילט מיין מח.

פונדעסטוועגן בין איך נאָך ווייטער אָנגעגאַנגען מיט מיין פרומקייט: איינס מיט׳ן אַנדערן געהער זיך ניט אַן, — וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט. טרעפט זיך מיר אַמאָל, איך קום זיך צונויף אין אַ פאַראיין פון אַגיטאַטאָרן און מען דיסקוטירט, צי ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט צי ניט. נעם איך מיך אונטער צו באַווייזן, אַז סאָציאַליזם געהער זיך ניט אָן מיט רעליגיע. גיט זיך אַ שטעל אויף אַ גראָבער בחור, אידעל דער סטאָליאַר, און גיט מיך אַ פרעג:

— וואָס, דו גלויבסט אין גאָט?

— יאָ, איך גלויב!

— טפו זאָלסטו ווערן, — גיט ער מיר אַ שפּיי גלייך אין פּנים אריין: אַ סאָציאַליסט וואָס גלויבט אין גאָט?! איך וויל מיט דיר מער ניט שוין ריידן...

איך האָב זיך געפונען אַביסל געפאַלן פון דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישטאָ קיין גאָט, וואָס דער גראָבער בחור, דער סטאָליאַר האָט אויסגעדריקט מיט׳ן שפּיי אין פּנים אריין; נאָר ביי זיך בין איך געווען פעסט, אַז פאַרקערט: „גאָט איז מיט אונז סאָציאַליסטן", אַז די „נביאים זיינען געווען סאָציאַליסטן פאַר קאַרל מאַרקס און פערדינאַנד לאַסאַל און האָבן גערעט מיט גאָט".

מיט דעם טאַטן האָב איך זיך נאָך ווייטער געטראָפן און אים פאַרטרויט וועגן מיינע חלומות. איך האָב אים דערציילט, אַז די סאָציאַליסטן ווילן דאָס זעלבע וואָס די נביאים האָבן פאָראויסגעזאָגט און אַז מיר לעבן אין משיח׳ס צייטן...

דער טאַטע האָט מיך די ערשטע צייט אָפּגערעט, און ווען ער האָט געזען, אַז איך בין שוין אריין מיטביידע פיס צווישן דער חברה סאָציאַליסטן, האָט ער שוין געשוויגן און מיך געבעטן, אַז איך זאָל זיך היטן מ׳זאָל מיך חלילה ניט פאַקן...

א היים פלעג איך קומען זעלטן, איבערהויפּט זייט ווען מ'האָט דעם טאַטן צום לעצטן מאָל ארויסגעוואָרפן פון דעם זיידענס דירה און ער האָט זיך אריינגעצויגן אין א נידריג שטיבל, וואו ס'איז צוגעקומען, אויסער אונז דריי קינדער פון ערשטן ווייב, נאָך פיר קינדערלאך פון דער שטיף־מאַמע. פון פּרנסה האָט גאָט אויס־געהיט, דערפאַר האָבן זיך קללות געשאָטן ווי פון א זאַק ארויס, אזוי ווי מ'האָט נאָר באַטרעטן די שוועל. האָב איך אויסגעמיטן ווי ווייט מעגלאך ניט צו זיין אין דער היים. מיט'ן טאַטן פלעג איך מיך טרעפן ערגעץ־אַנדערש — און גענוג...

איך האָב געענדיקט די לערע ביים זייגער־מאַכער, און ווען ער האָט שוין געדאַרפט מיר צאָלן לויט דעם וואָס ער האָט זיך מתחייב געווען, האָט ער געקראָגן חרטה: ערשטנס, האָט ער גע־טענה'ט, וואָס דאַרף ער צאָלן געלד אז ער קען קריגן ווידער א אינגל אויף דריי יאָר אָן געלד; און צווייטנס — בין איך שוין אונטערגעוואַקסן און מ'קען זיך מיט מיר ניט אזוי פיל שאַפן ווי פריער, און דערפאַר לוינט זיך ניט...

דערווייל מאַכט זיך מיר א פּלאַץ אין שטעטל קרוטי, דרייסיק וויאָרסט פון באַלטע; דאָרטן עפענט זיך פאַר מיר א נייע וועלט. אין באַלטע זיינען געווען גרעסערע קנאַקערס פון מיר און איך האָב זיך גאָרניט אָנגעזען. אז ס'איז אָראָפּגעקומען דער „טאָוואַ־רישטש גרישאַ" פון אָדעס, וואָס פלעגט אויפפלאַקערן די פאַרזאַמ־לונגען, בין איך גאָר ביי זיך אַראָפּגעפאַלן. אָבער אין קרוטי בין איך שוין געווען דער ראש לשועלים. איך האָב יעדן שבת גע־מאַכט פאַרזאַמלונגען און גערעט און גערעט...

מיט דער צייט בין איך פון דאָרטן געפאָרן קיין אָדעס, באַלד נאָך דער מעשה גאַפּאָן. און פון דאָרט געבראַכט א פּאַק ליטעראַ־טור און פּראָקלאַמאַציעס צו די פּויערים. איך מיט נאָך א חבר, יאָסעל דער רויטער, זיינען מיר אין א שיינעם פאַרנאַכט ארויס־געגאַנגען מיט'ן פּאַק פּראָקלאַמאַציעס און זיי פאַרשפּרייט אין די דערפער, אויף די וועגן און אין די הייזער. מער ווי ערגעץ־אַנ־דערש האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אין דעם דאָרף פון דעם פירסט טרובעצקאָי, און ניט נאָר האָבן מיר די פּראָקלאַמאַציעס פאַר־שפּרייט אין אַלע פּויערשע הייזער, נאָר איינמאָל אין אַ אָוונט בין איך אריבער דעם פּלויט פון דעם פירסט און זיי אויפגעקלעפּט אויף אַלע טירן, פון די שטאַלן ביז די וואוינונגען פונ'ם פריץ גופא...

צו מאָרגן האָט דער קניאַז (פירסט) ארויסגערופן קאָזאַקן און האָט באַפוילן אַז מ'זאָל אים ברייננגען אַלע פּראָקלאַמאַציעס. פאַר יעדע פּראָקלאַמאַציע וואָס מ'וועט אים ברייננגען וועט ער געבן צו צוואַנציק קאָפּיקעס. און די פּויערים האָבן זיך געלאָזט אויף די וועגן און געטראָגן דעם פּריץ די פּראָקלאַמאַציעס, כדי צו באַקו־מען דעם פּערציגער (40 גראָשן)...

דערוויייל האָט מען שטאַרק גענומען זוכן. אַ פּאָר סטודענטן וואָס זיינען צופעליג פאַרבייגעפאָרן די קיעווער אייזנבאַן־ליניע, זיינען געווען די ערשטע קרבנות פון דער מיספאַרשטענדנים. אַ פּאָר פאַרדעכטיקטע פּויערים וואָס זיינען געזעסן פאַרן ערשטן אויפ־שטאַנד אין קרוטי און אומגעגנט מיט אַ יאָר צוריק, זיינען ווידער פאַרפאָלגט געוואָרן. דער חבר יאָסל דער רויטער איז באַלד אָפּ־געפאָרן קיין אַמעריקע, און איך האָב ווייטער געאַרבעט אויף מיין פּלאַץ, פאַרריכט די קאָזאַקן זייערע זייגערלאַך און פאַר זיי אַגי־טירט ניט צו הערן די „נאַטשאַלסטוואָ" און זיך בעסער חבר'ן מיט זייערע ברידער די פּויערים.

אין אַ קורצער צייט נאָך דער געשיכטע האָבן זיך אומגעקערט עטלאַכע רעזערוויסטן פון יאַפּאַנער מלחמה צו זיך אהיים קיין קרוטי, זיך אָנגעשכור'ט און זיך צולאָזט איבער'ן מאַרק פון אי־דישע הייזער און קליטלאַך — שלאָגן, ברעכן די פענסטער און ראַבירן. און, ווי דער שטייגער איז, זיינען זיך די אידן צולאָפן, באַהאַלטן אין די קעלערס, אויף די בוידימער, וואו נאָר ווער עס האָט געפונען אַ באַהעלטעניש. אַזוי ווי איך האָב געהערט אַ געשריי — פון איין זייט: „בעי זשידאָוו" (שלאָג די זשידעס), און פון דער צווייטער — אַ קוויטשען און אַ געוואַלדעווען, בין איך גלייך געווען מיט מיין סאָציאַליסטישן שטעקן אין דרויסן און צוגעלאָפן צו דער גרופּע פון די פּאָר שכורים. אָנגענומען דעם שטעקן ביי דער דינער זייט און מיט דער גראָבער זיך פאַרמאָסטן אויף די פּלייצעס און קעפּ פון די כאַמולעס. אַ פּאָר האָב איך אַראָפּגעשלעפּט פון גאַניק, וואו זיי האָבן געהאַקט די שויבן און זיי אויסגעצויגן אויף דער ערד. נאָר אַזוי ווי איך בין געווען איי־נער אַליין, איז פון הינטער מיר אונטערגעקומען אַ שכור מיט אַ דובינע און דערלאַנגט איבער'ן רוקן. בין איך אומגעפאַלן. האָט ער זיך פאַרמאָסטן נאָך אַמאָל, האָב איך זיך אַ דריי געטאָן, אים איבערגעקערט ביי אַ פוס און געמאַכט פּליטה...

מיט דעם אינצידענט האָט זיך דער פּאָגראָם פאַרענדיגט.

— ווי שטעלט זיך אַ איך איינער אַליין געגן אַזוי פיל גוים ?
נאָך אַביסל וואָלטן זיי דאָך אייך דער׳הרג׳עט חס ושלום !

די פראַגע האָבן מיר געשטעלט אַ גרופּע אידן וואָס האָבן פון וויטנס געזען, ווי די גוים שלאָגן אויס די פענסטער פון אידישע הייזער און ווי כ׳האָב זיך אַריינגעמישט.

— און ווי האָט איר געקענט צוזען אַזאַ חילול השם און שווייגן ?

— וואָס רעדט איר ? צווישן אַזוי פיל גוים ? ווי קענען מיר זיך שטעלן געגן ?

— אַזוי פיל גוים ? ! אפשר צען גוים, און אַ שטעטל פון הונדערטער אידן — אַזוי פיל גוים ! און איך בין אַוועק פון זיי מיט אַ געשוואָלענע פּלייצע און אַ צובראָכן האַרץ . . .

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך אַ שבת אַריין אין שוהל און גענומען פּריידיקן דעם סאָציאַליזם, פאַרטייטשן אַ פּאָר פּסוקים פון ישעיה און עמוס. זיינען אַרויס אַ פּאָר אידן און געלאָפן מיך מסר׳ן. האָב איך געזאָגט : „אכן, נודע הדבר !” און גענומען די פיס אויף די פּלייצעס . . .

געקומען בין איך פון קרוטי צוריק קיין באַלטע, ערב דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. וואָס איך האָב אָפּגעשפּאַרט פון קרוטי, איז געווען אַ רעוואָלווער וואָס כ׳האָב אָפּגעקויפט ביי איינעם פון די קאַזאַקן וואָס מ׳האָט געבראַכט קיין קרוטי איינצושטילן די פּויערים נאָך דער געשיכטע מיט די פּראָקלאַמאַציעס . . .

אין באַלטע איז שוין די לאַגע געווען אַנדערש, ווי ביי מיין אָבפאָרן. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט געהאַלטן ווי פאַר אַ שטורעם־אויסברוך ; עס איז אַביסל שטיל געבליבן, כדי מיט אַמאָל צוריק אויפצופלאַקערן . . . די אַלטע חברים מיינע זיינען שוין דאָרטן מער ניט געווען : אַ טייל זיינען געזעסן אין די תפיסות, אַ טייל — פאַרשיקט און אַ טייל — זיינען זיך צופאָרן. ביי די יונגע, ווידער, האָט מען שוין ניט געטראָפן דיזעלבע איי־בערגעבנהייט . . . מיין גאַנצער שטרעבן איז געווען זיך אײנגאַנצן אָפּפערן פאַר דער זאַך. איך פלעג שטאַרק מקנא זיין די חברים וואָס זיצן אין די טורמעס און וואָס זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע קיין סיביר : „אָט די זיינען ריכטיקע אידעאַליסטן, קענ־טיק”, פלעג איך טראַכטן.

איך דאַרף מודה זיין, אַז מיין גאַנצע זאָרג איז געווען : פאַר־וואָס מען פאַקט מיך ניט. איך האָב געוואונטשן פון גאַנצן האַרצן

צו ווערן אַ מאַרטירער. איך וואָלט אויך געגאַנגען צום עשאַפאָט מיט אַ טאַנץ און וואָלט דערביי געהאַלטן אַ פּייערדיקע רעדע...

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען מיט דער צייט געוואָרן ביי מיר אַ אידייע־פיקס. וואו ס'האָט זיך געמאַכט אַ געפערלאַכע קאָנס־פּיראַציע אויסצופירן, בין איך געווען דער ערשטער, איבעראַל האָב איך זיך געמאָלדן און געשטופּט פאָראויס...

ארבעטן האָט מען אויך געדאַרפט — האָב איך זיך געזעצט דערווייל ארבעטן ביי שבע דער זייגער־מאַכעריןן. די אָקטאָבער רע־וואָלוציע ברעכט אויס מיט אַמאָל אין פּעטערבורג, מאָסקווא, כאַר־קאָוו, אָדעס; אויך אין באַלטע קלינגט אָפּ איר ווידערקול... באַלד ווי ס'איז אָנגעקומען די טעלעגראַפישע נייעס וועגן דער געגעבע־נער קאָנסטיטוציע דעם 17טן אָקטאָבער 1905, האָבן זיך צולאָזט איבער דער לאַנגער גאַס געשרייען און רעוואָלוציאָנערע לידער. דער אַדוואָקאַט פונק האָט זיך ארומגעכאַפּט קושן אין מיטן מאַרק מיט'ן פּראָקוראָר. באַלד זיינען אין מיטן מאַרק געשאַפן געוואָרן טריבונעס און רעדנער, איינער נאָכ'ן צווייטן, האָבן געדונערט און געפּאָדערט וואָס מער. דער האָט פאַרלאַנגט אַ רעפּובליקע. דער אַנדערער — אַ סאָוועט פון ארבעטער, דער דריטער — די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע, און ניט אַנדערש נאָר באַלד טאַקע זאָל מען דעם סאָציאַליזם איינפירן ווי ער שטייט און גייט... די טורמעס האָבן זיך גלייך געעפנט און מ'האָט באַגעגנט די אַלטע חברים. ס'איז געווען אַ לעבן. איך האָב דאַן געלעבט אַ פּאָר טעג, ווי אין אַ שיינעם חלום. נאָר פּלוצלינג איז פון יום טוב וואָד געוואָרן. ס'זיינען געקומען איין נייעס ערגער פון דער צווייטער. אין פּע־טערבורג און אין מאָסקווא ווערן געמאַכט באַריקאַדן אין די גאַסן. מ'שיסט אויף די ארבעטער און סטודענטן מיט האַרמאַטן. אין אָדעס איז שוין דער צווייטער טאָג אַ פּאָגראָם. מ'קוילעט אידן. ס'איז אַ שרעק. דער צאַר האָט פאַרראַטן. ער וויל דערטרינקען די געגעבענע פרייהייט אין טייכן אידיש בלוט... מיר אין באַלטע הויבן אָן צו פילן די פּאָגראָם־שטימונג אין דער לופט...

ב

דער פּאָגראָם אין 1905

מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ גרופּע פון 30—40 יונגע ענטוזיאַסטן. די שיינע פראַזן פון די שטאַרקע רעדעס, וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן מיט אַ טאָג־צוויי פריער, דעם 17טן אָק־טאָבער, אין די גאַסן, האָבן נאָך געקלונגען אין די אויערן. דער גלויבן און די האָפנונג אויף אַ בעסערע פרייע צוקונפט האָט באַ־לויכטן די מוחות. די יונגע הערצער וואָס האָבן געשלאָגן און גע־לעכצט נאָך ליבע און ברידערלאַכקייט, זיינען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין אויפ׳ן מזבח פון אידעאַל. דאָס זיינען געווען אונ־זערע וואָפן, אונזער פּאַנצער און שילד, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט געגן אַ וועלט מיט רויבער, פינסטערע ברואים און בלוט־דורשטיגע חיות.

ס׳איז געווען אַ דאָנערשטיק ביינאַכט, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט פון דעם שרעקלאַכן פּאָגראָם וואָס גייט אָן אין אדעס זייט דעם טאָג פון דער „געגעבענער פרייהייט", וואו מאַסן הרוגים וואַלגערן זיך אויף די גאַסן; די פינסטערע כחות האָבן זיך ווי פון די קייטן אָפּגעריסן, מיט אַ בייזער ווילדקייט זיך צולאָזט איי־בער גאַנץ רוסלאַנד און מאַכן אָן חורבנות איבעראַל.

אָט די בשורות האָבן דערגרייכט ביז באַלטע. זיינען מיר זיך אין דער שטיל צוזאַמענגעקומען ביי איינעם פון די חברים אין אַ פּריוואַט שטוב, זיך צו באַראַטן, ווי אזוי צו האַנדלען אין פאַל, ווען אין באַלטע וועט קומען צו אַ פּאָגראָם, וואָס איז גאָר ניט אויסגעשלאָסן. אונזער צוזאַמענקונפט איז גיכער געווען ענ־לאַך צו אַ גרופּע פּאַראָרטיילטע אָדער פרייוויליקע מאַרטירער פון די קאַטאַקאָמבן וועלכע דאַרפן באַלד זיך וואַרפן אין די אַרענעס, וואו ס׳וואַרטן שוין אויף זיי די שרעקלאַכע מיילער פון די ווילדע חיות. אין דער שטיל, מיט לייכטע טריט, איז מען זיך צוזאַמענ־געקומען און מיט נאָך שטילערע טריט איז מען זיך צוגאַנגען. פיל צו דיסקוטירן און זיך באַראַטן איז ניט געווען: ס׳איז באַ־

שלאָסן געוואָרן צווישן זיך, אַז צופֿרעשט וועלן די הוליגאַנעס מוזן גיין איבער אונזערע טויטע קערפּערס ביז זיי וועלן קענען מאַכן א פּאָגראָם. מען האָט אויסגעפּרעגט ווער עס האָט רעוואָלווערן און ווער ניט. די וואָס האָבן געהאַט רעוואָלווערן האָט מען איינגע־טיילט אין קליינע גרופּן, אָדער סעקציעס, אַנגעצייכנט די ערטער וואו יעדע גרופּע האָט זיך געדאַרפט געפינען.

דעם קומענדיקן פרימאָרגן, פרייטיק, זיינען שוין אַלע געווען אויף די פּאַראַוס באַשטימטע פּלעצער און ווי די ריכטיקע פּאַט־רולן אַרומגעגאַנגען און געוואַרט אויף דאָס אומפאַרמיידלאַכע.

די שוואַרצע באַנדעס האָבן אויך ניט געשוויגן. זיי האָבן דעם פּאָגראָם אָרגאַניזירט פון פריהער; די רעגירונג האָט געגעבן א באַפעל, די לאָקאַלע מאַכט — די פּאָליציי און טשינאָווניקעס — האָבן אונטערגעהעצט די אַלע פאַרברעכערישע עלעמענטן, זיי צו־זאַמענגענומען און געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי אָנצוהויבן דעם פּאָגראָם.

אַרום מיטאָג־שטונדע האָט זיך א לאָז געטאָן איבער דער שטאָט א פּראָצעסיע פון די פינסטערע כחות; פּאַראַויס זיינען געגאַנגען הויכע טשינאָווניקעס, פּאָליציי אין ציווילע קליידער און געטראָגן פּאָרטרעטן פון צאַר און זיין פאַמיליע, צלמים, פאַנען פון פאַרשיידענע קאָלירן. אין צענטער שטאָט איז זיי אַנטקעגנגע־געקומען א דעלעגאַציע פון בעל־הבית'ישע אידן מיט א פּאָר אָד־וואָקאַטלאָך בראש, וועלכע האָבן געטאַנצט אויף ביידע חתונות, געטראָגן א ספר תורה און באַגריסט די פּראָצעסיע. יענע זיינען אויך ניט שולדיג געבליבן פאַר'ן קאָמפּלימענט און האָבן תיכף אָבגעענטפערט: צוריסן די ספר תורה, צושפּאָלטן די קעפּ פון דער דעלעגאַציע און זיך געגאַנגען ווייטער זייער וועג, איבער דער טערקישער זייט, צום גרויסן קלויסטער, וואו די באַנדעס פון זייער זייט האָבן זיי אָפּגעוואַרט. איבער'ן וועג האָבן זיי דערווייל צוויי אידן דער'הרג'עט.

דאָרטן, פון יענער זייט שטאָט, האָט מען זיך גענומען פּראַ־ווען א „פּאַניכידע". די גלחים האָבן געסוויענטשעט, געגעבן זיי־ער ברכה, און דער סיגנאַל פון פּאָגראָם איז געגעבן געוואָרן. אַרום 5 א זייגער נאָכמיטאָג האָבן זיך א לאָז געטאָן די באַנדעס ווי שוואַרצע קראָהען פון אַלע זייטן שטאָט, און געוואָלט זיך צופירן די הענד. צום גליק, זיינען מיר שוין געווען צוגעגרייט צו דעם איבערפאַל. אַ גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר צוטריבן די הו־

ליגאַנעס, זיי צושיידט אויף אַלע זייטן, און באַלד — ווי ס'איז שוין געווען פון נעכטן אָפּגערעדט, — פאַרנומען די פיר הויפּט־גאַסן פון צענטער שטאָט, זיך פאַרבאַראַקאַדירט און געוואַרט.

אונזער פּלאַן איז אויסגעפירט געוואָרן פּינקטלאַך. די פּאָזי־ציעס האָבן אונז געגעבן די מעגלאַכקייט צו קאָמוניקירן פון איין גרופּע און באַריקאַדע צו דער אַנדערער. אַזוי ווי מיר זיינען גע־ווען אַ זייער קליינע צאָל פּאַרטייזאַנער, האָבן מיר געמוזט צוטיילן אונזערע קרעפטן גלייך. און אויב מיר האָבן געפּילט אַ שטאַרקן דראַנג פון די באַנדעס אויף איין זייט שטאָט, זיינען באַלד אַ טייל פון די אַנדערע פּאָסטנס געקומען צו הילף און אָפּגעשטויסן די הוליגאַנעס, וועלכע האָבן ניט געקענט וויסן אויף ריכטיק די גרויס פון אונזערע קרעפטן. און מערקווירדיק: מיר, אַ קליין נישטיק הייפעלע פון אידעאַליסטן־ענטוזיאַסטן, האָבן געהאַלטן אין צוים די ווילדע מאַסן פון הונדערטער הוליגאַנעס, וועלכע האָבן גע־שאַרפט די ציינער און זיך געריסן פון אַלע זייטן אין שטאָט אַריין.

די אידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט זיך, ווי גע־ווינלאַך, גענומען מקבל שבת זיין, גלייך ווי גאַרניט וואָלט געשען אַרום זיי.

מ'מוז מודה זיין, אַז דער שטאַרקער אידישער בטחון און גלויבן, וועלכער האָט זיי ניט איינמאָל אַרויסגעהאָלפן פון זייער פאַרצווייפלטער שרעקלאַכער לאַגע און געראַטעוועט פון אונ־טערגאַנג, האָט זיך אויך דאָ פּראַכטפאָל אַרויסגעוויזן. מיר, יונג־וואַרג, וועמען דער גלויבן און בטחון פון אונזערע עלטערן האָט שוין ניט געוואַרעמט, זיינען געשטאַנען און צוגעקוקט מיט פאַר־וואונדערטע בליקן ווי די שוהלן זיינען געפּאַקט מיט אידן, ווי אין די הייזער זיינען די טישן פאַרשפּרייט שבת'דיק, די ליכט און די ענג־לייכטער וואַרפן אַ מילדן שיין אויף די געזיכטער. אַרום די טישן זיצן די פאַמיליעס און מען זינגט זמירות, — „גאָט וועט העלפן! דער וואָס אין הימל וועט ניט פאַרלאָזן זיין פאָלק ישראל".

און מיט דעם בטחון אין גאָט און זיכערקייט האָבן זיי זיך באַרוהיגט, בעת מיר זיינען געשטאַנען אויף די באַריקאַדן און גע־ציטערט, זיך געשראָקן יעדן מאָמענט פאַר אַ פּלוצלונגען איבערפאַל וואָס וועט אַן ענדע מאַכן פון אונז. די נאַכט איז צוגעפאַלן און מיט איר האָט זיך פאַרגרעסערט די שרעק. די פינסטערע כחות האָבן געפונען אין דער נאַכט זייער שוץ; מיט מער חוצפה און פרעכקייט האָבן זיי זיך געלאָזט אויף אונזערע באַריקאַדן זיי צו

שטורמען. אונזערע קוילן פון די רעוואָלווערן האָבן זיך אויסגע־שעפּט. דאַן זיינען מיר געפאַלן אויף אַ שכל און נאָכגעטאָן גרעון׳ס ביישפּיל: מיר האָבן אָנגעצונדן סטורקאַטשן, גענומען ליידיקע פעסער און זיי געלאָזט קייקלען זיך איבער די בראָקירטע שטיינער־נע גאַסן מיט געשרייען אין רוסיש ביז הייזעריג צו ווערן: „באָמ־בעס, גיט זיי אהער, אהער די באָמבעס!״ די ליידיקע פעסער האָבן געמאַכט שרעקלאַכע ליאַרעמס אין דער נאַכט, און די באַנדעס, וועלכע האָבן געדיינקט, אַז דאָס רייסן זיך אויף באָמבעס, האָבן זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט און ניט געוואָגט צו ריזיקירן.

אָט אזוי, פאַרמאַטערטע, אויסגעשעפּטע זיינען מיר געשטאַנען און זיך פאַרטיידיקט מיט׳ן שם המפורש... אייניקע פון אונז זיינען געפאַלען טויט, אַנדערע — פאַרוואונדעט. ביי אַזאַ מאָ־מענט איז צו אונז צוגעקומען מיין פאָטער, באַרירט מיין אַקסל, און אין דער פינסטערניש האָב איך אים דערקענט. ער איז אויך געקומען שטאַרבן ווי אַ העלד אויף די באַריקאַדן און ניט אויפ׳ן בוידעם ווי אַ פייגלינג. דער איינציקער איד מיט אַ באָרד צווישן אונז שנעקעס, וועלכער האָט נאָכגעטאָן דעם אַלטן מתתיהו און אויך ווי יענער אום שבת זיך פאַרטיידיקט געגן די שונאים.

אונזער עקשנות האָט אָנגעהאַלטן ביז נאָך האַלבער נאַכט, ווען פון באַלטער סטאַנציע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ סאָטניע קאָ־זאַקן אויף די פערד, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן אויך ניט געטרויט זיך אַריינרייסן אין שטאָט איבער אונזערע באַ־ריקאַדן, און די מורא פאַר באָמבעס האָט זיי געהאַלטן אין רעס־פּעקט אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון אונזערע באַריקאַדן. זיי האָבן צוגעשיקט צוערשט אַ פּאָר פּאַרלאַמענטערן און געפאָדערט, מען זאָל זיי עפענען אַ וועג און אַריינלאָזן אין שטאָט. מיר האָבן פון זיי געפאָדערט, די אָרדנונג פון שטאָט זאָל ניט געשטערט ווערן. אויף וואָס זיי האָבן געענטפערט, אַז זיי זיינען טאַקע געשיקט געוואָרן צו האַלטן די רו און אָרדנונג פון שטאָט. און זיי האָבן זייער וואָרט געהאַלטן — אזוי ווי זיי זיינען נאָר אריין אין שטאָט, האָט זיך דער פּאָגראָם אָנגעהויבן מיט אַ שרעקלאַכער, ווילדער אכזריות.

די מורא פאַר באָמבעס און רעוואָלווערן האָט אזוי געשראָקן די הוליגאַנעס אַז איידער זיי האָבן זיך גענומען ראַבעווען אַ הויז אָדער אַ קראָם, פלעגן די קאָזאַקן מיט די „קאַראַבינקעס״ זייערע גיין פאָראויס, אויסשיסן עטלאַכע מאָל און ווען זיי האָבן זיך אַי־

בערצייגט, אז מ׳ענטפערט ניט צוריק, האָבן זיי זיך ערשט גענו־מען צו זייער ארבעט. צום גרויסן גליק, איז דער פּאָגראָם אין באַלטע אָפּגעגאנגען מיט אַ זייער קליינער צאָל קרבנות: די צוויי אידן וואָס מען האָט בייטאָג גע׳הרג׳עט בשעת דער פּראָצעסיע און עטלאכע חברים פון אונזער זעלבסט־שוץ. זייערע קרבנות זיינען געווען מער. אין פארגלייך מיט אדעס און אַנדערע ערטער זיינען מיר, באַלטער, ארוים ווי קיסרים... ניט די הוליגאנעס און אפילו ניט די קאָזאקן האָבן געוואגט צו נעמען זוכן די אידן אין די קעלערס, אויף די בוידעמער, א. ד. גל., וואו זיי זיינען געווען באהאַלטן און האָבן זיך נאָר באַנוגנט מיט דער מעגלאַכקייט צו רויבן און פּלינדערן. און אַז זיי האָבן ניט געהאַט אויף וואָס אויס־צולאָזן זייער צאָרן און ווילדן כעס, האָבן זיי באַגאָסן מיט פּעט־ראָל די אידישע געשעפטן און הילצערנע שטעלעכלאַך און זיי אונטערגעצונדן, אזוי אז ביז׳ן טאָג זיינען געבליבן פון אַ גרויסער טייל שטאָט — הויפענס מיט אַש און שווארצע חורבות...

דעם זעלבן שבת־צו־נאַכטס, במעט מיט׳ן טאָג, האָב איך מיט מיין אינגערן ברודערל (מיין פאָטער איז אונז אין דעם גרויסן טומל פארלוירן געוואָרן פון די אויגן) זיך געשלעפּט איבער די טויטע, אָפּגעשטאָרבענע גאַסן פון שטאָט צו אונז אַהיים. מיר האָבן זיך געדראָפּעט איבער פּארקענס, געקראָכן איבער פּלויטן, דער רעוואָלווער ליידיג אַן קוילן, מיר אליין אויסגעמוטשעט, פאר־מאַטערטע, קוים וואָס מ׳האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס. דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן פארמאָגט איז געווען דער גלויבן אין דעם שיינעם אידעאל פון אַ מענטשלאַכער צוקונפט — די הער־צער נאָך ניט פאַר׳סם׳ט. און מיר זיינען צוגעקומען צו אונזער היים. דער טאַטע איז אונז געגאַנגען אַנטקעגן און אונז אַנגעוויזן אויף די פייערדיקע צונגען און שווארצע רויך־וואָלקנס וואָס האָבן זיך געצויגן צום הימל פון צענטער־שטאָט. ער האָט זיך אַנגע־בויגן, אראָפּגענומען דאָס היטל, כדי אונז צו ווייזן זיין קאָפּ וואָס איז מיט אַמאָל גרוי געוואָרן און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער אונז געזאָגט: „יא, קינדערלאך! מיר זיינען געשלאָגן אויף אַ ווייל, אויף אַ ווייל געשלאָגן, אָבער קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט באַזיגט!...״

איך האָב באַטראַכט מיין פאָטער, זיך צוגעהערט צו זיינע ווערטער און געפילט אַז פאר מיר שטייט איינער פון דער אַלטער וועלט וואָס פארמאָגט אַ גרויסען בטחון, אַ שטאַרקן גלויבן, וועל־

בער האָט אים ניט פאַרלאָזט און ניט געקענט פאַרלאָזן אין זיינע פאַרצווייפעלטע מאָמענטן.

מיר יונגע וואָס האָבן אויפגעגעבן דעם אַלטן בטחון האָבן אין דער זעלבער צייט אויך געהאַט אַ גלויבן אין אַ גרויסן, מענטש־לאַכן אידעאַל, אויף אַ שענערע צוקונפט, און אונזערע וועגן, הגם ניט דיזעלבע, האָבן זיך געצויגן פאַראַלעל און געפירט צו איין ציל, זיי מיט די טרייסט־ווערטער פון די נביאים, וועלכע האָבן פאָראויסגעזאָגט אַ גליקלאַכע מענטשלאַכע צוקונפט, ווען אַלע פעלקער וועלן זיך פאַראייניגן און ווערן איין גרויס פאָלק, ווען זיי וועלן די שווערדן און שפּיזן צוברעכן און זיי מאַכן פאַר אַקער־אייזענס. — און מיר, די נאָכפאָלגער פון דעם נייעם גלויבן אָנגע־זאַפּט מיט די טערמינען פון די פרישע נביאים, וועלכע האָבן דאָס נעמלאַכע פאָראויסגעזאָגט אין אַ מער בולט'ער פאָרמע, ווייניגער אַלעגאָריש ווי די ערשטע.

און ווען איך האָב באַלד נאָך דער איבערקערעניש געמוזט פאַרלאָזן מיין פאָטער, די היים און דאָס לאַנד, האָב איך מיט זיך מיטגענומען אַ רעספּעקט און ליבע צו מיין פאָטער פון דער אַל־טער וועלט און זיין בטחון.

* * *

נאָכ'ן פּאָגראָם, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין באַלטע, האָט זיך ערשט די פּאָליציי אַ נעם געטאָן צו דער „קראַמאָלע". מען האָט געפּאַקט אויף רעכטס און לינקס און אַריינגעזעצט אַן אַ פאַר־וואָס, אָן אַ פאַר־ווען אויף לאַנגע יאָרן ביז אַ משפט. מיך האָט מען אויך געגומען זוכן אין אַלע ווינקלאַך, אַזוי אַז ס'איז נישט געווען קיין שום באַהעלטעניש. האָב איך זיך אָפּגעטראָגן און אַוועק צו דער גרענעץ קיין וואָלאָטשיסק. דאָרטן האָב איך געאַרבעט ביי יאָסל ווינאָקור וועלכער האָט געהאַט צוויי זייגער־געשעפטן אויף דער סטאַנציע פון אייזנבאַן און אין שטאָט. איך האָב צוערשט געאַרבעט אויף דער סטאַנציע און אין דער זעלבער צייט זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדאַ, אַריבערשמוגלען ליטעראַ־טור, געווער און חברים פון עסטרייך קיין רוסלאַנד און צוריק. דער בעל הבית האָט עפּעס דערשמעקט, האָט ער מיך געוואָרנט און געגעבן אַמווייניגסטנס, ביי אים אין געשעפט זאָל איך ניט פאַרפירן די חברה־לייט, און אַז ער האָט געזען, אַז ס'העלפט ניט קיין רייד, האָט ער מיך אַריבערגעפירט פון דער סטאַנציע אין שטאָט וואָלאָטשיסק, אַ צוויי ווערסט פון סטאַנציע.

דאָרטן איז גאר פאר מיר געוואָרן אַ וועלט. ערשטנס, בין איך אַליין געווען דער גאַנצער בעל הבית, וואָס איך האָב געוואָלט האָב איך געטאָן, קיינער האָט מיר ניט אריינגעקוקט אין טאָפּ; צווייטנס, זיינען אין שטעטל געווען אַ סך אידישע ארבעטער, — שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס און איך האָב געפונען אַן ארבעטס־פעלד פאר פּראָפּאַגאַנדאַ. דערצו זיינען מיר נאָך צוגעקומען צו הילף אַ געוויסער ניימאַן, וואָס האָט געענדיקט די גימנאַזיע, און נאָך אַ פּאָר אינטעליגענטן, אזוי אַז פון דעם נעסטעלע איז געוואָרן אַ נעסט פון פּראָפּאַגאַנדאַ און רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. איך בין שוין אָפּטער געפאָרן קיין פּראָסקוראָוו, זיך פארבינדן מיט דער פאַמיליע בעקערס, מיט דער שיינער סאָניע'ן פון דער אַלעקסאַנדראָווסקער גאַס, מיט אַ פּאָר מיליטער־לייט און טשינאָווניקעס, און ס'איז געוואָרן אַן אמת'ע וועלט פאר מיר. די גאַנצע צייט האָב איך געארבעט אונטערן נאָמען פון „נאבאט". אונזער גאַנצע גרופּע האָט מען גערופן אויף מיין נאָמען „נאבאט".

מיט אַמאָל האָבן די שניידער־ארבעטער זיך גענומען קלאָגן אויף זייערע בעלי בתים, און איך האָב דאָס אויפגעכאַפּט, זיי גענומען אַגיטירן און צוגרייטן צו אַ סטרייק. די בעלי בתים וואָס זיינען ביז דער צייט גאָרניט געוואוינט געוואָרן, די ארבעטער זאָלן פאָדערן אַ באַשטימטע צייט פון ארבעט און אַ מענטשלאַכע באַהאַנדלונג, זיינען געוואָרן בייז און ערקלערט אַ לאַקאוט. האָב איך צונויפגענומען די ארבעטער, געמאַכט אַ סטרייק־קאָמיטעט, געשאַפן אַ פאָנד, געפאָרן קיין פּראָסקוראָוו, צונויפגענומען געלד פאר די סטרייקער און געוואַרט, ביז די בעלי בתים וועלן זיך קומען בעטן. סטרייקברעכער האָבן מיר, פארשטייט זיך, נישט צוגעלאָזט, אזוי אַז די בעלי בתים זיינען געווען געצוואונגען איינצוגיין אויף אונזערע באַדינגונגען, נאָר דערפאר האָבן זיי זיך אָפּגערעכנט מיט מיר: אין אַ געוויסן שבת־צו־נאַכטס, ווען מיר האָבן צוזאַמענגערופן אַ פארזאַמלונג, זיינען געלאָפן אַ פּאָר אידן און מיך גע'מסר'ט. איז געקומען אַ גאַנצער „אָטריאַד" מיט זשאַנדאַרמען און מ'האָט מיך געפּאַקט אין קאָשעק...

זיצנדיק אין וואָלאָטשיסקער „אוטשאַסטאָק" האָב איך געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די סאָלדאַטן און היטער. האָט מען מיך איבערגעפירט קיין סטאַראָקאָנסטאַנטין אין דער תפיסה. דאָרטן האָב איך געטראָפן פון אַלע סאָרטן סאָציאַליסטן. מ'האָט מיך גלייך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם און איך האָב זיך געפונען

ווי ביי זיך אין דער היים. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער „פּערעסילעטשנער" אָפּטיילונג, און איך האָב זיך שוין געפונען צווישן אַלערליי קאַטאָרזשניקעס פון פערד־גנבים ביז פעלד־גזלנים, אַזעלכע סאָרטן מענטשן וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געטראָפן, זייערע שפּיצלאַך האָבן מיך אויפגעטרייסלט און געמאַכט שווידערן...

אין מיטן פון דער ערשטער נאַכט האָבן זיי צוגעבונדן אַ שטיקל פּאַפּיר, באַנעצט מיט נאַפט איינעם וואָס איז געשלאָפן, אָנגעצונדן דאָס פּאַפּיר, אַזוי אַז יענער האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ פּאַר׳שרפה׳טן פוס...

— דאָס הייסט לאָזן די פּאָסט! — האָט מען מיר ערקלערט דאָס שטיקל אַרבעט.

און אַזעלכע מינים שפּיצלאַך פלעגן זיי אָפּטאָן אַלע נאַכט.

אין די פּאָר וואָכן וואָס איך האָב דאָרטן פאַרבראַכט, וואַר־טנדיק אויפ׳ן „קאָנוואָי", האָב איך זיך אָנגעזען מיט שווידער־לאַכקייטן וואָס מיין קינדערשער שכל האָט ניט געקענט פאַרטראָגן. און ווען מען האָט מיך ענדלאַך געבראַכט מיט „קאָנוואָי" צו פוס, געשלאָסן אין קייטן, אין דער פּראָסקוראָווער תפיסה, איז מיר שוין געוואָרן גרינגער אויפ׳ן האַרצן. דאָרטן אין טורמע האָב איך שוין געטראָפן די דריי שוועסטער בעקערס און די שיינע סאָניע. זיי האָבן זיך איבער מיר שטאַרק דערפרייט. ווייטער האָב איך גע־טראָפן אַ פּאָר באַקאַנטע סטודענטן און אַרבעטער וואָס האָבן מיך אויפגענומען מיט פּאַראַד און מיר איבערגעגעבן, אַז איינעם פון די מוסרים וואָס האָבן מיך אַרויסגעגעבן האָט מען שוין אָנגע־לערנט. עסן האָט מיר אויך ניט געפעלט, און איך פלעג נאָך צו־טיילן צוקער, טהיי און ווייס־ברויט וואָס מען האָט מיר געבראַכט פון אַלע זייטן. מיט׳ן עטאַפּ האָט מען מיך אַזוי אַרומגעשלעפּט אַ דריי חדשים פון איין תפיסה אין דער צווייטער, ביז מען האָט מיך געבראַכט קיין באַלטע, אין דער טורמע. דאָ האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן די רעכטע אינקוויזיציע פאַר מיר: פון פּאָליציימייסטער צום זשאַנדאַרמסקי, פון דאָרטן צו די אוטשאַסטקעס און פּריסטאַ־ווען, און נאָך אַמאָל אין תפיסה, ביז ענדלאַך מען האָט מיך אַרויס־געלאָזט „אונטער אויפזיכט". אין אַ קורצער צייט האָט מען מיר ווידער גענומען זוכן, אָבער דאָס מאָל בין איך שוין אָבגעפאָרן קיין עסטרייך...

אין דער שטיקל צייט וואָס איך בין אָפּגעפאָרן פון באַלטע

נאָך וואָלאָטשיסק, האָב איך זיך איבערגעשריבן מיט אַ פּאָר געזינונגס־גענאָסן, צווישן זיי — די חבר'טע סאָפּיע. ווען ס'האָט מיר אָנגעהויבן גיין שווער אין וואָלאָטשיסק, האָט זי מיר געשריבן, אַז זי וויל מיר שיקן 500 רובל, אַז איך זאָל אָבפּאָרן קיין אַמעריקע, און זי וועט נאָכקומען. איך האָב איר מיין ניט ריכטיג פּאַרשטאַנען און געענטפערט, אַז פּאַר אַ רעוואָלוציאָנער איז אַ שאַנדע צו פּאַרלאָזן דאָס קאַמפּס־פעלד. זי האָט מיך נאָך געשריבן אַ פּאָר מאָל אינ'ם טאָן פון גוטער חבר'שאַפט, פון איבערגעבענהייט און ליבע, און איך האָב אַלץ ניט פאַרשטאַנען און לאַקאָניש געענטפערט אויף אירע פראַגן. ביז מ'האָט מיך געבראַכט געשלאָסן אין קייטן קיין באַלטע. זי האָט געטאָן אַלעס וואָס מעגלאַך פאַר מיין באַפּרייאונג, און ווען איך בין ארויס, האָט זי מיר זיך דערקלערט אין ליבע... איך האָב זיך פאַרשעמט ביז איבער די אויערן און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מיין טאַטע האָט פּאַרשטאַנען, אַז דאָס מיידל ארבעט פון מיינעטוועגן, מיינט זי מסתמא עפּעס. און ער האָט מיך צוגערעדט: „אַ וואויל מיידל! פּאַר דיר וואָלט דאָס געווען אַ פיינער שידוך, מיין קינד!" נאָר איך האָב נאָך אַלץ ניט געוואָלט וויסן און פּאַרשטיין... און אזוי בין איך אָפּגעפּאָרן קיין אויסלאַנד און געלאָזט דאָס מיידל אליין.

אָט דאָס איז, ווייזט אויס, געווען מיין ערשטע ליבע, וואָס איך אַליין האָב ניט פּאַרשטאַנען און אָפּגעשטויסן מיט מיינע אייגענע הענט. דאָס מיידל האָט אַ שטיק צייט שטאַרק געליטן, ביז זי האָט זיך געטרייסט מיט אַן אנדער יונגנמאַן...

די איינציקע שטאַרקע ליבע וואָס איך האָב געפילט און וועלכע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ שטאַרקער און ליידנשאַפטלאַכער איז געווען די ליבע צום טאַטן. און וואָס וויטער אין שטח איך בין געווען פון טאַטן, אַלץ נעענטער און צוגעבונדענער איז די ליבע געוואָרן.

דער טאַטע פלעגט שרייבן: „ווי צום פּאָטער, וואָס זיינע קינדער זיינען פּארטריבן פון זיין טיש", און איך פלעג ענטפּערן: „ווי צו די קינדער וואָס ווערן פּאָרטריבן פון זייער טאַטנס טיש"...

געקומען בין איך צ׳ערשט קיין טשערנאָוויץ אין מיטן פון 1906, און באַלד זיך געזעצט ארבעטן ביים אידן־פיינד שולץ'ן, ביי וועמען איך האָב אָפּגעארבעט אַ קאַרג יאָר. פון דאָרטן בין איך אָבגעפּאָרן קיין לעמבערג און אריינגעטראָטן אין אַ זייגער־פּאַבריק. נאָר אין גיכן האָבן די ארבעטער געמאַכט אַ סטרייק

און איך, ווי דער שטייגער, בין געווען אין דער שפּיז. דער סוף איז ווידער געווען אַ לאָקאַוט, און איך האָב די איבעריקע אַרבעטער געוויזן אַ ביישפּיל און אין מיטן רעכטן ווינטער בין איך געגאַנגען שאַרן דעם שניי פון די דעכער, כדי ניט נאָכצולאָזן די גערעכטע פאָדערונגען... דער סטרייק האָט זיך געענדיקט און איך בין געבליבן אין דרויסן. האָב איך געפונען אַ שטאָל פאַבריק אין קראַסניק, אַ קליין שטעטל צווישן לעמבערג און בראָד, פון דאָרטן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין קאַשאַוו (אונגאַרן), אָפּגעאַרבעט צוויי חדשים, און פון דאָרטן בין איך אַריינגעפאָרן אין דער הויפּט־שטאָט בודאַפּעסט.

אין בודאַפּעסט האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייער האָריזאָנט. דאָרטן האָב איך זיך געטראָפן מיט פילע פּאָליטישע אימיגראַנטן פון אַלע סאָרטן און פאַרשיידענע ריכטונגען, בתוכם אויך אַנאַרכיסטן. איך האָב מיך אויך דאָרטן באַגעגנט מיט׳ן חבר גרישע דעם שוואַרצן, אַז ווען כ׳האָב מיך אַזוי מתקנא געווען, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַראָפּגעקומען אין 1902 קיין באַלטע און געהאַלטן פייערדיקע רעדעס... אַצינד ווען כ׳האָב זיך נעענטער באַקענט און גוט באַטראַכט דעם באַרג, האָב איך דערזען, אַז ס׳איז נישט מער, ווי אַ קופּע מיסט... דער בחור איז געווען קליין־האַרציק, פאַרדאַרבן און שלעכט. פון די פלאַמנדיקע רייד איז געבליבן נישטיגעס אַש. צווישן די אַנאַרכיסטן האָב איך אָנגעטראָפן אַ פּאָר ערנסטע מענטשן. מיט איינעם פון זיי, דוד האַסקין, בין איך באַלד זייער באַפריינדעט געוואָרן. ביי אים אין שטוב האָבן מיר געלערנט דעם אַנאַרכיזם...

געאַרבעט האָב איך ניט ווייט פון צענטראַל־באַהנהויף, געוווינט האָב איך ביי אַ רוסיש־אידישער פאַמיליע פון יעקאַטערינאָסלאַוו. אויף דער לוזע־גאַס, אַ מין אידישע געטאָ, ניט ווייט פון דאָרטן, האָט זיך שוין געפונען אונזער קלוב פון אַרבעטער־ביבליאָטעק. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אויפפירן אַלס אַמאַטאָרן טעאַטער־שטיק און געפירט דאָס רעדל.

נאָר מיט דער צייט האָט מען אַ פּאָר פון מיינע חברים אַרעסטירט מיט באָמבעס וואָס מען האָט צוגעגרייט צו פירן קיין רוסלאַנד. דערצו האָט געטראָפן, וואָס צוויי האָבן אויסגעפּרואווט אַ באָמבע און דערביי זיך ביידע צושעדיגט. איינער איז פאַרבליבן אַ קאַליקע, אַז אַ האַנט מיט אַ צוגאָב פון עטלאַכע יאָר געפענגעניש... איך בין אויך געבליבן אָן אַרבעט און אַזוי ווי מען האָט

פאַרלאַנגט גוט־געניטע פאַבריק־אַרבעטער אין דער נאָר וואָס גע־
עפנטער פאַבריק פון סענט־גאַטהאַרט, אויף דער אונגאַרישער
שטייערמאַרקער גרענעץ פון פיליפ קאַהן עט קאָמפּ., בין איך גע־
פאָרן אַהין אַרבעטן.

אין סענט־גאַטהאַרט איז מיר געגאַנגען ווידער אַמאָל גוט.
איך בין געווען פון די פּריווילעגירטע אַרבעטער. כ׳האָב אַפילו
אַראָבגעבראַכט פון בודאַפּעסט נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע זייגער־מאַ־
כער. נאָר גייסטיג האָב איך זיך געפילט ניט זייער גוט. מיר האָט
געפעלט די סביבה פון דער גרויסער שטאָט, וואו מען האָט גע־
קענט זיך דורכריידן און אויסטוישן די מיינונגען. און ווען ס׳איז
צו מיר אָנגעקומען מיין ברודער שמואליק, און אים איז נישט
געפעלן צו פאַרבלייבן אין דעם דאָרף סענט־גאַטהאַרט, האָבן מיר
זיך ביידע אויפגעהויבן און געקומען קיין וויען. נאָר קיין אַרבעט
האָב איך דאָרטן ניט געפונען. בין איך אָפּגעפאָרן אין שטעטל
צנאים־מעהרן אין זייגער־פאַבריק אַרבעטן מיטן ברודער. פון דאָרטן
האָט מיך אויך דער ברודער פאַרשלעפּט ווידער אַמאָל קיין וויען,
וואוהין מיר זיינען אָנגעקומען אין מיטן זומער 1908, אַ פּאָר
וואָכן פאַר דער זעכציק יאָריקער פּייערונג פון פראַנץ יאָזעף׳ס
טראָן־אויפשטייגונג. מ׳האָט גערעדט ווענן אַ „סורפּריז״ צו מאַכן
דעם אַלטן קעניג... איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן וויען אַ
פּאָר טעג פאַר דער פּייערונג און זיך געלאָזט צו פוס צו דער שווייי־
צאַרישער גרענעץ

אין גאַלענבאַך בין איך מיט עטליכע חברים אָנגעקומען אין
אַ מין אַזיל, אַ פּאַקטיש געפענגניש, פון וואַנען מיר האָבן זיך
אַרויסגעריסן מיט גרויסער מי.

די מעשה וויען האָט געקאָסט מיין פערזענלאַכע פרייהייט און
האָט מיר קערפּערלאַך אָפּגעמאַטערט. כ׳האָב געדיינקט צו געפינען
אַ שטיקל מקום מנוחה אין בודאַפּעסט, האָט מען מיך אויך פון
דאָרטן משלח געווען. בין איך ווידער אַוועק קיין גאַליציען.

אין לעמבערג האָב איך זיך געטראָפן מיט אַן אַלטן פריינט,
אידל סטאָליאַר, און ער האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער איז
שוין געוואָרן אַן אַנאַרכיסט. ער האָט מיך באַקאַנט מיט נאָך אַ
פּאָר אימיגראַנטן, איינער אַהרן דער רויטער וואָס איז אַנטלאָפן
פון סיביר, אַ קריינקלאַכער בחור, און נאָך איינער, אַ בעקער. איך
האָב די כאָפּטע ליידיג־גייער אַריינגענומען צו זיך אויף דער קוואַר־
טיר, געאַרבעט האָב איך ווידער אין דער זייגער־פאַבריק, און דאָס

גאַנצע געלד געבראַכט אין דער קאָמונע. אַליין בין איך געווען אַ וועגעטעריאַנער און געלעבט נאָר מיט רוחניות, און פאַר דער חברה האָב איך געמוזט זאָרגן פון טאַבאַק ביז אַ פלאַש ביער...

דערווייל איז וואָס אַמאָל געוואָרן ערגער און ערגער. איך בין אַריינגעקראָכן אין חובות ביז איבער'ן קאָפּ. שולדיק געבליבן פאַר דירה־געלד און אינ'ם קלייטל פאַר עסנוואַרג. און די „באָסאָ־קאָמאַנדאָ" רירט זיך ניט פון אָרט. אַרבעטן גייען וויל קיינער ניט און קיינער טראַכט ניט פון אַמאָל צו זוכן אַרבעט. און צוריק גערעדט: פאַרוואָס זאָלן זיי טאַקע וועלן אַרבעטן, אַז דער נאַר אַרבעט שוין פאַר אַלע און זאָרגט, אַז ס'זאָל קיינעם חלילה גאָרניט פעלן ?...

צום סוף, ווען מ'האָט מיך געגומען דראָהען, אַז מען וועט מיך אַרויסוואַרפן פון דער דירה מיט דער באַנדע ליידיג־גייערס און אַז אין קלייטל האָט מען שוין מער ניט געוואָלט געבן אויף קרעדיט, זיינען די חברה צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל פאַר זיי נע־מען זייגערס אין פאַבריק און זיי געבן, וועלן זיי אָבפאָרן, ווייל אין לעמבערג קענען זיי שוין מער ניט זיין. מיך האָט מען שוין אויך אַרומגעזוכט.

איך האָב מיט זיי צוזאַמען געמאַכט די רייזע ביז סטריע. אהרן דער רויטער איז אָבגעפאָרן ווייטער און איך בין געבליבן מיט אידל דעם סטאָליאַר און בעריש דעם בעקער. אַרבעט האָב איך אין שטאָט ניט געפונען, בין איך אַרומגעגאַנגען שלינג־און־שלאַנג; אידל האָט געזען, אַז די קוועלע האָט זיך אויסגעשעפּט, האָט ער זיך געשטעלט אַרבעטן סטאָלעריי, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ געזונטער יונג און אַ גוטער סטאָליאַר, האָט ער באַלד גע־קראָגן אַרבעט און גוט פאַרדינט. נאָר אַזוי ווי ער האָט נאָר אָנ־געהויבן צו פאַרדינען, האָט ער זיך באַלד אַרויסגעדרייט און נישט דערקענט קיינעם. ביים ערשטן מאָל וואָס איך האָב אים באַגעגנט און דערמאָנט, אַז איך האָב שוין אַ צייט ניט געגעסן, האָט ער זיך מיט אַ בייזן טאָן אָנגערופן: „וואָס־זשע מיינסטו, אַז איך וועל דיר געבן געלד ? !..." איך האָב אים אַ שפּיי געטאָן אין דעם פּנים און אים מער ניט געוואָלט קענען.

פון סטרי בין איך אַפּגעפאָרן קיין סקאָלע, ניט ווייט פון דער אונגאַרישער גרענעץ, און זיך פאַרדונגען צו אַרבעטן די ערד. דערנאָך בין איך אָנגעקומען אין אַ סקלאַד פון האָלץ, געלאָדן וואַ־גאָנען מיט קלעצער און ברעטער. אין סקלאַר האָב איך מיך גע־

טראָפֿן מיט מיין גוטן פֿריינט און חבר, יוסף וועלגוטע, אַ קיעווער אימיגראַנט, אַ פּלימעניק פֿון לינעצקי׳ן. מיט אים האָב איך גע־שלאָסן באַקאַנטשאַפֿט נאָך ביי מיין ערשטן אָנקומען קיין לעמ־בערג אין זייגער־פֿאַבריק. אין דער היים איז ער געווען אַ סטו־דענט. אין לעמבערג האָט ער זיך אויסגעלערנט אין פֿאַבריק קראַצן זייגערלאַך און פֿאַרדינט אַ הונגער־לוין; נאָך אַ צושיידונג פֿון העכער צוויי יאָר, האָבן מיר זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפֿן ביים לאָדן די קלעצער אין די וואַגאָנען אויף דער סקאַלער אייזנבאַן. אין דעם שטעטל, פֿאַרשטעלט ארום און ארום מיט בערג זיינען אונזערע ביידע שיקזאַלן באַהעפֿט געוואָרן.

אין דער קורצער צייט וואָס איך האָב אים פֿאַרלאָזט אין לעמ־בערג האָט זיך מיט אים אָפּגעשפּיגלט זיין גאַנצע לעבנס־טראַגעדיע. ער האָט אַראָפּגעבראַכט פֿון רוסלאַנד זיין כּלה, זיין יוגנט־טרוים. ער פֿלעגט מיר ניט אויפֿהערן צו דערציילן טאָג און נאַכט פֿון זיין ליבע צו איר און אירע — צו אים; ווי ער האָט זיך אַליין די גאַנצע צייט געפּלאַגט, פֿאַרשפּילט זיין קאַריערע און צושיידט גע־וואָרן פֿון זיין האַרצנס־געליבטע, ביז ס׳איז אים ווידער געלונגען זי צו זען ביי זיך אין לעמבערג, וואו זיי האָבן זיך פֿאַראייניגט. און ווען ער האָט שוין געזען דאָס גליק אים שמייכלען און גע־האַלטן ביי ווערן אַ פֿאָטער, האָט זי מפּיל געווען און אַראָפּ פֿון זינען...

ווען איך האָב אים געטראָפֿן ווידער אַמאָל אין סקאַלע, האָט ער שוין געהאַט פֿאַרלוירן דעם לעצטן פֿונק פֿון האָפֿנונג... און אַזוי האָבן מיר זיך ווידער געטראָפֿן, — ער צובראָכן און איך צובראָכן, און געפֿונען אַ טרייסט אין אונזער פֿאַרגעסנהייט...

נאָר באַלד האָט זיך מיר באַוויזן אַ שטראַל: איך האָב זיך פֿאַרליבט אין אַ מיידל און שוין גענומען ליידן פֿון ליבע, ווי עס טרעפֿט זיך מיט יונגע פֿאַרליבטע. די מיידל האָט גראָד ניט גע־האַט דאַגעגן; זי האָט זיך געוואונטשן אַזאַ חתן ווי איך, נאָר אַזוי ווי איר באָבע און אויך איר מאַמע האָבן ניט געוואוסט פֿון ליבע־שמיבע, ווייל זי אויך פֿון דער קריינק ניט וויסן, „און אויב איך דיינק עס ערנסט" — האָט זי מיר צוגעשיקט זאָגן, — זאָל איך זיך ארויסשלאָגן פֿון קאָפּ די פּוסטע קינדערשע זאַכן און איר אויפֿהערן צו שרייבן און ווידמען לידער, בעסער שיקן אַ שדכן צו איר טאַטע־מאַמע, וועט דער שידוך געשלאָסן ווערן און מיט גאָט׳ס הילף ווערן חתן־כּלה.

אַט די עטלאַכע ווערטער האָבן מיך אויפגעוועקט פון מיינע חלומות און הימעלשער פּאָעזיע... פאַר פאַרדרוס און ווייטאָג האָב איך פאַרלאָזט אין קורצן דאָס שטעטל, די בערג, די גרויסע שווערע קלעצער מיט וועלכע איך בין געוואָרן אַזוי נאָענט, די נידע־ריגע שטוב פון יאָסל דעם טרעגער, וואו איך בין מיט מיין חבר וועלגוטע איינגעשטאַנען, די מיידל מיט איר באָבען, — און גע־נומען וואַנדערן...

איך בין געקומען קיין בארעסלאַוו און געאַרבעט ביי די נאָפּט־מינען. אין דראָהיביטש האָב איך זיך געשטעלט ביי אַ זייגער־מאַכער ארבעטן און פאַרנומען צוריק מיין אָרט אין דעם גייסטיקן קרייז פון רעוואָלוציאָנערן. אין דראָהיביטש איז געווען אַ גימנאַזיע, פּועלי ציוניסטן־סטודענטן, אַ סאָציאַליסטישער קלוב און מען האָט דיסקוטירט וועגן סאָציאַלע פּראַגן. איך האָב באַלד מיר געמאַכט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפט צווישן די אַרבעטער און סטודענטן קרייזן. נאָך דער הינריכטונג פון פראַנציסקאָ פערער אין שפּאַניען, האָב איך אָנטייל גענומען אין אַ פּראָטעסט מיטינג.

פון דראָהיביטש בין איך ווידער אָבגעפאָרן קיין וויען, פון דאָרטן — קיין גראַטץ; ענדלאַך בין איך אריינגעפאָרן אין ציריך, אין דער שווייץ, וואו איך האָב זיך געטראָפן מיט אַ נייער כאָפּטע ליידיג־גייערס און ווידער געמאַכט אַ קאָמונע, ד. ה., איך אַליין האָב געאַרבעט און אַ צענדליק האָבן געגעסן. אַזוי ווי איך האָב נישט געקענט קריגן קיין ארבעט ביי זייגער־מאַכעריי, האָב איך זיך אָנ־געדונגען אַלס לוין־ארבעטער אין אַ פאַבריק פון שלעסער און גע־פירט דעם גאַנצן לאַנגן טאָג אַ שטופּ־וועגעלע מיט אייזנווארג און באַקומען דערפאַר יעדן טאָג פינף פראַנק וואָס איך האָב ווי אַ גע־טרייער שקלאַף געבראַכט אין דער קאָמונע — און חברה האָבן געגעסן...

די דאָזיקע קאָמונע פון ציריך איז געווען אַנדערש פון דער לעמבערגער מיט דעם, וואָס דאָ האָבן זיך געפונען פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן: אַ שווייצער פּאָעט, וואָס האָט געשריבן אין דער ציריכער פּאָלקס־צייטונג און באַקומען אַ גראָשענדיגן לוין, אַ דייטש־פּוילישער מאַטראָז פון פּאָזען וואָס איז ארומגעזוכט גע־וואָרן איבעראַל אַלס געפערלאַכער „רעוואָלוציאָנער", אַ רומענער פון אונזער ווינער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע, אַ רוסישער קאָ־טאָרזשניק וואָס האָט מיט נאָך איינציגע, אַלס טעראָריסט, שוין געמאַכט אַ פּאָר אַטענטאַטן אויף הויכע רעגירונגס מענער און איז

שטאַרק געשעדיגט געוואָרן פון אַ באָמבע־אויפרייס (אַצינד האָט ער זיך אויסגעלערנט שוסטעריי און די גאַנצע ציריכער אימיגראַנטן־קאָלאָניע האָבן אים געבראַכט שיך צו פאַרריכטן), אַ קונסט־מאָלער וואָס פלעגט גאַנצענע טעג ארומוואַנדערן איבער די ציריכער בערג און באַוואונדערן די נאַטור פון זונען־אויפגאַנג ביז זונען־אונטערגאַנג. אַ פּראָפעסאָר פון עספּעראַנטאָ וואָס האָט אַנדערש ניט געוואָלט, אַז נאָר „אידאָ״ מיט'ן דייטשן דיאַלעקט, זאָל אָנגענומען ווערן פון דער גאַנצער וועלט אלס שפּראַך; אַ איד, אַ רוסישער אימיגראַנט, וואָס האָט זיך ארומגעטראָגן די גאַנצע צייט מיט אַ מאָזער־רעוואָלווער, ענדליך איז ער אריינגעפאַלן אין צווייטן באַציִרק צו אַ באַקאַנטער קורסיסטקע, וויסנדיק אַז זי האָט ניט לאַנג געקראָגן איר חודש־געלד, 100 רובל, האָט ער אויסגעשטעלט אויף איר דעם מאָזער־רעוואָלווער: „רוקי ווערך! אי דאַוואַי דענגי״ (די הענד אין דער הויך און גיב געלד). — „אַלעקסאַנדער, וואָס איז מיט אייך?״ האָט זיך דאָס אָרימע מיידל ביי אים געבעטן, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן קיין טענות. ביז דאָס מיידל האָט אים אָפּגעגעבן ביז'ן לעצטן גראָשן, און ער האָט טריאומפירנדיק ווייטער ארומגעשפּאַצירט איבער'ן שטאָט אין דערזעלבער אוניווערזיטעט־גאַס, ביז אַ פּאָר סטודענטן האָבן זיך דערוואוסט פון דער געשיכטע, געכאַפּט דעם העלד און אים אַנטוואָפנט...

איך בין געווען כמעט דער איינציקער וואָס האָט אריינגעטראָגן אין דער קאָמונע דאָס גאַנצע פאַרדינסט. דער טעראָריסט — דער שוסטער — דער צווייטער; ווייטער האָבן די אַנדערע געבראַכט די העלזער און מיילער צו שלינגען וואָס מען האָט אריינגעטראָגן צום עסן...

ניט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איך בין געגאַנגען און געשלעפּט אַ פולן וואָגן מיט אייזן, באַרג־ארויף, איבער דער שטאָט, און אַ פּאָר פון מיינע „קאָמוניסטן״ זיינען זיך געגאַנגען שפּאַצירן און, זעענדיק מיר שלעפּן דעם שווערן וואָגן, פלעגן זיי פאַרדרייען די קעפּ און זיך ניט געמאַכט זעענדיק.

אויסער דער קאָמונע האָב איך זיך געפונען אין ציריך אין סאַמע הארץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך האָב זיך אויך געפונען אין אַ קליינער גרופּע פון געציילטע חברים, דער מובחר מן־המובחר, צווישן וועלכע ס'איז געווען דער פּראָפעסאָר אַקסער, אַ דימענט פון אַ מענטש און אַ שיינע נאָבעלע נשמה, מיגריי יוסעץ, אַ וועגעטאַריאַנער, מיט וועלכן איך האָב זיך גע־

קענט פון בודאפעסט, איז געווען דער, מיט וועלכן איך האָב פאַר־בראַכט די פריִע צייט מיינע. צוזאַמען פלעגן מיר קלעטערן אויף די בערג, נעמען זון און לופט־בעדער, באַוואונדערן די רייכע נאַטור און זיך באַקלאַגן איבער דער קאַפּיטאַליסטישער אומגערעכטער אָרד־נונג פון דער מענטשלאַכער געזעלשאַפט. איינמאָל, בלאָנדזשענ־דיק אויף די היטל־בערג, האָבן מיר געטראָפן אַ שטיק איינזאַמען פעלז מיט אַ מאַרמאָרנער אויפשריפט: „געאָרג ביכנער, דער פאַר־פאַסער פון דאַנטאָ'ס טויט, איז דורך אַן אומגליקס פאַל אומגע־קומען, קלעטערנדיק אויף דעם פעלז, אין עלטער פון 23 יאָר". איך האָב זיך געכאַפּט און אַרויפגעקלעטערט אויף דעם איזאָלירטן פעלז מיט שווערער מי, נאָר ווען איך האָב גענומען צוריק אַראָפּ־קלעטערן, האָב איך זיך פאַרלוירן און נישט געפונען קיין באָדן אונטער די פיס. איך האָב שיער ניט געהאַט דעם זעלבן סוף ווי ביכנער, נאָר ביים לעצטן מאָמענט האָב איך זיך מיט אַלע כחות געגעבן אַ וואָרף אין אַ זייט און געבליבן הייענגען אויף אַ שטיק ערד, ווען די פריינט מיינע זיינען מיר געקומען צו הילף...

פון ציריך בין איך געפאָרן אַרבעטן אין אַ זייגער־פאַבריק אין גרענכען, פון דאָרטן בין איך געקומען קיין ביל און פון דאָרטן קיין פּאַריז, וואו איך בין אָנגעקומען באַלד נאָך דער גרויסער סען־פאַרשווענונג און קריזיס פון 1910.

* * *

אין פּאַריז האָב איך געטראָפן מיין ברודער שמואל, מיט וועלכן איך האָב זיך ניט געזען זייט וויען. ער האָט אַרומגעוואַנ־דערט איבער איטאַליען צו פוס, געגאַנגען אַ שטיק וועג ביז ער איז אָנגעקומען קיין מאַרסעל און שפּעטער — קיין פּאַריז, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט בודאַפּעסטער און וויענער חברים, אַזוי אַז נאָך איידער איך בין געקומען קיין פּאַריז איז שוין צוגעגרייט געוואָרן פאַר מיר אַ היים.

נאָך קיין אַרבעט האָב איך אַזוי גיך ניט געקראָגן. דערפאַר האָב איך די ערשטע צייט געמאַכט די פּאַריזער גאַסן, באַזוכט די מוזעאומס און געשריבן לידער... דערנאָך האָב איך מיך גע־שטעלט אויף אַ פּלאַץ אַרבעטן, איז ניט געווען ביי קיין קליינע זייגערלאַך, איז דאָס געווען ביי גרויסע וואַנט־זייגערס און וועק־קערס...

ענדע 1910 איז געקומען פון אָדעס צו מיין פריינט בנימין רובליין, זיין פרוי'ס אַ שוועסטער, און אַזוי ווי איך בין געווען ביי

זיי אין שטוב אַ היימישער מענטש, האָב איך זיך מיט איר צוקריגט, זיך איבערגעבעטן און ווידער אַמאָל צוקריגט און האָב זיך אַזוי לאַנג געהאַלטן אין ברוגז'ן, ביז מיר האָבן זיך צוזאַמען פאַראייר־ניגט...

און אַט ווי איך האָב חתונה געהאַט:

אין אַ געוויסן אָוונט האָב איך פאַרבעטן חברים און גוטע פריינט אויף אַ נאַכט־מאָל; קיינער האָט ניט געוואוסט צו וואָס פלוצלינג, נאָר ווען אַלע זיינען געווען ביים טיש גוט אויפגעלעגט, האָב איך זיך אויפגעשטעלט און דערציילט אַ געשיכטע:

— איינמאָל האָט אַן איינזאַמער אסקעט געהאַט אַ חלום, וואָס האָט אים שטאַרק געמאַטערט. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט דערגרייכט דעם הימלישן גן עדן און ווען ער איז צוגעקומען צום הויפּט־אַריינגאַנג, האָט ער דערזען, ווי ס'ציען זיך פאַרלאַכוויז פון אַלע באַשעפענישן: חיות, עופות, ביז מענטשן, אַלע, אַלע, פאַרלאַכוויז קומען זיי צו און דער טויער עפנט זיך פאַר זיי און ווערט הינטער זיי פאַרמאַכט. ווען דער אסקעט איז ענדלאַך מיד געוואָרן צו קוקן, ווי עס ציען זיך די לאַנגע מחנה פאַרלאַך צום אַריינגאַנג פון גן עדן, האָט ער זיך דורכגעשטופּט און צוגעקומען צום טויער און אויך געוואָלט אַריינגיין. האָט זיך פאַר אים צוגעמאַכט דער טויער, ער איז געבליבן שטיין אין דרויסן און פיל נאָכגעקלערט און ניט גע־קענט פאַרשטיין פאַר וואָס פּונקט פאַר אים איז דער טויער פאַר־מאַכט געוואָרן; האָט ער זיך גענומען אָנפרעגן ביי אַלע פאַר־בייגייער וואָס זיי טוען אַזעלכעס, וואָס פאַר זיי איז אָפן דער טויער פון הימל און פאַר אים ניט?... האָט מען אים געפרעגט וואָס ער האָט געטאָן זיין גאַנץ לעבן. האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט געלעבט זייער באַשיידן, ניט גענאָסן פון די נאַטירלאַכע תענוגים מיט וואָס דאָס לעבן איז פול: ער האָט ניט געגעסן קיין פלייש, ניט געטרונקען קיין וויין, זיך ניט געשוירן די האָר און זיך ניט געצירט — מיט איין וואָרט, ער האָט געלעבט אַליין, איינזאַם און פאַרשלאָסן פון דער וועלט...

— אויב אַזוי, קענסטו ווייטער פאַרטזעצן דיין אַרט לעבן, נאָר אין גן עדן איז פאַר דיר קיין אָרט ניטאָ. און אַט האָט דער אסקעט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט פון זיין חלום און געביטן זיין לעבן־שטייגער...

ביי דעם מאָמענט בין איך צוגעגאַנגען צו מיין באַשערטער

און זיך מיט איר צוקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן, און די קאַמפּאַניע האָט פאַרשטאַנען דעם סורפּריז — צו־וואָס מ'האָט זיי גערופן אויף אַ נאַכט־מאָל.

ביי דער געלעגנהייט האָב איך פאַרגעלעזן אייניקע פון מיינע לידער, די כלה־מתנות וואָס איך האָב צוגעזאָגט צו געבן:

„איך וועל, טייערע, דיר שענקען אוצרות, בריליאַנטן,
די שטערן פון הימל אַן אַ צאָל!
און וועל דיר באַקליידן אין פיינסטע געוואַנטן,
מיט בלומען פון בערג און פון טאָל!...

איך וועל דיר אויך ווינטער בלומען פאַרשאַפן,
און פלעכטן פון פּראַסטיקן שניי דיר אַ קרויז,
איך וועל פון אייז־פּראַנזן און פּרעכטיקע שטאָפן
דיר וועבן און שמידן אַ הימלשן טראָן...

קיין אַנדערע רייכטומס האָב איך ניט פאַרמאָגט.

אַ בריוו צו מיין טאַטן

„ליבהאַרציקער פאָטער! איך האָב זיך פאַרליבט! דאָס וועט אפשר ביי דיר אויסקומען פריקרע. איצט זיך פאַרליבן... איך האָב אָבער דעם שווערן נסיון ניט געקענט ביישטיין; איז ניט אמאָל מיין בענקען צו דיר שולדיק אין מיין ליבעס־געפיל? צי אפשר מיין קראַנק געמיט, מיינע איבערמענטשלאַכע ליידן?... איך אַליין קען זיך דאָס ניט דערקלערן, אויך קען איך זיך אַליין ניט באַהערשן פון מיין איצטיקן ליבעס־געפיל. איך ווייס ניט וואָס אַזעלכעס איז אין מיר פאָרגעקומען, עפּעס פיל איך מאָדנע, גאָר ניט דאָס וואָס פריער. אַלעס זעט ביי מיר אויס אין לעבן פריילאַך, לעבנסווירדיק און טייער; איך קוק גאָר מיט אַנדערע אויגן אויף אַלעס און אַלעמען. איך זע פאַר זיך בלויז לעבעדיקע, ראַזעווע און רייצנדע פאַרבן. איך וואָלט די גאַנצע וועלט ארומ־גענומען, פעסט געדריקט צום הארצן. איך וואָלט יעדן פאַרביי־גייענדן פריילאַך אריינגעקוקט אין געזיכט, און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז כ'האָב ליב, אַז כ'בין גליקלאַך און וויל אַז יעדער זאָל זיין גליקלאַך, לעבעדיק און פריילאַך. טייערער פאָטער! אויב דאָס איז די ליבע וואָס האָט מיך געמאַכט אַזוי מילד, לוס־טיק און גליקלאַך, און אויב דאָס איז די אורזאַכע וואָס מאַכט

מיד אזוי גוט פילן, דאַן איז די ליבע זייער גרויס, הייליק און דערהויבן...

„פון יענעם מיידל, אין וועלכער איך האָב מיך פאַרליבט, זייענדיק אין דעם קליינעם גאַליציאַנער שטעטעלע, צווישן די בערג, ווייסטו דאָך שוין דעם סוף. נאָר איך בין, מיין האַר־ציקער טאַטע, אין דעם ניט שולדיק, וואָס די ליבע האָט ניט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן: יענע איז נאָך ניט געווען גענוג דער־צויגן צו דער ליבע, וואָס איך האָב איר געשענקט; נעמען אָנטאָן א טלית און מאַכן אַ פרום פּנים האָב איך ניט געקענט. דו ווייסט דעם אמת, אַז דאָס וואָלט געווען פאַלש און שלעכט פון מיין זייט, אויך א גרויסע פאַרשוועכונג פון דער ליבע וואָס איך האַלט אזוי הייליק און איבער אַלעם אין דער וועלט... זיי, גלויב מיר, האָבן מער ניט געוואָלט, פאַר זיי איז געווען רעכט, אַז איך זאָל מיך פאַרמאַסקירן; אין הארצן זאָל איך בלייבן וואָס איך וויל, אָבער חלילה דאָס ניט אַרויסווייזן אָפן. אָט בלויז אַזאַ קליינ־קייט האָבן זיי פון מיר געוואָלט: איך זאָל ווערן דאָס וואָס זיי אַליין זיינען און ניט אַנדערש פון דער גאַנצער וועלט. נאָר איך האָב דאָס ניט געקענט. מיין ליבעס־געפיל איז געווען שטאַרק, אָבער נאַרן האָב איך ניט געקענט... מסתמא ווייסטו אויך פון דעם אַז זיי האָבן מיך אַריינגעלייגט אין חרם דערפאַר, וואָס כ'האָב יום כפור ניט געפאַסט. דו ווייסט אָבער — זיי ווייסן ניט — אַז איך בין דעם גאַנצן טאָג געלעגן אויף דעם העכסטן פון די בערג פון דער אומגעגנט און געוויינט און געקלאָגט אויף זייער הילפ־לאָזיקייט, אויף זייערע ליידן, פּיין און אומבאַהאָלפנקייט... די בוימער און וואַלקנס וועלכע זיינען געהאַנגען איבערן באַרג, אויך די קאַלטע, שטומע ערד, אויף וועלכער איך האָב זיך ווי א שלאַנג געוואַלגערט, זיינען מיינע עדות.

„די איז שוין ניט ווי יענע. זי פאַרלאַנגט ניט, אַז איך זאָל מאַכן אַ פרום געזיכט. ניין, פאָטער! זי איז ניט ווי יענע. אמת, זי איז ניט פון די וואָס זאָגן: „נעם מיך מיט, איך וועל דיר נאָכגיין, איך וועל דיר נאָכלויפן אין דער מדבר, אין דעם גלות, ווייל איך זוך בלויז דיין ליבע!” ניין, פאָטער! אויך ניט אַזעלכע איז מיין איצטיקע געליבטע, זי זוכט אויך א באַ־קוועמלאַכע עקזיסטענץ, נאָר איך וויל זיך ניט אָפּגעבן קיין רעכענונג, אַבי ליבן! אַנדערש, וואָלט איך באַלד אַליין פאַר־סם'ט געוואָרן פון מיין אייגענער גיפט און דערטרונקען געוואָרן

אין מיין אייגענער גאַל! מיין האַס וואָלט מיך אַליין פאַרברענט און דאָס פייער און אינערלאַכע ברענען פון מיין האַרץ, וואָלט מיך סוף־כל־סוף אַליין פאַרקוילט... אַצינד בין איך ווידער אַ מענטש! איך ליב ווי אַ קינד! אוי, פאַטער, ווי אַ קינד איז דאָס בעסטע צו ליבן, איך ווער געלייטערט דורך דער ליבע אַזוי ווי אַן אומשולדיק קינד. אוי, איז גוט צו זיין אַ קינד! טייערער, האַרציקער פאַטער.

„דאַ ניט לאַנג בין איך געווען צווישן חברים, וואו מ׳האָט גערעט וועגן זעלבסט־אָפּער, וועגן קדוש השם און העלדישקייט; מיר האָבן באַשלאָסן צו גרינדן אַ ברידער־פאַרבאַנד וואָס וועט הייסן: „בני יעקב.” ער וועט האָבן דעם כאַראַקטער פון די „בני יעקב”: מיר וועלן פאַר איין טראָפּן אומשולדיק בלוט, פאַר איין געשענדעטע אידישע טאָכטער, פאַרניכטן זייערע גאַנצע שטעט... מיר האָבן באַשלאָסן אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ, למשל, פורישקעוויטש, לוגער און זייער גלייכן. מיר ווילן איינמאָל־פאַר־אַלע־מאָל וויזן דער וועלט, אַז מיר זיינען אידן און אַלס אַזעלכע וועלן מיר זיך ביטער אָפּרעכענען מיט אונזערע שונאים. אונזער דעוויז: „ציטערט! ווייל ס׳גייט אַ טאָג, אַ שווערער טאָג פון נקמה פאַר אַלע בלוט־דורשטיקע חיות!”

„איך בין געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער חברה און געזאָגט „תמות נפשי עם פלשתים!” — ווי איז דיין מיינונג, פאַטער? איך דיינק, אַז דאָס איז דער איינציקער ריכטיקער און גוטער פּלאַן. ווי דען זאָלן מיר נאָך אַנדערש האַנדלען?... מיינע חברים ווילן גאָר ניט גלויבן, אַז איך בין פייאיק צו האַנדלען, ווי איך רעד; אַצינד, ווען איך בין פאַרליבט, שרייען זיי, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענער און וועל שוין מער ניט קאָנען אָפּערן מיט זיך, אַפילו ווען איך זאָל מיטן בעסטן ווילן דאָס וועלן טאָן... אייניקע זאָגן, אַז דער וואָס איז פייאיק צו גיין שטאַרבן פאַר אַ פרוי, וועט ניט גיין שטאַרבן פאַר אַן אַנדער אידעאַל. און אפשר האָבן זיי רעכט און פון מיר איז גאָר אַן עולה אין אַזאַ מורא׳דיקער צייט זיך צו פאַרליבן?

„איבערהויפּט אין דעם מאָמענט, ווען מען גרייט זיך צו משפּט׳ן דאָס אידישע פאָלק, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק ווערט אַצינד פּראָצעסירט אין קיעוו אין דער פּערזאָן פון ביילים׳ן. מ׳חקירה׳ט זיך, צו אידן דאַרפן האָבן קריסטלאַך בלוט אויף פּסח?... נו, וואו לעבן מיר עס איצטער? אין אַ וואַסער

צייט־רעכענונג געפינען מיר זיך?... וואָס פאַר אַ וועלט? וואָס פאַר אַ מענטשן? איז מעגלאַך, אַז די לופט איז אַזוי גיפטיק און האָט אָפּגעס'ם'ט דעם מענטשלאַכן פאַרשטאַנד? אייניקע מאָל, אַז איך באַטראַכט גוט דאָס לעבן און די מענטשן, ווייזט זיך מיר אויס, אַז די וועלט איז אַ דולהויז און די מענטשן — משוגעים, וואָס לויפן אַרום הין און צוריק אָן אַ ציל און אָן אַ סוף... פאַר וואָס זאָל זיך ניט געפינען קיין אייןציקער מאַן, וואָס זאָל זיין קלאָר און וואָרענען פאַר דעם גייסטיקן אָפּ־גרונט און אונטערגאַנג?... פאַר וואָס דונערן ניט אויס די מעכטיקע שטימען קעגן דעם ווילדן און געוואַלטיקן אומזין און פאַרברעכן?!... געוואַלד! וואו זיינען מיר דען, אין דער וועלט!!!"

מאָביליזאַציע

ווי אַ שרעקלאַכער געוויטער וואָס ברויזט אויף די כוואַליעס פון ים, האָט זיך צעטראָגן די בייזע בשורה: מלחמה!...

די קויל וואָס האָט געטראָפן זשאָרעס'ן האָט גלייכצייטיק פאַרשטומט די טויזנטער, טויזנטער שטימען, וועלכע האָבן גע־וואָרנט פאַר דעם געפאַר, גערופן און געוועקט דעם מענטשנס געוויסן!

דוכט זיך, ערשט נעכטן איז דאָס געווען, ווען מ'איז גע־לאָפן איבער די גאַסן פון דער גרויסער שטאָט פּאַריז און גע־שריגן: נידער מיט קריג!! זאָל לעבן דער פרידן!... אויף דעם פּלאַץ פון דער רעפּובליק, אויף די גרויסע בולוואַרן האָבן זיך געטראָגן שטימען: מיר ווילן פרידן, ניט קיין קריג! נאָר באַלד זיינען די שטימען פאַרשריגן געוואָרן פון ווילדע קולות און בייזע געשרייען. מאַרס, דער מורא'דיקער גאָט פון קריג, האָט גענומען דאָס וואָרט. די בלאַנקע זעבלען פון די אָרדנונגס־היי־טער האָבן געפּאַכעט אין דער לופטן איבער די קעפּ פון די מאַסן: מ'וועט אייך געבן פרידן!... די פערד זייערע האָבן צום טאַקט געקלאַפּט און געטראָטן איבער מענטשן. — אַ פיינער ספּעקטאַקל! — האָט לעבן מיר איינער זיך אָנגערופן. — מען קען בעסער ניט מאַכן, — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן, — פראַנקרייך האָט די מלחמה ניט געוואָלט!...

זיי האָבן שוין דאָ די שלאַכט דורכגעמאַכט. די אַלע צע־שפּאָלטענע קעפּ און רוקנס... קולות ווי פון ניט־דערקוילעטע

אקסן האָבן זיך געטראָגן פון אַלע זייטן... אייניקע האָבן גע־שריען:

— בעסער דאָ שטאַרבן, איידער בלייבן ערגעץ אויף אַ פעלד אויפגעגריזעט ווערן פון פייגל און חיות!...

אַנדערע האָבן גע'טענה'ט:

— מיר זיינען אַרויסגעפאַדערט צום קריג, מוזן מיר זיך באַשיצן! — דער קריג פון יאָר 70 האָט אונז שוין גענוג אָנ־געלערנט...

נעכטן האָט מען נאָך דיסקוטירט, היינט לויפט מען שוין איבער דיזעלבע גאַסן מיט ווילדע אויסגעשרייען: נידער מיט דייטשלאַנד! — קיין בערלין! קיין בערלין!... די מאַסע ווערט וואָס אַמאָל ווילדער, צערייצטער און פרעכער, מ'לויפט ווי פאַר'סם'טע מייז מיט דעם דריי־פאַרביקן פאָן און מען רופט צו בלוט־פאַרגיסונג... מ'וואַרפט מענטשן פון די פענצטער, מ'ברעכט שויבן; קולות ווילדע שרייען: מ'דאַרף די „באַשעס" אויסקוילען! לינטשן זיי! אַלע זיינען דאָ שפּיאָנען! הרג'ע־נען! שילדן ווערן אָפּגעריסן — די „מאַזשי" זיינען דייטשן, זיי האָבן פאַר'סם'טע מילך! מ'וויל אומברענגען אַזוי אונזערע קינדער און גאַנץ פראַנקרייך!... טראַד! טראַד! גוט אַזוי! מ'מוז זיי אומברענגען, די באַשעס! — טראַד... טראַד... זאָל לעבן פראַנקרייך... טראַד! טראַד! נידער מיט די דייטשן!

דעם 25־טן אויגוסט האָבן אין גרויסן זאַל פון אינוואַלידן־פּאַלאַץ דורכמאַרשירט טויזנטער אידן פון רוסלאַנד, רומעניע, טערקיי, וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס פרייוויליקע אין דער פראַנ־צויזישער אַרמיי. און צווישן די אידן האָב איך זיך אויך געפונען.

אַ בריוו צו מיין טאַטן

„ליבער, גוטער פאָטער.

„...איך האָב זיך אַזוי שטאַרק אַריינגעלאָזט אין דער מלחמה קונסט, אַז איך האָב שוין כמעט פאַרגעסן אָז דער גאַנ־צער וועלט. איך האָב געבעטן איינעם אַ גוטן פריינט, אַז ער זאָל מיר שיקן עפּעס צום לייענען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז עס איז גלייכער, איך זאָל ניט לייענען און ניט וויסן, וועט מיר גרינ־גער און בעסער זיין. „דאָס לייענען וועט דיך אויפרעגן," האָט ער געשריבן, און ער האָט רעכט געהאַט. אָט האָב איך באַקומען

נייס צום לייענען: פרישע, שפאָגל־נייע פּאָגראָמען אויף אידן. אין די ערטער, וואו דאָס רוסישע מיליטער געפינט זיך, ווערן אָפּגעטאָן שוידערלאַכע מעשים. ווידער אידישע טעכטער געשענ־דעט, ווידער נײַ קרבנות... אַלטע לײַט, קינדער, פרויען און מענער... נײַע גזירות, נײַע רציחות, נײַע בלבולים... אַן אַלטער רב געהאַנגען פאַר די אויגן פון דער גאַנצער שטאָט; צען אידישע מיידלאַך דערטרינקען זיך פאַר שאַנדע, און פון הונדערטער שטעט און שטעטלאַך ווערן די אידן אַרויסגעטריבן פון זייערע באַזעסענע ערטער, וואו זיי האָבן זיך קוים דערנערט. פון נסים געלעבט. און אַצינד טרייבט מען זיי איבער די ווילדע וויסטע סטעפּעס, אין שנײ און אין רעגן, אין ווינט און אין פראָסט... דער איינציקער שוץ זייערער איז נאָך דער הימל, דער נאַקעטער, הוילער הימל. און אויך ער איז גרויזאַם צו זיי! גאָט! ווי שרעקלאַך! ווי שרעקלאַך איז דאָס צו הערן! און איך בין דאָ, אַזוי ווײַט פון זיי... איך האָב זיך באַהאַלטן אין טראַנשייען, ניט צו זען זייער פּײַן, זיי ניט קענען העלפן אַפילו מיט אַ טרער און קרעכץ... וואָס איז דער אונטערשייד פון די וואָס באַהאַלטן זיך אין די קעלערס, אויף די בוידימער, און מיר? קיין אונטערשייד! דאָרטן זיינען פּאָגראָמען, פּייניגונ־גען און איך האָב זיך דאָ באַהאַלטן! וואָס האָב איך דאָ צו טון?!

„...ניט לאַנג צוריק האָט מיר שמואל דערציילט, אַז אויך ער האָט זיך פאַרשאַפט אונאַנגענעמלאַכקייטן: דריי שכורים זיינען אַריין צו דיר אין שטוב, זיי האָבן געשימפּט, געמאַכט סקאַנדאַלן און צום סוף געוואָלט דיך שלאָגן. דיך שלאָגן?! דאָס האָט אים אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט מיט אַ שטיוול אין האַנט, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין אָנטאָן, אַ שפּרונג געטאָן צו זיי... און דריי, מיט איין שטיוול... דריי! — וואָס פאַר אַ פאַרגלייך און ווערט האָבן געהאַט טויזנט מיט אַ באַק פון אַן אייזל אַנטקעגן די דריי מיטן שטיוול וואָס זיינען קוים מיטן לעבן אַרויס פון שטוב... און דערנאָך? וואָס האָסטו, אַריי־מער פאָטער, געהאַט אויסצושטיין פון דער פּאָליציייאישער גע־רעכטיקייט... טאַקע ריכטיק... געקומען צו דיר אין שטוב, געמאַכט סקאַנדאַלן, שאָדן, אָבער — אין רוסלאַנד מעג מען עס! און דער פּריסטאַוו האָט דיר, אַ קראַנקן, אַלטן מאַן געגעבן מיטן שטיוול אין בויך!... גאָט! פאַר וואָס בין איך ניט געווען אַ שטיין פון דער וואַנט און ניט אַראָפּגעפאַלן און אים צעשמע־

טערט! אויב ניט — כאַטש אַ פליג, וואָס זאָל זיך באַזעצן אין זיין מוח און פרעסן... און שמואל האָט דאָס צוגעזען. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אים צוגעהאַלטן און ער האָט נאָר אַ געשריי־געטאָן, אָבער דו האָסט קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אַביסל דאָס מויל פאַרקרימט און רואיק געקוקט דיינע פייניקער אין פּנים... ביזט געשטאַנען און געקוקט פאַר זיך גלייך... ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען. אָט אַ פּנים אין דעם ביזטו אויך שולדיק... וואָס וויינט ער דאָ ביי מיר, טאַטע? דאַן האָט ער ניט געוויינט, און איצט, דערציילנדיק, וויינט ער!... אָט, ווי גרויזאַם! ווי שרעקלאַך! פאַרוואָס האָסטו כאַטש איינעם פון אונז ניט אויס־געלערנט זיין האַרט, בייז און ווילד!... וואָס איז דאָס פאַר אַ גאַנג?! וויינען, שטענדיק וויינען! ניט איינמאָל האָב איך מיין קישן פאַרפלעקט צוליב די עראינערונגען וואָס לאָזן מיך ניט שלאָפן... אויך שמואל דאָסזעלבע. פאַרוואָס ביידע אַזוי גע־שטראָפט?! דו האָסט אונז געלערנט רחמנות: „זאָלסט זיך ניט פרייען, ווען דיין שונא פאַלט", „זאָלסט דיין פיינד ניט ארויסלאָזן ליידיק פון דיין שטוב", איז וואָס איז דער וואונדער?

„האָסטו נאָך מיין רעוואָלווער וואָס איז דיר דער איינצי־קער אנדענק פון מיר געבליבן? האָסטו אים? — דאַן זוך אויס וועמען, ווער ס'זאָל מיין פּלאַץ פאַרטרעטן!... פאָטער, איך בעט דיר... דאָס וועט מיך אַביסל באַרואיקן.

„...אַ, איך האָב גאָר פאַרגעסן! ס'איז קיינער ניט געבליבן מיט דיר, פאָטער! אַן עלנדער, אַלטער מאַן ביזטו געבליבן, קראַנק, צעבראָכן, און פאַרלאָזן פון פריינט און קינדער... אַ, ווי שרעק־לאַך! ניין! נאָר ניט דו... נאָר ניט דו... דיר ציטערן די הענט. דאַרפסט ניט גיין, וועסט ניט קאָנען שיסן.

„אפשר דעם שפרוד, דעם שם המפורש אין אַ גולם אריינ־בלאָזן, ער זאָל גיין פאַרטיידיקן די הילפלאָזע. אָט דאָס האָט דאָך אַמאָל פּאַסירט — פאַר וואָס דען ניט אַצינד? גיב נאָר אַ קלער, וועסטו זיך דערמאָנען דעם שפרוד. איך ווייס, אַז דו קענסט אים. יאָ! יאָ! דאָס וועט זיכער העלפן, פאָטער! נאָר נישט פאַרצווייפלען!"

צווישן לעבן און טויט

דאָס איז פאָרגעקומען אין דער נאַכט אויפן ערשטן מערץ פון 1916. איך בין געשטאַנען אויף פּאַטרול. ס'איז געווען אַז

עסעדיק־פוילע קעלט. שלעפעריק בין איך געווען, האָב איך זיך געוואָלט אַביסל אויסדרעסירן, אויפמונטערן, און גענומען פּרו־בירן די גראַנאַטן, וואָס מ'האָט אונז מיטגעגעבן צו וואַרפן אויף די דייטשן. נאָר אין דער טראַנשיי איז ניט געווען באַקוועם צו וואַרפן די גראַנאַטן, בין איך, אַ דאַנק דער פינצטערניש, אַרויס פון טראַנשיי און געוואָרפן די גראַנאַטן איינס נאָך דעם אַנדערן. כ'האָב אַזוי לאַנג געוואָרפן, ביז, פּלוצלונג, האָט מיר דורכגעלע־כערט די ברוסט און איך בין געבליבן באַוואוסטלאָז אויפן פעלד...

ווען מ'האָט מיך אַראָפּגענומען פון פעלד, בין איך געווען כמעט טויט. דאָס בלוט איז אינגאַנצן אַפּגעלאָפן פון מיר. ווען מ'האָט מיך געבראַכט אין ערשטן פעלד־אַמבולאַנס, האָט דער דאָקטאָר דערקלערט, אַז ס'איז ניט נויטיק מיר צו געבן הילף און באַנדאַזשירן די וואונד, ווייל ביי מיר זיינען די לינקע לונגען דורכגעלעכערט און איך וועל לאַנג ניט לעבן... איך האָב גע־הערט, וואָס מ'האָט גערעט און געזען ווי מ'האָט זיך אַרום מיר געפּאָרעט, נאָר האָב ניט געקענט ריידן און אפילו באַוועגן מיט די אויגן... איין זאַך: איך בין געווען ביים פולן זינען און זיך געטראַכט, אַז איך וועל ניט שטאַרבן...

דער פעלדשער, וואָס האָט מיך געבראַכט אין אַמבולאַנס, האָט זיך געשפּאַרט מיטן דאָקטאָר און געזאָגט, אַז מ'קען מיך נאָך ראַטעווען, ווען מ'וועט מיך אָפּפירן אין אַ שפּיטאָל קיין רואַן־לע־עטאַפּ.

אויף דעם וועג צום שפּיטאָל האָב איך פאַרלוירן ווידער אַמאָל דאָס באַוואוסטזיין. אין רואַן־לע־עטאַפּ בין איך געלעגן ניין טעג אין אַ צושטאַנד צווישן לעבן און טויט. דער דאָקטאָר, דערזעענדיק אויף מיין פאַרבלוטיקטן מיליטער־ביכל: סאַמועל שוואַרצבאַרד — האָט מיך אַ פּאָר מאָל געפרעגט, צי איך וויל ניט קיין ראַבינער, אויף וועלכן איך האָב געגעבן אַ נעגאַטיוון ענט־פער. ער האָט זיך אָבער ניט באַרואיקט און האָט אויסגעזוכט אין דעם שטעטל עפּעס אַ אידישע עלזאַסער פרוי, וואָס איז גע־קומען מיך באַזוכן און אָנגעשריבן אַ טרייסט־בריוו מיין ווייבל קיין פּאַריז...

פון רואַן־לע־עטאַפּ האָט מען מיך איבערגעפירט קיין ברויער, וואו איך בין אָפּגעלעגן פופצן טעג, און אַ דאָקטאָר, אַ פראַנצויז, געבוירן אין מאָסקווע, האָט מיך געהיילט און זיך מיט מיר באַ־פריינט. פון ברויער האָט מען מיך שוין אָפּגעשיקט מיט אַ סאַ־

ניטאָרן צוג קיין ליאָן, נאָר פאָרנדיק אין צוג האָב איך גענומען פילן, ווי איך גיי אויס... די כחות האָבן מיך אינגאַנצן פאַר־לאָזן. צו מיין גליק, איז געקומען אַ הויפּט־אינספּעקטאָר דורכ־זען די וואַגאָנעס מיט די פאַרוואונדעטע און, מיך דערזעענדיק, האָט ער געגעבן אַ באַפעל אַפּצושטעלן דעם צוג, און מ׳האָט מיך אַראָפּגעפירט אין אַ סטאַנציע־אַמבולאַנס, מיר איבערגעביטן דעם באַנדאַזש — און איך האָב ווידער אויפגעלעבט... אין ליאָן, ווען מ׳האָט מיך אַראָפּגעבראַכט מיטן אַמבולאַנס אין אַ מאָנאַס־טיר, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, בין איך ווידער געבליבן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. מ׳האָט מיך באַלד אַרויפגעפירט אין אַ צעלע און ווידער איבערגעבונדן די וואונד, וואָס האָט מיך אויפגעמונטערט, און איך בין ווידער געקומען צו זיך.

אין מאָנאַסטיר בין איך פאַרבליבן פינף וואָכן. דאָרטן האָב איך געשלאָסן גוטברודערשאַפט מיטן גלח, וועלכער פלעגט אַ פּאָר מאָל אין וואָך קומען געוואויר ווערן צו די קראַנקע סאָלדאַטן און זיי געבן זיין ברכה. איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אין זאַל, וואו איך בין געלעגן, און, דערזעענדיק אַ אידישע צייטונג אויף מיין טישל, האָט ער זיך געוואונדערט: „וואָס, איר זייט אַ איד?" „יאָ, הער גייסטלאַכער." „איך האָב געלערנט העברעאיש, איך קען די ביבל אויף העברעאיש" — נעמט ער זיך פאַר מיר באַ־רימען מיט זיינע קענטענישן — „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ; נאָר אייער צייטונג פאַרשטיי איך ניט".

„ס׳איז דערפאַר, ווייל דאָס איז אידיש" — און איך האָב אים דערקלערט, וואָס עס מיינט „אידיש". אַזוי צוביסלאַך איז דער גלח מיט מיר געוואָרן אַ גוטער ברודער און איז שוין גע־קומען אָפטער פאַרברייננגען מיט מיר די צייט און דיסקוטירן וועגן טעאָלאָגיע און אַנדערע ענינים...

ענדע 1916 בין איך שוין געקומען קיין פּאַריז אויף צוויי חדשים ערהאָלונג, און ווען די צוויי חדשים האָבן זיך פאַרענ־דיקט, האָט מען מיר געגעבן נאָך צוויי און נאָך צוויי, ביז 1917. אין דערזעלבער צייט בין איך געגאַנגען אין גראַנד־פּאַלע מאַכן עלעקטריזאַציע אויף מיין לינקער האַנט, מיט וועלכער כ׳האָב ניט געקענט רירן.

ג

די רעוואָלוציע...

די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון מערץ האָט מיך שוין געטראָפן אין דער קאַזאַרמע פון אינוואַלידן, וואו כ'האָב געזאָלט דורכגיין צו באַפרייט ווערן ענטגילטיק פון דינסט מיט אַ פענסיע. די פאַפּירן זיינען שוין געווען גרייט. איך בין שוין אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען אַ וויזיט ביי די עקספּערטן־דאָקטוירים, וואָס האָבן מיר באַשטימט אַ מיליטער־פענסיע פאַרן לעבן־לאַנג.

דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז מען פאַרלאַנגט פרייוויליקע סאָל־דאַטן קיין רוסלאַנד צו פאָרן, פאַרשרייב איך זיך. כ'לאָז דאָן איבער קנין מיט מניז, מיין רעפאָרמע (באַפרייאונג), בלייב הייגנען אין דער לופטן, די בעבעכעס איבערגעלאָזט ביי פריינט און באַ־קאַנטע, גענומען מיין אידענע און — „קאַטאַי" נאָך רוסלאַנד...

דעם פיפטן אויגוסט, 1917, זיינען מיר אָפּגעפאָרן אַ גרופּע פון ניין־און־דרייסיק פרייוויליקע רוסן קיין ברעסט. דאָרטן האָט אויף אונז געוואַרט די פערציק־יאָריקע שיף „מעלבורן" מיט אַ העכער טויזנט רוסישע אינוואַלידן פון די צוויי דיוויזעס, וואָס דער צאַר האָט געשיקט אין אָנפאַנג 1916 זיך צו שלאָגן אויף דעם פראַנצויזישן פראָנט. מיט דער שיף מעלבורן זיינען מיר געפאָרן פון ברעסט קיין אַרכאַנגעלסק גאַנצע ניינצן טעג. מיר זיינען געפאָרן זייער ווייט פון די ברעגן, מורא־האָבנדיק פאַר די דייטשע סובמארינס, וואָס האָבן צו יענער צייט אָנגעפילט די ים'ן. אין אַטלאַנטישן אָקעאַן זיינען מיר דערגאַנגען ביז 61 גראַדוסן נאָרט, פון דאָרטן זיינען מיר געפאָרן אין אַרקטישן אָקעאַן און אין דעם ווייסן ים ביז אַרכאַנגעלסק.

אין דער זעלבער צייט איז געפאָרן אַ צווייטע שיף מיט אַמוניציע, דעם זעקסטן טאָג האָבן מיר זיי פאַרלאָרן פון אויג. דעם זיבעטן טאָג האָבן מיר דורך אַ צופאַל אויסגעמיטן צו ווערן באַמערקט דורך אַ דייטשער סובמאַרין. דערפאַר האָט די צווייטע שיף ניט געהאַט דאָס זעלבע גליק. און ווען מיר זיינען געקומען

אויף דער ליניע שפּעטער, וואָס אונזער שיף האָט מיט דערפאָלג אויסגעמיטן, האָבן מיר שוין געזען ארומשווימען אין אָקעאַן צעבראָכענע שטיקער שיף, אַ פּאָר ליידיקע שיפלאַד, אַ פּאָר פּעס־לאַד און אַנדערע זאַכן, וואָס די כוואַליעס האָבן זיך מיט זיי ארומגעוואָרפן און געשפּילט...

איינִיקע טעג פאַר אונזער אָנקומען קיין ארכאַנגעלסק האָט זיך איינער פון די רוסישע אינוואַלידן אריינגעוואָרפן אין דעם ברויזנדן ים. מען האָט געזאָגט, אַז עס איז געווען אַן אומגליקס־צופאַל, אַנדערע האָבן אָבער באַהויפּטעט, אַז עס האָבן אים אריינגעוואָרפן אין ים זיינע פּאָליטישע שונאים.

וואָס נאָענטער מיר זיינען צוגעקומען צום נאָרד־פּאָל, זיינען די נעכט געוואָרן קלענער, און צו־לעצט האָבן מיר געהאַט די אמת׳ע ווייסע נעכט. ארום צוועלף אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר געזען ווי די זון פאַרוקט זיך אונטער אַ וואָלקן און אַ האַלבע שעה שפּעטער איז זי שוין ארויס און עס איז געוואָרן טאָג. די דער־שיינונג האָט מיך געמאַכט דענקען אין די אידישע ספרים מיט די וויטע רייזעס אונטער די הרי חושך פון יענער זייט סמבטיון. די אַלע קינדערשע פאַנטאַזיעס און פאָרשטעלונגען האָב איך פלור־צים דערזען אויף דער וואָר...

פון ארכאַנגעלסק האָבן מיר זיך געלאָזט מיט דער שמאָלער ליניע דורך די טונדרעס ביז וואָלאָגדאַ, וואו מיר האָבן צום ערשטן מאָל באַגעגנט די אידישע פּאַרטריבענע פון פּוילן און ליטע, וואָס ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש מיט „די לאַנגע פּיס" האָט פאַרטריבן אין 1915 פון די סטראַטעגישע מלחמה־פּונקטן...

פון וואָלאָגדאַ זיינען מיר געפאָרן קיין פּעטראָגראַד, וואוהין מיר זיינען געקומען אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע. די שפּורן פון דער רעוואָלוציע זיינען נאָך געווען פריש. אויפ׳ן מאַרס־פעלד זיינען נאָך די קברים געווען באַצירט מיט לעבעדיקע בלומען... בלויז די רויטע פאָן אויף דעם ווינטער־פּאַלאַץ איז שוין געווען אָפּגעבליאַקעוועט...

באַלד נאָך מיין אָנקומען האָט מיך אַ בילד געמאַכט דענקען וועגן דער רעוואָלוציע: פאָרנדיק אין טראַמוויי, וואו מיר זיי־נען געווען אָנגעשטאָפּט ווי די הערינג אין אַ פּעסל, האָב איך געזען אַ רוסישן פּאָלקאָווניק שטיין צווישן סאָלדאַטן אויף דער פּלאַטפאָרמע און ריידן גוט־ברודעריש מיט זיי. ער האָט ארויפ־

געלעגט אויף איינעם פון זיי ביידע הענט אויף די אקסלען און געזאָגט:

„זעהסט, ברודער, אצינד האָבן מיר זיך דערלעבט אַן אמת'ע פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט. דאָס גרויסע רוסלאַנד וועט געהערן צום גאַנצן גרויסן רוסישן פאָלק, ניט צו איינציקע פּאַראַזיטן, וואָס האָבן געזויגן דאָס בלוט פון פאָלק. אצינד וועט ניט זיין קיין אונטערשייד פון קאַסטעס און טיטולן, ווי פריער. אַ גענעראַל, אַ פּאָלקאָווניק און אַ סאָלדאַט זיינען די אייגענע מענטשן, וואָס האָבן דאָס זעלבע רעכט, ניטאָ קיין אונטערשייד!"

ביי די סאָלדאַטן האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן, און ביים פּאָלקאָווניק — אויך...

אין גאַס האָב איך באַמערקט רעדלאַך שטיין און דיסקור־טירן מיט אַנאַנדער. אַן עלטערער מאַן איז צוגעגאַנגען צו אַ קינד און אים געזאָגט: „ווי גייט'ס, טאָוואַרישטש (קאַמעראַד)?" דאָס וואָרט ברודער און חבר האָט מען געהערט אויף טריט און שריט...

די פּעטראָפּאַוולאָווסקא פעסטונג איז געשטאַנען אָפן פאַר יעדן, און מען האָט געוויזן די קאַמערן, וואו ס'זיינען ביז טויט פאַרמאַטערט געוואָרן די רוסישע קעמפער פאַר פרייהייט און מענטשן־רעכט... און די מאָדערנע צאַרישע הענקער, די אַלע רעאַקציאָנערן און מיניסטאָרן האָבן אצינד פאַרנומען אין דער פעסטונג די איינזאַמע צימערן פון די אַלטע רוסישע רעוואָלו־ציאָנערן...

ענדע סעפּטעמבער, 1918, באַלד נאָך דער ערשטער מפּלה פון קאָרנילאָוו, ביי קראַסנאַיע סעלאָ, האָב איך פאַרלאָזט פּעטראָ־גראַד און געקומען קיין אָדעס און פון דאָרטן גלייך קיין באַלטאַ, וואו מיין פּאָטער האָט זיינע אויגן אויסגעקוקט, מיך דערוואַרטנדיק.

גראָד אין יענער צייט האָט נאָך געראַשט די געוויסע אומ־גליקלאַכע קערענסקי־ברוסילאָוו־אָפענסיווע קעגן עסטרייך און דייטשלאַנד, וועלכע, אַ חוץ די מאַסן קרבנות וואָס זי האָט אָפּ־געקאָסט דער נייער רוסלאַנד, האָט נאָך געגעבן אַ פרייע האַנט די קעגנער, און דורך די אָפענע פראָנטן, פאַרלאָזט פון די רוסישע אַרמייען, וועלכע זיינען שוין געווען אויסגעמאַטערט, פאַרהונ־גערט און דעמאָראַליזירט, האָבן זיך די דייטשע־עסטרייכישע יונ־קערס, ווען די מפּלות אויפן מערב־פראָנט האָט פאַרביטערט,

א לאַז געטאָן מיט זייער גאַנצער ווילדקייט קעגן דעם רעוואָ־לוציאָנערן רוסלאַנד.

פונקט דאָן איז אויסגעקומען, דאָס דורך באַלטע, די באַ־רימטע היסטאָרישע שטאָט פון פּאָגראָמען און בלוטיקע דערפּאָ־רונגען, האָבן גערדאַרפט דורכגיין געוויסע רעזערוו־אָפּטיילונגען צו די פראָנטן, וואָס דאָס האָט באַטייט נייע פּאָגראָמען און שחיטות אויף אידן; און ניט אומזיסט האָבן זיך די אידן אַזוי שטאַרק דערשראָקן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די רעזערוון וועלן מוזן דורכגיין דורכן צענטר פון שטאָט.

וואָס האָבן אידן געטאָן? זיך באַלד גענומען צו זייער אַלטן מיטל: אויסקויפן זיך מיט געלט. שתדלנים זיינען גע־לאָפן פון שטאָט צום „וואָינסקע נאַטשאַלניק" (מיליטער־שעף), אַהין און צוריק. מ'האָט געבעטן, אַז מ'זאָל די רעזערוויסטן שיקן דורך אַן אַנדער וועג. די בקשה וואָלט לייכט געווען דערפילט געוואָרן, דורך דעם נייעם „וואָינסקע נאַטשאַלניק," וועלכער האָט שוין געשמעקט מיט רעוואָלוציע. האָט מען אָבער אין דעם מאָמענט גערדאַרפט האַנדלען אין איינקלאַנג מיט די אַלגעמיינע שטרעבונגען פון די סאָלדאַטן און זיי אַנפרעגן, ווי זיי ווילן, און אויף צו להכעיס, זיינען זיי געווען פאַרביטערט וואָס מען שלעפט זיי ווידער נאָך אַזוי פיל יאָרן מלחמה צו דעם פראָנט און זיי האָבן פונקט געוואָלט זייער כעס אויסלאָזן צו די אידן. זיי האָבן דוקא געוואָלט דורכגיין די שטאָט.

מיר איז צופעליק אויסגעקומען צו זיין ביים זאַמל־פונקט פון „וואָאינסקע נאַטשאַלניק" די גאַנצע צייט, ווען ס'האָבן זיך געפירט די אונטערהאַנדלונגען און, אַלס סאָלדאַט פון פראָנ־צוויזישן פראָנט, האָב איך זיך גערעכנט פאַר אַן אייגענעם מענטשן און האָב בייגעוואוינט זייערע פאַרזאַמלונגען. איך האָב מיך איבערצייגט אין דער פּאָגראָם־שטימונג פון די רעזערוויסטן, וועל־כע זיינען נאָך דערצו אויפגעהעצט געוואָרן פון די שטאָטישע רעאַקציאָנערע עלעמענטן וואָס האָבן געזוכט צו דערשטיקן די רעוואָלוציע אין אידיש בלוט. אומזיסט איז געווען די מי פון די יונגע עטלאַבע נייע אָפּיצערלאַך מיט סאָציאַליסטישע שטרע־בונגען: זיי זיינען פאַרשריגן געוואָרן אַלס „זשידאָווסקע לאַ־קעיען" און אַנטי־קריסטן. איך האָב גענומען דאָס וואָרט און זיי דערציילט פון ווייטן אויסלאַנד, וואו אידן און קריסטן לעבן בשלום; אַ סימן איך אַליין, אַ איד, האָב געשטריטן אויפן

פראַנצויזישן פראָנט אַלס פרייוויליקער און געקומען אַ פּאַרוואונ־דעטער צו העלפן רוסלאַנד, דאָס לאַנד פון רעוואָלוציע און פריי־הייט.

— גוט, דו ביזט אַ „סלאַוונער זשיד,” אָבער די אַנדערע? — האָבן זיך צעלאָזט קולות פון אַלע זייטן.

די אָפיצערן און איך זיינען הייזעריק געוואָרן רייִדנדיק און איבערצייגנדיק, אַז פּאָגראָמען זיינען אַ סם פאַר אַלעמען, און מיר וועלן פאַרלירן ניט נאָר די פראָנטן, נאָר אויך דאָס ביסל פרייהייט וואָס די רעוואָלוציע האָט אונז געגעבן.

אַז איך האָב געזען אַז ס'איז גאָר ניט צו מאַכן מיט די פאַר'סם'טע ברואים, ביז איך געקומען אין שטאָט, געפונען אַ אידישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט נאָך איר ריכטיקע פּאָלי־טישע פיזיאָנאָמיע ניט געהאַט אַרויסגעוויזן און איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון זעלבסטשוץ קעגן פּאָגראָמען און פאַר די סאָוויעטן.

דער ערשטער אַריינקום האָט אויף מיר געמאַכט זייער אַ טרויעריקן איינדרוק. צווישן די אַלע געזיכטער האָב איך ניט געפונען אַפילו איינעם פון די אַלטע קעמפער און פּיאָנערן, מיט וועלכע איך האָב פאַרטיידיקט די זעלבע שטאָט מיט צוועלף יאָר צוריק. די אַלטע רעוואָלוציאָנערן זיינען געווען פאַרשוואונדן, ווי אויסגעשטאָרבן אין דער קורצער צייט, און אויף זייער אָרט האָב איך געטראָפן יונגע קרעפטן, אָבער זייער פאַרדעכטיקע, ניט פון אונזער שניט — „נייע צייטן — נייע פייגל — נייע לידער.” דאַן זיינען מיר געווען אַ קליין הייפעלע טרוימער און מיר האָבן געהאַט קעגן זיך די רעגירונג, די שוואַרצע באַנדעס — און אַליין האָבן מיר זיך געשטעלט קעמפן מיט שמות קעגן די ווילדע צע־רייצטע חיות; מיר האָבן אָבער פאַרמאָגט אַ גלויבן אין אַ בע־סערער צוקונפט, שטרעבונגען צו אַ שיינעם אידעאַל און האָפ־נונגען. און אַצינד — יונגוואַרג וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער שטורמדיקער צייט, וואָס זיינען אויסגעכאָוועט געוואָרען אין אַ פינצטערער, פאַר'סם'טער אַטמאָספערע, אָן גלויבן, אָן רע־וואָלוציאָנערער טראַדיציע, אָן אידעאַלן, זיך ערנערט בלויז מיט דער ביטערער קעגנוואָרט פון דעם כאַאָטישן היינט! און כאָטש זיי האָבן פאַרמאָגט בעסערע פּערספּעקטיוון, ווי מיר דאַן, די צייט אַ גינסטיקערע, אַ פרייערע, די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אַ בע־סער געזיכערטע און, די הויפּט־זאַך, די רעגירונג אויף זייער זייט

און געוועך — דוכט זיך, גוט! — פונדעסטוועגן האָבן מיר געציטערט די הענט און געקלאַפּט דאָס האַרץ: עפּעס אַ שלעכט פאַרגעפיל האָט מיך באַהערשט ביי דער ערשטער באַקאַנטמאַכונג מיט די שיצער און פאַרטייטיקער פון אידישן לעבן און כבוד.

די צייט האָט אָבער געפּרעסט, אַז ס'איז ניט געווען דער מאָמענט פון פיל טראַכטן און איבערלעגונג, מען האָט געמוזט האַנדלען שנעל. האָב איך זיי צוזאַמענגענומען, דערציילט ווי די לאַגע האַלט, און אַז ס'איז מעגלאַך, אַז די סאָלדאַטן וועלן קו־מען קומענדיקע נאַכט אָדער מאָרגן.

דערהערנדיק מיינע רייד, האָבן זיך צעלאָזט אַ גרויסע מחנה יונגען אויף די גאַסן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, געלאָפן און געשריגן: „וואו זיינען זיי? וואו זיינען זיי?" און גע־האַלטן אין איין שיסן און שרייען: „מיר וועלן זיי ווייזן!"...

מיט שוועריער מי איז מיר אויסגעקומען צוריק צוזאַמענצו־נעמען די ווילדע בחורים און זיי איינצונעמען. מיין פאַרגעפיל און פאָראורטייל האָבן מיך ניט אָפּגענאַרט.

געפינענדיק צווישן זיי אַ פּאָר וואָס האָבן זיך באַצויגן מער ערנסט צו דער זאַך, האָב איך זיי פאַרגעלייגט אַ סכעמע פון דעם סטראַטעגישן פּלאַן. צוערשט צעטיילן אונזער מחנה אין דרייען און זען מיט וועמען מיר גייען צום טיש.

אַ קליינע גרופּע טישלער און שלאָסער האָבן געדאַרפט זיין גרייט צו פאַרצאַמען די וועגן און בריקן, אויף וועלכע ס'וועלן זיך באַווייזן די רעזערוויסטן. זיי האָבן געהאַט זיך צו פאַרשאַפן קנוילן דראָטן, לאַנגע העלצער, דריקעס, וועלכע מ'האָט באַדאַרפט שניידן, ביז זיי זאָלן באַקומען שאַרפע שפּיצן, פון זיי מאַכן אַזעל־כע שטעלער א. אַ. וו.

אַ גרופּע פון פייערלעשער האָט באַדאַרפט פאַרשאַפן פּאָמ־פּעס, וויפיל ס'איז נאָר פאַראַן אין שטאָט און זייער אויפגאַבע האָט געדאַרפט זיין צו שטיין אונטער די בריקן און ווען די רעזער־וויסטן וועלן זיך פּלאָנטערן אין די דראָטן, זאָלן זיי זיי אָפּפרישן מיט אַ וואַסער־פּאַל.

אַ דריטע גרופּע, מיט געוועך, האָט באַדאַרפט זיך באַפעס־טיקן פון ביידע זייטן גאַסן, גוט פאַרשטעקט, כדי מקבל פּנים זיין מיט קוילן די אָנגרייפער וואָס וועלן איבערקומען אונזערע שטרויכ־לונגען.

אָבער מיין יונגוואַרג האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין פּלאַן.

עס האָט פֿאַר זיי געשמעקט מיט צופֿיל פֿאַרזיכטיקייט. „מיר האָבן אַלע רעוואָלווערן," האָבן זיי געשריגן, „זאָלן זיי נאָר קומען, וועלן מיר זיי באַווייזן."

מיין פֿאָטער, וואָס האָט מיך באַגלייט, און איז אויך דאָס מאָל געווען דער איין־און־איינציקער באַאָרנטער איך צווישן דער יונגוואַרג, האָט זיך געפּלייסט זיי אויפֿצוקלערן די לאַגע.

— קינדערלאַך, איר באַרימט זיך אַז איר האָט רעוואָלווערן, פֿאַרגעסט אָבער ניט, אַז זיי האָבן ביקסן און זיי זיינען אַלע סאָלדאַטן און געוועזענע סאָלדאַטן וואָס האָבן שוין געשמעקט פּולווער. ס'איז גרינג צו זאָגן אָדער צו לויפֿן איבער דער גאַס און שיסן — איך ווייס ניט וועמען — אָבער ניט שטענדיק איז גוט צו גיין אויף אַ פּאַפּירענעם בריק אין דער צייט ווען די שונאים גייען אויף אַן אייזערנעם און זוכן אייך צו דערשטיקן. קוקט ניט אַזוי אויף מיר! איך האָב שוין אַ גראָע באָרד און האָב שוין מיטגעמאַכט ניט איין פּאָגראָם אין דער שטאָט באַלטע, און, ווי איר קוקט מיך אַן, האָב איך זיך ניט באַהאַלטן אויף אַ בוידעם. מיין זון איז אַן עדות, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן — אמת, קינד מיינס? — האָט ער זיך געווענדט צו מיר און איז דערזעלבער צייט גענומען ווישן די גרויסע טרערן, וועלכע זיינען געראָנען פֿון זיינע אויגן.

נאָר וואָס איז געווען צו ריידן מיט דער פֿאַר'שכור'טער יונגוואַרג, אַן טראַדיציעס, אַן דערפֿאַרונג?

די צייט איז אָבער געווען קורץ, די געפֿאַר — גרויס, די נאַכט איז צוגעפֿאַלן און מיט איר — די דראָענדיקע שרעק. מיט שוועריקייט איז מיר געלונגען צוזאַמענצושטעלן די דערמאָנטע דריי גרופּעס פֿון דעם ערבֿ־רבֿ, און מיר האָבן זיך ערשט גענומען זוכן און צוזאַמענברענגען די מאַטעריאַלן וועלכע האָבן אונדז גע־זאָלט דינען פֿאַר באַריקאַדן און שוץ מיטלען ביי די באַצייכנטע פּאָזיציע־פּונקטן.

איך האָב אויך אַפּעלירט צו די הערצער און געפֿילן פֿון די עלטערע אידן, וועלכע האָבן אינסטינקטיוו געפֿילט די דראָענדיקע געפֿאַר און האָבן זיך ניט נאָר צוגעהערט, נאָר אינגאַנצן איבער־געגעבן אין אונזער רשות. ס'איז געווען וואונדערבאַר און פֿאַר־דריסלאַך אַפֿילו, וואָס אַ גאַנצע שטאָט אידן גיבן זיך איבער אין די הענט פֿון לייכטזיניקע יינגלאַך. די אייזנוואַרגער זיינען גלייך אין מיטן דער נאַכט געלאָפֿן און צוזאַמען מיט אונדז געעפֿנט זיי־

ערע אייזן־געשעפטן, זאגנדיק: „נעמט, קינדערלאך, וואס איר דארפט און וויפיל איר דארפט.” די האלץ־הענדלער האבן געעפנט זייערע „סקלאדן” און געזאגט: „נעמט, קינדער, ברעטער, העלצער, דריקעס, וויפיל אייער הארץ גלוסט.” די פרייגעביקייט פון די אידן אליין האט אויפגעמונטערט דאס יונגוואַרג, אז זיי זאלן זיך ערנסט נעמען צו דער פארטיידיקונג. ביי וועמען עס האט זיך געפונען א פייערלעשער פּאמפּע, האט מען עס גענומען און געבראכט אויף די פלעצער, וועלכע זיינען צוליב דעם באשטימט געווארן. די הילצערנע שטעלערס מיט געפלאכטענע שטעכיקע דראטן ארומגענומען, די קנוילן פון דראטן, די אפּאראטן מיט די פייער־לעשער — יעדעס באשטימט אויף זיין ארט און פּאסטן אויף אונזערע פאראויסבאשטימטע פּאזיציעס; מיר האבן געלאזט אייניקע פּאטרולן אפּצוהיטן די מאטעריאלן און די איבעריקע האבן זיך צוריק אומגעקערט אין שטאט זיך אויסצורוען.

דעם קומענדיקן מארגן בין איך געגאנגען געוואויר ווערן צום זאמל־פּונקט פון „וואינסקע נאטשאלניק,” וואס האט זיך געפונען א פּאר וויארסט אויסער דער שטאט, צום דארף צו, פון וואנען די רעזערוויסטן האבן געדארפט מארשירן דורך דער שטאט צו דער באן־סטאנציע, וועלכע האט זיך געפונען אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג. אויסשפּירנדיק אין אלע זייטן, האב איך געפונען די שטימונג פון די רעזערוויסטן אינגאנצן געביטן, א רואיקערע ווי א טאג און צוויי צוריק. די הויפּט־העצער צו פּאגראמען האבן געוואוסט וועגן אונזערע פארברייטונגען. קיין געווער האבן די רעזערוויסטן ניט געקראגן; ביים „וואינסקע נאטשאלניק,” צום גליק, איז אויך ניט געווען. אפילו קליידער און שטיוול זיינען ניט געווען פאר אלע, און אפילו דאס וואס האט זיך שוין יא געפונען אין צעד־הויז האט ערשט ניט געטויגט. די אפּיצערן האבן זיי געקארמעט מיט הבטחות, אז אויב זיי וועלן זיין רואיק און געהארכזאם וועט מען זיי ביי דער ערשטער געלעגנהייט, פּיליכט ביי דער סטאנציע, באקליידן, באשוכן און באוואפענען, ווי ס'געהער צו זיין. מיט די שיינע הבטחות האבן זיך די רעזערוויסטן געלאזט זינגנדיק אין שטאט אריין און פון דארטן צו דער סטאנציע.

אזוי ווי די לאגע האט זיך געביטן, האבן מיר אויך אונזער טאקטיק געמוזט בייטן. מיר האבן די וועגן ניט פארצוימט און זיי דורכגעלאזט. דער מארש האט זיך אנגעהויבן אין דער פרי.

ביי מיטיק־שטונדע האָבן זיי זיך שוין געפונען אין רעכטן צענטער פון שטאָט. און אַזוי ווי מיר האָבן געקענט פּאַראויסזען, האָבן זיי זיך פּלוצלונג אין מיטן מאַרש אָפּגעשטעלט, די שטאָטישע כוליגאַנעס, מערסטנטיילס יונגוואַרג, האָבן זיך ווי פון דער ערד אַרויס באַוויזן און גענומען שרייען: „דאַוואַי בראַטצי, ביט זשי־דאָוו!" (לאָמיר, ברידערלאַך, שלאָגן די אידן). מיר, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען מיט די מער שרייענדע און זיך געהאַלטן אויף בלויז אַ קליינער דיסטאַנץ, האָבן זיך בלויז איבערגעוואונקען און געוואַרט. די אָפּיצערן, אויסער זיך, זיינען בלאַס געווען ווי דער טויט. זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און גענומען שרייען, און בעטן, אַז מען זאָל פּאַרטזעצן דעם מאַרש־רוט, אַז אַצינד איז נישט די צייט פון צו מאַכן אונרוען — די אויסערלאַכע שונאים זיינען נישט וויט און וואַרטן בלויז אויף דעם מאָמענט. און ווען די אַלע אַרגומענטן האָבן נישט געהאָלפן, האָט זיך אויפגעשטעלט אַ יונגער, שלאַנקער אָפּיצער מיט אַ סימפּאַטיש געזיכט און געזאָגט: „אמת, איר זייט פיל אין צאָל, פּאַר־געסט אָבער נישט, אַז איר זייט אונבאַוואָפנט, און אויב איר הויבט אָן צו ריידן און מאַכן סקאַנדאַלן, וועט מען אייך געבן צו שמעקן פּלוווער. די שטאָט איז באַוואָפנט און מ׳קען גאָר נישט וויסן, וואָס פאַר אַן אָפּשניט איר קענט דאָ קריגן. בעסער הויבט נישט אָן, וועט זיין גלייכער."

דער לעצטער אַרגומענט פון דעם אָפּיצער, ווייזט אויס, האָט געווירקט, ווייל באַלד האָבן זיך גענומען אויסגלייכן די רייען און דער מאַרש האָט זיך ווידער געצויגן, הגם מיט זידלערייען און סטראַשונקעס קעגן אידן.

אַזוי האָבן מיר זיי באַגלייט מיט אַ וואַכנדיק אויג ביז איבער דער בריק פון דער טערקישער זייט.

די רעזערוויסטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון יענער זייט עק שטאָט, ביים גרויסן קלויסטער, וואו די גלחים האָבן זיי געבענטשט און געהייליקט. אַהין האָבן זיך אויך פאַרזאַמלט די שטאָטישע באַנדעס, וועלכע האָבן נישט אויפגעגעבן זייער האָפנונג פון אַ פּאָגראָם מיט דער הילף פון די רעזערוויסטן.

אַזוי ווי מיר האָבן אונזער עולם צעשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס, האָב איך גענומען מיט זיך אַ פּאָר יונגע לייט און זיך געלאָזט צום קלויסטער, צו געוואויר ווערן ווי ס׳האַלט מיט די רעזערוויסטן.

גייענדיק אזוי איבער דער לאנגער גאס, וואס פירט צום קלויסטער, פארגלוסט זיך איינעם פון „מיינע העלדן", א אידישן „בויאן" צו באווייזן גבורות, און ער דערלאנגט מיט זיין פוס און גראבן שטיוול אין בויך אריין א קינד, וואס איז אונז נאכגעגאנגען. דאס קינד האט פאר ווייטיק זיך צוזאמענגעדרייט אין דרייען, זיך פארקייכט און ווי א שלאנג זיך געדרייט און געקאטשעט אויף דער ערד. — — —

דער שרעקלאכער צופאל האט ווי מיט א שארפן מעסער מיר אין הארצן דערלאנגט און אויפגערויבט מיין לעצט ביסל האפנונג און שטימונג. איך האב זיך תיכף צוריק אומגעקערט אהיים און געבליבן ליגן איניקע שטונדן אונבאוועגלאך. „א אידישער העלד" — האבן מיר איניקע פארגעווארפן און געלאכט פון מיין אונבאהאלפנקייט. קיינער האט אבער ניט געוואלט פארשטיין, אז דער קלאפ פון אן איינעם איז פיל שרעקלאכער און טוט מער וויי, ווי דער פאטש פון א פרעמדן...

ד

אוקראינא — פּאָגראָמען

אין דער צווייטער העלפט פון אָקטאָבער 1917־טן יאָר בין איך צוריקגעקומען קיין אָדעס מיט דעם געדאַנק זיך דאָרטן צו באַזעצן. מיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען צו קומען אין קאָנ־טאַקט מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, זיך מיט זיי נעענטער צו באַקענען און זען וואָס איז דאָ ווייטער צו טאָן.

די דערפאַרונגען פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע, וועלכע האָבן מיט אַ פּערשפּעקטיוונג דערגרייכט קיין אָדעס, די פאַרשיידענע דורכפאַלן, האָבן קלאָר באַוויזן, אַז די רעוואָלוציע איז נאָך ניט געענדיקט פאַרן אַרבעטער־קלאַס און אויב די זעלבע וועלן ניט שטיין אויף דער וואַך און „שמידן דעם אייזן ווען ער איז הייס,” קענען זיי נאָך פאַרלירן דאָס ביסל פרייהייט וואָס איז זיי אַזוי שווער אָנגעקומען און מיט אַזוי פיל בלוט פאַרלאָפן.

פון גרויס־רוסלאַנד זיינען געקומען אַלעמאָל נייע שטאַפעטן אין דער אוקראַינא און דערציילט, אַז דאָרט איז די מאַכט אין גאַנצן אין די הענט פון די אַרבעטער, סאָלדאַטן, מאַטראָסן און פּויערים און אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע הויבט אָן אַריינצוגיין אין איר אמת׳ער פאַזע און איז אַריבער פון טעאָריע צו פּראַקטיק. איינציקע שוואַלבן פון דאָרטן זיינען אונז געקומען רייצן אויף נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל און אויך מאַכן זומער ביי אונז, אָבער העלפן האָבן זיי ניט געקענט: מ׳האָט געמוזט און געדאַרפט זיך פאַרלאָזן אויף אייגענע כחות — און די זיינען, צום באַדויערן, געווען זייער ווייניק און שוואַך.

איך דערמאָן זיך די פּייערדיקע רעדעס וואָס וואָלאָדאַרסקי, וועלכער איז שפּעטער געפאַלן אַ קרבן, האָט געהאַלטן אינם קלוב פון דער רויטער גוואַרדיע, און צו ענדע, ווען מ׳האָט אים גע־פרעגט: „יאָ, איר זאָגט אונז צו גאָלדענע בערג, און דערציילט אונז פון אַן אַרבעטער גן־עדן אין גרויס־רוסלאַנד; אָבער ווייזט

אונז קלאָר, ווי אַזוי קומען מיר דערצו?" דערויף האָט ער נאָר געקענט אָנווייזן אויף דעם ביישפּיל אין רוסלאַנד. איין זאַך האָט דער רעדנער פאַרגעסן, אָדער בכיוון זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק, אַז אין גרויס־רוסלאַנד זיינען די סאָלדאַטן און מאַט־ראָסן באַלד געווען אויף דער זייט פון די אַרבעטער־סאָוויעטן, וואָס דאָס האָט געהאָלפן צו באַפעסטיקן די אַרבעטער־מאַכט און צו פאַרטרייבן די אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן, בעת אין אוקראַינע האָבן מיר די מיליטערישע עלעמענטן געהאַט קעגן זיך און, ניט גענוג די רוסישע מאַנאַרכיסטן, זיינען נאָך צוגעקומען די אוקראַינער „סאַמאַסטניקעס" מיט אַ מאַנדאַט פון כמעלניצ־קי'ס צייטן אויף אוקראַינע. זעלבסטפאַרשטענדלאַד, אַז אין די אַרבעטער־רייען איז געווען אַ גרויסע צעשפּליטערונג: אויסער די איינגענע אינערלאַכע פּאָליטישע רייבונגען און פּאַרטיי־רייסע־רייען, זיינען נאָך צוגעקומען נאַציאָנאַלע, נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמי־שע, מאָנאַרכיסטישע און רעפּובליקאַנישע שטרעבונגען.

אַ חוץ דעם אַלעמען איז אוקראַינע אין אַלגעמיין געווען צוריקגעשטאַנען פון איר עלטערער שוועסטער, רוסלאַנד. און די ביסעלע בעסערע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זיינען באַלד פון אָנ־פאַנג אַוועק, דעזערטירט פון אוקראַינע קיין פּעטראָגראַד און מאָסקווע, וואו זיי האָבן געפונען אַ פאַרטיקן טאָפּ און אַ כשר'ן לעפל. אַזוי ווי אַלע וועגן פירן קיין רוים, האָבן זיך פון אַלע עקן רוסלאַנד געצויגן די רעוואָלוציאָנערע פּילגרימען צום הארץ פון דעם ריזיקן לאַנד אין דער שטאָט פון פּעטער דעם גרויסן, שפּעטער צו דער הייליקער מאָסקווע מיט אירע פערציק מאָל פער־ציק קלויסטערס, וועלכע איז געוואָרן דער צענטראַל־פּונקט פון אַלע רעוואָלוציאָנערע שאַטירונגען און שטרעמונגען, פון וואַנען אַלע דירעקטיוון און נייע תורות זיינען אַרויסגעגאַנגען. נאָך אַ זאַך: גרויס־רוסלאַנד האָט פאַרמאָגט פון איין זייט גרויסע „פּאָ־מעשטשיקעס" און פון דער צווייטער — אַ גרויסע אַרמיי פון אָרימע פּויערים־שקלאַפן, געוועזענע „פּאָנשטשיניקעס," וועלכע זיי־נען אינגאַנצן געווען אָפּהיינגיק פונם פּריץ און דערצו אַ גרויסן טייל פון פּראָלעטאַריער אין די גרויסע שטעט, וועלכע זיינען שוין געווען אָרגאַניזירט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, — האָט מען זיך געקענט פאַרגינען צו מאַכן די אַרבעטער־רעוואָלוציע פון אָק־טאָבער; אין אוקראַינע אָבער האָט דער פּויערים־קלאַס שוין געשפּילט איינע פון די הויפּט־ראָלן אין לעבן פון לאַנד און פּינ־

רירט אַלס אַ צוריקגעשטאַנענער עלעמענט אין דער גרויסער אי־בערקערעניש, ווייל זיינע אינטערעסן זיינען ניט געווען ענלאך צו די אינטערעסן פון זיינע ברידער אין גרויס־רוסלאַנד. יעדער פויער האָט דאַ געהאַט זיין שטיקל ערד און, ווי ווייניק ער האָט פאַר־מאָגט, האָט דאָס אים געטראָגן זיך צו דערנערן, ווייל די ערד איז געווען אַ פעטע, די בעסטע פון גאַנצן לאַנד; דערצו נאָך, האָט ער זיך גערעכנט פאַר אַ „כלאָפּ" (אוקראַינער) און פיינט געהאַט דעם רוסישן „קאַצאַפּ" וואָס איז געווען מער ציוויליזירט און האָט פּאָליטיש פאַרכאַפּט די מאכט און געהערשט איבער גאַנץ רוסלאַנד. דער ארבעטער קלאַס ווידער איז געווען אַ נישטיק־קלײנער, ווייל קיין גרויסע אינדוסטריען האָט אוקראַינא כמעט ניט פאַרמאָגט און דאָס ביסל פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט פּאַקטיש קיין גרויסע ראָלע אויף דער פּאָליטישער ארענע ניט געקענט שפּילן.

אויסער דעם וואָס די אוקראַינא איז אַליין געווען רעאַקציאָ־נער, צוריקגעשטאַנען, איז זי נאָך געווען אַרומגערינגלט מיט שכנים — קרים, דער דאָן, קאַווקאַז, בעסאַראַביע, — וועלכע זיינען גע־שטאַנען אויף דעמזעלבן שטאַנדפּונקט ווי זי און פון וואַנען די מאָנאַרכיסטן האָבן געצויגן זייער חיונה, וואו זיי האָבן אָרגאַ־ניזירט די אַלע קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן קעגן צענ־טראַל־רוסלאַנד. איך וויל שוין ניט ריידן פון ווייטערע שכנים, ווי רומעניע, עסטרייך און דייטשלאַנד, וועלכע זיינען געשטאַנען מיט געשפּיצטע אויערן און געלויערט אויף דעם מאָמענט צו גיין פאַרפלייצן אוקראַינא און אַנעקסירן די בעסטע שוואַרצע ערד מיט אירע נאַטירלאַכע אוצרות.

זייער געפערלאַך זיינען געווען די „סאַמאָסטיניקעס" מיט זייער כלומר'שטן רעפּובליקאַניזם וואָס האָט געשמעקט אויף אַמאָל מיט אידן־פּיינטשאַפט. זייער לאָזונג איז געווען „גרויס־אוקראַי־נאַ," וואָס זאָל זיך ציען פונם שוואַרצן ים, קרים און אַזאָווער ים ביזן קאַספּישן ים פון איין זייט און גאַליציע, בוקאָווינע, בע־סאַראַביאַ, דאָברודזשע ביז איבער די קאַרפּאַטן — פון דער צווייטער זייט; אַ שטיקל פּוילן, דייטשלאַנד און ליטע — פון דער דריטער זייט. אַזאַ וואָלפּישן אַפּעטיט האָבן זיי פאַרמאָגט און ס'האָט ביי זיי שוין אויך ניט געפעלט היסטאָרישע באַרעכטי־גונגען אויף זייערע באַהויפּטונגען און רעכט אויף די דערמאָנטע טעריטאָריעס. זייערע סטראַטעגישע פּלענער, ווי אַזוי צו דער־

גרייכן און באזיצן די אלע ערד־שטחים איז אויך געווען זייער איינפאַך: אַזוי ווי אויף די אַלע דערמאַנטע טעריטאָריעס וואוי־נען אַ סך זשידעס, וועלן זיי צוערשט אויסראָטן די אַלע זשידעס, און ווי זייער עלטער־זיידע באַגדאַן כמעלניצקי און שפּעטער, גאָנטא און זשעליעזניאַק, — האָבן געטאָן, און די איבעריקע — פּאָליאַקן, רומענער, דייטשן און רוסן — וועלן פאַר מורא אַליין פאַרלאָזן די ערטער — און פּטור.

און זיי האָבן גענומען דורכפירן זייערע פּלענער, צוערשט אָפּרייניקן די אוקראַינאַ פון די זשידעס, — „שלאָג אידן און ראַטעווע רוסלאַנד" — איז געווען זייער לאָזונג אויף אַלע זייערע פאָנען, אַרמבענדער, קאָקאַרדעס און פּלאַקאַטן. ספּעציעלע פּראָ־פּאַגאַנדיסטן, אָפּישן און בלעטלאַך זיינען צושיקט געוואָרן איבער די דערפער, וואו מ'האָט געהעצט די פּויערים און זיי גערופן צו די וואָפן קעגן די אידן, וואָס ווילן פאַרכאַפּן די ערד, פאַרברענגען די קלויסטערס, צווינגען די פּויערים צו ווערן „פּאַנשטשיניקעס" ביי זיי און פאַרניכטן דעם פּראַוואָסלאַווגעם גלויבן...

אַלעס איז ביי זיי געגאַנגען ווי געשמירט. אָרגאַניזירטע רויבער־באַנדעס אונטער דער אָנפירונג פון אַ באַטקאָ אָדער אַטאַ־מאַן האָבן זיך געלאָזט פון די דערפער איבער די שטעט און שטעט־לאַך פון דער אידישער באַפעלקערונג און געקוילעט — שיסן האָט מען ניט געהייסן, ווייל קוילן זיינען טייער און זעלטן געווען — און די זשידעס פאַרדינען ניט קיין קוילן — געשענדעט, גע־רויבט און געפּלינדערט. שווער איז זיי נאָר אויסגעקומען זיך צו צופירן די הענט אין די גרויסע שטעט, ווי קיעוו, אָדעס, כאַר־קאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, וואָס אַ חוץ דער גרויסער צאָל פון דער אידישער באַפעלקערונג האָבן זיי געהאַט אָנטקעגן זיך די אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער מאַסן, וועלכע זיינען זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז און האָבן ניט נאָר פאַרטיידיקט די גרויסע שטעט, נאָר אויך געשיקט שטראָף־אָטריאַדן קעגן די רויבער־באַנדעס.

ס'איז קלאָר געווען, אַז אין דעם קאַמף קעגן דער פּאָגראָם־כוואַליע האָבן מיר געקענט האָבן אַלס איינציקע פאַרבינדעטע די גוט־אָרגאַניזירטע אַרבעטער־סאָוויעטן און זייערע מיליטערישע טיילן וואָס האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטריינגונגען, כדי צו קעמפן מיט דער „אַנאַרכיע" און דער קאָנטר־רעוואָלוציע.

דער הויפּט ספּעקטאַקל פון קאַמפס־פעלד האָט זיך אָפּגע־שפּילט אַרום אָדעס ביים שוואַרצן ים און אַרום קיעוו, אַלס די

היסטאָרישע הויפּט־שטאָט זייערע, וועלכע זיי האָבן אַ פּאָר מאָל פאַרכאַפּט און געמוזט פאַרלאָזן אונטער דעם דרוק פון די סאָוועטישע אַרמייען וואָס זיינען געקומען פון גרויס־רוסלאַנד.

אָדעס אַליין האָט ניט געהאַט דאָס „גליק" פון קיעוו, הויפּט־זעכלאַך דערפאַר, ווייל זי איז געווען דער צענטראַל־און זאַמל־פּונקט פון די אַלע אַרמייען, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן רומענישן און פריער אויפן טערקישן פראָנט. אויסער דעם, איז אָדעס געווען דער מיטל־פּונקט פונם פלאָט פון שוואַרצן ים, אַזוי אַז די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, און אין „רומטשעראָד," וואו די פאָרשטייער פון די סאָלדאַטן און מאַטראָסן פון די אויבן־דערמאָנטע פראָנטן האָבן זיך געפונען, זיינען געווען דריי הויפּט־שטרעבונגען: די סאַמאָסטיניקעס אָדער הײדאַמאַקן, ווי זיי האָבן זיך גערופן נאָך זייער היסטאָרישן נאָמען, וועלכע זיינען געשטאַנען דערפאַר, אַז אָדעס און אומגעבונג זאָל זיין אוקראַיניש און מען זאָל דאָ איינפירן זייער שפּראַך און לשון; די רוסישע אָפיצערן און מאָנאַרכיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט צוריק איינפירן דעם אַלטן רעזשים; די מאַטראָסן, אַ גרויסע צאָל רעוואָלוציאָנערן צווישן זיי, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר די אַרבעטער־סאָוויעטן. די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן זיינען געווען פיל מער אין צאָל, און כדי ניט נאָכצוגעבן איינער דעם צווייטן, איז דער „רומטשעראָד" געווען נייטראַל, זיך גערעכנט צו דער פּראָוויזאָרישער קערענסקי׳ס רעגירונג און פאַר דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט שוין פּאַקטיש ניט עקזיסטירט און צוטריבן געוואָרן ביי דער ערשטער פאַרזאַמלונג אין ווינטער־פּאַלאַץ. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די פאָרשטייער פון „רומטשעראָד" צו פירן ווייטער זייער רעדל, צו זיין דער שטאָט־און רעגירונגס־אַפּאַראַט פון אָדעס און אומגעגנט. זייער שטאָב און פאַרזיץ האָבן זיי געהאַט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ, אויף דער ענד פון פּושקינסקאַ גאַס, אויפ׳ן ברעג ים; פון דאָרטן זיינען אַרויסגעגאַנגען אַלע באַפעלן, וועלכע האָבן זיך דורכאויס געשטיצט אויף די שטיקעס פון די אוקראַינער און רעאַקציאָנערע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

אַזוי האָט זיך אייגנטלאַך געפירט איבער דער גאַנצער אוקראַינאַ. אַ שטיק צייט שוין נאָך דער אָקטאָבער רעוואָלוציע, ווען פּעטראָגראַד, מאָסקווע און אַנדערע קלענערע שטעט פון צענטראַל־רוסלאַנד האָבן שוין געהאַט אַנערקענט די סאָוועטישע מאַכט און געדרימלט אונטערן שאָטן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע,

זיינען די אַרבעטער אין אוקראַינאַ געשטאַנען מיט גרויסע פאַר־וואונדערטע אָפענע אויגן און געוואַרט, און שוין שפּעט נאָך דעם, וואָס אויך קיעוו, כאַרקאָוו און אַנדערע שטעט אין אוקראַינאַ האָבן זיך געשמאָלצן אונטער דער סאָוויעטישער זון, איז אַדעס נאָך אַלץ געבליבן הינטערשטעליק און געוואַרט.

ווי אין גרויס־רוסלאַנד, איז אויך אויף דער אוקראַינאַ, און ספּעציעל אין אַדעס, געבוירן געוואָרן די רויטע גוואַרדיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון לויטער סינדיקירטע אַרבעטער פון די פּראָ־פעסיאָנעלע פאַראיינען און פון פּאָליטישע עלעמענטן, ווי באָלשע־וויקעס, לינקע, עס־ערן, מאַקסימאַליסטן און אַנאַרכיסטן! די לעצטע האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענעם שטאַב, געווען באַוואָפנט און געשטאַנען צו דער דינסט פון דער רעוואָלוציע און די סאָ־וויעטן. אַהין, אין דעם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע, אַזוי ווי אין די סאָוויעטן, זיינען אַריינגעגאַנגען פאָרשטייער פון די אַלע פּאָליטישע שאַטירונגען, וועלכע זיינען געווען אָרגאַניזירט און צעטיילט אין רויטע סעקציעס; יעדע פּאָליטישע אָדער פאַר־טיי סעקציע איז געגאַנגען אונטער איר אייגענער פאָן.

דער קלוב און שטאַב פון דער אַדעסער רויטער גוואַרדיע האָט זיך געפונען אויף עק סאַפּיעווסקאַ, אין אמת'ע פעסטונג, אַ געוועזענע אויסשטעלונג־ און קונסט־גאַלעריי, וואו די נייע סאַנקי־לאָטן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן און געבילדעט די רויטע סעקציעס.

די ערשטע צייט — און ווי יעדער אָנפאַנג — איז אַביסל שווערלאַך צוגעגאַנגען; אַ כאַאָטישער צושטאַנד, יעדער האָט געוואָלט זיין אַ קאָפּ־לעפל, זיין אַ מאַכער און קאָמאַנדעווען; יע־דע פּאַרטיי אָדער גרופּע האָט געוואָלט זיין די טאָן־געבעריין, די פירעריין פון דער רויטער גוואַרדיע, און ס'האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל.

אין דעם שטורעמדיקן מאָמענט איז מיר אָנגעקומען אַ טע־לעגראַמע, אַז מיין פאָטער איז שטאַרק קראַנק און איך בין גע־פאָרן אָפּגעבן מיין לעצטן חוב דעם טייערסטן און בעסטן וואָס איך האָב פאַרמאָגט אויף דער ערד. אין פופצן טעג אַרום בין איך צוריקגעקומען קיין אַדעס, מיט אַ קאָוואַלעריסקע קאַראַבינע, וואָס די באַלטער זעלבסט־שוץ האָט מיר אַלס אָנערקענונג און באַלוינונג צו דעם אַנדענק געגעבן, אָבער אַז דער האָפענונג מיין פאָטער מער צו זען...

דאָס מאָל האָב איך זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן

דער רויטער גוואַרדיע, וועלכע האָט געוויזן סימפּאַטמען פון ווירק־לאַכן לעבן. אַלס געוועזענער מיליטער־מאַן בין איך געווען איינער פון דער עמיגראַנטן־אַנאַרכיסטן־סעקציע אַלס פאַרשטייער אינ׳ם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע. דער הויפּט שטאַב־נאַטשאַלניק פון דער רויטער גוואַרדיע איז געווען דער יונגער קאַנגון, אַ צוואַנציק־יאָריקער ענערגישער יונג, אָבער אָן וועלכע בילדונג און מי־ליטערישע דערפאַרונג. זיינער אַן עלטערער ברודער איז געווען זיין פאַרטרעטער. אַ חוץ דעם זיינען געווען ביוראָקראַטן־„טשי־נאָווניקעס" און גלאַט אַזוי חיוב׳ניקעס, וועלכע האָבן זיך געדרייט און גערעכנט פאַר גאַנצע קנאַקערס, געפּלאָנטערט זיך פאַר די פּיס, געמישט זיך וואו מ׳דאַרף און וואו מ׳דאַרף ניט, — מיט איין וואָרט, ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ אידישע מלוכה אין אַ בית־המדרש.

איינגנטלאַך איז די רויטע גוואַרדיע ניט געווען קיין אויס־נאַם און בת־יחידה אין דעם פאַל. אין די סאָוויעטן, פאַר־פאַר־איינען און פאַבריקס־קאָמיטעטן איז אויך ניט געווען בעסער און ס׳איז צוגעגאַנגען אויף דעם זעלבן שטייגער, — די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און גרופּן אַריינגערעכנט.

דער אָדעסער סאָוויעט איז געווען זייער שוואַך צו יענער צייט און די איינציקע קראַפט, אויף וועלכער דער סאָוויעט האָט זיך געקענט שטיצן איז געווען די רויטע גוואַרדיע, נאָר ס׳וואָלט געווען אַן אַבסורד זיך צו פאַרלאָזן אויף איר אין אַזאַ כאַאָטישן, ניט־אָרגאַניזירטן צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. ניט געקוקט אויף דעם אַלעמען, האָבן די היץ־קעפּ פון דעם סאָוויעט מיט די קעפּ אין וואַנט פונ׳ם שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע געוואָלט מאַכן דעם עקספּערימענט, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען: אומזיסטיקע, אוננוצלאַכע קרבנות, ווייטער גאָרניט, און מ׳איז געבליבן ביי דעם אַלטן.

אַ פּאָר טעג פאַר׳ן ערשטן דעצעמבער, ווען מ׳האָט באַשטימט איבערצונעמען די מאַכט אין שטאָט, בין איך אַריינגעקומען אין שטאַב זיך דורכצוריידן מיט די פירער און זען ווי מ׳האַלט אין דער וועלט. איך האָב זיי פאַרגעלייענט אַ סכעמע פון אַן אויס־גערעכנטן פּלאַן, וואָס איך האָב געמאַכט פון דער שטאָט אָדעס, ווי אַזוי און מיט וואָסערע מיטלען און קרעפטן מיר זאָלן איינגע־מען די שטאָט אין אונזערע הענט און דערביי ברענגען וואָס ווי־ניגער קרבנות.

איך האָב גענוי אויסגערעכנט די כחות, אויף וועלכע מיר קענען זיך שטיצן אין יעדן קוואַרטאַל, די מיטהילף פון די דריי קריגס־שיפן פון פּאָרט: סינאָפּ, אַלמאַז און באַריסלאַוו, איך האָב פעסטגעשטעלט דעם פּלאַן ווי צו פאַרכאַפּן דעם „רומטשאַדאָר", ווי צו אָרגאַניזירן פאַרשיידענע פּאָזיציעס מיט פּאָסטן, א. ז. וו.

אויסהערנדיק מיין פּלאַן, האָט דער נאַטשאַלניק קאַנגון אַי־ראָניש אַ שמייכל געטאָן און זיך דורכגעוואונקען מיט די אַנדערע אויף אַזאַ אופן, אַז ס'האָט געקענט באַדייטן: „אוי, בחור, דו ווילסט, אַז די אייער זאָלן זיין קליגער פון הינער? מיר האָבן שוין פאַרטיק אונזער פּלאַן אין טאַש, און דו וועסט נור אויספירן וואָס מ'וועט דיר באַפעלן און הייסן".

מיר האָט ער געזאָגט, אַז מיין פּלאַן איז אַ גרויסאַרטיקער, אָבער צו קאָמפּליצירט, פאָדערט פיל פאַרבערייטונגען, בעת ער איילט זיך, ער דאַרף וואָס פריער אַטאַקירן; אַז מ'וועט שוין זיין ביי דער מאַכט וועט מען דעם פּלאַן באַטראַכטן פאַר דער צוקונפט.

די מעגאַלאָמאַנען פון סאָוויעט אין שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צוגעבן און זיך רעכענען מיט די מיינונגען פון אַנדערע. זיי זיינען אויך ניט געווען גענוג פּאָרזיכטיג צו באַרעכענען וואָס אַזאַ אומגעלונגענער עקספּערי־מענט קען מיט זיך ברענגען — די פאָלגן פון אַ בירגער־קריג וואָס אויסער קרבנות קען ברענגען צו אַן אינוואַזיע פון אויסערלאַכע שונאים; און אויב מ'איז ניט גענוג פּאָראויסגעזען און פאַרבע־רייטעט צו אַזאַ אַנטשיידענעם קאַמף אַז אַ רעזולטאַט, דאַרף מען בעסער אָבוואַרטן און ניט לויפן מיט'ן קאָפּ אין וואַנט — פון באַפּ־לאַפּ קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען.

מיין פאָראויסזעאונג האָט זיך באַרעכטיקט, און דער פּרואוו פון דעם ערשטן דעצעמבער 1917, איז געווען אַ פולשטענדיקע נידערלאַגע...

דער כאַראַקטעריסטישער פאַקט איז געווען, וואָס דער שטאַב און אויך דער סאָוויעט האָבן געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף די מאַטראָזן און אויף די אַנאַרכיסטן; די לעצטע זיינען באַשטאַ־נען מערסטנטיילס פון אימיגראַנטן פון אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנק־רייך און שווייץ און וואָס זיינען געווען דער אַוואַנגאַרד פון די רעוואָלוציאָנערע קרעפטן; ביי אַלע אַרויסטרעטונגען זיינען זיי אָבער ניט געווען גענוג צוגעגרייט צו אַזאַ שריט, און אויסער ענ־טוזיאַזם, רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, אָפּפערווויליקייט, וואָס זיי

האָבן פאַרמאָגט, — האָט מען פון זיי ווייטערס ניט געקענט פאַר־לאַנגען.

מיט גאַנצע 36 שטונדן פאַר דער באַשטימטער אַטאַקע האָט מען געגעבן אַ באַפעל, אַז די סעקציעס זאָלן זיין גרייט, פאַרזאַמלט אין געוויסע פונקטן פון שטאָט־צענטער. קיין ווייטערדיקע דיר־רעקטיוון האָבן מיר ניט געהאַט און מסתמא האָבן זיי די שטאָב־לייט אויך ניט פאַרמאָגט, ווייל די צוויי נעכט פון ניט־שלאָפן, זיך מאַטערנדיק און וואַרטנדיק אויפ׳ן סיגנאַל, און אַ גאַנצן טאָג פון הונגערן זיינען געווען אַ געניגענדרע סימן פון אונפאַראַנטוואָרט־לאַכער פירונג. אונזער אַנאַרכיסטישע סעקציע האָט זיך צוזאַ־מענגעקליבן אויף דער מאָלדאַוואַנקע, אין אַ קלוב פון קאַסקעט־ניקעס; דאָרטן איז אויך געווען אונזער מאַגאַזין פון וואָפן, מ׳שטיינס געזאָגט: אַ פּאָר צענדליק אַלטע פאַרזשאַווערטע קאַ־ראַבינקעס פון פעטער דעם גרויסן׳ס צייטן, וואָס האָבן אין בעסטן פאַל געקענט דינען אויף איבערצושרעקן די גענז, אָבער ניט צו פירן מיט זיי אַן אָפענעם גאַסן־קאַמף געגן געאיבטע סאָלדאַטן. און דערצו האָבן מיר פאַרמאָגט אַ קליינע צאָל קוילן, וועלכע האָבן געקענט קלעקן אויף אַ פּאָר מאָל אויסצושיסן און דאַן אַנטלויפן. די צאָל פון די מענטשן האָבן דרייפאַכיק איבערגעוואַקסן די צאָל פון דעם ביסל אָרימע וואָפן, וועלכע זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל אין אַ זייט פון זאַל, און קיינער האָט ניט געוואַגט זיי אָנ־צורירן פאַר מורא, ס׳זאָל פון זיך אַליין אויסשיסן. ווייל דאָס רוב פון די יונגע פּיאָנערן און אפילו פון די עלטערע האָבן קיין ביקס פאַר זייערע אויגן ניט געזען אין לעבן און ניט געוואוסט מיט וואָס מ׳עסט דאָס אפילו... דערצו איז נאָך געשען אַן אומגליקלאַכער צופאַל. איינער, אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון האַרצן, האָט זיך איינגעשטעלט און געוואַגט צו נעמען אַ ביקס פון פּלאַץ און זען וואָס דאָס איז פאַר אַ מין טייפל, — האָט די ביקס טאַקע אויס־געשאָסן און, צום גרויסן גליק, בלויז פאַרוואונדעט איינעם וואָס האָט זיך געפונען דערביי.

און אַזוי האָב איך ערשט באַדאַרפט נעמען לערנען די נייע רעקרוטן ווי צו האַלטן אַ ביקס אין האַנט און ווי אַזוי זיך צו באַ־גיין מיט געווער. מיין פראַנצויזיש־סאָלדאַטישע שולע און ער־פאַרונג איז מיר אין דעם פאַל פיעל צוניץ געקומען און אַרויס־געהאָלפן. דאָס איז געווען אויך אַ מיטל אויף צו האַלטן די מידע הונגעריקע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן שוין גענומען רעוואָל־

טירן קעגן אזא פירונג און אָרדנונג, — און די צייט איז ווירקלאך פאַרשוואונדן.

ענדלאך איז אָנגעקומען א באַפעל זיך לאָזן אין וועג. פון קיין פּלאַן וואוהין און ווי אזוי צו גיין האָבן מיר ניט געוואוסט — גלאַט גלייך גיין דעם וואַלף אין מויל אריין. אונזער שיקזאַל איז שוין אָבער געווען פאַר'חתמ'עט אין די הענט פון שטאַב, און מיר, דאָס ביסל רעקרוטן אָן מלחמה־קונסט, האָבן באַדאַרפט זיין די אָנגרייפער צו אַטאַקירן מיט די פאַרזשאַווערטע קאַראַבינקעס און זיך קעגנשטעלן קעגן די דיסציפּלינירטע אַלטע געניטע סאָל־דאַטן, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. ווען מיר זיינען צוגעקומען מיט'ן טאָג צוגלייך צום שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע, פון וואַנען מיר האָבן ערשט באַדאַרפט נעמען די אינסטרוקציע פון דער אָפענסיווע, האָבן מיר דערזען דעם כאַאָס און די אומאָרדנונג פון דעם לעצטן מאָמענט: די נאַטשאַלניקעס לויפן ארום צו־טראָגן, ווי די פאַר'סמ'טע מייז, און קענען קיין אָרט ניט געפינען; די סעקציעס — צואוואָרפענע, צוטומעלטע, דאָ און דאָרט און קענען זיך ניט צוזאַמענקלייבן, ווייסן ניט ווער געהער צו וואָסער א גרופּע. אייניקע גייען אָדער לויפן ארום אָנגעגאַרטלט, גע־פּאַנצערט און באַלאָדן פון קאָפּ ביז די פיס פון אַלערליי כלי־זיין: א לאַנגער קאַוואַליער־זעבעל, וואָס שלעפּט זיך נאָך און פּלאָנטערט זיך פאַר די פיס, א ביקס אריבערגעוואָרפן פון די אַקסלען, באַמ־בעס און גראַנאַטן ארום־און־ארום דעם לעדערנעם גאַרטל ארום די לענדן, און אין איין האַנט — א לאַנגן צוויי־זייטיקן מעסער־שווערד און אין דער צווייטער — א קאָזאַצקע נאַגאַיקע. דאָס, זאָלט איר ווייסן, איז א גרויסע „שישקע", א „נאַטשאַלניק", אָדער אזוי א רעדל־פירער.

די מערסטע אָבער זיינען געשאַטנען איינגאַנצן אָן געווער און זיך געבעטן, געדונגען איבער א ביקס, א רעוואָלווער, צי א „שאַשקע". ווי אויף א יאַריד האָט געקאָכט און זיך געראודערט ארום. א סך רעוואָלוציאָנערן, ארבעטער, אויסגעדינטע סאָלדאַטן זיינען געקומען זיך שטעלן אין די רייען פון זייערע ברידער און איינשטעלן זייער לעבן פאַר דער פרייהייט און רעוואָלוציע, — האָט מען זיי משלח געווען מיט ליידיקע הענט, צו זיי האָט זיך קיינער ניט צוגעהערט. ווער דאַרף זיי האָבן? — נאָר מיר, דאָס ביסל אימיגראַנטן, האָבן געהאַט די עהרע און דאָס גליק צו זיין דער אַוואַנגאַרד.

פלוצלונג האָט זיך אַ צוטראָגענער נאַטשאַלניק אָפּגעשטעלט און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— פאָרווערטס, צום רומטשאַראַד, אַטאַקירן!

וואָס פאַר אַן איראָניע, וואָס פאַר אַ פאַלשער פאַרברעכערי־שער שריט דאָס איז געווען!!

מיר זיינען ניט אָפּגעגאַנגען קיין העלפט וועג, ווי ס'האָט אונז באַגעגנט אַ פייער פון אַלע זייטן, — קיינעם ניט געזען, גאָרניט געהערט און ניט געוואָרט אויף אַזאַ פלוצלינגן איבערפאַל. מיר האָבן זיך תיכף צושאָטן און צוואָרפן אין די ווינקלען פון די גאַסן, אין די טויערן פון די הייזער און גענומען זיך אָפּשיסן — אָבער צו וואָס האָט דאָס דען גענוצט?

די געגנער האָבן זיך באַוויזן פאַר אונז און פאַרנומען די אַלע פּאָזיציעס, וועגן וועלכע מיר האָבן ערשט גע'חלום'ט. איין וועג איז אונז נאָך געבליבן פריי — צוריקגיין צו אונזער באַזע, און נאָך אייניקע שטונדן פון אַ פייער־דועל מיט אַ פאַרבאָרגענעם שונא, וועלכער האָט געמאַכט שיטערער אונזערע רייען, און דע־מאָראַליזירט אונזערע קרעפטן, — זיינען מיר אָפּגעטראָטן און זיך באַפעסטיקט אויף דוואָריאַנצאַווסקיס פּלאַץ פון סאָוויעט. אונ־זער ריקצוג איז נאָך געווען דער בעסטער, ווייל ווען מיר זיינען צוגעקומען צום סאָוויעט, האָבן מיר שוין קיינעם פון די „מאַ־כער" ניט געטראָפן און דאָס הויז איז געבליבן הפקר... דער גאַנ־צער סאָוויעט — די אַלע טשינאָווניקעס און קנאַקערס האָבן גע־מאַכט פליטה אויף איינעם פון די קרייצער און זיך געוויגט אויף די ים־כוואַליעס. ווען מיר זיינען אָנגעקומען און געטראָפן די אָפענע צופּראַלטע טירן פון סאָוועטן־הויז, זיינען מיר באַלד גע־וואָרן די בעלי־בתים, גענומען באַוואַכן דאָס הויז פון דרויסן און פון אינעווייניג און — לאָז זיין וואָס ס'וויל זיך! — מיר ווע־לן דאָס הויז לעבעדיקע ניט פאַרלאָזן.

נישטערנדיק האָבן מיר געפונען אַן אונטערערדישן וועג וואָס פירט פון פּלאַץ דירעקט צום ים צו. דורך דעם גאַנג, ווייזט אויס, זיינען די סאָוועט־פאָרשטייער געלאָפן צו די קריגס־שיפן, ווייל באַלד ווי זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן פאַרנומען דאָס הויז פון די סאָוועטן און זיך באַפעסטיקט קעגן די היידאַמאַקן און רומטשאַראַד, זיינען זיי איינציקווייז, דורך דעם ים־אונטערוועגס, געקומען געוואָר ווערן, ווי מ'האַלט אין דער וועלט. גלייכצייטיק האָבן מיר געפונען אַן אוצר מיט נייע ביקסן,

גראנאטן און אנדערע כלי־זיין וואס זיינען פארצוקערט געווארן אויף דער שטעל און פארנומען דאס פלאץ פון די פארזשאווערטע קאראבינקעס, וואס אונזערע האבן פארמאגט. דער ענטוזיאזם איז געשטיגן פון שטונדע צו שטונדע, מ׳האט אויך געפונען א פאר קוילן־וואַרפער, וועלכע מ׳האט געשטעלט אויף דעם דאך פון דער געביידע און פאר דעם טויער.

די שמחה איז געווען גרויס: „זאלן זיי איצט וואגן צו קומען אונז אנטקעגן". — פון דעם גאנצן פלאן, אלזא, וואס דער שטאב מיט׳ן סאוויעט האבן גע׳חלום׳ט, האט זיך אויסגעלאזט א זייפן־בלאז, און מ׳איז געווען העכסט צופרידן וואס מ׳האט געקענט אנ־נעמען א פאזיציע פון דעפענסיווע.

דעם נעקסטן פרימארגן איז צו אונז צוגעקומען דער שטאב נאטשאלניק פון דער רויטער גווארדיע, קאנגוז, מיט זיין ברודער און אנדערע גדולים. מ׳האט אונז ברידערלאך גראטולירט. א קניפ געטאן אין בעקל פאר אונזער וואויל־יונגעלשקייט און גענו־מען דעם וועג. פאר׳ן אוועקפארן קומט צו מיר צו דער נאטשאל־ניק און גיט א צופרידענעם שמייכל:

— ווי איך זע, האט איר טאקע דורכגעפירט אייער סטרא־טעגישן פלאן.

— ניט אין גאנצן, לײדער, — האב איך אים געענטפערט.

— בראוואַ! מיין קאמפלימענט דערפאר. ס׳מאכט ניט, מיר וועלן נאך צוזאמען האבן וואס צו באשליסן. באלד האט ער זיך ארייגנעזעצט אין א גרויסן אטאמאביל מיט זיינע איבריגע לייט און פארשוואונדן.

אין א האלבער שטונדע ארום איז מען אונז געקומען אנ־זאגן די בשורה, אז דער נאטשאלניק פון שטאב, קאנגוז, מיט זיין ברודער און די איבריגע וואס האבן זיך געפונען אין אויטאמאביל מיט אים זיינען אויף טויט דערשאסן געווארן פון די הײדאמאקן.

דער פאל האט פאסירט אויף פאלגנדן אופן: ארויספארנ־דיק פון סאוויעט־הויז, איז איינגעפאלן דער פאנטאזיע פון נא־טשאלניק דורכצופארן דוקא די זאגע פון די הײדאמאקעס און פון רומטשאראד. די פאטרולן זייערע האבן אפגעשטעלט דעם אויטא־מאביל און געפרעגט א פערמיט; די, ווידער, האבן פון גארניט געוואלט וויסן און זיינען ווייטער געפארן. איז געווארן א שי־סעריי. דער רעזולטאט איז געווען, אז קיין איינער פון די וואס

האָבן זיך געפונען אין אויטאָמאָביל איז ניט געבליבן אַ לעבע־דיקער.

די נייעס האָט אונז, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, גאַרניט - גע־שמעקט. דער פּאַרדרוס איז נאָך געווען אַ צווייענדיקער: ערש־טנס, וואָס דער נאַטשאַלניק מיט זיין סוויטע איז אויף אַזאַ שענד־לאַכן אופן דער׳הרג׳עט געוואָרן; צווייטנס, מצד דעם רומטשאַ־ראַד גופא, וואו די אַלע פירער און פאַרשטייער האָבן אים גוט געקענט און געוואוסט ווער ער איז. ס׳איז געוואָרן פאַר יעדן אָפן און קלאָר, אַז דער „רומטשאַראַד" האָט ערקלערט דעם סאָ־וויעט קריג אויף לעבן און טויט.

באַלד האָבן זיך געפונען צווישן אונז, ווידער אַמאָל, היץ־קעפּ וואָס האָבן שוין געוואָלט לויפן אַטאַקירן דעם רומטשאַראַד און זיך נוקם זיין פאַר׳ן נאַטשאַלניק פון דער רויטער גוואַרדיע, ניט וויסנדיק און ניט קענענדיק די לאַגע און די קרעפטן פון דער צווייטער זייט.

צום גליק איז דאָס מאָל געלונגען אָפּצוהאַלטן די לייכטזיניקע פון דעם געפערלאַכן שריט וואָס זיי האָבן אויפ׳ן הייסן מאָמענט געוואָלט באַגיין.

דער פּאַרפאַל האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין שטאָט, און די שטימונג איז געווען זייער אַ געשפּאַנטע. די מאַטראָזן און אַר־בעטער זיינען געוואָרן אונרוהיק, בייז און צוהיצט. און דער רומטשאַראַד האָט זיך ניט געוואָלט איינרייסן צופיל מיט די רע־וואָלוציאָנערע קרעפטן און מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן. אין 24 שטונדן איז געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד.

מען איז, אַזוי אַרום, געבליבן ביים אַלטן: דער „רומטשאַ־ראַד", שטיצנדיק זיך אויף די מיליטערישע אָפּטיילונגען, האָט ווייטער געפירט די מלוכה און דער סאָוועט — דאָס רעדל.

צוויי צעזאַרם אין איין רוים קאָנען אָבער לאַנג ניט געוועל־טיקן צוזאַמען, און אין זעקס וואָכן שפּעטער זיינען די רעוואָלו־ציאָנערע קרעפטן ווי דער פעניקס־פויגל, צוריק פון זייער אַש אַרויס מיט נייעם מוט און האָפנונג און זיך גענומען אינטענסיוו צום פּלאַן פון פאַרכאַפּן די מאַכט אין זייערע הענט. דאָס מאָל איז מען שוין געווען מער פאַרזיכטיק. דער זעלבער רומטשאַראַד וואָס האָט צוריק מיט זעקס וואָכן אַזוי פאַרביסן געקעמפט קעגן דעם סאָוועט, איז איצט געשטאַנען פאַר דער סאָוועט־רעגירונג, הגם ס׳זיינען נאָך געווען גענוג צווישן זיי פאַרשטייער פון מילי־

טערישע אפטיילונגען, געשטיצט פון די קאזארמעס סאמאסטיני־קעס, היידאמאקן און אנדערע באוואפנטע באנדעס; פון דער צווייטער זייט, זיינען אויך אלע מאטראזן פון קריגס און האנדעלס פלאטע געשטאנען אויף דער זייט פונ'ם סאוויעט. בעת דאס ערשטע מאל זיינען זיי געווען נייטראל, זיינען זיי אצינד געווען ארגאניזירט, און באוואפנטע אפטיילונגען פון מאטראזן האבן זיך געשטעלט אין דינסט פון דעם סאוויעט. פון דעסטוועגן איז מען נאך געווען געגוג פארזיכטיק און אויסגערעכנט, ניט אריינצופאלן, ווי דאס ערשטע מאל, און דער פלאן פון אטאקע איז צו ערשט גוט דיסקוטירט און אויסגעשטודירט געווארן, די קרעפטן געוואויגן און געמאסטן געווארן.

אין דער נאכט פון 14טן יאנואר, 1918, האבן פארשיידענע אפטיילונגען פארנומען כמעט אן א ווידערשטאנד די וויכטיקסטע אנשטאלטן פון שטאט: פאסט און טעלעגראף, באנהאף, שטאט־קאסע, דרוקערייען פון צייטונגען, — אזוי אז מיט'ן טאג צוגלייך זיינען שוין געווען אפגעדרוקט צייטונגען מיט גרויסע דיקע קעפלאך אויף די ערשטע זייטן: „עס לעבע דער סאוויעט — די מאכט פון ארבעטער, פויערים און מאטראזן!” אויסער דעם, זיינען שוין געווען אין די גאסן אויפגעקלעפט פלאקאטן מיט אויפקלערונגען און אויפרופן צו דער שטאטישער באפעלקערונג. אזוי אז ווען די איינוואוינער האבן צו־מארגנס זיך אויפגעוואכט, זיינען זיי געבליבן פארגאפט און זיך געריבן די אויגן: זיך געלייגט שלאפן אונטער דער מאכט פון די היידאמאקעס און אויפגעשטאנען סאוועטישע בירגער!

נאר דאס וואס די זייטיקע זיינען געשטאנען מיט אפענע מיילער און פארגלאצטע אויגן און זיך געוואונדערט איבער דער פלוצלינגער מעטאמארפאזע, אז רעש און אן בלוט־פארגיסונג, האט די אנטיילנעמער פון דער איבערקערעניש נישט גע'חדוש'ט, נאר געשראקן, געשראקן פאר די אונפארמיידלאכע קאנטר־אטאקן און קאנסעקווענצן; עפעס האט זיך גערודערט און מ'האט געפילט ווי דאמאקלעס שווערד הייננט איבער'ן קאפ און פריער אדער שפעטער וועט דער שטורם אויסברעכן מיט זיין בייזער ווילדער קראפט.

דעם זעלבן טאג האט דער סאוויעט מיט'ן רומטשאראד בא־קומען אן אולטימאטום פון די מיליטערישע היידאמאקישע אפטיילונגען, אז אויב ביז 24 שטונדן וועט מען ניט פארלאזן די אלע שטאטישע אנשטאלטן, וועלכע זיינען אומגעזעצלאך פארכאפט גע־

ווארן, ווען מען אַנווענדן מיליטערישע קראַפט־מיטלען און ער־קלערן די רעוואָלוציאָנערן אַלס לאַנדס־פאַררעטער און אויסער געזעץ. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז מ'האָט זיך גערינכט אויף אַזאַ קאָמפּלימענט, און ניט וואַרטנדיק אויף דעם צוגעזאָגטן טערמין, זיינען שוין אַלע ווידער געשטאַנען גרייט, יעדער אויף זיין פּאָסטן, און געוואַרט.

אַצינד זיינען די קאַרטן געווען אויפגעדעקט, די שטאָט איז איינגאַנצן געווען אין די הענט פון דעם סאָוויעט; אויסער דער שטאָט, דאָרט וואו די קאַזאַרמעס האָבן זיך געפונען, זיינען געווען די געגנער.

ביז מ'האָט זיך גערירט, האָבן די הײדאַמאַקעס פאַרכאַפּט דעם צענטראַל־באַנהאָף, גענומען אין געפענגעניש אַ פּאָר צענדליק רע־וואָלוציאָנערן, זיי געסטראַשעט יעדן מאָמענט צו דערשיסן און זיך גענומען גרופּירן אין צענטער פון שטאָט. פון אונזער זייט, ווידער, האָבן מיר זיך גענומען מאַרשירן צום ברעג.

דעם טאָג איז מיר ווידער גראַד אויסגעקומען צו זיין איינער פון די שוישפּילער אין דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל. מיט'ן טאָג צוגלייך האָט זיך אונזער אָפּטיילונג אַ לאָז געטאָן פון רומטשאַראַד און מיט דער ברייטער פּושקינסקאַיאַ גאַס אַרויף צום צענטראַל באַנהאָף. פאַראויס האָט געריטן אַן אָפיציר אויף אַ פערד אין אַ עלעגאַנטער נייער יוניפאָרם, וועלכער איז פּלוצלינג פאַרשוואונדן געוואָרן. באַלד האָט זיך דערהערט אַ זאַלפּ פון ביקסן אין אונ־זער ריכטונג פון אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פון באַנהאָף געגן אונז מיט דערזעלבער פּושקינסקאַיאַ גאַס. ס'איז געוואָרן אַ פּאַניק, פאַרשטייט זיך. יעדער איז געלאָפן, וואוהין די אויגן האָבן געטראָגן. אינ'ם ווירבל איז מיר באַשערט געווען צו נעמען די קאָמאַנדאָ און ענטפערן מיט דערזעלבער „שפּראַך" דער גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אויף אונז. אונ־זער לאַגע איז געוואָרן אַ פאַרצווייפלטע. מיר זיינען געווען אָפּ־געשניטן פון דער גאַנצער שטאָט. עס האָבן געדונערט קוילנ־וואַרפער און באָמבעס פון די שיפן. נעבן מיר זיינען געפאַלן נאָענטע חברים. דער קאַמף איז געוואָרן אַ פאַרביסענער.

איך און אַ לאַנדאַנער אימיגראַנט האָבן זיך פּלוצלינג געפונען אַרומגערינגלט. מיר האָבן אָפּגעשאָסן אויף לינקס, זיי־נען אויסגעוואַקסן פון רעכטס אַ גרופּע סאָלדאַטן און יונקערס מיט אויסגעשטרעקטן געווער און אונז באַשאָסן מיט פייער. אונזער

איינציקער גליק איז געווען, וואָס מיר זיינען באַלד אַריין אין אַ טויער, פון דאָרטן אויפ'ן דאַך און זיך ווייטער אָפּגעשאָסן, נאָר זעענדיק פון אויבן, אַז מיר זיינען אַרומגערינגלט און אַז אַ גרופּע רייסט זיך שוין אַריין אין דעמזעלבן טויער אונז נאָכיאָגן, האָבן מיר גענומען שפּרינגען פון איין דאַך אויפ'ן צווייטן און זיך אַרונ־טערגעלאָזט, צופעליק, אין אַ אידישן הויף, וואו מיר האָבן זיך אַי־בערגעטאָן די קליידער, באַהאַלטן דאָס געווער און געוואַרט.

אין דרויסן איז געווען חושך. די קוילן פון האַרמאַטן, קוילנ־וואַרפער און ביקסן האָבן געסווישטשעט און געפייפט איבער די קעפּ, געדונערט און זיך אָפּגעשלאָגן אין די ווענט פון די מויערן מיט ווילדער קראַפט. די שויבן האָבן געקלונגען, צופלאַצט פון דעם קראַכן און דונערן; נאָך יעדן שאָס האָט זיך באַלד דערהערט דאָס פאַלן פון די שויבן און אָפּגעקלונגען אויף די שטיינערנע גאַסן. מיר זיינען געשטאַנען ביי דעם פאַרשלאָסענעם טויער, זיך געביסן די נעגל און געמוזט וואַרטן.

אַ גרופּע סאָלדאַטן און קאַדעטן זיינען צוגעקומען, גענומען קלאַפּן אין טויער, מ'זאָל זיי עפענען. מיר האָבן זיך געמוזט ווי־דער פאַרשטעקן אין די הייזער. זיי זיינען אַריינגעקומען אַ שטיק צוואַנציק, זיך געלאָזט גלייך אויפ'ן דאַך, גענומען קריכן אויפ'ן בוידעם, גענישטערט איבעראַל, אויסגעפּרעגט יעדן באַזונדער וועגן אונז און ענדלאַך פאַרלאָזט דעם הויף, אָבער ניט אָן פאַרדאַכט, אַז מיר זיינען ערגעץ־וואו פאַרשטעקט. דאָס אַלעס האָט אָנגע־האַלטן ביז פאַרנאַכט. דאָס שיסעריי איז געוואָרן זעלטענער. מיר האָבן זיך געלאָזט אין דער פינסטערניש דורך די פיינטלאַכע לי־ניעס צום רומטשאַראַד און שטאַב פון דער רויטער גוואַרדיע. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן די שארית הפליטה פון אונזער גרופּע, זיך ווידער אויסגעמוסטערט מיט נייע קרעפטן און געווער און גרייט ווידער צום פראָנט. די שלאַכט האָט אָנגעהאַלטן 48 שטונדן, און ערשט ענדע צווייטע נאַכט איז אונז געלונגען צו באַפרייען דעם צענטראַל באַנהאָף און פאַרטרייבן די קאַדעטן און די היידאַמאַ־קעס פון שטאָט. אם שווערסטן איז אויסגעקומען איינצונעמען דעם קאַדעטישן אינסטיטוט, וואו ס'האָבן זיך געפונען די פאָר צענדליק אונזערע געפאַנגענע און געוואַרט אויפ'ן טויט פון מינוט צו מינוט...

ח

פאַרוואָלקנטע הימלען

דער זיג פון די ארבעטער און מאַטראָזן דעם 16טן יאַנואַר 1918, איז געווען אַ פולשטענדיק געזיכערטער. די מאַכט פון די סאָוויעטן האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד, אוקראַינאַ, קרים, דאָן און קאַווקאַז. אדעס איז געווען איינער פון די שווער־פונקטן, וואו די רעאַקציע האָט זיך פעסט געהאַלטן ביז'ן לעצט און געשטערט דער ארבעטער־מאַכט אין איר אויפבויאונגס־אַרבעט. ווי באַלד דער הויפּט־פּאַרט פון שווארצן ים איז באַפרייט געוואָרן פון די סאָוויעטישע פיינט, האָט דער רויטער פלאָט געהאַט אַ זיכערע באַזע, און די פראַגע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע איז ארויף אויף'ן טאָג־אָרדנונג.

אמת, דער זיג האָט געקאָסט אַביסל צו טייער. די 105 טויטן־קאַסטנס וואָס מ'האָט געפירט פון מאַרג מיט צוויי טעג שפּעטער מיט פּאַראַד און גרויס פּאָמפּ צו דעם קוליקאָווו פעלד, זיינען נאָך ווייט ניט געווען דער סך הכל פון די קרבנות פון די לעצטע שלאַכטן. און ווען די מורא און שרעק פון אינווייניג איז גע־וואָרן קלענער, האָט די שווערד פון אויסערן שונא גענומען סטראַ־שען.

צוערשט האָט זיך רומעניען אַ וואָרף געטאָן אויף בעסאַראַ־ביען, און ווען זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט דעם גאַנצן ליינג פון דניעסטער, בענדער, אַקערמאַן, ביז'ן שווארצן ים, — האָט זיך איר אַפּעטיט ערשט צושפּילט און זי האָט זיך געשאַרפט די ציין אויף דער צווייטער זייט דניעסטער — טיראַספּאָל, ראַזדעלני, פּאַ־דאָל און אדעס. און וואָלט זיך שוין מיט דעם שונא פאַרענדיקט די צרות, זיינען גלייכצייטיק אָנגעקומען נאָך פיל געפערלאַכערע שונאים — דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגארן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק פאַרביטערט פאַר די מפּלות אויפ'ן מערב־פראָנט, זיינען זיי געקומען אויסלאָזן דעם כעס צו דער רוסישער רעוואָלוציע, וועלכע האָט זיי געעפנט די פראָנטן און זיי געגעבן אַ פרייען וועג,

דורך וועלכן זיי זיינען געגאנגען אונגעשטערט און פארפלייצט א שטיק רוסלאנד, גאנץ אוקראינא, קרים, און ווער ווייסט נאך, ווי ווייט זיי וואלטן געקראכן, ווען ניט זייער אייגענע רעוואלוציע, צו ערשט אין עסטרייך און שפעטער אין דייטשלאנד, וואס האט מיט אמאל אן ענדע געמאכט פון די האבסבורגער און האהענצאלערן הערשאפט און זייערע מיליטערישע אוואנטיורעס, וועלכע האבן גאנץ איירא‍פא חרוב געמאכט. ס'איז אויך אמת געווען, אז די יונקערס האבן זיך ניט אזוי שטארק דערשראקן פאר די מפלות אויפ'ן פראנצוייזשן, באלקאנישן און אנדערע פראנטן, ווי פאר דער רוסישער רעוואלוציע, וועלכע איז געווארן די אמת'ע געפאר פאר יעדער אבסאלוטער הערשאפט. די רעוואלוציאנערע לאזונגען און אויפרופן צו דער וועלט: „א באלדיקן שלום אן אנעקסיעס און אן קאנטריבוציעס", האבן מער געווירקט ווי די אלע פיינטלאכע הארמאטן און ארמייען צוזאמענגענומען; און אויב זיי האבן זיך א לאז געטאן ווי די מחנות הונגעריקע היישעריקן איבער דעם פריי־געווארענעם לאנד, איז דאס געווען פשוט צו דערשטיקן די רעוואלוציע, וועלכע האט געגומען פלאקערן מיט אזא ברען און געקענט אונטערצינדן זייערע שטרויענע הייזלאך, פאר וועלכע זיי האבן מיט רעכט אזוי געציטערט... נאר אויב זיי האבן ניט געקענט פארמיידן און אויספעלן די רעוואלוציע ביי זיך, האבן זיי אבער ווידער אמאל געבראכט אויף רוסלאנד און ספעציעל אויף אוקראינא דעם שרעקלאכן בירגער־קריג, וועלכער האט זיך אומגליקלאך געצויגן ביז ענדע פון 20טן יאר און צום איבריקן א תל און חרוב געמאכט פון דעם אזוי שטארק געליטענעם און געפרוווטן לאנד.

און נישט געקוקט אויף די פארוואלקנטע הימלען און שטורם־געפאר וואס איז געהאנגען אין דער לופטן, האט מען זיך גענומען צו דער אינערלאכער ארבעט. דער סאוויעט האט גענומען ארגאניזירן דעם שטאטישן אפאראט. די פראפעסיאנעלע פאראייגען האבן זיך גענומען צו קאנסטרוקטיווער ארבעט פון עקאנאמישן לעבן, — מיט איין ווארט, יעדער האט נאך זיינע קרעפטן און מעגלאכקייטן געזען איינצוארדנען דאס טאג־טעגלאכע לעבן אזוי גוט ווי עס האט זיך געלאזן.

די איינציקע, וועלכע האבן זיך פארלוירן דערזעענדיק פאר זיך דעם ברייטן, פרייען און ווייטן האריזאנט, — זיינען געווען די אנארכיסטן. מערקווירדיק: דאס וואס האט זיי צוערשט אזוי

צוזאַמענגעבונדן — די שרעק פאַר דער קאָנטר־רעוואָלוציע, דער רעוואָלוציאָנערער אינסטינקט זייערער וואָס האָט זיי שטענדיק אַרויסגעשטופּט פאַר׳ן אַוואַנגאַרד פון יעדער רעוואָלוציאָנערער פרייער שטרעבונג, זייער וויטער קוק אויפ׳ן מענטשלאַכן לעבן און ענדלאַכן ציל צו דער אידעאַלער אַנאַרכיע, ווען קיינער וועט קיי־נעם ניט קויפן און ניט צווינגען, ווען אַלע סמנים פון געזעצן און הערשן פון מענטש איבער מענטש וועלען פאַרשווינדן, ווען יעדער וועט זיין זיין אייגענער האַר און אַלע צוזאַמען וועלן לעבן אין איין גרויסער האַרמאָניע — אַט דער שיינער טרוים פון צוקונפט האָט זיי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט ביים ערשטן שפּאַן פאַראויס.

אַ שווערע דילעמא: וואָס דאַרפן און זאָלן די אַנאַרכיסטן אַצינד אָנהויבן צו טאָן? וואָס הויבט מען אָן צו טאָן באַלד נאָכ׳ן ערשטן טאָג פון דער רעוואָלוציע? וואָס פאַר אַ וועג נעמט מען זיך גיין כדי צו דערגרייכן דעם ענדלאַכן ציל פון דער מענטשלאַ־כער באַפרייאונג? איבערהויפּט וואָס פאַר אַ ראָלע אין לעבן זאָלן די אַנאַרכיסטן שפּילן, אַז ס׳זאָל זיין אין איינקלאַנג מיט זייער אידעאַל? די פּראָבלעמען האָט מען געדאַרפט לייזן, און דאָס איז געווען דער שווערער שטיין וואָס האָט זיך געלייגט אויף זייער וועג און צושיידט, צושפּאָלטן דעם לאַגער אויף פאַרשיידענע וועגן און ריכטונגען.

אייניקע, וועמען ס׳האָבן אָפּגעשראָקן די וויטע פּערספּעק־טיוון און דאָס וואַרטן ביז די מענטשן וועלן אַליין קומען צום שכל, אַז מען דאַרף אָבשאַפן אין גאַנצן דאָס פּריוואַטע אייגנטום און אַז „מיינס" און „דיינס" דאַרפן מער ניט עקזיסטירן, — האָבן געפונען אַ פּראַקטישן וועג, יעדער איינער פאַר זיך, ווי אַריינצופירן דעם אַנאַרכיזם. מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין אַ האָ־טעל אָדער אין אַ פּריוואַט־הויז, רעקווייזירט פאַר זיך אַ דירה מיט מעבל. געקומען אין אַ געשעפט און זיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס, זיך געלאָזט פיין באַדינען און ווען מ׳האָט פאַרלאַנגט באַ־צאָלט פאַר דער סחורה, האָט מען אַרויסגענומען אַ רעוואָלווער, צוגעשטעלט יענעם צו דער נאָז און: „אויב דו וועסט נאָך פיל ריידן, באַקומסטו אַ קויל אין קאָפּ". אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך גערופן אַנאַרכיסטן, זיינען אויסגעוואַקסן ווי פון אונ־טער דער ערד אין פּעטראָגראַד, מאָסקווע, קיעוו, כאַרקאָוו, אָדעס און אַנדערע גרויסע שטעט.

אין אָדעס, באַלד נאָך דעם ווי אַט די עלעמענטן האָבן פאַר־

כאַפּט דאָס שאַנד־הויז נומער 21 אויף דער פּיאָטר־וועליקי־גאַס און געמאַכט דערפון אַן אַנאַרכיסטישן קלוב, האָט מען זיך באַ־פעסטיגט, באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פּיס און זיך ערקלערט פריי און אונאָבהענגיג פון קיינעם, אַן אַנאַרכיסטישער זעלבסטשטענ־דיקער שטאַאַט אין שטאַאַט.

— מיר האָבן גענוג געקעמפט, געגעבן אונזער בלוט פאַר דער באַפרייאונג, אַצינד נעמען מיר זיך אונזער חלק און לוין פאַר דעם. — אַזוי האָבן גע'טענה'ט די וואָס האָבן אַוועקגענומען דאָס אייגנטום פון אַנדערע און עס געמאַכט פאַר זייערס...

צום גרויסן גליק איז דער סאָרט אַנאַרכיסטן ניט געווען אַלעם און ניט געשפּילט קיין גרויסע ראָלע אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. בעת זיי האָבן זיך אָנגערופן אַנאַרכיסטן און אונטער דעם דאָזיקן נאָמען אָפּגעטאָן פאַרשיידענע נאַרישע גראָבקייטן, איז דער גרויסער אַנאַרכיסטישער אידעאַל ניט אָראָפּגעפאַלן; זיי, די מער ערנסטע און ווייט־זעענדיקע אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן זיך גרו־פּירט אַרום דער צייטונג „גאָלאָס טרודאַ" (שטימע פון אַרבעט) און געהאַט אַזאַ ליכטיקע, גרויסע און נאָבעלע מענטשלאַכע פּער־זענלאַכקייט ווי פּעטער קראָפּאָטקין, — זיי האָבן געפירט ווייטער זייער אויפקלערונגס־אַרבעט און אַנגעגאַנגען מיט זייער מינדלאַ־כער און שריפטלאַכער פּראָפּאַגאַנדאַ איבער גאַנץ רוסלאַנד. די אַרבעטער האָבן זיך צו זיי צוגעהערט מיט'ן גרעסטן אינטערעס.

צום באַדויערן, זיינען די בעסטע עלעמענטן פון דער אַנאַר־כיסטישער שולע געווען אַ קליינע צאָל. די געציילטע גרופּן פון אַנאַרכיסטן־קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן־סינדיקאַליסטן, די פעדעראַ־ציע „נאַבאַט", האָבן ניט געקענט דערגרייכן אַלע ווינקלען פון דעם ריזיקן לאַנד־שטח, און דערפאַר איז קיין וואונדער ניט וואָס איבעראַל, ווער ס'האָט געוואָלט, האָט זיך פאַררופן אויף שטיר־נער'ן, ניטשע'ן און אפילו זיך קיין רעכנונג ניט אָפּגעגעבן, וואו־הין זיי זיינען פאַרקראָכן.

אַ סך זיינען אינגאַנצן אַוועק פון אַנאַרכיסטישן לאַגער און געפונען פאַר זיך אַ פעלד ביי די באָלשעוויקעס און דאָרטן אויס־גענוצט זייער ענערגיע און טעטיקייט.

אדעס איז ניט געווען קיין אויסנאָמע פון אַנדערע שטעט און האָט דורכגעמאַכט די אַלע פּיבער־חלאת'ן און פּאָליטישע קריינק, וואָס אירע שוועסטער פּעטראָגראַד, מאָסקוואַ און אַנדערע. די ערשטע סימפּטאָמען האָבן זיך באַלד באַמערקט נאָך דער פאַר־

כאַפּונג פֿון׳ם הויז 21 אויף פּעטער וועליקי׳ס גאַס. דער אַקט איז געווען אַ געוואַגטער. דער קלוב איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן נאָך פֿאַר דער צייט פֿון די היידאַמאַקעס, וועמען ס׳האָט גאַרנישט געשמעקט אַזאַ פֿרעכע חוצפּה מצד די אַנאַרכיסטן. אַ פּאָר מאָל זיינען גע־קומען מיליטערישע אָפּטיילונגען און זיך געפּרוּווט אין כחות מיט די אַנאַרכיסטן, און ווען זיי האָבן געזען, אַז ס׳איז גאָרנישט דאָ וואָס צו מאַכן מיט די עקשנים, האָבן די היידאַמאַקעס ענדלאַך אויפֿגעגעבן דעם געדאַנק, פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך נישט גע־מאַכט ווויסנדיק.

און גראָד דער געוואַגטער שריט פֿון די אַנאַרכיסטן האָט אַרויסגערופֿן פֿיל סימפּאַטיע און אַכטונג ניט נאָר אין די פּאָלי־טישע קרייזן; אַפֿילו די געוויינלאַכע בירגער זיינען געווען צו־פֿרידן וואָס ענדלאַך האָבן די אַנאַרכיסטן געמאַכט אַן ענדע פֿון דעם שענדלאַכן הויז, צוטריבן די פּראָסטיטוטקעס, פֿאַריאָגט די בעלי בתים און געמאַכט אַ פֿרייען קלוב, וואוהין יעדער איינצי־קער האָט געקענט אַריינקומען הערן אַ גוט וואָרט און דיסקוטירן איבער ברענענדיקע טעגלאַכע פֿראַגן.

אָבער אינגיכן האָט זיך די גוטע שטימונג פֿון דאָרטן אָפּגע־טאָן איבער דער קליינלאַכער מחלוקת וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אינעווייניק אין דעם קלוב. דיזעלבע כהנים, וועלכע האָבן ערשט ניט לאַנג מיט אַזאַ פֿייערדיקן האַס פֿאַרוואָרפֿן יעדע פּרעטענציע אויף פּריוואַט אייגנטום, זיינען אַליין געשטרויכלט געוואָרן אויף דער קריינק, און דאָס הויז פֿון רייכן לוקסוס און פֿון אַלעם גוטן וואָס איז אַריינגעפֿאַלן פּלוצלונג אין זייער רשות איז געוואָרן דער פּרוּוואָר־שטיין, די נעץ, וואָס דער יצר־הרע האָט פֿאַרוואָרפֿן פֿאַר די אַנאַרכיסטן און זיי געפֿאַנגען.

יעדער איינער האָט גענומען פּרעטענדירן און געוואָלט אַרויס־ווייזן זיין אויטאָריטעט, זיין פּערזענלאַכע אַמביציע און געזוכט צו פֿאַרכאַפּן וואָס מער פֿון זאַק־רויב פֿאַר זיין אייגענעם געברויך:
„וואָס? ס׳געפֿעלט אייך ניט? טוט וואָס מיר האָבן געטאָן! — רעקוויזירט אַ הויז און מאַכט אַנדערש.” אַזעלכע אַרגומענטן האָט מען געהערט אויף טריט און שריט פֿון די פֿאַרכאַפּערס וואָס האָבן ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן זיי זאָגן דעות אין „זייער” באַזיץ. אַזוי ווי אָבער דער שׂכל האָט ניט געקענט קלעקן פֿאַר יעדן איינעם, איז געוואָרן אַ רייסעריי, כאַפּ־לאַפּ; ווער עס איז געווען שטאַרקער און האָט פֿאַרמאָגט אַ גרעסערע חוצפּה, דעם

איז אַנגעקומען אַ גרעסערער חלק. דירות זיינען צופעליק געווען געננוג אין דעם צוויי־שטאָקיקן הויז מיט אַ פאַרמאַכטן הויף — ווען וואָלט דאָס געדעט געווען, ווען די קנאה און שנאה זאָלן ניט געווען זיין אין מיטן. ס׳איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אייניקע פאַר קנאה און פאַרדרוס וואָס אַנדערע האָבן פאַרכאַפּט די שענערע מעבלירטע צימערן, די בעסערע חפצים, האָבן בכיוון צעבראָכן, צעשטערט, אַז קיינער זאָל ניט הנאה האָבן — מיר ניט, דיר ניט...

גליקלאַכערווייזע האָבן זיך אויך אין אַדעס געפונען אַנדערע אַנאַרכיסטן; אַ געוויסער חיים רוט, און אַמאָליקער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ פּייאיקער פּעדאַגאָג און אידעאַליסט, ער האָט אַרום זיך מאָביליזירט אַ גרויסע אַרמיי פון די אַלע אַרבעטלאָזע אין אַדעס, וועלכע זיינען געבליבן אויף דער גאַס נאָך דער לעצ־טער איבערקערעניש און וועגן וועמען קיינער האָט זיך ניט געקי־מערט. ער האָט פאַר זיי באַקומען אַ סומע פון צען מיליאָן רובל פון דער שטאָט, וואָס האָט אַביסל אַרויסגעהאָלפן און אַביסל פאַר־גרינגערט זייער לאַגע.

אַן אַנדער גרופּע אימיגראַנטן האָבן זיך גלייך גענומען באַ־שעפטיקן צו בויען אַ קינדער־שולע און קינדער־היים נאָך די מעטאָדן פון די ראַציאָנאַלע פּערער־שולן מיט פּרעבעלישע קורסן. אייניקע, ווידער, האָבן זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין עפנטלאַכן פּאָליטישן לעבן און פאַרנומען דעם אויבן־אָן אויף אַלע געביטן. סאַשאַ פעלדמאַן, דער סעקרעטאַר פון סאָוועט, איז פאַקטיש געווען דער גאַנצער שטאָט בעל־הבית. בעלינקי, אַ שווייצער אימיגראַנט, איז געוואָרן דער פאָרזיצער פון רעוואָ־לוציאָנערן טריבונאַל, וואו אַ דאַנק אים, זיינען אַ סך לעבנס געשאָנעוועט געוואָרן. קראַסני, דער קאָמיסאַר פון שפּייזן און פּראָדוקטן, איז אַליין אַרומגעגאַנגען אַ הונגעריקער. בנימין חאַיט, דער פאַרוואַלטער פון שטאָט־בעל־הבתישקייט, האָט זיך אויסגעצ־ייכנט מיט זיינע אָרגאַניזאַציאָנס־פייאיקייטן. אַלעקסאַנדראָ־וויטש, אַ לאָנדאָנער אימיגראַנט, איז געוואָרן מיליטערישער ראַט־געבער און פירער פון „וואָיענקאָם.“ ליאָווע גאַנדלער, דער לאָנ־דאָנער „דזשינזשע,“ האָט פאַרנומען די וויכטיקסטע שטעלע ביי דער וואוינונגס־אָפּטיילונג. אייניקע האָבן זיך אַזוי אַריינגעלאָזט אין דער פּראַקטישער אַרבייט, ביז די באָלשעוויקעס האָבן זיי אינגאַנצן פאַרשלונגען. אַזוי איז צע׳תכלית׳ט געוואָרן דאָס ביסל אַנאַרכיסטישע קרעפטן. יעדער איינער איז געגאַנגען זיין איי־

גענעם וועג. און אויסער די אַלע באַקאַנטשאַפטן פון אַמאָליקע גענאָסנשאַפטלאַכע אידייען און שטרעבונגען, וואָס מען פלעגט זיך ביי אַ געלעגנהייט צוזאַמענטרעפן, איז ווייטער קיין געמיינ־שאַפטלאַכעס צווישן זיך ניט געווען. פון איין זייט האָט דער קלוב פון „21" גענומען אָפּשטויסן און דערווייטערן פון זיך די בעסערע עלעמענטן, וועלכע האָבן פיל געווירקט און וואָלטן מיט דער צייט ענטוויקלט און געמאַכט פון קלוב אַן אמת'ע פאָלקס־טריבונע. אָבער, ווי געזאָגט, האָבן די קליינע פּערזענלאַכע אינ־טערעסן אין קלוב פאַרנומען דאָס אָרט פון די גרויסע פּערספּעק־טיוון און פון דעם גאַנצן קאָכעדיקן רעש און טומל פונם אַנאַר־כיסטישן קעסל איז געבליבן, ליידער, דער ליידיקער קלאַנג. ווי ווייט די אַנאַרכיסטן זיינען שוין דערגאַנגען מיט זייער איינפלוס ביי דער אָדעסער באַפּעלקערונג און בכלל ביי די אַרבעטער־מאַסן, איז צו זען פון די פּאָר פאַקטן וואָס כ'וועל דאָ ברייינגען.

איינמאָל, אַריינקומענדיק אין קלוב פון „פּעטר וועליקי נומ. 21," טרעף איך צוויי קינדערלאַך, אַ מיידעלע און אַ אינגעלע, פון 12 און 13 יאָר, שטיין ביים אַריינגאַנג פון קלוב און וויינען. נעבן זיי שטייט אַ גרויסער שטאַרקער יונג באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, וועלכער שטויסט די קינדערלאַך אַרויס פון קלוב מיט די ווערטער:

— גייט, גייט, דאָ איז ניט קיין פּאָליציי, מיר קענען אייך ניט העלפן!

און, זיך ווענדנדיק צו מיר, האָט ער פאַרהיקעט, רויט ווערנ־דיק און מיט מאַטערניש, אַרויסגעזאָגט:

— וואָס . . . זאָגט איר . . . צו דער . . . אָנשיקעניש. יעדן טאָג . . . גלייך . . . מיר פּאָליציי, צי ריכטער. . . .

דעם בחור האָב איך געקענט, ער איז געווען אַן אַמעריקאַנער אימיגראַנט, אַ ריז פון אַ יונג, ניט קיין שלעכטער פון כאַראַקטער, ווי יעדער געזונטער שטאַרקער מענטש. דאָס פאַרהיקען איז אים געקומען פון שטאַרקע קלעפּ, וואָס ער האָט אין דער יוגנט געקראָגן, פון זיין אייגענעם פאָטער, שפּעטער פון דער רוסישער און אַמעריקאַנער פּאָליציי פאַר זיין רעוואָלוציאָנירנדן טעמפּעראַ־מענט. ער איז אויך שפּעטער געוואָרן איינער פון מיינע פּליגל־אַדיוטאַנטן אין די שלאַכטן.

איך האָב גענומען די כליפּענדיקע קינדערלאַך אַן אַ זייט און זיך פון זיי דערוואוסט, דאָס זייערע עלטערן, גרויסע אָרימע־

לייט, ניט האבנדיק מיט וואס זיי צו דערנערן, האבן זיי די קינ־
דערלאך פשוט ארויסגעווארפן אויף דער גאס אז זיי זאלן זיך
אליין זוכן צו פארדינען אויף זייער עקזיסטענץ. „מ׳האט אונז
געזאגט אז די אנארכיסטן זיינען גוטע מענטשן און זיי פאראינ־
טערעסירן זיך אין יעדן ארימען, זיינען מיר געקומען מ׳זאל אונז
העלפן. מיר האבן ניט וואוהין צו גיין.״... ביי די ווערטער
האבן זיך ווידער ביידע קינדערלאך שטארק צעוויינט...

אז אנדערש מאל האב איך געטראפן א פאר פאלק וואס
זיינען געקומען זיך קלאגן פאר די אנארכיסטן און געוואלט ניט
אנדערש, אז מ׳זאל צווישן זיי שלום מאכן אדער פונאנדערשיידן.
... ארבעטער און בעלי־בתים פלעגן קומען אין אנארכיסטישן
קלוב אויסגלייכן זייערע סכסוכים, און וואס מ׳פלעגט פסק׳ענען,
איז פאר מורא אדער פאר דרך ארץ פאר די אנארכיסטן אויס־
געפאלגט געווארן. ס׳איז א פאקט, אז די ערשטע צייט פלעגט
מען קומען צו די אנארכיסטן זיך קלאגן פון אלע שיכטן פון
דער געזעלשאפט. פיל מער ווי צום רעוואלוציאנערן טריבונאל.

נאך א פאקט וועלכער האט זיך אפגעשפילט פאר מיינע
אויגן איז ווערט דערמאנט צו ווערן: דער פאל איז פארגעקומען
מיטן געוויסן בעקער פונם פערעסיפ, פעלדמאן, שוין אן עלטערער
מענטש מיט א פאמיליע און דערוואקסענע קינדער. ער איז געווען
אן אייגנטימער פון עטלאכע בעקערייען אין אדעס. אין דער יוגנט
האט ער געשפילט א גרויסע ראלע אין דער רעוואלוציאנערער
באוועגונג, פאר וועלכער ער האט ניט איינמאל געליטן. די
טירן פון די תפיסות זיינען פאר אים שטענדיק געווען אפן. ער
איז אויך שפעטער מיט יארן געווען דער זעלבער רעוואלוציאנער,
נאר ווייניגער אקטיוו. א שטיק צייט איז ער געווען דער סעקרע־
טאר פון בעקער פארבאנד. די רעוואלוציע פון 1917 האט אים
ווידער געבראכט אין די רייען פון די ארבעטער, ניט קוקנדיק
אויף זיין סיטואציע: א בורזשוי און אייגנטימער פון עטלאכע
בעקערייען. די לעצטע צייט פון דער סאוויעטן מאכט, ווען מ׳האט
שטארק גענומען דיסקוטירן די פראגע פון נאציאנאליזאציע און
סאציאליזאציע פון פריוואטן אייגנטום, האט ער לאנג ניט געווארט
און איז געווען דער ערשטער וואס האט אפגעגעבן זיינע בעקע־
רייען און אלעם איבעריקע צו זיינע ארבעטער אין די הענט, און
דער בעקער־פארבאנד איז געווארן דער פאקטישער באלעבאס אי־
בער דעם אלעמען. ווי יעדער אנדערער ארבעטער האט ער גע־

קראַגן זיין לוין נאָך דעם וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט און פאַר־דינט. איין תנאי האָט ער אויסגענומען ביים איבערגעבן די אַרבעטער זיינע בעקערייען: יעדן טאָג זאָל מען ליפערן צוויי פוד ברויט אין דעם אַנאַרכיסטישן קלוב אונבאַצאָלט, — פאַר־שטייט זיך.

און אַזוי ווי אינדיקעס, גענז, קאַטשקעס זיינען געבליבן געננוג ביים פאַרכאַפּן דאָס הויז, פעסער מיט וויין, פּושקעס מיט שמאַלץ, אַ פולער קעלער מיט קאַרטאָפל, איינגעזייערטע אוגער־קעס, קאָווענעס, פּאָמידאָרן, רייז, צוקער און אַנדערע גוטע זאַכן זיינען געווען לרוב און געקענט קלעקן אויף יאָרן, און דערצו זיינען יעדן טאָג אַריינגעקומען פרישע צוויי פּוד ברויט, איז געוואָרן אַן אמת'ער גן־עדן. ווער נאָר ס'האָט געוואָלט איז געקומען עסן. די טישן זיינען שטענדיק געווען געגרייט. אין די קיכן פלעגט דאָס פייער קיין מאָל ניט אויסגיין. גאַנצע קעסלען מיט זופּ, אינדיקעס געבראָטענע, געמאַרינירטע הערינג זיינען גע־שטאַנען גרייט פאַר יעדן, און ס'האָט ניט אויסגעפעלט קיין קיש־קעס, וואָס פלעגן זיך אָנפילן יעדן טאָג.

פעלדמאַן, דער אַלטער „סוועטלאָוו,” און נאָך אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנערן און אידעאַליסטן, פלעגן זיך צוזאַמענטרעפן יעדן טאָג אין דעם קלוב פון „21,” און דיסקוטירן די פלאַמענדע פראַגן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. איינמאָל אין אַ מיטן טאָג, ווען די אַלע אַלטע רעוואָלוציאָנערן זיינען געזעסן אין קלוב איז צוגעקומען צו פעלדמאַנ'ען איינער פון די „פאַרכאַפּערס,” וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ תקיף פון קלוב, און צושטעלענדיק אים אַ רעוואָלווער צו דער ברוסט, האָט ער געפאָדערט אַז פעלדמאַן זאָל אים אָוועקגעבן זיין רעוואָלווער, אַ נייעם בראַונינג, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

דער מאָטיוו איז געווען: אַזוי ווי פעלדמאַן איז דאָך אַ בורזשוי, טאָר ער קיין געווער ניט טראָגן, ווייל מ'קען ניט וויסן אויב ער וועט ביי אַ געלעגנהייט ניט באַנוצן דעם רעוואָלווער קעגן די אַרבעטער. דער אַלטער פעלדמאַן האָט אַן ווייטערעס אַרויסגענומען דעם בראַונינג און איבערגעגעבן דעם „העלד” מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, און ווי גאָר ניט וואָלט פאַרגעקומען, ווייטער געפירט מיט די אַנדערע די געשפּרעכן.

אַ פּאָר זייטיקע מענטשן, וועלכע האָבן בייגעוואוינט די סצענע האָט פאַרדראָסן די אומגערעכטיקייט. פיליכט האָט דאָ

גערעט די קנאה געפילן, וואָס יענער, וואָס האָט שוין אַ רעוואָל־
ווער וועט נאָך האָבן אַ צווייטן און דערצו אַ נייעם בראַונינג.
ס'איז געוואָרן אַ טאַראַראַם און קאָכעניש. דער גאַנצער קלוב
איז געגאַנגען אויף רעדער.

איינציקע האָבן גע'טענה'ט, אַז דער יונגער „אמת'דיקער"
אַנאַרכיסט האָט רעכט, נאָר דעם רעוואָלווער זאָל ער אָפּגעבן דעם
קלוב, אַנדערע ווידער האָבן געפּייערט, וואָס מ'איז זיך אַזוי גראָב
באַגאַנגען מיט אַן איינעם חבר, נאָך אין אַנאַרכיסטישן קלוב
דערצו. אין מיטן דעם טומל און רעש בין איך אַנגעקומען.

— „אַ פּאַרטיי געריכט!" — האָבן אַלע מיטאַמאָל גענומען
שרייען.

איך האָב ניט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, ווי אַ פּאָר האָבן
מיך אַריינגעשלעפּט אין אַ זייטיק צימער, וואו די פאַראינטערע־
סירטע האָבן זיך געפונען און די אַלע עדות, וועלכע האָבן בייגע־
וואוינט די סצענע. דער חבר'שער געריכט וואָלט זיך זיכער גע־
ענדיקט מיט קלעפּ, אויב ניט מיט שיסעריי, ווען ניט דער אַלטער
פעלדמאַן, וועלכער האָט מיט איינמאָל געמאַכט אַ סוף צו אַלעם.

— ערשטנס, חברים, — האָט ער אַנגעהויבן, — פּראָטעסטיר
איך קעגן דעם גאַנצן געריכט און מיך וואונדערט אויף אייך,
וואָס איר נעמט זיך גאָר דאָס רעכט צו משפּט'ן אייער גלייכן.
זיך צו גריבלען אין יענעמס טאַטן, דאָס איז ניט אַנאַרכיסטיש...

„און, צווייטנס, גיב איך צו, דאָס דער חבר איז פאַלשטענדיק
גערעכט געווען, זיין טאַט איז אַ בארעכטיקטער און באַגרינדעטער,
ווייל נאָך אַלעמען, ווער קען גאַראַנטירן דאָס איך וועל דעם רע־
וואָלווער ניט אויסנוצן קעגן די אַרבעטער?

„דאָס וואָס ער האָט מיר צוגעשטעלט זיין רעוואָלווער צו
דער ברוסט נאָך איידער ער האָט געוואוסט צי איך האָב אַ רע־
וואָלווער, און צי איך וועל אים אָפּגעבן, איז אַ פּשוט'ע זאַך, פון
וואַנען איז ער זיכער געווען אַז איך וועל אים ניט דערשיסן צו־
ערשט מיט מיין רעוואָלווער, איידער אים אוועקצוגעבן?

„וואָס איך וואָלט יאָ געוואונטשן, אַז דער רעוואָלווער זאָל
געהערן צום קלוב אין אַלגעמיין און ניט צו קיין איינעם פאַר
פּערזענלאַכע צוועקן."

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער משפּט. צופרידענער
פון די אַנדערע איז געווען דער „העלד," וואָס האָט דעם רעוואָל־
ווער אַראָפּגערוקט טיף צו זיך אין קעשענע און ניט געוואָלט

וויסן פון קיין שום קלובן־שמובן, צוגענומען, פארפאלן, און זאל מען אים לאדן.

דעם זעלבן פעלדמאן, וועמען איך פלעג זיך שעמען צו קוקן גלייך אין די אויגן פאר שאנדע, האב איך מיט א צייט שפעטער געטראפן צווישן כארקאוו און יעקאטערינאסלאוו, מיט זיינעם א זון אנגעטאן אין מיליטערישע קליידער, מיט א ביקס אין האנט, זיך שלעפנדיק אויפן דעניקין פראנט, פון וואנען ער איז שוין מער ניט צוריקגעקומען. ביים געזעגענען זיך מיט מיר האט ער מיט א שמייכל א זאג געטאן: „די ביקס, זעט איר, וועל איך שוין ניט אזוי גרינג אוועקגעבן ווי דעם רעוואלווער...״ אין דער זעלבער צייט איז דער „העלד״ פונם רעוואלווער באלאדן פון קאפ ביז פיס, פארמאגט צירונג, קליידער און א הויז מיט ווערט־פולע זאכן, וואס ער האט זיך אנגעגרייט, באווארענענדיק זיך קעגן יקרות, געבליבן זיצן אין אדעס און געווארט אז דעניקין זאל קומען צו אים...

איינעם פון די זעלבע „העלדן,״ וואס האט שותפות געמאכט מיט זיין חבר'ס פרוי, אויך אן אמעריקאנער אימיגראנט, האב איך געטראפן אויפן רומענישן פראנט, ביי טיראספאל. איינמאל אין מיטן דער נאכט, דאס איז געווען אין מיטן פעברואר, 1918, א שניי וואס האט גאר ניט געוואלט אויפהערן זיך א פאר טעג צו שיטן זיינע קאלטע פעדערן אויף אונזערע פאזיציעס, און א ווינט מיט א זאווערוכע האט גענומען זיך צעשפילן, זיינען מיר ארומגעלאפן און ארומגעפארן צו וויזיטירן דעם פראנט און די טראנשייען אונזערע, וואס מ'האט געהאלטן קעגן די רומענער, ניט ווייט פון דער בריק איבערן דניעסטער, צווישן טיראספאל און בענדער זיינען געשטאנען אונזערע באטערייען, זעקס דיומאווע קאנאנען, וואס האבן געהיט דעם וועג און דעם בריק קעגן די רומענער. א גוטער וויארסט פאר די באטערייען האבן זיך געפונען אונזערע טראנשייען מיט אן אפטיילונג פון פוס־גייער, וועלכע זיינען געווען צו דעקן די ארטילעריע קעגן פלוצלונגע איבערפאלן. גראדע איז מיר אויסגעפאלן צו זיין די נאכט צווישן די וואך־אפיצערן און קאנטראלירן אונזער גאנצן פראנט פונם סעקטאר. צוקומענדיק צו די באטערייען האבן מיר ניט געטראפן קיין לע־בעדיקן נפש. ס'איז גאר ניט געווען צו דערקענען צי עס געפינען זיך קאנאנען. דער שניי האט אלעס אזוי פארשאטן און פאר־מאסקירט, אז ניט נאר די שונאים, נאר אונז איז שווער געווען

צו געפינען די באַטעריען. די זאַך האָט אונז שוין פאַרדראָסן. ווי לאָזט מען עס אַזוי איבער אויף הפקר אַ פּאָזיציע? זיינען מיר באַלד צוגעפאָרן און געטראָפן די אַרטילעריסטן כראָפּען, געמאַכט אַ ליאַרם, זיי חבר'יש אָנגעזידלט, האָבן זיי זיך גענומען פאַרענטפערן: ס'איז ניט קיין גרויסע געפאַר, מיר זיינען דאָך געדעקט פון די אינפאַנטריסטן. דער ערשטער שאָס וואָרנט גלייך.

פונדעסטוועגן האָבן זיי, אַלע געוועזענע אַרטילעריסטן, פאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט לאָגיש אויפן פראָנט זיך פאַרלאָזן אויף נסים און איינצושלאָפן אָן אַ וואַך ביי די באַטערייען.

פון דאַנען זיינען מיר אַוועק צו דער בריק וואו אונזערע אינפאַנטריסטן האָבן זיך געדאַרפט געפינען צו דעקן די אַרטילעריע. ווער, וואָס, ווען? קיין סימן ניט פון אַ וואַך. די טראַנשייען אַזוי פאַרשאָטן, אַז ס'איז ניט צו געפינען דעם וועג צו זיי. מ'לויפט אַהין, מ'לויפט אַהער. אין אַלע זייטן טויט... גלייך ווי ס'וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט קיין פראָנט אויף דעם פּלאַץ. דאָ איז די זאַך שוין געוואָרן ערנסט. דער שונא געפינט זיך אונטער דער נאָז פון דער צווייטער זייט טייך און דאָ לאָזט מען איבער די פּאָזיציעס און מען לויפט ערגעץ אין דאָרף אַריין שלאָפן.

פאַרקערעוועט די פערדלאַך און געלאָפן אין דאָרף.

אַריינגעקומען אין אַ גרויסן הויף, אָנגעקלאַפּט אין דער שטוב, איז אונז אַקעגן געקומען אַ „העלד" אין די גאַטקעס, זיך געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און גאָרנישט געקענט פאַרשטיין וואָס מיר זיינען געקומען אים שטערן דעם שלאָף אין מיטן דער נאַכט. „וואָס פאַר אַ חוצפה דאָס איז," האָט ער זיך צעשריגן.

— „ווער גיט אייך דאָס רעכט מיר צו זאָגן דעות? ווער זייט איר דאָס? איך וועל גיין צום פראָנט ווען איך וועל דאָס געפינען פאַר נויטיק, ניט ווען איר וועט מיר דאָס הייסן."

זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז ער האָט דערפאַר געקראָגן זיין פאַרדינטן פּסק. און דער פראָנט איז ווידער געבליבן אויפגעדעקט, ביז מיר האָבן פאַרביטן די „העלדן" מיט פּשוט'ע אַרבעטער, וועלכע זיינען געקומען און געגעבן זייער לעבן פאַר דער רעוואָלוציע.

אַן אַנדער „העלד," אַ געוויסער אַנאַרכיסט, אַגיל, איז געווען באַקאַנט אַלס שנאָרער פון רוסלאַנד ביז דער שווייץ, עסטרייך, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע אַריינגערעכנט. פון אַרבעטן האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט וויסן, און קיין צווייטער אַנאַר־

כיסט צו אים איז ניט געווען. איבעראַל, וואו מ'האָט אים ניט פאַרזייט איז ער אויסגעוואַקסן. אין „21" איז פאַר אים געווען אַן אָרט: עסן און טרינקען וויפיל נאָר ער האָט געוואָלט. קליי־דער פלעגט ער זיך שוין פאַרשאַפן: אַריינגעקומען אין אַ קראָם און גענומען. ניט געלונגען עפּנטלאַך, איז גנב'ענען אויך געווען אַ מטבע. ווען מיר האָבן פאַרנומען דעם דוואָרנעצאָווסקי פּאַלאַץ וואו דער סאָוויעט האָט זיך געפונען דעם ערשטן דעצעמבער 1917 און געשיצט קעגן די היידאַמאַקעס, האָט זיך דאָרט דער אגיל אויך געפונען. איינמאָל אין דער נאַכט, ווען איך האָב אים דער־מאָנט, אַז ער זאָל אויך נעמען די וואַך אויף אַ פּאָר שטונדען און לאָזן אַ צווייטן חבר, וואָס שטייט אויף דער וואַך זיך אויסרוען אַביסל, האָט ער זיך צושריגן אויף מיר: „וואָס ביזטו געוואָרן פאַר אַ מאַכער. איך בין אַן אַנאַרכיסט און האָב ניט ליב אַז מ'באַפעלט מיר, איך וועל נעמען די וואַך ווען איך וועל וועלן."
אויפן רומענישן פראָנט האָט זיך פלוצלונג דער „העלד" באַוויזן, געהערט אַזש אין אָדעס, אַז ס'זיינען פאַראַן צעכהויזן מיט קליי־דער, וועש און אַנדערע גוטע זאַכן אויפן פראָנט, איז ער אויס־געוואַקסן. זיך אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס, און צוריק קיין אָדעס. אַ פּאָר מאָל אַזוי. ווען די חברים האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער קומט זיך דורכשפּאַצירן יעדעס מאָל, נעמט גאַנצע פּעק און פאַרשווינדט, פלעגט ער ענטפערן: „איך קום צום וויזיטירן דעם פראָנט, גאַנץ פּשוט, מען שיקט מיר פון אָדעס". נאָר איין מאָל, ווען ער איז געבליבן אין די קאַזאַרמעס אַ פּאָר נעכט שלאָפן און גענומען זיין פּאַרציע עסן גלייך מיט די אַי־בעריקע, נאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען די וואַך, ווען ס'איז געקומען זיין טור, זיינען מיך מיינע חברים באַפאַלן און געדראָעט, אַז אויב איך וויל ניט, אַז זיי זאָלן אַלע פאַרלאָזן דעם פראָנט, זאָל איך אים גלייך דערשיסן... מיט שווערער מי איז מיר אָנגעקומען דעם טויגעניכץ צו ראַטעווען דאָס מאָל פון די חבר'שע קוילן. ער האָט זיך באַנוגנט מיט אַ גוטן קלאַפּ, און זיין געביין האָט זיך שוין מער ניט געפונען צווישן די אייגענע.
ס'זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן מיט רעכט זיך געקענט רופן אַנאַרכיסטן. איינער אַ געוויסער מייקל, אַן אַלטער קאַטאָרזשאַן, וואָס איז געקומען פון סיביר פון קאַטאָרגע אַ פיזיש צעבראָכענער שאַרבן, אָפּגעשפּאַרט די שרעקלאַכע קריינק — עפּי־לעפּסיע, וואָס איז אים געבליבן אַ ירושה פון דער איינזאַמקייט.

דערפֿאַר אָבער האָט ער פֿאַרמאָגט אַ געזונטן גייסט, אַ קלאָרן פֿאַרשטאַנד, אַ ווייט־זעענדיקן בליק. ער איז שטענדיק געווען פֿון די ערשטע צו איינשטעלן זיין לעבן פֿאַר דער פֿרייהייט. זיין לעבן איז שוין געשטאַנען אין קאָן פֿיל מאָל אין דער קורצער צייט פֿון די גרויסע איבערלעבונגען. ער איז געווען איינער צווישן די געפֿאַנגענע וואָס די קאַדעטן און הײַדאַמאַקעס האָבן געמאַכט אין דער צייט פֿון געוויסן אולטימאַטום פֿון יאַנואַר 1918, ווי זיי האָבן פֿאַרכאַפּט דעם צענטראַל־באַנהויף, און מייקל מיט די איבעריקע האָבן זיך מיט פֿאַרצווייפֿלטן מוט פֿאַרטיידיקט, און ווען מען האָט זיי גענומען אין געפֿענקעניש צעשלאָגענע, פֿאַר־וואונדעטע, האָט מען זיי די גאַנצע צוויי טעג, וואָס די שלאַכטן האָבן געדויערט, געהאַלטן אין איין שלאָגן און דראָען צו דער־שיסן. צום גליק איז די קאַדעטן אַזוי פֿאַרגאַנגען אין דער נאָז, אַז זיי האָבן שוין פֿאַרגעסן אין די געפֿאַנגענע.

מיט דעם זעלבן מייקלען האָבן מיר זיך ווידער געטראָפֿן אויפֿן רומעניש פֿראָנט און זיך געטיילט מיט די לײַדן און מאַ־טערנישן. די ערשטע צייט, אָנקומענדיק אין טיראַספּאָל און אָר־גאַניזירנדיק די שוץ־גראָבנס אַרום דער לענג פֿון דניעסטער קעגן דעם אויסערן שונא, האָט זיך גענומען הערן וועגן איבערפֿאַלן און רויבערייען אין דער שטאָט טיראַספּאָל און אין די אַרומיקע דערפֿער. דערמיט צו מאַכן אַ ענדע פֿון די רויבערייען, האָט אונזער שטאַב איבערגענומען אויף זיך די שטאָט־אָרדנונג און דערקלערט קריגס־צושטאַנד. מיר האָבן אַרויסגעהאַנגען פֿאַראָ־דענונגען און פּלאַקאַטן איבער דער שטאָט, אַז ווען מען וועט פּאַקן פֿון די רו־שטערער וועט מען דערשיסן אָן אַ געריכט אין משך פֿון 24 שטונדן.

דאָס האָט אַביסל געהאָלפֿן און ס׳איז געוואָרן שטילער אין שטאָט און אין דער אומגעבונג. איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט, די שטאַב־לײַט זײַנען געזעסן אַרום אַ פּלאַן פֿון פֿראָנט און דיס־קוטירט מיט אַנאַנדער. בײַ דער זײַט אין אַ ווינקל האָט געפֿלאַמט אַ גרויסע הרובע, וואו קעסלען טיי האָבן דורכאַנאַנד געהאַלטן אין איין זידן. דער פֿראָסטיקער ווינט פֿון דרויסן האָט געמאַכט אַנגענעם די וואַרעמקייט פֿון אינווייניק. מיטאַמאָל גיט זיך אַ צעפּראַל די טיר מיט אַ רעש און צוויי סאָלדאַטן פֿירן אַרײַן אַ באָרוויסן, אָפּגעריסענעם נפֿש, בלוי ווי אַ מילץ. ציטערנדיק פֿון

קעלט און שרעק, האט אים געקלאפּט א צאן אין א צאן, ער האט א פּאַק מיט קליידער נאכגעשלעפּט.

— מיר האבן געפּאקט דעם גנב הינטערן פּלויט פון צעכהויז מיט דעם פּאַק מיליטערישע זאכן, וואס ער האט ארויסגעשלעפּט פון צעכהויז. און א ווארף־טוענדיק דעם פויער מיטן פּאַק קליידער אין א ווינקל פון זאל, זיינען די סאלדאטן געבליבן שטיל און געווארט אויף באפעלן.

ביי אייניקע פון די שטאב־לייט האבן גענומען פלאמען די אויגן פון צופרידנקייט, די סענזאציע וועט זיי געבן די מעגלאכקייט אויסצופירן זייער אויטאריטעט און ווייזן א ביישפּיל פאר אנדערע. דער פּלאן פון פראנט און דיסקוסיע האט אויפגעהערט. א נייע פונקציע, א וויכטיקע באשעפטיגונג: געכאפּט א קרבן אין דער נעץ פון ארדנונג. ס'וועט זיין מיט וואס זיך צעפירן די הענט, זיך ארויסצוצייגן... אין ווינקל איז געשטאנען דער פאראורטיילטער מיט שטארע אויגן, געבליקט אין דער אומענדלאכקייט, געווארט ווי א הילפלאזע באשעפעניש אויף זיין ביטערן גורל. דערווייל איז אנגעקומען מייקל און דערהערנדיק וואס דא קומט פאר, איז ער גלייך צוגעגאנגען צום פאראורטיילטן און גוט־ברודעריש ארויפגעלייגט די האנט אויפן אקסל און אים צוגעפירט צום טיש, דערלאנגט אים אפּצועסן און הייסע טיי זיך צו דערווארעמען די קישקעס. און ווען אלעס איז שוין פארטיק געווארן, האט ער גענומען דעם פּאַק מיט די זאכן, געגעבן דעם פויער, מיט די ווערטער: „נעם, חבר, די זאכן און גיי אהיים, נאר וויס אז אצינד טאר מען שוין ניט גנב'ענען, ווייל דאס אלעס געהער צום גאנצן פאלק. אמת, דו האסט דיין טייל און דו וועסט עס זיכער קריגן, נאר ניט זיך נעמען דערווייל אליין, ביז מיר וועלן ניט פאריאגן די אינערלאכע און אויסערלאכע שונאים פון דער רעוואלוציע, דארף מען ניט טראכטן פון אזעלכע זאכן."

דער פויער האט זיך צעוויינט ווי א קינד, זיך גענומען ווישן מיטן צעריסענעם ארבל די אויגן און פארשוואונדן מיט פּאַק זאכן.

די גאנצע צייט וואס די סצענע האט זיך אפּגעשפּילט זיינען די איבעריקע שטאב־לייט געבליבן זיצן מיט פראגנדיקע בליקן, אן לשון, קיין ווארט ניט ארויסגערעט. זיי האבן געוואלט זען דעם סוף. און ווען די טיר האט זיך פארמאכט אונטערן פויער, האט זיך מייקל צו זיי געווענדט:

— אזוי ווילט איר פארטזעצן דעם קאמף פאר דעם גרויסן מענטשלאכן אידעאל? מיינט איר וויט אנצוגיין מיט די מעטאדן פון דער אלטער פארשימלטער וועלט? א צאן פאר א צאן? מיט דעם וואס איר וועט דערשיסן דעם עלנדן אפגעריסענעם מענטשן וועלן גנבות אויפהערן? איר, די שילער פון גרויסע אידעאליסטן און רעוואלוציאנערן, וועלכע האבן מקריב געווען זייער לעבן פאר א בעסערער, מענטשלאכער געזעלשאפט ווען בלוט וועט זיך מער ניט גיסן, און דאס רעכט פון מענטש איבער מענטש וועט אויפהערן. ווילט איר אצינד אוועקנעמען א מענטשלאכן לעבן פאר גארניט? ווער גיט אייך דערצו דאס רעכט? ווער קען זיך גאר נעמען אזא רעכט?

* * *

שוין העט־העט, מיט א צייט שפעטער, נאך דעם וואס מ'האט פארלאזט דעם רומענישן פראנט; עסטרייך, דייטשלאנד, וואס האבן פארכאפט אוקראינא און ארויפגעזעצט דעם געטמאן סקאראפאדסקי אויפן טראן, זיינען געשטרויכלט געווארן מיט אייגענע רעוואלוציעס; די פראנצויזן און גריכן, וואס האבן נאכגעפאלגט און האבן אפילו קיין צייט ניט געהאט זיך ארומצוקוקן און אנווארעמען דעם פלאץ, זיינען אויך אוועק אפגעשמיסענע פון אוקראינא (אין מיטן פרילינג פון 1919), און דאס לאנד איז ווידער אריין אין רשות פון די סאוויעטן, האב איך מיך ווידער געטראפן מיט מייקלען אין אדעס. ער האט דאן אנגעפירט מיט דעם ארבעטער־געגנט פון פערעסיפ, וואו ער איז געווען גוט באקאנט. און דאס ערשטע וואס מען האט גענומען טאן איז געווען אויסצוריינציקן די שטאט פון די קאנטר־רעוואלוציאנערן, וועלכע האבן זיך פארשטעקט און געווארט אויף א גינסטיקער געלעגנהייט ארויסצוטרעטן קעגן די ארבעטער און זיי זיינען געווען, ניט צו פארזינדיקן גענוג. אבער מ'האט געמוזט זיין זייער פארזיכטיק. דער קראנקער מייקל איז ארומגעלאפן פון איין געפענקעניש אין דער אנדערער און זיך אליין גוט נאכגעפרעגט, נאכגעפארשט יעדן איינציקן פאל, באזונדערס, אז קיין אומשולדיקער זאל חלילה ניט ליידן פון פאלקס צארן. אין פערעסיפער אוטשאסטאק האט זיך געפונען איינגעשפארט אן אפיצער פון א העכערן טשין און וועלכער איז ניט געווען געפערלאך פאר דער רעוואלוציע. מייקל האט אויסגעפונען, אז ער האט

קיין שום אַקטיוון אָנטייל ניט גענומען קעגן די אַרבעטער, אי־בערהויפּט האָט ער זיך ניט געמישט אין קיין פּאָליטיק, און מייקל האָט פּאַרזאָגט, אַז דעם אַפּיצער זאָל מען ניט טשעפּען, ביז ער וועט ענדיקן די אויספאָרשונג קעגן אים. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז געקומען מייקל געוואויר ווערן אין דעם אָר־טשאַסטאָק, מיט דעם געדאַנק אײַנגאַנצן צו באַפרייען דעם אַפּי־צער, און צו זיין גרויס ערשטוינונג ווערט ער געוואויר, אַז אין דערזעלבער נאַכט זיינען געקומען אייניקע „רעוואָלוציאָנערן" און האָבן אַרויסגענומען און דערשאָסן דעם אַפּיצער. דאָס האָט אַזוי געווירקט אויף דעם אָרימען מייקל, אַז ער איז געפאַלן אין אָנמאַכט און איז געוואָרן קראַנק.

ווען ער איז נאָר געקומען צו זיך איז ער באַלד געלאָפן אויפזוכן די „העלדן" וואָס האָבן באַגאַנגען דעם געוואַלדיקן פאַר־ברעכן. ער האָט געפאָדערט אַ דערקלערונג וועגן דעם מאָרד. די חברה, צווישן זיי אַ פּאָר פּרויען, האָבן זיך פון אים שטאַרק אויסגעלאַכט און ניט געוואָלט אַפילו אַריינגיין אין דעבאַטן וועגן אַזאַ „קליינקייט." דאָס איז שוין געווען איבער אַלע גרעניצן פון זיין געדולד און ער איז געגאַנגען אין סאָוויעט און דערציילט דעם פאַרברעכן און געפאָדערט מ'זאָל רופן צו דער פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט די ציניש מערדער, וואָס זיינען באַגאַנגען דעם מאָרד צוליב רויב־צוועקן, וויסנדיק אַז דער אַפּיצער פאַרמאָגט ביי זיך אַ סומע געלט. נאָר אָנשטאָט זיי איז ער גערופן גע־וואָרן צו אַז עפנטלאַכער דערקלערונג אין אַנאַרכיסטישן קלוב אַלס פּראָוואָקאַטאָר און פאַרטיידיקער פון קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. און אויף דער טריבונע, פאַר אַ גרויסער מענגע מענטשן, האָבן די „רעוואָלוציאָנערן" מיט גרויסקייט זיך באַרימט, אַז זיי זיינען געווען די, וואָס האָבן דערשאָסן דעם אַפּיצער און געפאָדערט דאָס די אַנאַרכיסטן זאָלן דערקלערן מייקלען אַלס פּראָוואָקאַטאָר און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

ס'איז געווען טרויעריק צו זען ווי דער קראַנקער מייקל האָט זיך פאַרטיידיקט און מיט בלוטיקע טרערן באַדויערט דעם טויט פון אַן אומשולדיקן מענטשן. אָבער ווער האָט זיך צוגעהערט? דאָס איינציקע גליק וואָס האָט אים האָט געראַטעוועט איז געווען דער זכות פון זיין לאַנג־יאָריקע מאַטערניש אויף קאַטאָרגע, פאַר דער רעוואָלוציע, זיין איינפלוס צווישן די אַרבעטער־מאַסן און זיין פּערזענלאַכקייט אין עפנטלאַכן פּאָליטישן לעבן, ווייטער, ווער

וויסט ווי ער וואָלט אָפּגעשניטן פֿאַר דער באַשולדיקונג וואָס מ'האָט אויף אים אַרויפֿגעוואָרפֿן.

אויב דאָס מאָל איז ער פֿאַרשווינט געוואָרן פֿאַר זײַן אמת'ן רעוואָלוציאָנערן מענטשלאַכן טעמפּעראַמענט, וואָס יעדער אומ־רעכט פֿון וואַנעט זי זאָל ניט קומען האָט אים ווי געטאָן, האָט אים שפּעטער זײַן לעבן געקאָסט, ווען די באָלשעוויקעס האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן זייער מאַסקע פֿון רעוואָלוציאָנערן און געבליבן אין דער נאַקעטקייט פֿון דער וואָלפֿישער פֿעל, דאָן, ווען פֿון אַנאַרכיזם איז מער ניט געבליבן ווי דער נאָכקלאַנג און די לעצטע שטימען זײַנען פֿאַרשטיקט געוואָרן אין די תּפֿיסות אין דעם ווײַטן סאָלאָוועצקי אינזל.

מייקל איז נאָך געשטאַנען אויף די פֿראָנטן קעגן דעם גע־נעראַל מאַמאָנטאָוו, וועלכער האָט זיך אַרײַנגעריסן אין טיף רוס־לאַנד מיט זײַנע קאָזאַקן און געמאַכט אַ חורבן פֿון טולאַ, אָריאָל, און זיך ווײַטער געריסן קיין מאָסקווע. און ווען אין אָנפֿאַנג 1920 האָבן די סאָוועטן צום דריטן מאָל פֿאַרנומען די אוקראַינע, איז מייקל ווידער געקומען קיין אָדעס, וואו די באָלשעוויקעס האָבן אים פֿאַרשפּאַרט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און דאָרטן אים באַליידיקט און געשלאָגן ביז ער האָט אינגאַנצן פֿאַרענדיקט זײַן לאַנגן מאַרטירער־וועג און געשטאָרבן אין עלטער פֿון 36 יאָר, הגם ער האָט אויסגעזען ווי אַ בן־שבעים.

דער קלוב פֿון „פּעטער וועליקי 21" האָט ביסלאַכווײַז, ביסלאַכווײַז אָנגעוואוירן זײַן גלאַנץ. די בעסערע עלעמענטן, זעענדיק וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר און דאָס רייסעניש פֿון אינ־ווייניק, זײַנען אַוועק און ניט געוואָלט וויסן מער פֿון „21." די מאַסן אַרבעטער, וואָס פֿלעגן יעדן טאָג קומען הערן שיינע רעדעס פֿון די צוקונפֿטס־פּלענער, האָבן אויך מיטאַמאָל אויפֿגע־הערט צו קומען, און אָנשטאָט זיי האָבן זיך באַוויזן פֿינצטערע עלעמענטן מיט טונקעלע פֿאַרגאַנגענהייטן און בייזע פּלענער פֿאַר דער געגנוואַרט און צוקונפֿט. דערפֿאַר האָט מען אין אַ שיינעם טאָג ריקוויזירט פּאַלצפֿיינס פּאַלאַץ, אויף גאַנאַלס גאַס 5 און געמאַכט אַ פּרייעם אַנאַרכיסטישן קלוב פֿאַר מיטינגען און דיס־קוסיעס. די באַלעבאַטים, רײַכע מאַגנאַטן, זײַנען פֿון אָנפֿאַנג רע־וואָלוציע אַנטלאָפֿן קיין אויסלאַנד און געלאָזן דעם פּאַלאַץ אויף אַ פּאָר דינער זייערע. די אַנאַרכיסטן האָבן זיך געקענט באַ־

זעצן ווי ס'געער צו זיין מיט די בעביכעס, פֿאַרנעמען אַ פּאָר אויטאָמאָבילן, פֿערד, מעבל, און פֿאַרשיידענע וואָפֿן.

אין דער זעלבער צייט איז אונטערגעקומען די „אָפּיצערסקע גאַרניזאָנע סאָבראַניע,‟ וואָס איז געווען פֿריער אין די הענט פֿון די אָפֿיצערן און קאַדעטן. אַ רייכטום פֿון פּראָדוקטן, וועלכע האָבן געקענט קלעקן פֿאַר דער גאַנצער שטאָט אָדעס אויף אַ צייט לאַנג, איבערהויפּט אַזעלכע פּראָדוקטן ווי צוקער, רייז, טשאָקאָלאַד, בוימל, נאַפּט און אַנדערע עלעמענטן, וועלכע האָבן גענומען אויספּעלן אין שטאָט. די אַנאַרכיסטן, וועלכע האָבן די ערשטע געלייגט די האַנט אויף דעם רייכטום, האָבן געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו האַנדלען ווי מענטשן. צום באַדויערן איז אויך פֿון דער „גאַרניזאָנע סאָבראַניע‟ געוואָרן וואָס פֿון דעם קלוב „21,‟ און אָנשאַט די גאַנצע אָרימע שטאָט באַפּעלקערונג זאָל געניסן פֿון דעם אוצר פּראָדוקטן, האָבן זיך איינצלנע אָנגעשטאָפּט און זיך זאַפּאַסעוועט אויף יאָרן און די שטאָט האָט געהונגערט. און צו מיין אייגענער שאַנדע מוז איך צוגעבן, אַז איך בין געווען אַ סך שולדיק און מיין שוואַכקייט האָבן אויסגענוצט פֿינצטערע, שלעכטע עלעמענטן פֿאַר זייערע פּערזענלאַכע קליינלאַכע צוועקן.

בעלענקי, דער פּאָרזיצנדער פֿון רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל, אַן אינזשעניר פֿון באַרוף, אַן אַלטער שווייצער אימיגראַנט, איז באַלד פֿון אַנאַרכיסטן געוואָרפֿן געוואָרן אין חרם אַריין. ער האָט אונז אגב פֿיל געהאָלפֿן און זיך אינטערעסירט פֿאַר אויפֿבויען פֿון פֿרייע ראַציאָנאַלע קינדער־היימען, וואָס מיר האָבן גענומען שאַפֿן ביים ערשטן מאָל וואָס די רעוואָלוציאָנערן האָבן איבערגענומען דעם שטאָטישן אַפּאַראַט אין אָנפֿאַנג פֿון 1918.

איינמאָל, מיד טרעפֿנדיק, רופֿט זיך בעלענקי צו מיר אָן:

— קומט פֿאַר אַ טשיקאַוועס אין טריבונאַל אַריין, וועט איר זיך אַליין איבערצייגן וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר, און דערנאָך וועט איר אורטיילן צי דאַרפֿן אַנאַרכיסטן אויך זיין דאָרטן פֿאַרטראָטן צי ניט?

צו־מאָרגנס, ווען איך בין אַריינגעקומען אין רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל האָב איך געטראָפֿן אַ געפּאַקטן זאַל פֿול מיט מאַטראָסן און אַנדערע מיליטערישע פֿאָרמען. אַרבעטער און ציווילע זיינען ניט פֿיל געווען. פֿון אויבן־אָן, ביים גרינעם טיש, זיינען געזעסן די ריכטער; אַלע מאַטראָסן. דער איינציקער אין ציווילע קליי־

דער איז געווען דער פּאַרזיצנדער, בעלענקי, וועלכער איז געזעסן אינמיטן. אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק האָבן זיך געפונען עט־לאַכע אָפיצערן און קאָמענדאַנטן פון די קריגס־שיפן פון שוואַרצן ים. אַלע בלייך ווי דער טויט, אויסגעמאַטערטע. אַרום זיי איז געשטאַנען אַ וואַך פון מאַטראָסן מיט אויסגעשטרעקטע געווער.

געהאַנדלט האָט זיך דאָ אין קורצן וועגן דעם: די קאַ־פּיטאַנען און אָפיצערן, וואָס האָבן קאָמאַנדעוועט די קריגס־שיפן: סינאָפּ, אַלמאַז און אַנדערע, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים אָדעסער פּאָרט, זיינען ניט געווען אויף זייערע פּאָסטנס און דעזערטירט אין דעם מאָמענט, ווען די מאַטראָסן פון רומטשעראָד זיינען צוגעשטאַנען צו די סאָוויעטן און באַשטימט צו העלפן דעם סאָ־וויעט אין קאַמף מיט די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן.

די אָפיצערן האָבן זיך פּאַרטיידיקט דערמיט, וואָס דער באַשלוס פון די סאָלדאַטן צו העלפן די סאָוויעטן איבערצונעמען די מאַכט איז צוגעגאַנגען אין דער שטיל און אַזוי פּלוצלונג, אַז זיי האָבן ניט געוואוסט דערפון. צווייטנס, ווען אַ פּאָר זיינען פּלצלונג געוואויר געוואָרן, האָבן זיי ניט געקענט דערגרייכן זייערע פּאָסטנס אפילו ווען זיי וואָלטן געוואָלט, איבער די שיסערייען פון ביידע זייטן. אַלע האָבן זיך געפונען פון יענער זייט שטאָט אין דער פיינטלאַכער זאָנע פון די היידאַמאַקעס און קאַדעטן, אַזוי, אַז ס'איז פּשוט ניט מעגלאַך געווען איבערצושניידן די ליניע. איינער פון די אָפיצערן האָט פּאַקטיש איבערצייגט און באַוויזן, דאָס אים איז אונמעגלאַך געווען צו קומען דערפאַר וואָס זיין פרוי איז דעם טאָג געלעגן־געוואָרן און געווען אין אַ געפערלאַכן צושטאַנד.

פונדעסטוועגן האָט דאָס פּובליקום פּאַרלאַנגט פּאַר זיי טויט־שטראָף אַלם דעזערטירן. דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך געצויגן דער משפּט. די מאַטראָסן האָבן געפייערט, דאָס פּובליקום איז געווען בלוט־דורשטיק, די אַטמאָספערע איז געווען אַ דראָענדע און ווי אַרויסצודרייען זיך פון דעם שרעק און ראַטעווען די לעבנס איז ניט געווען.

ביי אַ פּאַוזע, ווען דער פּאַרזיצנדער און די ריכטער זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ זייטיק צימער, רופט מיך צו בעלענקי און זאָגט צו מיר:

— נו, וואָס זאָגט איר צו דעם? ווי אַזוי די זאַך זאָל ניט זיין, די אָפיצערן זיינען אומשולדיק. מען קען דאָך ניט

צווינגען מענטשן צו ווערן רעוואָלוציאָנערן ווען זיי זיינען דאָס ניט. ס'איז געווען פיין פון זייער זייט וואָס זיי זיינען געשטאַנען ביַיטראַל, און בלויז דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט מיט די זעלבע מיינונגען וואָס מיר און האָבן זיך ניט געשטעלט קעגן זייערע איבערצייגונגען זאָל מען זיי דערשיסן? איז דאָס מעגלאַך?

— וואָס־זשע דיינקט איר מיט זיי צו טאָן? ווי אַזוי וועט איר, אַלס ריכטער, האַנדלען? — פרעג איך.

— מיר וועלן זיי פאַראורטיילן אויף אַ פּאָר יאָר הויז־אַרעסט. זיי אינגאַנצן באַפרייען קען זיין אַ געפאַר פאַר זיי. דער המון קען זיי צעריַיסן לעבעדיקערהייט...

ביי אַנדערע פאַלן, האָט מיר בעלענקי דערציילט, פלעגט ער פאַראורטיילן אויף געוויסע סומען געלט. אַזוי האָט ער, צום ביישפּיל, דעם אייזן־פאַבריקאַנט רויכווערגער באַשטראָפט מיט אַ סומע פון צען טויזנט רובל פאַר דער פרייער שולע.

די צייט איז געווען אַ שטורמדיקע, אַ ברענענדיקע. דאָס לעבן האָט זיך געריסן מיט אַ שטאַרקן אימפּעט און אויב די ערשטע צייט האָבן זיך די פירער אַליין דערשראָקן פאַר דער רוישנדער מענטש־כוואַליע און געוואָלט בלייבן שטיין אין מיטן, איז די מאַסע זיי איבערגעגאַנגען און זיי האָבן זיך געמוזט נאָכשלעפּן נאָך דעם שטראָם. אַזוי איז פאָרגעקומען די ערשטע צייט אין פּעטראָגראַד ביים ערשטן יולי אויפשטאַנד, ווען די סאָוויעטן האָבן זיך געפּרואווט אין די כחות מיט דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. לענין האָט זיך דאַן באַהאַלטן אין פינלאַנד, און טראָצקי, דערזעענדיק פאַר זיך די געוואַלטיקע מאַסע ענטוזיאַסטן, האָט זיך דערשראָקן און געראַטן זיי זיך צוגיין, ווייל אַלץ איז שוין געווען גענוואונען. די אָקטאָבער רעוואָלוציע איז געמאַכט געוואָרן, מעג מען זאָגן, אויסשליסלאַך דורכן ווילן און שטוים פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער און מאַטראָסן, וואָס האָבן מיט אייגענער איניציאַטיווע, אויף זייער אייגענער אחריות צעטריבן די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, פאַריאָגט די „אוטשרעדיטעלנאַיא סאָבראַניע,” דערקלערט די סאָוויעטן פון אַרבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן און מאַטראָסן אַלס די איינציקע רעגירונג פון רוסלאַנד.

דאַן ערשט זיינען געקומען די נאָכשלעפּערס און געוואָרן די פירער פון דעם גרויסן בער, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער קייט...

אַזוי איז אויך געווען מיט די אַלע לאָזונגען און די כלומרשט־

טיקע דעקרעטן צו די ארבעטער און פּויערים. ווען די אַלע גרויסע גוט־באַזיצער זייַנען פּאַרטריבן געוואָרן פון די דערפער, זייער אייגנטום איז אַרייַנגעגאַנגען אין רשות פון דער דאָרפישער קאָמונע, איז ערשט שפּעטער געקומען אַ דעקרעט פון לעניג׳ען צו נאַציאָנאַליזירן דאָס פּריוואַטע אייגנטום פון די רייכע פּריצים.

ווען די אַרבעטער קאָמיטעטן פון יעדער גרויסער פאַבריק אָדער זאַוואָד האָבן איבערגענומען די פאַבריקן אין זייערע אייגענע הענט און האָבן פאַרטריבן די בעלי הבתים, זייַנען ערשט אָנגעקומען אינסטרוקציעס פון אויבן ווי אַזוי זיך צו פירן.

ס׳איז אַ פאַקט, אַז די אַרבעטער רעוואָלוציע פון אָקטאָבער איז אויסשליסלאַך געווען געמאַכט פון אַרבעטער און דערפאַר איז די ערשטע צייט פון די סאָוויעטן געווען דער גן עדן פאַר די אַרבעטער, און ווי־באַלד די אוזורפּאַטאָרס, די באָלשעוויקעס, זייַנען אָנגעקומען און גענומען די לייצעס אין זייערע הענט, איז פון דער אַרבעטער רעוואָלוציע ניט געבליבן מער ווי דער נאָמען. אַזוי ווי די שיינע פראַזע פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט, וועלכע פיגורירט אויף די ווענט פון די געפיינגעניש, קלויסטערס און פּאָליציי אַנשטאַלטן, איז ניט מער ווי אַן איראָניע און אַ צינישער אָפּקלאַנג פון יענע גרויסע איבערקערעניש. אַזוי איז אויך די שרייענדיקע פּלאַקאַטן פון די אַרבעטער, פּויערן, סאָלדאַטן און מאַטראָסן־מאַכט געוואָרן די איראָניע פון די לעצטע איבערקערעניש, און דיזעלבע האַנט וואָס האָט מיט אַ חודש צוויי צוריק געשריבן: „סאָלדאַטן, פאַרלאָזט די פראָנטן, קערט אייך צו אייערע פאַמיליעס אַהיים," דיזעלבע האַנט האָט געשריבן טויט־שטראָפן פאַר מאַסן סאָלדאַטן, וועלכע האָבן דעזערטירט פון פראָנט. דיזעלבע שטימען, וועלכע האָבן ניט לאַנג געדונערט פון די טריבונעס, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, געראַטן די פּויערים צונעמען די ערד פון די רייכע און זיך צעטיילן, די אַרבעטער פאַרכאַפּן די פאַבריקן אין זייערע הענט, דיזעלבע האָבן געשיקט שטראָף־עקספּעדיציעס אין די דערפער, געשאָסן אויף רעכטס און לינקס, אַרבעטער, מאַטראָסן, פּויערן און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן ניט מער ווי נאָכגעפאָלגט זייער פריערדיקע עצה. אַזוי איז לוידער דער פינאַל פון יעדן טרוים און גרויסע געשעעניש. די שאַפער און בויער פון לעבן מוזן באַצאָלן מיט

זייער בלוט, נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין באַצאָלט מיט זייער שוויס און מי...

* * *

דאָס אַלעס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין גרויסן מאַסשטאַב אין גאַנצן לאַנד, האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קלענערע פאָרמען אין יעדער שטאָט באַזונדער. אָדעס איז ניט געווען קיין אויסנאַמע אין דעם פאַל. דער ערשטער סאָוויעט פון 1918 איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאַרשיידענע פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען און האָט נאָך ניט געוואוסט פון קיין צענטראַליזאַציע. די דירעקטיוון און באַפעלן פון פּעטראָגראַד און מאָסקווע האָבן נאָך אַהער ניט דערגרייכט. דער לאָקאַלער סאָוויעט האָט זיך געפירט נאָך דער שטימונג און שטויס פון די אַרבעטער ענערגיע און טעמפּעראַמענט, און אַזוי ווי די לינקע עלעמענטן אין אָדעסער סאָוויעט און די אַלגעמיינע שטימונג פון די מאַסן זיינען געווען אין דער מערהייט, איז אָדעס געווען אין דער ערשטער צייט אַ גן עדן. די אַרבעטער האָבן זיך געפילט פאַר די פּאַקטישע באַלעבאַטים פון די זאַוואָדן, פאַבריקן און ווערקשטאַטן. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען געווען די קאָנטראָלן, אַזוי ווי יעדער פאַבריק־קאָמיטעט און זאַוואָד. די דאָרפישע קאָמונעס האָבן צווישן זיך געטיילט די פּריצישע ערד, שאַ, שטיל. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אריינגיין אין דער ריכטיקער פּאַזע. די אַנאַרכיסטן מיט אַ וויטערן בליק אויפן געזעלשאַפטלאַכן לעבן האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט בלייבן הינטערשטעליק אין דעם מאָמענט, דערצו ווען זיי האָבן געהאַט אַזאַ צוטרויען און סימפּאַטיע ווי די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. עס וואָלט פּשוט געווען אַ פאַרברעכן ניט אויסצונוצן זייער איינפלוס אין דעם דאָזיקן מאָמענט.

מיט דער „גאַרניזאָנע סאָבראַניע" איז פאָרגעקומען אַזאַ פאַל:

אין אַ שיינעם טאָג קומען צו מיר אַ פּאָר חברים און דערציילן מיר, אַז עס געפינט זיך אין „גאַרניזאָנע סאָבראַניע" פון די אָפיצערן אַ קאָאָפּעראַטיוו וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט פּראָדוקטן וואָס פעלן גראָדע אויס אין דער גאַנצער שטאָט און אויב זיי האָבן זיך דאָרטן באַפעסטיקט קען מען זיך פּרוּוון מיט זיי אין די כחות. די זאַך איז מיר אריין אין דער נאָז און איך מיט נאָך אייניקע חברים האָבן אין דער שטיל אַרומגעשמעקט דעם געגנט און דאָס ווינקל־הויז, אַז אמת'ע פעסטונג, וואָס האָט

פאַרנומען צוויי קוואַרטאַלן. און ניט געטראַכט קיין סך האָבן מיר אָרגאַניזירט אין דער שטיל אַ קליינע אָפּטיילונג גוט באַוואָפנטע און דיזעלבע נאַכט גענומען אין באַזיץ די אָפּיצערסקע גאַרניזאָנע סאַבראַניע. דאָס דערהערט, איז געוואָרן אַ קאָך אין שטאָט, איבערהויפּט צווישן די אַנאַרכיסטן. יעדער איינער איז געקומען מיט גאַנצע זעק פּרעטענזיעס. כדי דער אוצר זאָל ניט ווערן כאַאָטיש צעשלעפּט, האָבן מיר אַנידערגעשטעלט אַ וואַך, אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל פאַרוואַלטן מיט דעם קאָלאָסאַלן פאַרמעגן. די וואַך איז געווען אַ באַצאָלטע. צוועלף חברים, אויף וועלכע מ'האָט זיך געקענט מער אָדער ווייניקער פאַרלאָזן, האָבן באַוואַכט די סקלאַדן טאָג און נאַכט. אַזוי ווי איך בין געווען דער נאַטשאַלניק, האָב איך אויסגעקליבן מער סימפּאַטישע חברים, און דער קאָמיטעט האָט גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן מיט דעם רייכטום פון פּראָדוקטן. באַלד זיינען געקומען דעלעגאַציעס פאַרשטייער פון פאַרשיידענע אַנשטאַלטן, דער סאָוויעט האָט געשיקט אַ דעלעגאַט און געפאָדערט, אַז אויב ניט אינגאַנצן זאָל מען כאָטש אַ טייל פון די פּראָדוקטן אָפּלאָזן פאַר זייער געברויך. פון די קריגס־שיפן זיינען געקומען מאַטראָסן דעלעגירט מען זאָל זיי געבן אַ טייל פון די פּראָדוקטן. ס'זיינען געקומען נאָך אַנדערע חיוב'ניקעס, אַזוי, אַז עס איז געוואָרן אַ פראַגע, צי זאָל מען יעדן געבן אַ טייל און מאַכן אַן ענדע פון דעם גאַנצן פאַרמעגן, צי דאָס האַלטן ווייטער?

איך האָב פאַרגעלייגט, אַז מ'זאָל די אַלע פּראָדוקטן צעטיילן צו דער אָרימער באַפעלקערונג פון שטאָט.

מיר האָבן שוין דאַמאָלסט געהאַט אָרגאַניזירט הויז־קאָמיטעטן און געקענט וויסן וויפיל עס געפינט זיך אָרימע לייט און אַרבעטער אין יעדער הויז. ביי דעם פאָרשלאָג האָבן זיך אַלע בליקן געווענדט צו מיר און יעדער האָט געצוקט די אַקסלען: „וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגענער געדאַנק אין מיטן דרינען?"...

— ווערסטו ניט אַמאָל ווערן אַ צעזאַר, גוטער ברודער? — האָט זיך איינער צו מיר אָנגערופן אין גוטן מוט און אַן ענדע געמאַכט פון מיין „נאַרישן חלום."

מיט דער איינציקער זאַך וואָס מ'האָט מיך אָפּגעקויפט איז געווען, וואָס מ'האָט מיר פאַרשפּראָכן צו געבן די אַלע פּראָדוקטן פאַר קינדער, ווי טשאָקאָלאַד, רייז, ביסקוויט, מאַנע גרויפּן, קאָנסערווירטע מילך, קאַקאַאָ און כדומה, פאַר דער פרייער קינדער־

שולע און קינדער־היים מיט וועלכע איך האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט.

אינגיכן איז אָבער אונטערגעקומען די אויסערלאַכע געפאַר. רומעניע האָט גענומען דראָען ביי די טויערן פון אַדעס. איך בין אַוועק אויף דעם פראָנט און פון דער „גאַרניזאָנע סאַבראַניע״ איז געוואָרן אַ קרעמל, וואו יעדער וואָס האָט געהאַט גענוג חוצפה האָט זיך אָנגעשטאָפּט מיט פּראָדוקטן און דאָס וואָס איז איבער־געבליבן, שוין נאָך דעם ווי דער ים איז פאַרצוקערט געוואָרן מיט גאַנצע וועגענער צוקער און אַנדערע פּראָדוקטן, האָט מען באַ־גאָסן מיט נאַפט. און דאַן, ווען די דייטשן און עסטרייכער זיינען געקומען איז אויך פאַר זיי גענוג געבליבן, אין דער צייט וואָס די אָרימע אַרבעטער באַפעלקערונג פון דער מאָלדעוואַנקע און פּרעסיפּ האָבן ווייטער געקענט בלויז חלום׳ען פון די אַלע גוטע זאַכן.

די איינציקע ערנסטע זאַך, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין פאַרווירקלאַכט ווערן אין דער קורצער עפּאָכע פון ערשטן אַר־בעטער סאָוויעט, איז געווען די קינדער־שולעס און קינדער־היימען.

די אַרבעט איז געווען אַ קאָלאָסאַלע און זייער פּאָראַנט־וואָרטלאַכע, און די, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען אויספירן דעם פּראָיעקט האָבן דאָס געוואוסט אויסגעצייכנט, נאָר דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן אמת׳ער פאַרלאַנג איז קיין זאַך ניט צו שווער דורכצופירן.

צו־ערשט האָט מען גענדאַרפט געפינען אַ הויז וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צום ציל: לופטיק, ליכטיק, וואו די קינדער זאָלן זיך קענען פריי באַוועגן. דאָס בעסטע פּלאַץ איז געווען ביי דער זייט פון ים. און מיר האָבן גענומען זוכן און געפונען אַ דאַטשע, וואָס האָט געהערט צו אַ געוויסן אַגריקולטור מאַשין־פאַבריקאַנט בירנבוים, אַן אייגנטימער אין אַדעס גופא פון עטלאַכע הייזער און מאַשינען מאַגאַזינען. ביים ערשטן אַריינקומען מיי־נעם מיט אַ פּאָר מאַטראָסן, פּאָדערנדיק די דאַטשע פאַר אונזער צוועק, האָט מיר די אייגנטימערין, אַן עלעגאַנטע שיינע דאַמע, באַלד געשטעלט די פראַגע:

— וואָס איז אייך פּלוצים איינגעפאַלן צו נעמען מיין דאַטשע פאַר אַ קינדער־גאָרטן, ווינציק דאַטשעס זיינען פאַראַן אין אַדעס ביים ברעג ים? וואָס זיינען מיר אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם כפּרה־הינדל? אין דער צייט ווען איך וואוין דאָ מיט מיינע

צוויי קינדער ניט פאר נחת, די דאָקטוירים האָבן זיי פאראָרדנט ים־לופט צום געזונט, ווילט איר אונז עס אומגליקלאך מאכן?...

זי האָט מורא געהאט זיך צו שטעלן אנטקעגן און מיר האָבן בעסער געזוכט דורך פארשטענדניש און איבערצייגונג צו קומען צום גינסטיקן רעזולטאַט, און דער „קאָנטראַקט" איז גע־שלאָסן געוואָרן.

די נאכט פון ענדע טערמין, ווען די זעלבע דאַמע האָט געזען מיט וואָס פאר אַן ערנסט מיר גרייטן זיך פאר דער קינדער־היים, וואוהין ס'האָבן גענומען קומען גאנצע לאַסט־אויטאָמאָבילן מיט פראָדוקטן, קינדערשע שפּילצייגן, ספּעציעלע קינדערשע בעטלאך און בעט־צייג, איבערהויפּט ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז די מערסטע וואָס גיבן זיך אָפּ פאר דער זאך טוען דאָס ניט פאר פּערזענלאכע צוועקן און האָבן ניט קיין אייגענע קינדער אריינ־צוזעצן אין דער קינדער־שולע, האָט זי פארגעסן איר שרעק, שנאה און פאראַכטונג וואָס זי האָט געטראָגן קעגן די רעוואָלוציאָנערן און האָט זיך אָנגעבאָטן צו העלפן, וואָס מ'וועט איר נאָר זאָגן אין דער קינדער־היים.

איר זון, א דאָקטאָר מעדיצין, האָט אויך אָנגעבאָטן זיין הילף אַכטונג צו געבן אויף דעם געזונט־צושטאַנד און היגיעניע פון דער שולע (אגב, ווען איך האָב דאָס פארגעלייגט מיינע קליין־קעפּיקע חברים, האָט מען מיך גוט אויסגעלאכט: „וואָס נאָך, מיר וועלן אריינגעמען די בורזשויען און זיי איבערגעבן אונזערע קינדער אין זייערע הענט, זיי זאָלן זיי צום איבריקן פאר'סמ'ען מיט זייער בורזשואזער פּסיכאָלאָגיע? קיין מאָל ניט!"...)

די פרוי בירנבוים פלעגט ליב האָבן מיט מיר צו שמוסן און חקרה'נען:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר ווילט מיט איינמאָל אי־בערמאַכן דאָס געזעלשאַפטלאַכע לעבן, וואָס פירט זיך ניט פון היינט און ניט פון איין טויזנט יאָר. נעמט, צום ביישפּיל, מיך, א פרוי, וואָס האָט אין איר לעבן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער קיינמאָל ניט איינגעטונקען. פון קינדוויז אַן בין איך אויפגע־צויגן געוואָרן מיט גאָווערנאַנטקעס, דינסטן, וואָס פלעגן מיך באַדינען אויף טריט און שריט. נו, ווילט איר אַז איבער איין נאַכט זאָל איך שוין טאָן די ארבעט פון מיינע אַלע באַדינער און דינסטן? קוקט אַן מיינע הענט, ביז איך דען פּייאיק דאָס אַלעס צו טאָן?

— חלילה, — האָב איך געענטפערט, — ניט אַלעס איבער נאַכט מיט איינמאָל איבערמאַכן. מיר האָבן נאָר דאָס אומגליקלעכע מענטשלעכע לעבן פון טויזנטער יאָרן מיט איין מאָל אָפּגעשטעלט, און לאַנגזאַם נעמען בויען אַ נײַ מענטשלאַכעם צוזאַמענלעבן, וואו דאָס קויפן און דינגען איין מענטש דעם צווייטן וועט ניט עקזיסטירן. מיר ווינטשן אויך ניט אײַך מאַכן צו טאָן מיטאַמאָל די אַלע אַרבעטן וועלכע איר זײַט ניט געווען געוואוינט ביז אַהער צו טאָן. אָבער פון הײַנט אָן מוזט איר זיך נעמען געוואוינען און אַלעס אַליין טאָן פאַר זיך און אייער געברויך. אייערע דינסטן און דינער זײַנען אויך ניט געבאָרן געוואָרן פון דער נאַטור צו זײַן שקלאַפן און דינען דעם קאַפּריז פון אַנדערע. די נויט האָט פון זיי אַלעס געמאַכט, אַצינד וועט די נאַטירלאַכע באַדערפעניש אײַך לערנען טאָן זאַכן און צוגעוואוינען זיך אַליין צו באַדינען אַנשטאָט אַנדערע זאָלן אײַך באַדינען.

איינמאָל האָט זי מיר אָנגעוויזן אויף קונסט־בילדער וואָס זי האָט געקויפט אין פּאַריז, בערלין, מינכען, וויען.

— זעט אַז די מאַלערייען זאָלן כאָטש דאָ בלייבן הייגנען. ווער פאַרשטייט זיי דען? וועמען וועלן זיי נוצן? און ווער וועט אויף זיי נאָכקוקן?

— דענקט איר, מאַדאַם, אַז אויף געשמאַק, אויף קונסט, האָט איר נאָר דעם פּאַטענט? אויסער אײַך פאַרשטייט קיינער ניט זייער ווערט? און מיט דעם וואָס איר באַצאָלט פאַר אַ קונסט־ווערק האָט איר שוין אויך דאָס רעכט און ווערט פון קונסט אָפּגעקויפט? און אויב איר דענקט, אַז אַרבעטער אינטערעסירן זיך ניט און באַוואונדערן ניט די קונסט, זײַט איר אין טעות. דיזעלבע בילדער און קונסט־זאַכן, וועלכע איר האָט געקויפט און האַלט פאַר אייער אייגענעם באַזיץ, וואָס איר אַליין קוקט פּילייכט קיינמאָל ניט אָן, ווייל זיי האָבן שוין אָנגעוואוירן פאַר אײַך זייער ווערט און אינטערעס, נאָך דעם ווי זיי זײַנען געקומען אין אייער רשות. אָט דיזעלבע בילדער, ווען זיי שטייען אָבער אין אַ מוזעאום, וואו יעדער איינער קען קומען זיי באַוואונדערן, וואָלטן קיינמאָל ניט אָנגעוואוירן זייער ווערט און אינטערעס און איר אַליין וואָלט מער באַוואונדערן די קונסט אין אַלגעמיין.

מיט אַ צייט שפּעטער, ווי די דײַטשן־עסטרייך־אונגאַרן האָבן פאַרפלייצט גאַנץ אוקראַינאַ און די קרים, דאָס לעבן האָט צוריק

אַנגענומען די אַלטע פֿאָרמען, די רעאַקציע האָט ווידער געזיגט, האָבן מיר זיך פֿלוצלונג געטראָפֿן פּנים אל פּנים מיטן דאָקטאָר בירנבוים. אַז מיר האָט די באַגעגעניש ניט שטאַרק געשמעקט איז איבעריק צו זאָגן, זי אויסצומיידן איז אָבער געווען אוממעגלאַך, ווייל ער האָט מיך גוט באַמערקט און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט זיך אַרומצוקוקן איז ער מיר שוין פֿאַרלאָפֿן דעם וועג: „זעט נאָר, זעט! אייך צו טרעפֿן האָב איך שוין קיינמאָל ניט געדיינקט, אַזאַ באַגעגעניש!"...

— קומט, מיין מוטער וועט אמת פֿאַרגעניגן האָבן אייך צו זען, שטענדיק האָט זי פֿון אייך גערעט. ס'איז ניט ווייט. איר מוזט מיר טאָן דעם פֿאַרגעניגן.

און ער האָט מיך אָנגענומען אונטערן אָרעם און צוגעפֿירט צו אַ מאַגאַזין פֿון מאַשינען. ווען מיר זיינען אַריינגעקומען איז די מאַדאַם בירנבוים געזעסן ביים קאָנטאָר און געפֿירט אַ גע־שפּרעך מיט אַ פּאָר דאַמען. די פֿרוי האָט מיך באַמערקט, צו־געלאָפֿן, אָנגענומען ביי ביידע הענט און צוגעפֿירט מיך צום קאָנטאָר.

— איך שטעל אייך דאָ פֿאָר איינעם פֿון די זעלטענע אי־דעאַליסטן, מיינע פֿריינט! — און זיך באַלד געווענדט צו מיר:

— נו, ווי גייט עס אייך? זייט איר געזונט? איך זאָג אייך מיין קאָמפּלימענט, אַז ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז איר זייט אַוועק אויפֿ'ן רומענישן פֿראָנט, האָב איך שטאַרק באַדויערט, יעדעס מאָל האָב איך זיך ביי אייערע חברים אָנגעפֿרעגט, זאָל אייך מיין זון זאָגן. מ'האָט מיר זאָגאַר ניט לאַנג איבערגעגעבן, אַז מ'האָט אייך דערשאָסן אויפֿ'ן פֿראָנט. אַך! וואָס איך האָב דאַן געליטן, זאָל זיין, אַבי איר זייט ווידער דאָ, — האָט זי געהאַלטן אין איין ריידן. — איר זעט, ליבער פֿריינט, ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט פֿאַר אייערע אידייען, די וועלט איז נאָך ניט דערוואַקסן דערצו און ס'וועט נאָך פֿילייכט נעמען יאָרן און יאָרן. אייערע אייגענע חברים זיינען נאָך ניט דערוואַקסן. די זעלבע חברים און מאַטראָסן, וועלכע איר האָט איבערגעלאָזט אויף אייער אָרט אין דער דאַטשע, זיינען ניט געווען דאָס וואָס איר. איין מאַטראָס האָט אַריינגעלייגט אין קעשענע זילבערנע חפֿצים, אַ צווייטער האָט אַראָפּגענומען אַ בילד און עס אַהיימגעטראָגן, די אַלע שפּילצייג געדיינקט איר, וועלכע איר האָט צוזאַמענגע־בראַכט אין מיין דאַטשע? זיינען באַלד צעשלעפּט געוואָרן פֿון

אייערע חברים אַליין. דאַרפט איר מער, דער שטאַט־טעאַטער, דוכט זיך שוין, ווי איר זאָגט, איז ניט קיין פּריוואַטע זאַך, נו, מעגט איר אָנקוקן וואָס אייערע האָבן געמאַכט פון אים. דעם פּליוש פון די שטולן אַראָפּגעריסן, די קאַרניזן אַראָפּגעשלעפּט, אַ ריכטיקן חורבן. ווער האָט רעכט געהאט? איר צי איך?

מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונזער געשפּרעך. איך האָב דאָס מאָל, דעם אמת גערעט, ניט געהאט גענוג קוראַזש ווידער־שפּרעכן אירע באַהויפּטונגען און איך בין צופרידן געווען זיך צו געפינען ווידער אויף דער גאַס...

אונזער אונטערנעמונג וועגן שאַפן פרייע קינדער־שולן און קינדער־היימען האָט זיך מיט דער דאַטשע בירנבוים ניט גע־ענדיקט. באַלד ווי מיר האָבן געלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט אין דער דאַטשע זיינען צוגעקומען פרישע קרעפטן און מ'האָט זיך פאַרקאַטשעט צו אַרבעטן אויפן גאָר גרויסן מאַסשטאַב. חיים רוט האָט צוגעזאָגט זיין מיטהילף אַלס פּעדאַגאָג און נאָך אַ פּאָר מענער און פרויען האָבן זיך אָנגעבאָטן פרייוויליק מיטצוהעלפן דערציען די קינדער פון די שולן און היימען. אַזוי, אַז מיר האָבן גענומען טראַכטן פון נייע דאַטשעס און ערטער, וואו איינצואָר־דענען די קינדער, וואָס האָבן אין אדעס, „געלויבט צו גאָט”, ניט אויסגעפעלט.

איינע פון די בעסטע דאַטשעס פון אדעס און אומגעבונג פון דער פירסטין דעמידאָווא, האָבן מיר געקראָגן, אַ דאַנק דער פרוי בירנבוים, וועלכע האָט אונז אָנגעוויזן און געשיקט איר עקיפּאַזש מיטן קוטשער אונז צו פירן צו דער דאַטשע, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער סטאַנציע.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין הויף זיינען מיר דער־שטוינט געוואָרן פון דער רייכקייט פון בלומען און פלאַנצן. אַ באָטאַנישער גאָרטן אין פולן זין פון וואָרט. דער דינער האָט אונז צוגעפירט צום ערשטן פליגל פון הויף, וואו דער דירעקטאָר און עקאָנאָם האָבן געוואוינט. דערזעענדיק אָבער די פּאָר באַ־וואָפנטע מאַטראָסן מיט אונז, זיינען זיי אַלע פאַרציטערט גע־וואָרן. מיר האָבן זיי באַרואיקט און דערקלערט צוליב וואָס מיר זיינען געקומען. דער דירעקטאָר, צי ער האָט ניט פאַרשטאַנען, צי ער האָט זיך געמאַכט אַז ער פאַרשטייט ניט קיין רוסיש, האָט אויף אונז געקוקט ווי אַ גולם. האָט מען אים דאָס זעלבע דער־קלערט אין דייטש, נאָכדעם אין פראַנצויזיש. ווען ער האָט געזען

אז ער קען זיך ניט אויסדרייען, האָט ער אין אַ פּאָר ווערטער אין איטאַליעניש געענטפערט, אַז ער פאַרשטייט ניט די אַנדערע שפּראַכן. „אַבער איטאַליעניש פאַרשטייסטו?" — גיט אים איינער אַ פרעג אין דערזעלבער שפּראַך.

— סי סיניאָר! — אויב אַזוי, האָט מען ווידער איבערגע־חזר'ט דאָסזעלבע אין איטאַליעניש. אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט אַליין באַשטימען, איז ער געלאָפן אין הויפּט פּאַוויליאָן, וואו די פּריצים זיינען געזעסן, און אין אַ צען מינוט אַרום איז ער צוריק־געקומען נאָך מער איבערגעשראָקן ווי פריער און אונז פאַרבעטן צום קניאַז אין שטוב.

אין דעם אויפנאַמס־זאַל איז אונז אַנטקעגן געקומען אַ הויכער, שלאַנקער, שטאַרקער מאַן. דער אַריסטאָקראַט האָט זיך אין אים דערקענט אויף'ן ערשטן קוק. ווען מיר האָבן אים ערקלערט אונזער וויזיט, איז ער שטאַרק איבערראַשט געוואָרן. זיין שטעל און שטאַנד האָט, ווייזט אויס, נאָך ביז אַצינד אים ניט איבער־ציינגט פון דער גרויסער איבערקערעניש וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין משך פון עטלאַכע חדשים. די איינציקע זאַך וואָס האָט אים אָבגעהאַלטן זיך אַרויסווייזן אין זיין גאַנצן אויטאָריטעט איז גע־ווען, וואָס ער האָט פאַר זיך דערזען די פּאָר מאַטראָזן אונטער אונזער רוקן.

— מיינע הערן, איר קענט דאָך פון מיר ניט פאַרלאַנגען איך זאָל אייך אָוועקגעבן די דאַטשע פאַר אַ קינדער־גאָרטן און שולע? מיט צוויי יאָר צוריק האָט דער רומענישער קעניג אונז אָנגעבאָטן זעכציק טויזנט רובל פאַר איין סעזאָן און מיר האָבן ענטזאָגט. די קינדער וועלן פון אַלעם מאַכן אַ תל. זוכט אייך אויס דערנעבן אַן אַנדער דאַטשע. וואָס גאָר פּלוצלינג איז אייך איינגעפאַלן מיינע?

און מיר האָבן אים ערקלערט, אַז גראָד זיין דאַטשע איז די פּאַסענדסטע פאַר אַזאַ צוועק און די קינדער וועלן דאָ קענען גע־ניסן פון דער פרייער לופט און האָבן גענוג פּלאַץ זיך צו שפּילן און פאַרברייינגען, ווייל די בלומען און פּלאַנצן זיינען געשאַפן גע־וואָרן פאַר די קינדערלאַך פון אָרימע אַרבעטער אַזוי גוט ווי פאַר אים און זיין קלאַס אַריסטאָקראַטן. איז ער ווייכער געוואָרן און אונז אָנגעבאָטן אַ זייטיקן פליגל פון פּאַוויליאָן, וואו אַ געוויסער צאַרישער גענעראַל האָט געוואוינט מיט זיין פאַמיליע און פאַר־לאָזט באַלד נאָך דעם ווי די אַרבעטער האָבן איבערגענומען די מאַכט אין אָדעס.

דער זייטיקער פליגל האָט פאַרמאָגט עטלאַכע צימערן און האָט געקענט געניג זיין פאַר אַ פּאָר פאַמיליען מיט קינדערלאַך. אָבער פאַר אונז האָט בעסער געטויגט דער גרויסער פּאַוויליאָן מיט די אַלע באַקוועמלאַכקייטן פון עלעקטריק, גאַז, וואַסער, צענטראַלע באַהייצונג, גרויסע טאַנץ סאַלאָנען וואו הונדערטע קינדערלאַך האָבן געקענט באַהאַלטן זיך אין אַ רעגן. האָבן מיר דעם קניאַז פאַרגעלייגט אַ בייט, זאָל ער זיך איבערקלייבן אין דעם זייטיקן פליגל פון גענעראַל און אונז באַפרייען דעם גרויסן פּאַוויליאָן פאַר די קינדערלאַך.

ווען אַלע אַרגומענטן זיינע האָבן זיך נוצלאָז אויסגעשעפּט, האָט ער אָנגעקלונגען און אַריינגערופן זיין לייב־דאָקטאָר פון אַן אַנאַנדער צימער און זיך צו אים געווענדעט אויף פראַנצויזיש, אַז ער זאָל אונז נעמען איבעררעדן, פּיליכט וועט אים געלינגען אָי־בערצייגן די „אינדיווידיאומס", אַז זיי זאָלן זיך באַגניגן מיט'ן פליגל פון לינקס און אים צו רו לאָזן.

נאָך איידער דער דאָקטאָר האָט צייט געהאַט זיך פאַנאַנדער־קלייבן נאָך וואָס אייגנטלאַך מיר זיינען געקומען, און וואָס דער קניאַז פאַרלאַנגט פון אונז, האָבן מיר אים גענומען לייענען אַ צעטל אין פראַנצויזיש, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט. די ביידע דזשענטעלמען זיינען בלאַס געוואָרן און זיך מיט ערשטוינונג אָי־בערגעקוקט איינער מיט'ן צווייטן. וואָס איז דאָס? צולעצט איז דער קניאַז געקומען צו זיך אַביסל און גענומען בעטן: מיין פרוי ליגט קראַנק, דער דאָקטאָר איז אַן עדות און ווען זי וועט זיך דערוויסן, קען זי חלילה שטאַרבן. איר זייט דאָך געוויס ניט אַזוי שלעכט ניט צו האָבן איינזעעניש מיט אַ קראַנקער פרוי. זי איז נערוועז און מען טאָר זי ניט באַאונרוהיקן און דאָס איבערפירן פון איין אָרט אויף דעם צווייטן קען ברענגען צו אַן אומגליק.

דער דאָקטאָר האָט די גאַנצע צייט געשוויגן און זיך מיט קיין וואָרט ניט אָנגערופן. ענדלאַך האָבן מיר אים געגעבן אַכט טעג ער זאָל באַרוהיקן זיין פרוי און זיך איבערקלייבן אין דעם זייטיקן פליגל. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און מיט ציטערנדיקע הענט אָנגעשריבן אַ קאָנטראַקט, אַז ער פאַרפליכטעט זיך צו באַפרייען דעם גרויסן פּאַוויליאָן, דעם גאָרטן, פאַר דעם צוועק פון אַ פרייער קינדער־שולע, אין משך פון אַכט טעג, און זיך אונטערגעשריבן „געוועזענער קניאַז דימידאָוו".

אין עטלאכע טעג שפעטער האָט שוין געהאנגען איבער'ן איי־זערנעם טויער א גרויסע שילד מיט פעטע בוכשטאבן:

„ראציאנאלע שולע און קינדער־גארטן אויפ'ן נאָמען פון אפאנאסיע מאָטושעקאָ" — א מאטראָז פון פאָטיאָמקין שיף פון 1905 וועמען מען האָט געהאנגען.

ווען איך האָב געבראכט בעלינקען, דעם פרעזידענט פון רעוו־טריבונאל דאָס פּאַפּיר פון דעם קניאז דימידאוו, האָט ער געשמיי־כלט: „נו, זעט איר שוין, ווי דער רעוווטריבונאל קען אויך נוצן פאַר גוטע צוועקן? פאַר זיי וויינינגסטנס איז דאָס אן אפשרע־קונג".

מיט איניקע חדשים שפעטער, אונטער דער דייטשער־עסט־רייכישער אָקופּאַציע, האָט מען די שילד אראָפּגעריסן און מיר האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען אויפ'ן געביט פון קינדער פארזאָרגונג.

אידעאַל און ווירקלאַפקייט...

אין פרילינג פון 1919, ווען די ארבעטער האָבן ווידער אי־בערגענומען די מאכט אין זייערע הענט, איז נאָך אמאָל ארויפ־געשוואומען די אידייע פון קינדער־שולן און קינדער־גערטנער, אָבער ס'איז שוין ניט געווען יענע צייט פון אמת'ן ארבעטער סאָ־וויעט. אצינד האָבן די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּט די מאכט אין זייערע הענט און באַקומען אַלע דירעקטיוון פון מאָסקווע... נאָך די אַלע פּיבערן וואָס די ארבעטער פון אוקראינא האָבן איבערגע־לעבט זיינען זיי אזוי מאָראליש אָפּגעשוואַכט און פארמאטערט גע־וואָרן, אַז ווען זיי האָבן ענדלאַך שוין יא געקענט זאָגן אַ דעה אין דער פירונג פון געזעלשאַפטלאכן לעבן, זיינען זיי אינגאנצן צוריק־געשטאַנען און איבערגעלאָזט די לייצעס צו די, וואָס האָבן געהאַט מער חוצפה פון אַלע אַנדערע פּאַרטייען.

ווען די דייטש־עסטרייכער האָבן פארלאָזט דאָס לאַנד צוליב אייגענע צרות און רעוואָלוציעס, און דער געטמאַן סקאָראָפּאַדסקי, וועלכער האָט זיך נאָר געהאַלטן אין זכות פון די אָקופּאַנטן איז מיט זיי פארשוואונדן געוואָרן, די ראַדע און דירעקטאָריע פון פּעטליורא האָבן זיך לאַנג ניט געקענט האַלטן, די פראַנצויזן און גריכן, וואָס זיינען אַנגעקומען און קיין לאַנגן קיום ניט געקענט האָבן אויס מורא פאַר אַנשטעקעניש און דרוק מצד די פּאַרטי־

זאנער, ווען די מאַכט איז אזוי ארום ווידער אריבער אין דעם רשות פון די סאָוועטן, האָבן די ארבעטער זיך ערשט ארומגעקוקט אז ס׳איז ווייט ניט דאָס וועגן וועלכן מען האָט געהאַט גע׳חלום׳ט און געקעמפט. די באָלשעוויסטישע פּאַרכאַפּערס האָבן גאָר ניט געוואָלט וויסן: „ווער מיר ארבעטער, פּויערים, סאָלדאַטן, מאַטראָזן? מיר האָבן די מאַכט אין אונזערע הענט און ועלן מאַן וואָס אונז געפעלט. אויס רעוואָלוציע!"

זיי האָבן פאַרענדיקט זייער רעוואָלוציע דערמיט וואָס זיי האָבן גענומען דעם רעגירונגס־אַפּאַראַט אין זייערע הענט און יע־דע זעלבסטשטענדיקע איניציאַטיווע האָט אויפגעהערט אין גאַנצן מצד די ארבעטער. האָט ווער געוואָלט און געקענט וואָס אויפטאָן, דער האָט צוערשט געמוזט זיך טובל׳ען אין די באָלשעוויסטישע וואַסערן און ביז דער פּריסטער לעניז האָט זיין ברכה ניט געגעבן האָט ניט געטויגט.

פון דעסטוועגן איז די אוקראַינאַ נאָך ווייט ניט געווען דאָס, וואָס די נייע הייליקע קרעמעל האָט געוואָונטשן. שוין העט שפּע־טער, ווען אין גרויס רוסלאַנד האָבן די לינקע פּאַרטייען, ווי די לינקע עס־ערן, מאַקסימאַליסטן און אַנאַרכיסטן איבערגעריסן יע־דע פאַרבינדונג מיט די אָפּיציעלע מאַכט פּאַרכאַפּער און אנשטאָט מיטארבעט און פאַרשטענדניש האָט מען גענומען פאַרפאָלגן די דערמאָנטע פּאַרטייען מיט אַ ווילדער אכזריות, און באַלד נאָך דער מעשה מירבאַך, האָט מען געלינטשט אין די גאַסן די בעסטע נאָ־בעלסטע רעוואָלוציאָנערן, פאַרשיקט און דערשטיקט יעדן פרייען געדאַנק, פּאַגראָמירט די אַלע פרייע קלובן פון אַנאַרכיסטן און אַנ־עדרע רעוואָלוציאָנערן, און די דיקטאַטור פון לעניז און טראָצקי האָט גענומען געוועלטיקן מיט אַ אייזערנער האַנט, — דאַן האָט נאָך אויף דער אוקראַינאַ געלעבט בשלום דער וואָלף מיט דער שאָף, די לינקע עס־ערן און אַנאַרכיסטן האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין אַלע רעגירונגס־אַפּאַראַטן, ניט קוקנדיק דאַרויף, וואָס זיי זיינען נאָך ניט איבערגעגאַנגען צום נייעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן...

די טיפוס עפּידעמיע וואָס האָט אזוי ווילד געבושעוועט אין רוסלאַנד, ספּעציעל אויף דער אוקראַינאַ, און פאַרענדיקט די טיי־פעלשע ארבעט פון דער מלחמה און בירגער־קריג, אויסגעקאָסעט און׳ברחמנות׳דיק ווער עס איז נאָך געקומען אין וועג, ווי אין פּסוק שטייט: „אין בית אשר אין שם מת", האָט מיך אויך אוועק־

געלייגט אויף זעקס וואָכן. ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון דער קריינק בין איך אַוועק אין סאָוויעט און פאָרגעלייגט צו פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע ארבעט פון די פרייע קינדער־שולן און קינדער־היימען. סאַשע פעלדמאַן, דער שטענדיק געשוואוירענער סעקרעטאר, האָט מיר געענטפערט:

— טייערער חבר, אַצינד דאַרפן מיר שוין ניט דיין הילף. מיר פאַרמאָגן אַ קאָמיסאַריאַט פאַר עפנטלאכע בילדונג און ער וועט שוין אַלעם אליין פאַרזאָרגן. דו דאַרפסט זיך שוין ניט זאָרגן. אויב דו ווילסט, גיי אריבער אַהינצו און ערקונדיג זיך אליין. דער קאָמיסאַר איז פּראָפעסאָר שטשעפּקין, דאַרפסטו נאָך מער?

דערהערט אַז דער פּראָפעסאָר שטשעפּקין, דער אַלטער ראַדיקאַל און רעוואָלוציאָנער איז דער בילדונגס קאָמיסאַר, דער וואָס האָט באַוויזן דאַנטאָן'ס מוט און קוראַזש, ווען די דייטשן האָבן געדאַרפט אריינקומען און אנשטאָט נאָכצוטאָן די אַלע יונגע בלומרשט'ע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך גיך ארויפגעפּעקלט אויף די קרייצערס, נאָך איידער מען האָט געזען דעם שאָטן פון אַ דייטש, און זיינען אַוועק קיין סעוואַסטאָפּאָל, איז ער געבליבן אין אדעס און געשטאַנען מיט אַ ביקס אין דער נערוועזער ציטערדיקער האַנט און געזאָגט: „בעסער שטאַרבן דאָ אויף די באַריקאַדן, איידער איבערצולעבן די שאַנדע פון אַנטלויפן ווי אַ פייגלינג".

ווען די רעאַקציע, זיך שטיצנדיק אויף די שטיקעס פון די דייטשע און עסטרייכישע ארמייען, האָט אונגעשטערט געוועלטיקט איבער דער אוקראַינאַ און קיינער האָט ניט געוואגט אַ וואָרט אויסצורײדן, דאַן איז דער אַלטער פּראָפעסאָר שטשעפּקין געשטאַנען פאַר אוידיטאָריעס פון טויזנטער מענטשן און געמוטיקט דעם עולם און זיי איבערציינגט אין דעם, אַז סוף כל סוף וועט פון די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן און די אָקופּאַנטן ווערן גאָר ניט און די ארבעטער וועלן ווידער זיין ביי דער מאַכט.

איך האָב דאַן מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף דעם אַלטן קעמפער, וואָס איז געשטאַנען אָן מורא און צוריקגעשליידערט יעדן אַרגומענט, וואָס די אָפיצירן און רעאַקציאָנערן האָבן אים ארויסגעשטעלט.

אַצינד, ווען איך האָב דערהערט, אַז דער אַלטער געלערנטער פּראָפעסאָר איז דער בילדונגס קאָמיסאַר, בין איך באַלד געלאָפן אים זען. ווען איך בין אָנגעקומען אין דעם קאָמיסאַריאַט האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אָקאָרשט אַראָפּ־

געזעצט דעם אַלטן פּראָפעסאָר שטשעפּקין פון קאָמיסאַר, ווייל ער איז אַ לינקער עס־ער, און אַרויפגעזעצט אַ געשוואוירענעם באָלשעוויק. דער פּראָפעסאָר איז פון דעסטוועגן פארבליבן אין קאָמיסאַריאַט צו באַקענען דעם נייעם קאָמיסאַר מיט די אַלע פּונקציעס, וואָס זיינען פאַראַנען אין דעם בילדונגס אַפּאַראַט. איך האָב איבערגעוואַרט אַ פּאָר קינדער און סטודענטן, מיט ביטעס צום בילדונגס קאָמיסאַר. פאַר מיר איז אריינגעגאַנגען אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען אָדער צוועלף. דער אַלטער פּראָפעסאָר איז געלאָפן אַנטקעגן און געעפנט די טיר, מיט אַ ליבן פּאַטערלאַכן שמייכל זי באַגריסט, פריינטלאַך געבנדיק די האַנט, און געענטפערט מיט פרייגיביקייט אויף יעדער ביטע. ביי דער זייט פון אַ טיש איז געשטאַנען אַ געזונטער יונג, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט דיקע וואָנצעס אויף דעם ענערגישן געזיכט און געוואָרפן שטרייגע נערוועאישע בליקן אויף די אַלע געשריבענע ביטעס און קינדער וואָס זיינען אריינגעגאַנגען. פּראָפעסאָר שטשעפּקין איז יעדעס מאָל צוגעגאַנגען צו אים, דערלאַנגט אַ פּאַפּיר, אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך און געוואַרט ביז ער וועט אונטערשרייבן. יענער, ניט געאיילט איז געשטאַנען און קענטיק איגנאָרירט די אַנוועזנהייט פון אַלטן מאַן, געענטפערט שטרייגנג און מיט אויטאָריטעט אויף יעדער ביטע, און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט אָנגעוויזן דעם ארויסגאַנג.

ווען איך בין צוגעגאַנגען און באַגריסט דעם אַלטן מאַן, אים געוויזן די סכעמען פון אויסגעשריבענעם פּלאַן פון די קינדערהיימען, איז ער אַנטציקט געוואָרן און ווי אַ קינד זיך דערפרייט ווען מען ווייזט אים אַ שפּילכל. ער איז באַלד צוגעגאַנגען צום שטרייגן מאַן, און ווען יענער האָט אים לאַנג געלאָזט וואַרטן, איז דער אַלטער שטשעפּקין צו מיר צוגעקומען און זיך גענומען פאַרענטפערן: „פאַרשטייט איר, ליבער חבר, איך בין פּאָלשטענדיק איינשטימיק און באַגריס אייער אונטערנעמונגס־גייסט, אָבער איך קען אַצינד גאָרנישט טאָן. וואַרט אַביסל צו ביז דער קאָמיסאַר וועט זיך באַפרייען, וועט מען דעם פּלאַן באַטראַכטן”. מיט די ווערטער איז ער ווידער צוגעלאָפן צום טיש און דערלאַנגט מיין פּאַפּיר דעם גרויסן יונג. יענער האָט געשווינט דורכגעקוקט דאָס פּאַפּיר און זיך געווענדעט צו מיר. און ווען איך האָב ערשט מינדלאַך ערקלערט וואָס ס׳איז געווען געשריבן אין דעם פּאַפּיר, האָט ער אַ מאַך געטאָן: „גוט, גוט, מיר וועלן שוין אליין אַלעס

מאכן, איך דארפט זיך ניט קימערן. מיר האָבן אַ פּאַרטיקן אָפּאָ־ראַט און פּראָגראַם ווי אַזוי איינצופירן נייע מעטאָדן אין די שולן און איינצואָרדנען אַם בעסטן. זאָרגט זיך ניט". און האָט מיך משלח געווען.

ווען איך בין ארויסגעגאַנגען מיט אַבגעהאַקטע פליגל איז מיר נאָכגעגאַנגען דער אַלטער פּראָפעסאָר: „חבר, האָט ניט קיין פאַר־איבל אויף מיר. איך וואָלט געוואָלט מיט'ן בעסטן ווילן אייך געבן אַ פרייע האַנט איינצואָרדנען די קינדער גערטנער, נאָר איר זעט דאָך. זיי ווען פּיליכט אין דעם פאַל גאָר ניט אויפטאָן, אָבער זיי וועלן ניט דערלאָזן, אַז אַנדערע, ניט קיין באָלשעוויקעס זאָלן עפּעס טאָן".

ווען קראַסנע, דער קאָמיסאַר פון פּראָדוקטן, איז געוואויר געוואָרן דאָס איך האָב אַזאַ אָפּשניט געקראָגן, האָט ער מיך גע־שיקט רופן: „דו, פראַנצויז, דו ווילסט דאָך עפּעס אויפטאָן פאַר קינדער, ניט אַזוי? איך מאַך דיך פאַר פאַרוואַלטער צו פאַר־זאָרגן מיט פּראָדוקטן די קינדער־שפּיטאָלן, שולעס, און אַנדערע קינדער־אַנשטאַלטן. דו וועסט זיין דער בעל הבית און באַזאָרגן 95 טויזנט קינדער מיט אַלעם וואָס זיי נויטיקן זיך, ווילסטו? קענסט אויך רעקווירירן אין די אַלע גרויסע מאַגאַזינען עסן־פּראָ־דוקטן, אויסקלייבן די קינדערשע ספּעציעלע פּראָדוקטן, וואָס זיי־נען נויטיק".

איך האָב זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער אַרבעט. דאָס ערש־טע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען צוזאַמענגעמען אַ מענגע פון קינדער־פּראָדוקטן, ווי צוקער, מילך, רייז, גרויפּן, קאַקאַ־שאָ־קאָלאַד, ביסקוויטס און אַנדערע מינים קינדער־שפּייז. דאָס אַלעס קאָנצענטרירט אויף אַ געוויסן אָרט און געבעטן מיר ברייינגען פון די אַלע קינדערשע אַנשטאַלטן ידיעות וועגן דער צאָל קינדער און דער צאָל פּראָדוקטן אין וועלכע זיי נויטיקן זיך. אויסער דעם האָב איך גענומען באַזאָרגן מיט שפּייז אַלע קיכן פון שטאָט און אויך אַרויסגעבן שפּייז פאַר די קינדער פון געוויסע אָרימע אַר־בעטער־קוואַרטאַלן, וועלכע געפינען זיך ניט אין קיין שום אַנ־שטאַלט. מיט דער צייט איז אַזוי געשאַפן געוואָרן ביז 36 קינ־דער־קיכן איבער דער גאַנצער שטאָט אַרעם.

אויסערלאַכע געשעענישן, די רויבער באַנדעס פון פּעטליורא און דעניקין, האָבן מיך ווידער אָפּגעריסן פון דער אַרבעט, וואָס כ'האָב אַזוי ליב געהאַט. און פאַרטראַגן אין שטורעם פון די כוואַ־

ליעם פון דעם שווידערלאַכן בירגער־קריג אין וועלכן דאָס אידישע בלוט האָט זיך געגאָסן פון אַלע זייטן, און סיי אַ מפּלה, סיי אַ נצחון, פון וועלכער זייט ס׳איז ניט געקומען, האָט שטענדיק דעם אָרימען אידישן הילפלאָזן פאָלק אָפּגעקאָסט אין די טויזענדער, טויזענדער קרבנות...

* * *

א גרויסע אונצופרידנהייט האָט זיך גענומען פילן אין די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, ביים צווייטן סאָוועט פון דעם יאָר ניינצן הונדערט און ניינצן. די באָלשעוויקעס האָבן זיך ניט געוואָלט באַגניגנען מיט דעם, וואָס זיי האָבן פארכאַפּט דעם רודער באַם רעגירונגס־אַפּאַראַט. דער סאָוויעט איז געווארן אַ באָלשעוויסטישער קרעמל וואו אנדערע פּאַרטייען און גרופּן האָבן מער ניט געקענט געפינען קיין פּלאַץ. זיי האָבן גענומען פארכאַפּען די ארבעטער־קאָמיטעטן פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, די קאָמיטעטן און עמטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען און סינדיקאַטן און איבעראַל, וואו נור זיי האָבן דערשמעקט, אַז ערגעץ אַ פארבאנד האָט אויסגעקליבן אין זיין קאָמיטעט אומפּאַרטייאישע אָדער רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען ניט געווען קיין באָלשעוויקעס, האָט מען אַנולירט די וואלן און צוגעשיקט אַ פארטיקן קאָמיטעט פון באָלשעוויקעס. מעג זיין גאָר ניט פון דעם פאַך צי פון אַנאַנדער שטאָט אפילו, אבי געשוואוירענע. די אָרגאַניזירטע ארבעטער האָבן, זעלבסטפארשטענדלאַך, ניט געוואָלט ליידן אַז מען זאָל זיך מישן אין זייערע סינדיקאַטן און געוויסע ריבונגען זיינען פאָרגעקומען, נור די באָלשעוויקעס האָבן שטענדיק אין אַזעלכע פאָלן געהאַט אלס לעצטן ארגומענט די געוואַלד.

איין פאַל, וואָס כאַראַקטעריזירט אַם בעסטן דעם ארבעטער סאָוועט פון דער לעצטער צייט, נאָך אין 1919 איז פאָרגעקומען מיט די שניידער ארבעטער פון בערסאָנ׳ס אַטעליע.

אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער אָקופּאַציע, ענדע פון 1918, האָבן די שניידער ארבעטער געמאַכט אַ סטרייק אין געוויסע אַטעליעס איבער דער שטאָט אָדעס און געפאָדערט העכערונג צוליב דער טייערונג פון די לעבנס־מיטלען. אייניקע בעלי בתים זיינען מער ווייניקער איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה און ליקווידירט דעם סטרייק. די הויפּט אַטעליעס פון דעם רייכסטן שניידער פאַבריקאַנט בערסאָן זיינען געבליבן ווייטער סטרייקן, ווייל דער

בעל הבית האָט קודם פאַרמאַכט די אַטעליעס און שפּעטער, מיט דער הילף פון אייניקע סטרייק־ברעכערס, ווידער געעפנט די אַטע־ליעס און אַלע סינדיקירטע אַרבעטער אין צאָל פון אַ פּאָר הונדערט זיינען געבליבן אויפ׳ן גאַס.

צו די אַלע גליקן איז נאָך צו גאַסט געקומען די טיפוס עפּי־דעמיע, און ווי דער שטייגער, דעם ערשטן וויזיט געמאַכט אין די אָרימע אַרבעטער־קוואַרטאַלן און פון די פּאָר הונדערט סטרייקער זיינען געבליבן עטלאַכע און פערציק. די אויסגעהונגערטע סטריי־קער האָבן נאָר געלעבט מיט דער האָפנונג, אַז נאָר דער סאָוויעט וועט זיי געבן די באַפרידיגונג און זיי וועלן ענדלאַך קענען אָפּ־נעמען און אויפמאָנען פאַר דער צייט, וואָס זיי האָבן אַזוי פיל געליטן און געהונגערט. מען פלעגט זיי טרייסטן און געבן האָפ־נונגען. און מיט דער פרייד האָבן זיי דערצויגן און זיך ענדלאַך דערוואַרט אויף דעם גליקלאַכן מאָמענט...

ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון טיפוס איז דער סאָוויעטן אַפּאַראַט געגאַנגען אין פולן גאַנג, דער רייכער בערסאָן האָט באַ־צאָלט אַ קאָנטריבוציע פון אַ האַלבן מיליאָן צום סאָוויעט, נאָר די לעבן־געבליבענע שניידער אַרבעטער וואָס האָבן מיט די ציין דער־צויגן דעם גליקלאַכן מאָמענט זיינען ווייטער געבליבן אַנטוישט אין דעם רעכנונג. דער שניידער פאַראיין האָט עטלאַכע מאָל גע־שיקט דעלעגאַציעס אין סאָוועט וועגן די סטרייקער, דער סאָוויעט האָט אָפּגעשיקט צום אַרבעטס קאָמיסאַר. די גאַנצע מי איז געווען אַרויסגעוואָרפן.

אייניקע אַרבעטער האָבן מיר דערציילט וועגן דער געשיכטע. איך בין געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז איך האָב באַלד אויף דער שטעל צוזאַמענגענומען די אונצופרידענע אַרבעטער און געוואָלט מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן און גיין צום אַרבעטס־קאָמיסאַר.

אין דער צייט וואָס מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען צו דע־מאָנסטרירן האָט דער שניידער פאַראיין טעלעפאָנירט צום סאָוויעט און אַרבעטס קאָמיסאַר, אַז אויב מען וועט ניט גלייך באַפרידיקן די פאָדערונגען פון די סטרייקער, לאָזט זיך אַ מאַניפעסטאַציע פון די אונצופרידענע איבער די גאַסן צום אַרבעטס מיניסטעריום און וועלן פאָדערן מיט געוואַלד זייער רעכט.

דאַרויף האָט דער סאָוויעט און אַרבעטס־קאָמיסאַר גלייך גע־

ענטפערט, אז ס'וועלן שוין זיין גרייט סאָלדאַטן מיט ביקסן און אויסשיסן ווי די הינט ביז איינעם די „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן” וואָס וועלן וואגן צו דעמאָנסטרירן איבער די גאַסן.

די דראָהונג האָט געהאָלפן, די סטרייקער האָבן באַשלאָסן בעסער צו הונגערן איידער דערשאָסן צו ווערן ווי קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן.

אָט די כישוף־ווערטער פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן מיט וועלכן די באָלשעוויקעס האָבן יעדן איינעם ביי יעדן מאָמענט גע־נומען סטראַשען, האָט געהאָלפן צו נאַרן די וועלט און פארבלענדן די אויגן פון אייגענע ארבעטער, וועלכע האָבן זיך בלינדערהייד געלאָזט פירן פון די איינציקע פּאַטענטירטע רעוואָלוציאָנערן, די באָלשעוויקעס, אין דעם אָפּגרונד פון אַפּאַטיע און ווילנסלאָזיקייט.

ו

אַטריאַד ראַשאַל

מיר האָבן זיך נאָך געפֿונען אין די האַניק־חדשים פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט — פֿרילינג 1918. די אויפֿבוי ארבעט האָט זיך נאָר וואָס געהאָט אָנגעהויבן און פּלוצלינג האָבן זיך צוקייקלט דראָהענדע דונערן פֿון אויסן און מ'האָט באַדאַרפֿט אָפּשטעלן קניִן מיט מניִן און אַוועק צו די פֿראָנטן.

די רוסישע רעאַקציאָנערן, וועלכע זיינען אריבער קיין רומע־ניען, האָבן פֿון איין זייט אונטערגעהעצט די „מאָלדאַוואַנעס אין פּאָסטאַלים", און די אוקאַינישע דירעקטאָריע מיט פּעטליוראַ'ן אין דער שפּיץ האָבן פֿון דער צווייטער זייט איינגעלאַדן די דייטשן און עסטרייך־אונגאַרן זיי קומען צו הילף און פֿאַרטרייבן די אַר־בעטער רעגירונג.ביידע איז ניט געלונגען אויסצופֿירן זייערע פּלענער. די רעכנונג האָט ביי זיי ניט געוואָלט שטימען. רומע־ניען האָט גיכער פֿון אַלעם געקוקט פּשוט צו פֿאַרכאַפּן אַ שטיק לאַנד פֿאַר זיך — איר אַפּעטיט אויף אדעס איז געווען גרויס — און ווען מען האָט איר געגעבן איבער די הענט, האָט זי זיך באַגנו־גנט מיט בעסאַראַביען און געשיקט די מאָנאַרכיסטן און רוסישע גענעראַלן צום טייפֿל. דאָס נעמלאַכע האָבן די דייטשן און עסט־רייכער געטאָן מיט דער דירעקטאָריע, ווי באַלד זיי האָבן נאָר אריינגעשטעלט אַ פֿוס אויף דער אוקראַינער טעריטאָריע, האָבן זיי די גאַנצע באַנדע געשיקט אין תּפֿיסה און ארויפֿגעזעצט דעם העטמאַן סקאָראָפּאַדסקי אויפֿ'ן ביינקל פֿון אוקראַינע, וואָס האָט זיי אָפּגעדאַנקט מיט דעם, וואָס די גאַנצע ברויט פֿון אוקראַינע איז אין שנעלן טעמפּאָ, מיט עקספּרעס, געלאָפֿן קיין דייטשלאַנד און עסטרייך.

ווען קיין אדעס איז אָנגעקומען די נייעס, אַז רומעניען האָט שוין אין געוויסע ערטער — טיראַספּאָל, אַקערמאַן, — געפּרובירט אריבערגיין דעם דניעסטער און רוקט זיך אין דער ריכטונג פֿון אדעס, האָבן שטאָפּעטן אָנגעהויבן לויפֿן פֿון איין פּאַרטיי צו דער

אַנדערער, פון איין אַרבעטער סינדיקאַט צום צווייטן: „רומעניען קלאַפּט אין אונזערע טויערן".

די אַנאַרכיסטן זיינען געווען די ערשטע, וועמען מען האָט צו וויסן געגעבן, וועגן דער געפאַר. אין אַ געוויסן אָוונט, ווען אַלע זיינען געזעסן אין אַנאַרכיסטישן קלוב אויף גאָגאָל גאַס 5, איז געקומען קראַסנע מיט נאָך וועמען פון'ם סאָוויעט און איבערגע־געבן די טרויעריקע נייס. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע, צי די אַנאַרכיסטן זיינען מחויב שטענדיק זיין דער אַוואַנגאַרד און דאָס כפּרה־היהנדל פון יעדער אַוואַנטיורע און רעגירונגס־שפּילע־רייען. מ'האָט אויך אָנגעוויזן אויף די געפערלאַכע פאָלגן פון אַ רומענישן אריינקומען קיין אדעס. אַנדערע האָבן זיך שוין גע־נומען שרעקן פאַר די באָלשעוויקעס אַלס שטאַאַט־סאָציאַליסטן, וואָס דיינקען ניט מער ווי צו פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט און וועלן האַנדלען ניט בעסער ווי די אַנדערע רעגירונגען פון רעאַקציע. די דעבאַטן האָבן זיך פאַרצויגן ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

ווען מ'האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דעם קלוב, בין איך צוגעגאַנגען צום טיש און אויסגערופן מיט גדעון'ס ווערטער:

— מי לה' — אלי! ווער גייט מיט מיר אויפ'ן פראָנט?!

אויפ'ן פּלאַץ האָבן זיך געמאָלדן אַ פּאָר צענדליק יונגע חברים און מאָרגן פרי, ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף דעם זאַמלפּונקט וואו מ'האָט זיך געדאַרפט איבערטאָן אין סאָל־דאַטסקע קליידער און זיך באַוואָפענען, זיינען ווידער געקומען פרי־שע פרייוויליקע, אַזוי אַז אַ ניינציק מאַן האָבן מיר דורכמאַרשירט איבער דער שטאָט צום באַן־הויף און אַוועק גלייך קיין טיראַספּאָל.

גלייכצייטיק האָבן זיך אין איילעניש פאַרמירט קליינע אָט־ריאַדן פון סינדיקירטע אַרבעטער און זיך געלאָזט אויפ'ן פראָנט, די רויטע גוואַרדיע פון איר זייט האָט אויך אין 24 שטונדן צייט צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסן עשאַלאָן פון אַ פּאָר צענדליק וואַגאָ־נעס, וואָס האָט פאַרשלונגען עטלאַכע הונדערט מענטשן און זיי געשלעפּט מיט די קאַנאָנען און אַמוניציע גלייך קיין טיראַספּאָל.

אויף דער סטאַנציע פון טיראַספּאָל האָט אונז באַגעגענט דער באַרימטער קאָטאָווסקי מיט זיין אָטריאַד קאַוואַלעריסטן, די איינ־ציקע וואָס האָבן געהאַלטן דעם פראָנט געגן די רומענער און זיי ניט געגעבן די מעגלאַכקייט זיך צו באַפעסטיקן אויף דער זייט דניעסטער. מען האָט אונז ברידערלאַך באַגריסט און ערקלערט

אונז ווי די לאַגע שטייט. מיר האָבן באַלד זיך איינגעקוואַרטירט אין די גרויסע פּוסטע קאַזאַרמעס ביי דער שטאָט טיראַספּאָל, איינגעאָרדנט, אויסגעמושטירט און איינגעטיילט די סאָלדאַטן אויף גרופּן און סעקציעס, געגומען זיך באַפעסטיקן ביים דניעסטער מיט טראַנשייען און וואַך־פּאָסטנס ווי ס׳געהער צו זיין. אונזער אָטריאַד וועלכן מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „ראשאל", נאָך דעם רעוואָלוציאָנער ראשאל, וועלכן די רומענער האָבן ניט לאַנג צוריק דערשאָסן, איז באַשטאַנען פון זעקס הונדערט מאַן, צו וועלכן ס׳איז צוגעקומען אַן אָטריאַד פון הונדערט מאַן מיט אַ געוויסן סטודענט ראָזענבערג, וואָס דער אָדעסער סאָוויעט האָט מיטגעשיקט, און דער קליינער קאַוואַלעריע אָטריאַד פון אַ הונדערט מאַן מיט קאַטאָווסקי׳ן.

באַפעסטיגט די פּאָזיציעס אויפ׳ן מיליטערישן שטייגער, האָט מען גענומען טראַכטן ניט מער און ניט ווייניגער ווי צו מאַכן אַן אָפענסיווע געגן די רומענער, זיי אַרויסטרייבן פון בעסאַראַביע, זיך אַריינרייסן דערנאָך אין רומעניע גופא, מאַכן דאָרטן די רעוואָלוציע פאַר די רומענער און אויף דעם קעניגלאַכן שלאָס פון יאַסי אויפהייגען אונזער שוואַרצע פאָן, וועלכע דער גאַנצער אָטריאַד ראשאל האָט אָנגענומען אלס סימבאָל...

דעם חשק פון אַטאַקע געגן די רומענער האָט אונז נאָך מער צוגעגעבן דער פּאָלקאָווניק מוראַוויאָוו, וועלכער איז געשיקט געוואָרן פון גרויס רוסלאַנד אונז מיטהעלפן און אָרגאַניזירן דעם פראָנט. ער איז געקומען צוערשט קיין אָדעס, געמאַכט עפּנטלאַכע מיטינגען אין דעם גרויסן שטאָט־טעאַטער און מיט זיין שיינער אָראַטאָרישער שפּראַך האָט ער צוגעצויגן צו זיך די אָדעסער יוגנט. אין אַ קורצער צייט אָרגאַניזירט צוויי יוגנט פּאָלקן פון קינדער פון 15 ביז 20 יאָר און זיי אויף שיפן עקספּעדירט קיין סעוואַסטאָפּאָל געגן דעניקין און קאַלעדין, וואָס האָבן פאַרכאַפּט קאַוקאַז, דעם דאָן און דורך דער קרים געוואָלט פאַרכאַפּן די אוקראַינא און רוסלאַנד.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן אין אָדעס, איז ער אַראָפּגעקומען צו אונז אויפ׳ן רומענישן פראָנט און אונז געגעבן מוט צו אַטאַקירן די רומענער, נאָר אַזוי ווי מיר זיינען געווען גאָר אַ קליינע קראַפט אַן אַ רעזערוו, אויף אַ שטח פון דרייסיק קילאָמעטער די לייגג, האָט ער אונז צוגעזאָגט צו צופאָרן צוריק קיין אָדעס און זען, אַז דער סאָוועט זאָל אונז צושיקן די נויטיקע הילף.

„דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". ווען דער זעלבער מוראַוויאָוו איז צוריקגעקומען קיין אדעס האָט זיך שוין די לאַגע געענדערט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די יונגע קינדער, וואָס ער האָט מיט זיין געשליפענער צונג געפאַנגען און היפּנאָטיזירט, זיי אַוועקגעשיקט אָן שום פאַראַנטוואָרטס־געפיל אויף שיפן אָן עסן, אָן אָרדנונג, אָן השגחה, זיינען גוט אַריינגעפאַלן...

זיך שלעפנדיק עטלעכע טעג אויפ'ן וואַסער אין די שווערסטע באַדינגונגען, האָבן זיי גענומען רעוואָלטירן. אייניקע אויס פאַרצווייפלונג האָבן זיך גענומען וואַרפן אין ים און ווען מ'האָט די איבריקע ענדלאַך געבראַכט צום סעוואַסטאָפּאָלער פּאָרט האָט מען יזיי אַזוי שלעכט באַהאַנדלט, אַז דאָס רוב פון זיי זיינען זיך צולאָפן, אַנדערע זיינען קראַנק געוואָרן און פון גאַנצן רעש און טומל מיט די קינדער פּאָלקן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאַן האָבן פּלוצלינג נייע פינסטערע כמאַרעס זיך פאַרצויגן איבער אוקראַינישן הימל. דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן האָבן גענומען פאַרפלייצן אוקראַינאַ, פאַרנומען קיעוו און זיך גערוקט אויף פּאָדאָל און אדעס. אַזוי, אַז דער פלינקער מוראַוויאָוו האָט געזען וואָס שנעלער נעמען דעם וועג אַהין פון וואַנעט ער איז געקומען און אונזער האָפנונג און טרוים צו אַטאַקירן די רומענער איז צושוואומען געוואָרן...

מ'האָט דאָך געמאַכט אַ געפערלאכן שריט: הונדערט צוואַנציק מאַן, מאַטראָזן און אַרבעטער זיינען אַריבער דעם דניעסטער, פאַרטריבן די רומענער, פאַרנומען די שטאָט בענדער מיט דער פעסטונג, אַנטוואַפנט צוויי קאָמפּאַניעס סאָלדאַטן, צושטעלט וואַכן אַרום דער שטאָט און פעסטונג און געשיקט שטאַפעטן קיין אדעס וועגן הילף. פון דער זייט דניעסטער האָבן זיך דאָס ביסל סאָלדאַטן וואָס זיינען געווען צושפּרייט איבער דער לייַנג פון טייך אויף אַ געוואַלדיקן שטח, גענומען גרייטן אַריבערצושיפן זיך פון דער אַנדערער זייט צו אַטאַקירן.

דער איבערפאַל איז געווען אַזוי ספּאָנטאַן, ניט אָרגאַניזירט, אַז ס'איז געווען אוממעגלאַך צו פירן אַ קאָנטאַקט און זיך פאַרבינדן איין גרופּע מיט דער אַנדערער אין אַזאַ קורצער צייט. אין די 24 שטונדן וואָס יענע האָבן געהאַלטן מיט די ציין ממש די פעסטונג מיט דער שטאָט בענדער אין זייערע הענט, אָן שום שטיצע, אָן עסן און שלאָפן, האָט קיין רייד ניט געקענט זיין פון אַ ממשות'דיקער הילף פון אונזער זייט. דערווייל זיינען מיט אַמאָל

אויף שנעל אונטערגעקומען פרישע אַטריאַדן פון רומענער און געגומען געגן־אַטאַקירן און צוריק אָפגענומען די פעסטונג און בענ־דער. אונזערע האָבן קוים צייט געהאַט זיך צו ראַטעווען אויף שיפלאַך און דערגרייכן זייערע אַלטע פּאָזיציעס.

דער פאַקט אליין וואָס אַזאַ קליינע צאָל ענטוזיאַסטן האָבן געקענט פאַרנעמען בענדער מיט דער פעסטונג, ענטוואָפענען אַ גרעסערע צאָל סאָלדאַטן ווי זיי זיינען אליין געווען, און זיך האַלטן 24 שטונדן, איז געווען גענוג, אַז מען זאָל זיך ערנסט פאַרטראַכטן, וועגן צו מאַכן אַן אַלגעמיינע אַטאַקע אויף דער גאַנצער ליניע פון דניסעטער אויף אַ 30 קילאָמעטער. די לעצטע באַראַטונג אין דער טיראַספּאָלער פעסטונג פון די אַלע פירער און קאָמאַנדירן פון די אַטריאַדן וואָס האָבן זיך געפונען אויפ'ן פראָנט, האָט געדאַרפט געבן דעם סיגנאַל. דער ענטוזיאַזם פון דער באַראַטונג איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז נאָך דעם וואָס מען האָט אויסגעהערט אַלע רעפּאָרטן פון די באַזונדערע אָבטיילונגען, האָבן אַלע ארויסגע־צויגן די בלאַנקע זעבלען און, זינגענדיק דעם אינטערנאַציאָנאַל, געשוואָרן צו זיין גרייט אויפ'ן ערשטן סיגנאַל.

איינער וואָס האָט מער פון אַלעמען געשטעלט אויף זיך און געהאַט אַן איבערוויכט אין דער דיסקוסיע, הגם ער האָט ניט גע־רעדט און ניט געקענט ריידן איז געווען דער „באַנדיט" קאָטאָוו־סקי.

אַ זון פון אַ פאַרמעגלאַכן בעסאַראַביער גוט־באַזיצער, האָט ער באַקומען אַן עלעמענטאַרע בילדונג און זיך פון זיין פריעסטער יוגנט באַקענט מיט די רעוואָלוציאָנערע אידייען. זיין ברויזנדער טעמפּעראַמענט האָט אים אריינגעוואָרפן אין די שטורמדיקע כוואַ־ליעס וואָס האָבן זיך צוגאָסן איבער רוסלאַנד.

די רעוואָלוציע פון 1905 און איר אונטערדריקונג האָט דעם יונגן קאָטאָווסקי געגעבן די מעגלאַכקייט זיך גייסטיק צו אנטוויק־לען און זיך פאַרטיפן אין די פּראָבלעמען פון דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג. אַ שטיק צייט האָט ער געלעבט אונלעגאַל אין קעשענעוו, אדעס, זיך אריינגעלאָזט אין פאַרשיידענע געוואַגטע אוואַנטיורעס, האָט געגרינדעט אַ באַנדע פון געוואַגטע חברה וואָס זיינען באַפאַלן די רייכע גוט־באַזיצער, צוגענומען וואָס ס'האָט זיך געלאָזט באַוועגן: פּי. אַקסן, און אַנדערע הויזלאַכע חיות און צוטיילט צו אָרימע פּויערים פון די געגענטן, געמאַכט פּראָפּאַגאַנ־דאַ צו דער זעלבער צייט, אויפגעהויבן גאַנצע דערפער געגן די

פּריצים און ווען מ'איז געקומען מיט שטראָף־אָטריאַדן אים זוכן האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער, אין די דערפער צווישן די פּויערים, ביז ס'איז שטיל געוואָרן און ער האָט ווידער געקענט זיך נעמען פאַר זיין ארבעט. איבערהויפּט האָט ער טעראָריזירט די גאַנצע געגנט פון בעסאַראַביע, וואו ער איז געוואָרן דער שרעק פון די רייכע. דער נאָמען קאָטאָווסקי איז געווען גענוג צו מאַכן ציטערן און ניט צו לאָזן שלאָפן גאַנצע געגענטן.

די צאַרישע רעגירונג האָט מיט אים געהאַט אַ שווערע שטיקל ארבעט. דריי מאָל איז ער געוואָרן פאַראורטיילט צום טויט אונטער די אויגן. אַ געוויסער פּרייז פאַר זיין קאָפּ, לעבעדיק אָדער טויט, האָט די רעגירונג צוגעזאָגט ווען מען וועט אים צושטעלן, ביז ענדלאַך מען האָט אים געפּאַקט אין שטייג אריין.

אַ פּאָר מאָל איז אים געלונגען פון דער תּפיסה צו אַנטלויפן נאָך איידער מען האָט צייט געהאַט זיך ארומצוקוקן. צו ענדע האָט מען אים מיט שוועריגקייטן צוגעקאָוועט צו דער וואַנט פון זיין צעלע און אַ ספּעציעלע וואך האָט געהיט זיין יעדע באַוועגונג טאָג און נאַכט. דאָס געריכט האָט ניט געקענט אים אורטיילן ביז די אַטענטאַטן וואָס ער איז באַגאַנגען אין משך פון עטלאַכע יאָרן וועלן אויפגעדעקט ווערן. און אַזוי ווי זיינע גוואַלדטאַטן זיינען געווען ניט צו פאַרזינדיקן, איז ער דערווייל געבליבן זיצן צוגעפּעסטיקט צו דער וואַנט, וואַרטנדיק אויפ'ן טויט. די מלחמה פון 1914 האָט איבערגעריסן די אויספאָרשונג און די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אים גענצלאַך באַפרייט.

איצט איז ער ווידער געשטאַנען אויפ'ן פּאָסטן מיט זיין טרייען אָטריאַד קאַוואַלעריסטן אין דער זעלבער געגנט פון בעסאַראַביע, וואָס ער האָט לאַנגע יאָרן געהאַלטן אין שרעק און וואו זיין נאָמען איז פאַרוויקלט געוואָרן אין אַ נעבל פון לעגענדעס. די רומענישע רעגירונג און בעסאַראַביער פּריצים, זיך דערוויסנדיק, אַז דער זעלבער קאָטאָווסקי שטייט מיט אַ גוט באַוואָפנטן אָטריאַד קאַוואַלעריע און מיט אָטריאַדן פון מאַטראָזן און ארבעטער, קוילן־וואַרפער און הארמאַטן, גרייט צו אַטאַקירן, זיינען געווען זייער באַאונרוהיגט.

אַ פעסט־געבויטער שלאַנקער מאַן מיט ברייטע אַקסלען, אַ הויכע מוסקולירטע ברוסט, דער גאַנצער קערפּער פון אַ שטאַרקן אַטלעט. אַ גרויס־עקיגער קאָפּ, אַ דונקעלעם געזיכט פול מיט קנייטשן אויפ'ן שטערן און אויגן, וואָס רוהען ניט קיין סעקונדע

און זאָגן עדות פון שווערע איבערלעבונגען, דאָס מויל עפנט זיך ביי אים מעכאַניש, יעדעס וואָרט וואָס ער זאָגט ארויס קומט אים אָן מיט שווערער מי און לאַנג נאָך דעם בלייבט דאָס מויל אָפן, ווי אַפּצואָטעמען נאָך אַ שווערער משא. דאָס פאַרהיקען איז אים געקומען פון שטאַרק שלאָגן און מאַטערן אין די געפענגנישן און ביי די אויספאָרשונגען. אַ גוטער מענטש בטבע, נאָר קען זיך אויפרעגן פאַר יעדער מינדעסטער קלייניגקייט. זיין שפּראַכן־פעע־לער זוכט ער אָפט אויסצודריקן אין אַ ספּאָנטאַנעם כעס.

איך דערמאָן זיך אַ פאַל ווי איך אליין האָב אַ גליקלאַכער אָפּגעשניטן פון קאַטאָווסקי'ן פאַר מיין אונפאַרזיכטיגקייט. ווען אדעס איז געווען אין די הענט פון די דייטשן און איך האָב דאָן געוואוינט אויף דער 10טער סטאַנציע ביים ים, ארויס פון דער שטאָט אדעס, גיי איך אין אַ אין דער פרי זיך באָדן מיט צוויי קינדערלאַך פון פריינט און דערקען קאַטאָווסקי'ן. ער איז גע־גאַנגען איניגע שפּאַן פאַראויס און איך האָב אים דערקענט אין רוקן, כאָטש ער האָט זיך פיל געענדערט, זיך פאַרלאָזט אַ באָרד מיט גרויסע מוסטאַשן, דזשענטעלמענישע קליידער, וואָס האָבן נאָך מענישער געמאַכט זיין אַטלעטישע פיגור.

איך בין צוגעלאָפן פון הינטן, אים דערלאַנגט גוט ברודער־שאַפט אַ קלאַפּ אין דער פּליִיצע און אַ געשריי געטאָן „קאַטאָוו־סקי". מאָמענטאַל האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט, אויפ־געהויבן זיין שטעקן און געהאַלטן ביים דערלאַנגען מיר איבער'ן קאָפּ, נאָר דערזעענדיק מיך איז ער שטיין געבליבן אין דער דאָ־זיקער פּאָזע, זיין געזיכט איז אים געוואָרן פאַרלאָפן מיט בלוט, די אויגן האָבן פון איבערראַשונג ווילד געקוקט און ער האָט כמעט ווי אויסגעפּלאַצט: „דו מעגסט זיך גליקלאַך שעצן, ווען ניט דאָס קינד וואָס דו טראָגסט אויף די אַקסלען, וואָלסטו געקראָגן מיט'ן אייזערנעם שטעקן איבער דעם קאָפּ. איך האָב זיכער געמיינט, אַז דאָס רירט מיך אַ פּאָליציייאישע האַנט אָן. ווי קומט דאָס, וואָס דו זאָלסט זיין אַזוי אונפאַרזיכטיק. אין אַזאַ צייט קומסטו מיר אָן אין רוקן, פרעג איך דיר?"...

איך האָב ערשט שפּעטער דערזען, אַז איך בין באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס איך האָב אים גערופן ביים נאָמען און באַ־רירט די אַקסלען, אין דער צייט וואָס די דייטשן און געטמאַנצעס האָבן אַזוי שטאַרק געלאָקערט נאָך זיין קאָפּ. מיין פרייד איז אָבער

געוועז אזוי גרויס, אַז איך האָב זיך אין דעם מאָמענט פאַרגעסן איינגאַנצן.

אומקערנדיק זיך צו אונזער געפּלאַנטער אטאַקע אויף בעסאַראַביע, ווען אַלעס איז שוין געווען גרייט, באַקומען מיר פּלוצלינג אַ דעפּעשע פון אדעס:

„שנעל אָפּטרעטן, פאַרלאָזן דעם רומענישן פראָנט. די דייטשעסטרייך־אונגאַרישע אַרמייען זיינען נאָענט צו אדעס".

ס'איז איבעריק געווען ווייטערע קאָמענטאַרן, ווען מען זאָל ניט אין איילעניש געווען אָפּטרעטן דיזעלבע נאַכט, וואָלט מען געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און, ווילנדיק ניט ווילנדיק, ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך איבערגעבן אין געפענגניש, אָדער זיך אַריינוואַרפן אין דניעסטער.

מיר האָבן נאָך געהאַט דאָס גליק צו פאַרכאַפּן דעם לעצטן עשאַלאָן אויף דער סטאַנציע טיראַספּאָל, וואָס האָט אונז געפירט קיין אדעס און זיך לאַנג ניט אָפּגעשטעלט מיט דיזעלבע עשאַלאָנען ווייטער געפירט אין דער ריכטונג פון וואָזנעסענסק.

מיט איינמאָל איז געשען אַ מעטאַמאָרפאָזע, פון נאָכיאָגער זיינען מיר געוואָרן געיאָגטע און קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצושטעלן און כאַפּן דעם אָטעם, אַזוי איז מען געלאָפן.

אין דער קורצער צייט וואָס איך בין געווען אין אדעס, האָב איך בייגעוואוינט דאָס טרויעריקע עוואַקואירן פון דער שטאָט אדעס און פון פּאָרט, די אָקופּאַציע פון דער שטאָט דורך די דייטשן. איך האָב נאָך די עהרע געהאַט צו באַגלייטן אַלע מאַכערם פון די סאָוועטן מיט'ן גאַנצן קלאַפּערגעצייג זייערן אויף די שיפן און זיי געוואונטשן אַ זייַ־געזונט.

אונזער עשאַלאָן ראַשעל האָט נאָך געהאַט אויסצושטיין אַן אַטאַקע מצד דער דייטשער אַרמיי און פאַרלירן אונזערע האַרמאַטן און אפילו די פאַן. מיר האָבן קוים צייט געהאַט צו פּאַקן, די לעצטע עשאַלאָנען צוזאַמענגעשטעלט אויף דער גיך, פאַרכאַפּן פּראָדוקטן, צדה לדרך און זיך געלאָזט צו וואָזנעסענסק. אין וואָזנעסענסק האָבן זיך אויך קאָנצענטרירט אַלע איבעריגע עשאַלאָנען און מיליטערישע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די דייטש־הײדאַמאַקישע לאַפּעס. די דייטשן און הײדאַמאַקעס האָבן געגומען פאַרלויפן אונז דעם וועג און געזוכט אָפּצושניידן די באַן־ליניע און אַלעס פאַרכאַפּן. די איינציקע רעטונג איז געווען די אייזנבאַן דורך נאָוואָ־אוקראַינע און אַזוי ווייטער ביז כאַרקאָוו און

מאָסקווע. פון נאָוואָ־אוקראַינע זיינען שוין אָנגעקומען זייער ניט קיין פרייל׳אכע גרוסן דורכ׳ן טעלעגראַף. ס׳איז געוואָרן אַ פּאַניק. מ׳האָט אויף דער־גיך געפּאַקט דאָס כּפרה־הינדל, אונזער אַטריאַד ראַשעל, און שנעל עקספּעדירט פאַר׳ן אַוואַנגאַרד קיין נאָוואָ־אוקראַינאַ.

אָנגעקומען זיינען מיר פאַרטאָג. אין דרויסן איז געווען אַ ווינט און אַ עסנדיקע קעלט. טרעפט זיך, אַז פאַר דער גרויסער נאָוואָ־אוקראַינער באַן־בריק רייסט זיך איבער אונזער עשאַלאָן. איין טייל מיט׳ן לאָקאָמאָטיוו קומט אָן אויף דער סטאַנציע און דער אַנדערער טייל בלייבט שטעקן פּונקט אין מיטן אויף דער בריק, און כאָטש שריי חי וקים! פון דער בריק ביז דער סטאַנציע פון נאָוואָ־אוקראַינקע איז געווען גוטע צוויי וויאָרסט. ריר׳ן דעם אָפּגעריסענעם טייל פונ׳ם אָרט איז ניט געווען פאַר מענטשלאַכע קרעפטן. מיר האָבן דערווייל פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף דער בריק און אַרום דער בריק. די פיינטלאַכע אַוואַנגאַרדן פון דייטשן און היידאַמאַקעס זיינען שוין אָבער געווען נאָענט. און מ׳האָט אונז אָנגעהויבן מכבד זיין מיט קוילן.

מיר האָבן אַוועקגעלייגט אונזער גאַנצע ענערגיע און אָנשטריינגונגען אַרויסצושלעפּן די עטלאַכע וואַגאָנעס און באַפרייען די בריק און די ליניעס פון די איבעריקע עשאַלאָנען. די שונאים האָבן אָבער ניט געשוויגן און די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין שיסן אויף דער בריק פון זייערע באַטערייען. מיר האָבן זיך געלאָזט אַרונטער דער בריק און געבראַכט אַ פּאָר געפאַנגענע היידאַמאַקעס וועלכע האָבן אונז באַקאַנט מיט דער לאַגע ווי זיי האַלטן פון זייער זייט, און דערווייל האָבן אונזערע עשאַלאָנען פון וואָזנעסענסק געגומען לויפן איינער נאָכ׳ן אַנדערן און זיך ניט אָפּשטעלנדיק זיך געאײַלט צו דערגרייכן זנאַמענקאַ, די גרויסע סטאַנציע פון די קרייץ־ליניעס.

קיין איינציקער פון די עשאַלאָנען איז ניט אַרויס מיט קיין גאַנצע ביינער. אייניקע סנאַרעדן האָבן געטראָפן גלייך אין מיטן פון די לויפנדע עשאַלאָנען און געמאַכט אַ חורבן. דערנאָך איז געקומען אונזער רייהע. דער שונא האָט געוואוסט אונזער ראָלע אַלס היטער פון דער בריק און זיך געלאָזט אונז שטורמעווען. אַזוי אַז מיר זיינען שוין געוואָרן אַרומגעהילט פון דריי זייטן. דער איינציקער וועג וואָס איז געבליבן פריי און וואוהין מיר האָבן געקענט אָפּטרעטן איז געווען דאָס שטעטל נאָוואָ־אוקראַאינקע אַליין.

דאָך האָבן מיר זיך נאָך געפּרואווט צו דערגרייכן די סטאַנציע און פאַרכאַפּן אַן עשאַלאָן זיך צו ראַטעווען מיט דער באַן־ליניע, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט. די איינציקע וואַגאָנען וואָס מיר האָבן געפונען זיינען געווען פון אונזער ערשטן אָפּגעריסענעם עשאַלאָן אָן אַ לאָקאָמאָטיוו. אַ פּאָר טויטע פערד זיינען געלעגן אויף די אייזנבאַן־ליניע צוזאַמען מיט די קערפּערס פון מענטשן. קיין צייט לאַנג צו בלייבן איז ניט געווען און מיר האָבן זיך מיט אַ פּאָר פאַרוואונדעטע געלאָזט דורכ'ן שטעטל און מיט דער נאַכט פינסטערניש געלאָפן איבער די לאַנגע סטעפּעס. וואוהין?...

פון אַ גאַנצן מעת לעת שטיין אויף די פיס און שיסן דורכאַנאַנד, ניט שלאָפן, ניט עסן, און אַזאַ אנשטריינגונג און ענערגיע פטר'ן, איז אונז געווען אבסאָלוט אונמעגלאך צו לויפן ווייטער, אַנטרינען ווערן פון די פיינט, וואָס זיינען שוין אין שטעטל און גרייטן זיך ווייטער אין וועג נאָך אונז. נאָך אַן איבערמענטשלאכע אנשטריינגונג פון אַ פּאָר שטונדן לויפן אין דער נאַכט אריין, זייַנען מיר געבליבן ליגן אויפ'ן וועג. די קרעפטן האָבן ווייטער ניט געוואָלט דינען. אייניקע וועמען די שרעק האָט געטריבן און נאָך געשטאַרקט האָבן זיך אָפּגעטיילט און זיינען ווייטער געלאָפן. אַנדערע האָבן זיך געלאָזט מיט די סטעפּעס לויפן, און אַזוי האָט מען זיך צושיידט און פאַרלוירן אין שטאָק פינסטערניש פון דער נאַכט...

איך האָב זיך געפונען מיט אַ קליינער גרופּע פון צען מאַן, פון זיי צוויי פאַרוואונדעטע, איינער מיט אַ קויל אין אַ פוס, וואָס האָט ניט נאָר ניט געקענט לויפן, נאָר שטעלן דעם פוס אויף דער ערד. מיר האָבן פון די ביקסן געמאַכט פאַר אים אַ זיץ און אים געטראָגן, זיך בייטנדיק יעדע ווײַלע. מיט'ן וועג איז אונז געוואָרן אונמעגלאך צו גיין פאַר מורא צו טרעפן פיינטלאכע פּאַטרולן, האָבן מיר זיך גענומען שפּאַנען דורך די פעלדער. ס'האָט אָבער אויך לאַנג ניט גענומען און מיר זיינען געווען פאַרמאַטערט און ניט געקענט ווייטער גיין. מיר זיינען ענדלאך געבליבן ליגן אין מיטן פעלד, וואו מיר האָבן געפונען אַ ביסל שטרוי און זיך פאַרלוירן אין אַ קאָשמאַר פון אַ שווערן שלאָף...

די קעלט פון דעם פאַרטאָגיקן ווייסן פראָסט האָט אונז אויפגעריסן פון שלאָף און מיר האָבן ערשט דערפילט דאָס אומעטיקייט און צובראָכנקייט פון די ביינער. דער שוויס פון דעם נעכטיקן אנשטריינגען און לויפן און די קעלט פון פרימאָרגן האָט אונז

ארייננעוואָרפן אין אַ שרעקלאכן פיבער און אייניקע, איך צווישן זיי, האָבן זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. דאָרטן וואו דער ווילן און קראַפט קענען שוין ווייטער ניט דינען און העלפן, איז די געפאַר אימשטאַנד צו דינען, און די בלויזע שרעק פון ארייגפאַלן דעם שונא אין די הענד האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. צום ערגסטן האָט זיך געפילט דער מיט׳ן פאַרוואונדעטן פוס. אומ־מעגלאַך געווען אים צו רירן פון אָרט. דער ווייטאָג און די קעלט האָט צום איבריגן פאַראַליזירט דעם אָפּגעשוואכטן בלוטלאָזן קער־פער זיינעם, און ער האָט זיך ביי אונז געבעטן אים צו לאָזן שטאַרבן אליין, און מיר זאָלן זיך ראַטעווען. ס׳איז איבעריג צו זאָגן, אַז מיר האָבן אַזאַ זאַך ניט געקענט טאָן.

מיט דערזעלבער קונסט פון נעכטן, האָבן מיר אויף די ביקסן געטראָגן דעם פאַרוואונדעטן ווייטער, ביז מיר האָבן פון ווייטנס דערזען אַ פּאָר הייזער פון אַ דאָרף. מיר האָבן פאָראויס געשיקט אַ פּאָר פון אונז, געוואויר צו ווערן און ווי מעגלאַך צו באַזאָרגן דעם פארוואונדעטן, כדי זיך אַזוי צו באַפרייען און קענען ווייטער גיין. מיר האָבן אָבער ניט געטראָפן דאָס ריכטיקע פּלאַץ. ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען גאָר נאָענט האָבן זיך די בייזע שטימען פון די פּויערים געווענדעט צו אונז:

— אָ, איר זשידעס, איר האָט געוואָלט פאַרכאַפּן אונזער לאַנד און צאַרסטעוועווען איבער אונז, אַצינד וועט איר האָבן צו פילן, היידאַ, ברידער, לאָמיר זיי ענטוואפנען און זיי איבערגעבן צו די ניעמצעס (דייטשן).

דאָס דערהערט האָב איך איבערגעלאָזט דעם פאַרוואונדעטן און צוגעלאָפן צום רעדל, וואָס האָט ארומגערינגלט אונזערע חברים און מיט דער לינקער זייט פון ביקס זיך פאַרמאָסטן מיט זיי ווי ס׳געהערט צו זיין.

— איר וויסטע כאַמולעס! מיר שטייען אין קאַמף מיט די שונאים פון רוסלאַנד, וואָס ווילן פאַרשלינגען און פאַרכאַפּן דאָס לאַנד, און איר זידלט אונז נאָך? די דייטשן קומען מיט די פריי־צים, וואָס וועלן אָפּנעמען די ערד פון אייך, איר וועט ווערן צו זיי אייביקע פאַנטשיוניקעס ווי אייערע עלטערן זיינען געווען. מיר זיינען אידן וואָס פאַרמאָגן ניט קיין ערד און ווילן ניט דערלאָזן די דייטשן און פּאָמעשטשיקעס אָוועקצורייבן פון אייך די ערד, זייט איר נאָך ניט צופרידן און ווילט אונז איבערגעבן אין די הענט פון אייערע און אונזערע פיינט?... א. ז. וו. א. ז. וו.

די געזיכטער פון די אוקראינער האָבן זיך מיט איינמאָל גע־ביטן. וואָס ס'האָט אויף זיי מער געווירקט און געמאַכט דיינקען, צי מיין זידלדיקע רעדע, צי מיין שטעלונג מיט דער איבערגעקער־טער ביקס, קען איך ניט זאָגן. נאָר א פאַקט אז איניגע האָבן באַלד אראָפּגעלאָזט די קעפּ און א פּאָר האָבן זיך אָפּגערופן:

— רעכט, רעכט! די דייטשן וועלן ביי אונז צונעמען די ערד... דער מענטש זאָגט אמת, אַלעס אמת!...

איינער איז צוגעקומען צולעצט און האָט זיך אָנגערופן: חברים, איר דאַרפט זיך ניט באַליידיקן אויף די אַלע מוזשיקעס, וואָס זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן, זיי געהערן אַלע צום אַלטן רעזשים.

— זיי ווײנען נאָכ'ן צאַר, און פונדעסטוועגן האָבן זיי ניט פאַרפעלט צו פאַרלאַנגען זייער חלק פּריצישע ערד, וואָס מען האָט צוטיילט ערשט נעכטן.

די אַטמאָספערע איז אַרום אונז געוואָרן א סימפּאַטישע. מ'האָט אונז אַריינגעפירט אין א שטוב, געגעבן אָפּצועסן.

מיט אַמאָל עפנט זיך די טיר און א פּאָר יונגע פּויערים זיי־נען אַריינגעלאָפן סאַפּנדיק: גיך! גיך! די דייטשע פּאַטרולן זיינען ניט ווייט און לאָזן זיך צום דאָרף.

אונזער בעל הבית האָט געכאַפּט און איינגעשפּאַנט זיין וואָגן, און מיר אַלע האָבן זיך אויפגעזעצט און גיך פאַרלאָזט דאָס דאָרף צו א קליינער סטאַנציע פאַר יעליסאַוועטגראַד.

דאָרטן האָבן מיר שוין קיינעם ניט געטראָפן. די לעצטע עשאַלאָנען און לאָקאָמאָטיוון זיינען נאָך צוריק מיט צוועלף שטונדן אָפּגעפאָרן און געלאָזט פּוסט די סטאַנציע. א פּאָר באַן־בעאַמטע האָבן אונז אויסגעזוכט א קליין וואַגאָן־וועגעלע וואָס דינט פאַר די אַרבעטער צורעכט צו מאַכן די רעלסן. מיר האָבן זיך אַלע אויס־געזעצט און קאַטאַי איבער די רעלסן אין דער ריכטונג קיין יעלי־סאַוועטגראַד, ביז א צוואַנציק וויאָרסט מיט דער ליניע. די באַן־אַר־בעטער האָבן אונז נאָכגעשריען: „גיט אַכטונג, די רעלסן דאַרפן זיין איבערגעשניטן אין געוויסע ערטער“, און ריכטיק, שטופּנדיק אזוי דאָס וואָגאָן־בעטל א פּאָר קילאָמעטער האָבן מיר געטראָפן איבערגעשניטן די ליניע אויף א פּאָר מעטער.

מיר האָבן מיט שווערער מי איבערגעטראָגן דאָס וועגעלע און זיך ווייטער גענומען גליטשן איבער די שינעס, ביז די נאַכט איז צוגעפאַלן און אין דער פינסטערניש זיינען מיר ווייטער מיט'ן וועג־

געלע אריין צווישן אויפגעריסענע שינעס און דאָס מאָל איז שוין געווען אונמעגלאַך דאָס ארויסצושלעפּן פון דער ערד, וואו ס'איז מיט אונז האַלב פאַרזונקען געוואָרן. מיר האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי זיך לאָזן ווייטער מיט די רעלסן צו יעליסאַוועט־גראַד. מיר זיינען געווען שטאַרק מיד. דער פאַרוואונדעטער האָט שוין גאָר ניט גערעדט, נאָר פאַרביסן פון ווייטאָג די ליפּן און זיך אויף די אַקסלען פון צוויי חברים נאָכגעשלעפּט. מיט וואָס צו שטילן דעם הונגער און דורשט האָבן מיר אויך ניט געהאַט און די איינציקע טרייסט אונזערע איז געווען, וואָס מיר זיינען ניט ווייט פון יעליסאַוועטגראַד, וואו מיר וועלן מסתמא נאָך קריגן אַנדערע עשאַלאָנען און קענען ענדלאַך פריי אָפּ־אָטעמען.

ביי דעם געדאַנק האָט פון דערווייטנס אַ בליץ געטאָן אַ רויט פייערל פון אַ לאַמטערן, וואָס האָט זיך דערנענטערט מיט דער ליניע צו אונז. מיר זיינען שטיין געבליבן. עס האָבן זיך דערהערט עטלאַכע שאָסן און קולות: „סטאַי, סטאַי! קטאָ טאַם?" (שטיי, ווער איז דאָרט).

— אַן אייגענער, — ענטפערן אונזערע.

דאָס פייערל האָט זיך גענומען דערנענטערן צו אונז און אַ נייע שיסעריי מיט קולות, מיר האָבן געוואַרט ביז מען איז צו אונז צוגעקומען.

עטלאַכע גראָבע שטימען מיט פאַראויסגעשטרעקטע רעוואָל־ווערן פאַר אונזער נאָז, די געזיכטער האָבן זיך אין דער פינסטער־ניש ניט געלאָזט מערקן. די שטעלונג און ווילדע באַהאַנדלונג האָט ניט אויסגעוויזן אַז מיר געפינען זיך צווישן פריינט, נאָר אַזוי ווי אונזער גורל איז שוין געווען פאַרזיגלט, האָבן מיר זיך געלאָזט פירן צום לאָקאָמאָטיוו מיט אַ פּאָר וואַגאָנען צוגעטשעפּעט אויף דער פאַרלאָזטער ליניע. דיזעלבע אונהעפלאַכע דראָענדע שטימען האָבן אונז באַפוילן אריין אין דעם לעצטן וואַגאָן און אונז פאַר־שלאָסן. באַלד האָט דער לאָקאָמאָטיוו גענומען זיך רירן און...

וואָס ווייטער איז געשען האָבן מיר שוין ניט געוואוסט. דאָס טרייסלען פון וואַגאָן האָט אונז באַלד איינגעשלעפערט און ווי דער'הרג'עטע זיינען אַלע געלעגן צולייגט איבער דעם וואַגאָן און געכראָפּעט.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען גרויסער טאָג, נאָר וואו מיר געפינען זיך האָבן מיר פון דעם פאַרשלאָסע־נעם, פּראַכט־וואַגאָן ניט געקענט וויסן. ענדלאַך האָבן מיר

דערהערט דאָס פּאַרעז און אויפשליסן פון וואַגאָן און מ׳האָט אונז געהייסן ארויסגיין; עטלאַכע יונגעלייט אין סטודענטישע קליידער און אַ פּאָר באַן־בעאַמטע זיינען געשטאַנען און אונז באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס.

— מיר וואָלטן אייך געדאַרפט איבערגעבן דער מאַכט, — האָבן זיך אַ פּאָר אָנגערופן, — נאָר „באַד ס׳וואַמי״ (גאָט איז מיט אייך), גייט אייך וואו איר ווילט.

מיר האָבן זיך געפונען אין איבערגייענדיקע הענט פון דער שטאַטישער מאַכט, וואַרטנדיק ביז די נייע מאַכט וועט קומען. צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען סאָציאַל דעמאָקראַטן און ראַדיקאַלן.

— יאָ, איר לאָזט אונז פריי אָבער גיט אונז די מעגלאַכקייט צו דעריאָגן אונזערע עשאַלאָנען. איר זעט דאָך אַז מיר האָבן צווישן אונז פאַרוואונדעטע, וואָס קענען ניט גיין!

אייניקע בעאַמטע האָבן זיך איבערגעקוקט און צולעצט געזאָגט: „מיר וואָלטן אייך געגעבן אַ לאָקאָמאָטיוו צו באַגלייטן, זיינען אָבער די שינעס אויפגעריסן ניט ווייט פון דאַנען״.

— עס מאַכט ניט אויס, עפּעס וועט דאָס אונז דאָך ארויסהעלפן. זאָל זיין אויפגעריסענע רעלסן. און מיר האָבן דאָס גליק געהאַט זיך ארויפזעצן אויף די אָנגעוואָרפענע קוילן פון לאָקאָמאָטיוו וואָס האָט זיך פּאַרזיכטיק גערוקט מיט׳ן הינטן פּאַראויס, און אַ פּאָר קילאָמעטער זיך געשלעפּט. ביז פּלוצים האָט זיך דער לאָקאָמאָטיוו געגעבן אַ שטאַרקן טרייסל. אַ פּאָר פון אונז זיינען אַראָפּגעפאַלן און זיך אַביסל צושלאָגן. דער מאַשיניסט איז אַראָפּ און באַטראַכטנדיק די לאַגע פון לאָקאָמאָטיוו האָט ער זיך אָנגערופן, אַז מיר קענען איצט גיין צו פוס. ניט ווייט פון דאַנען אויף רעכטס וועלן מיר געפינען דעם וועג קיין זנאַמענקע.

אויפ׳ן וועג האָבן מיר ווידער געטראָפן אייניקע פּאַרבלאָנדזשעטע פון אונזערע אָפּטיילונגען און זיך צוזאַמען געשלעפּט מיט דער האָפנונג כאָטש אין זנאַמענקע צו טרעפן אונזערע עשאַלאָנען.

דער פּיינט האָט נאָך נאָווא אוקראַינאַ קיין שום שטערונג ניט געהאַט און געקענט פריי ווייטער גיין סיי מיט׳ן ברייטן שאָסעוועג, סיי מיט דער באַן־ליניע ביז כאַרקאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו און ווייטער.

ווען מיר האָבן מיט דער ענדע פון טאָג דערגרייכט די סטאַנציע זנאַמענקאַ, האָבן מיר פּונקט צייט געהאַט צו דערכאַפּן דעם

לעצטן עשאלאָן וואָס איז שנעל אוועק אויף קרעמענטשוג און פון דאָרטן קיין פּאָלטאַווע.

אויף דער סטאַנציע פּאָלטאַווע האָבן מיר געטראָפן דעם אָט־ריאַד קאַטאָווסקי וואָס האָט אונז איבערגעגעבן, אַז דאָס איבער־געבליבענע רעשטל פון אָטריאַד ראַשאַל געפינט זיך אין כאַרקאָוו און פאַרמירט זיך אויפס'ניי.

אין כאַרקאָוו, וואו מען האָט זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן אין די גרויסע פּוסטע קאַזאַרמעס, איז די שטימונג געווען זייער און זייער אַ פאַרצווייפלטע, און הגם דער שונא איז נאָך געווען גענוג ווייט פון די כאַרקאָווער טויערן, האָבן זיך שוין אַלע סאָוועטישע אַנשטאַלטן עוואַקוּאירט. די שטאָט איז אינגאַנצן איבערגעגאַנ־גען צום „וואָיענקאָם” (מיליטערישע מאַכט). דער שטאַב האָט זיך געפונען אויף דער סטאַנציע אין אַ פּאָר ערשט־קלאַסיקע וואַ־גאָנען מיט לאָקאָמאָטיוון פון ביידע זייטן וואָס זיינען יעדע מינוט געווען גרייט אין וועג.

פון כאַרקאָוו האָט זיך דער אָטריאַד ראַשאַל געלאָזט קיין סינעלניקאָוו. פון דאָרטן קיין יעקאַטערינאָסלאָוו. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן דיזעלבע חתונה: דער סאָוועט און אַלע איבריגע אַנשטאַלטן פאַרלאָזט, דער גאַנצער שטאָט־אַפּאַראַט אויף דער סטאַנציע אין די וואַגאָנעס מיט צוויי לאָקאָמאָטיוון פון ביידע זייטן וואָס איילן זיך כסדר; די „נאַטשאַלניקעס” לויפן ארום צוטראָ־גענע, ווייסן ניט וואָס פריער צו טאָן, אין דער לופטן פילט זיך אַ שטיקענדע אַטמאָספערע, ווי פאַר אַן אויסברוך פון אַ שטורם.

נאָך 24 שטונדן פון אונזער אָנקומען קיין יעקאַטערינאָסלאָוו, באַקומט דער אָטריאַד ראַשאַל אַן אָרדער צו פאַרנעמען אַ פּאָזי־ציע ביי באַלשאָיאַ ווערכניפּראָווסק, אַ 60 וויאָרסט פאַר יעקאַטע־רינאָסלאָוו. מיר נעמען מיט'ן שטאַב באַטראַכטן די קאַרטע, וואו מיר דאַרפן פאַרנעמען די פּאָזיציע, — לאָזט זיך אויס, אַז די סטאַנציע געפינט זיך אַ 30 וויאָרסט פון דער אייזנבאַן, וואו מיר דאַרפן אָפּהאַלטן די ארמיי וואָס לאָזט זיך מיט'ן ברייטן וועג; קיין אַרטילעריע, קיין קאַוואַלעריע, קיין שום רעזערוו און שטיצע פון די פלאַנקן און קיין שום האָפנונג אפילו צו קענען ווידער דערגרייכן די סטאַנציע און זיך ראַטעווען מיט דער אייזנבאַן. ס'איז באַלד געוואָרן קלאָר, אַז מ'זוכט ניט נאָר צו פאַרשטאָפּן אַלע לעבער מיט'ן אָטריאַד ראַשאַל, שיקנדיק אים אויף די גע־

פערלאכסטע ערטער, נאָר פּשוט מ׳זוכט אים איינגאַנצן צו פאַר־ניכטן און איבערגעבן אין די הענט פונ׳ם שונא.

דער לעצטער שריט איז שוין צו שרייענד געווען, אַז מ׳זאָל זיך באַלד ניט אַנשטויסן אויף דער כונה פון הויפּט־שטאַב. די קאַרטע האָט דאָס געוויזן, און די קאַרטן זיינען אויפגעדעקט גע־וואָרן. האָט מען געהייסן אויסדרייען דעם דישל און צוריק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואו דער הויבט־שטאַב האָט זיך געפונען.

דאָרטן איז פאָרגעקומען דערזועלבער ספּעקטאַקל. די מאַ־כערס, וואָס האָבן אָפּגעאַרבעט די שפּיל, זיינען געווען אויפ׳ן וועג צו פאַרלאָזן אַלעס און זיך מיט גאָרניט און מיט קיינעם ניט גע־רעכנט, אַ חוץ מיט זיך — צו פאַרהיטן די אייגענע פעל. דין וחשבון האָט פון זיי קיינער ניט געפאָדערט און זיי זיינען גאָרניט געווען אימשטאַנד אָפּצוגעבן רעכנונג. ווען מ׳האָט זיי געפרעגט, פאַרוואָס זיי איילן אין אַזאַ מאָמענט פאַרשטופּן דעם אָטריאַד דרייסיק ווערסט פון אַ אייזנבאַן־ליניע אַז מעגלאַכקייט זיך צו ראַטעווען, האָבן זיי געענטפערט לאַקאָניש: „מען שיקט אייך, גייט און פרעגט ניט קיין קשיות”. אין דערזעלבער צייט האָבן דיזעלבע מושלים געגעבן באַפעלן צו די אַלע איבעריגע עשאַלאָנען צו פאַרלאָזן יעקאַטערינאָסלאַוו, גיין קיין סינעלניקאָוו און ווייטער קיין גרויס־רוסלאַנד.

אונזער עשאַלאָן איז מיט אַמאָל געוואָרן אונאַבהענגיג און געבליבן שטיין אין מיטן די ליניעס — ניט אַהין און ניט אַהער. קיינער האָט זיך שוין מיט אים מער ניט געקימערט. האָט מען אַליין געטאָן אַ קאָמאַנדע דעם צוג׳ס פירער: „וואַליאַי, קיין סינעל־ניקאָוו!” און ביז פאַרטאָג איז שוין דער עשאַלאָן געשטאַנען אויף אַ זייט־ליניע פון סינעלניקאָוו. נאָר פלוצלינג האָט מען אוועק־געשטעלט אין מיטן דער נאַכט באַוואָפנטע אָטריאַדן פון ביידע זייטן עשאַלאָן און מיט עטלאַכע שאָס דורכאַנאַנד אויפגעריסן פון שלאָף די ראַשאַלצעס: אַ פיר־און־צוואַנציק האָבן שוין פאַרשפּאַרט אויפצושטיין, פיל פאַרוואונדעטע... די איבריקע האָט מען מיט בייזער ווילדקייט ענטוואָפנט און פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער קאַמער...

און אַזוי האָט מען — ענדע מאַי 1918 — אָפּגעפּאַרטיקט די אַבטיילונג ראַשאַל. וואָס די דייטשן האָבן אויסגעפעלט צו טאָן, האָבן אייגענע לייט פאַרענדיקט...

ז

גריגאָריעווס באַנדעס

אָנהויב יוני, נאָכדעם ווי אונזער רעשט פון דעם אָטריאַד ראשאל איז אזוי מיאוס צושטערט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס ביי סינעלניקאָוו, האָב איך מיך אומגעקערט קיין אדעס, בשעת די דייטשן זיינען דאָרט פעסט געשטאַנען.. איך האָב דורכגעמאַכט אַ שטאַרקן טיפוס, האָב געזען די דייטשן פאַרלאָזן אוקראַינא, נאכדעם ווי אין נאָוועמבער איז אויף דעם מזרח פראָנט געשלאָסן געוואָרן אַן ארמיסטים צווישן די אליאירטע און די דייטשן. דער־נאָך האָט אדעס געהאט דעם כבוד צו זען ביי זיך אַ דעסאנט פון פראַנצויזן און גריכן.

אין די לעצטע טעג פון מערץ 1919, האָט די פראַנצויזיש־גריכישע מיליטער־אָבטיילונג געליטן די ערשטע נידערלאַגע ביי וואָזנעסענסק פון די פּארטיזאנישע אָטריאַדן, אין דער שפּיץ פון וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער שפּעטערדיקער בלוטיקער גריגאָריעוו האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן אַ טייל צום דניעסטר — צו רומעניען און אַנדערע קיין אדעס, און מיט׳ן ים צוריק אַהין, פון וואַנעט זיי זיינען געקומען.

אַ דאַנק דעם, וואָס דער 176טער פראַנצויזישער אינפאַנטערי־רעגימענט, דער צווייטער באַטאַליאָן זואַווען, ווי אויך אייניקע גריכישע אָבטיילונגען האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קעמפן געגן די רויטע אָטריאַדן, איז דאַריבער פאַרשנעלערט געוואָרן דער ריקצוג ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים. עס האָט ניט גענומען קיין גאַנצע אַכט טעג, ווי די אָקופּאַציע־אַרמייען האָבן געמוזט אָפּרייניקן גאַנץ או־קראַינא און איבערלאָזן דאָס לאַנד צו איר אייגענעם שיקזאַל.

אין די ערשטע טעג פון אַפּריל האָבן מיט גרויס פּאַראַד און אָוואַציעס אריינגעמאַרשירט אין אדעס די ערשטע אָטריאַדן פון גריגאָריעווס פּארטיזאַנען און דער אונטערערדישער „רעווקאָם“, וואָס האָט פאַרגעשטעלט דעם פּראָוויזאָרישן סאָוועט וואָס איז גע־ווען פאַרטראָטן פון אַלע לינקע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און

פּאַרטייען, האָט זיך פּראָקלאַמירט אלס דער פּאַקטישער רעגירונגס אַפּאַראַט. נאָר באַלד, טאַקע דעם זעלבן טאָג, ווען די שטאָט האָט מיט אַזאַ פרייד געפייערט דעם יום טוב פון די סאָוועטן, האָבן די זעלבע טרופּן פון גריגאָריעווס פּאַרטיזאַנען שוין ארויסגעוויזן סימפּטאָמען פון אַנטיסעמיטיזם און געמאַכט איינציקע עקסצעסן אין געוויסע טיילן פון דער שטאָט אדעס.

דער סאָוויעט איז באַלד אויפמערקזאַם געוואָרן און באַשלאָסן ארויסצושיקן דעם אטאמאן גריגאָריעוו מיט זיינע פּאַרטיזאַנען צום רומענישן פראָנט ביי די ברעגן פון דינעסטער ; נאר אנשטאָט צום רומענישן פראָנט, האָט דער אטאמאן פארקערעוועט זיין מאַרשרוט אויף פּאָדאָל און פון דאָרטן אויף קיעוו און אויף יעקאַטערינאָ־סלאַווער און פּאָלטאַווער גובערניעס, וואו ער האָט געמאַכט שרעק־לאַכע פּאָגראָמען און דערטרונקען זיין צאָרן און האַס אין אידיש בלוט ; אַם גרויזאַמסטן האָבן פון אים געליטן די שטעט : יעליסאַ־וועטגראַד, באַלטאַ, טשערקאַס, אומאַן און צענדליקע אַנדערע שטעט און שטעטלאַך. דער פארבליבענער אָטריאַד וואָס איז גע־ווען אַ צווייג פון גריגאָריעוו׳ס ארמיי, אונטער דער אָנפירונג פון דעם באַנדיט קאָזאַקאָוו, וועלכער האָט זיך כלומרשט געפונען צו באַשיצן דעם אדעסער סאָוויעט, האָט זיך מתקנא געווען אין זיין אטאמאן און געמאַכט אַ קרייץ־מאַרש אין דער אומגעגנט פון אדעס, זיך באַנוצנדיק מיט דער געלעגנהייט וואָס די סאָוועטן פון ארבעטער זיינען געווען באַשעפטיקט מיט׳ן קאַמף געגן גריגאָריעוו׳ן מיט זיינע אָבטיילונגען ; פון אים האָבן אַם שרעקלאַכסטן געליטן די זעכצן סטאַנציעס נעבן אדעס, און שפּעטער, קריוואָיע־אָזעראָ, אנאניעוו, אָלאָסקאָוו און אומאַנער אויעזד.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב זיך נאָך געפילט זייער שוואַך, האָב איך זיך געמעלדעט צו גיין מיט די אָטריאַדן געגן גריגאָריעוון. מ׳האָט מיך אָבער ניט געוואָלט נעמען. די ידיעות וואָס זיינען געקומען פון פּראָווינץ וועגן די אידישע שחיטות וואָס קומען דאָרטן פאָר, האָבן געשאַפן אַ טענדענץ ניט אריינצונעמען אין די אָטריאַדן קיין אידן פון אַן אויסגעשפּראָכענעם טיפּ, וואָס רעדט רוסיש מיט אַ שאַרפן אידישן אַקצענט, ווי איך.

אַלע מאָל פלעגן אָנקומען נייע שרעקלאַכע ידיעות וועגן באַר־באַרישע בלוט־בעדער, אין וועלכע מ׳דערטרינקט אידישע נפשות— און איך האָב באַדאַרפט בלייבן אין אדעס און זיך בייסן די ליפּן פאַר ווייטאָג.

ס'האָבן זיך גענומען גרינדן אין אדעס, קיעוו און אין אַנדערע שטעט ספּעציעלע זעלבסטשוץ אָטריאַדן, צו קעמפן מיט די אַלע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אָטריאַדן און באַנדעס וואָס זיינען אויסגעוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. די זעלבסטשוץ איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין פאַל פון פּאָגראָמען און אויך געדאַרפט אַכטונג געבן אויף אייניקע „געשוואָרענע" סאָוועטישע רעגימענטן, וועלכע האָבן זיך מתיר נדר געווען און געמאַכט פּאָגראָמען, גלייך ווי די אַנדערע באַנדעס, געגן וועלכע זיי האָבן געדאַרפט שטרייטן (אם בעסטן האָט זיך אין דעם זין אויסגעצייכנט דאָס זעקסטע סאָוויעטישע פּאָלק). פון די אָטריאַדן, וואָס האָבן זיך געבילדעט צו קעמפן מיט דער אינערלאַכער קאָנטער־רעוואָלוציע האָט זיך אַם בעסטן באַרימט געמאַכט דער דייטשער אָטריאַד „ספּאַרטאַק" וואָס האָט פּאַרטיידיקט בערסאַן, ניקאָלאַיעוו און אומגעגנט פון די ווילדע באַנדעס און וואָס איז באַשטאַנען פון אייניקע דייטשע, עסטרייכישע און אונגאַרישע אָפיצירן פון מלחמה־געפאַנגענע, פאַרבליבענע געוועזענע סאָלדאַטן און שפּעטער צוגעקומענע פּאָליטישע אימיגראַנטן, — פון פראַנקרייך, אַמעריקע און אַנדערע רעוואָלוציאָנערן; דער צווייטער אָטריאַד וואָס האָט זיך געבילדעט אין קיעוו זיינען אויך געווען עסטרייכיש־אונגאַרישע קריגס־געפאַנגענע הוזאַרן, וועלכע האָבן אָפּערירט אין קיעווער, פּאָלטאַווער און פּאָדאָלער אומגעגנט. ס'האָבן זיך אויך געגרינדעט ספּעציפיש־אידישע זעלבסטשוץ אָטריאַדן. די דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן האָבן זיך שפּעטער צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין אַרמיי, וואָס האָט געהאַט צו קעמפן מיט פּעטליוראַ'ן, דעניקין און אַלע באַנדעס פון זעליאַזני, סטרוק, סאָקאָלאָווסקי, פּאַפּאָוו און אַנדערע אַטאַמאַנען.

ס'איז מיר ענדלאַך געלונגען זיך אַנצושליסן אין אַ באַטאַליאָן, וועלכער איז אַבגעפאָרן דעם 6טן יולי פון אדעס אין קיעווער געגנט צו קעמפן געגן די ווילדע באַנדעס.

איך האָב דורכגעמאַכט שוידערלאַכע צוויי חדשים — יולי און אויגוסט — טרעטנדיק צווישן היילינע קערפּער פון אידישע מאַרטירער, צווישן חורבות פון אידישע שטעטלאַך. איך האָב געזען שוידערלאַכע בילדער וועלכע זיינען ביי מיר געוואָרן איינגעקריצט אין זכרון ביז היינט.

אונזער וועג איז געווען דורך טשערקאַס, קאַניעוו, סטעפּענציע, שאַנדרע, טשערניכאָוו, זשידאָווסקע גרעבליע, זשאַשקאָוו און מיר זיינען געווען אין קאָנטאַקט מיט אייניקע גרופּן וואָס האָבן אָפּע־

רירט אין דעם גאַנצן קיעווער געגנט. כ'וויל דאָ בלויז דערציילן איניקע עפּיזאָדן פון די באַגעגענישן וואָס איך האָב דורכגעמאַכט אין די בלוטיקע טעג, וועלכע זיינען געבליבן פאַרשריבן אין מיין טאָג־בוך פון יענער צייט.

דער צווייטער „טולטשין"

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין טשערקאַס (קיעווער גוב.) האָבן מיר געמוזט פאַרבלייבן דריי טעג אין די עשאַלאָנען, אין די „טיעפּלושקעס" פון די פּי־וואַגאָנען. דאָן האָט מען אונז אי־בערגעגעבן איניקע קאַזאַרמעס, וואָס זיינען אָבער געווען אין אַ שטאַרק פאַרלאָזענעם צושטאַנד. אַנשטאָט אָפּצורוען זיך האָבן מיר געהאַט שווערע פינף טעג אַרבעט ביז עס איז אונז געלונגען די חורבות צוצוגעבן אַן אויסזען אַפילו פון קאַזאַרמעס...

קוים זיינען מיר פאַרטיק געוואָרן מיט דאָס איינאָרדנען אונ־זער פּאָלק, האָב איך און נאָך עטלאַכע פון מיינע פריינט זיך צייט גענומען צו באַטראַכטן די שטאָט, אין וועלכער עס איז ניט לאַנג פאַרגעקומען אַזאַ בלוטיקער פּאָגראָם (15טער און 16טער מאַי 1919), וואָס האָט געקאָסט מער ווי טויזנט אידישע לעבנס...

אופי'ן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ איד, וועלכער האָט אונז איבערגעגעבן איינצעלהייטן פון פּאָגראָם, און בעת ער האָט באַ־מערקט דעם צער און טרויער, וואָס האָט אונז באַהערשט, האָט ער גאַנץ גלייכגילטיג אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וואונדערט איר זיך אַזוי? ווייזט אויס, אַז איר קומט פון אַן אַנדער וועלט. דער פּאָגראָם ביי אונז, אין אַ שטאָט, וואו עס וואוינען איבער 15 טויזנט אידן, איז אַ שפּילכל אַנטקעגן די פּאָגראָמען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די איבריקע שטעט נענטער צו קיעוו, וואו מען האָט די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אויסגעקוילעט און דערנאָך אַלץ אונטערגעצונדן, אַזוי אַז ס'איז ניט געבליבן קיין סימן אַפילו.

דאָס אַלעס איז געזאָגט געוואָרן אַן דעם מינדסטן צער־אויס־דרוק, אָן שום סימן פון אויפרעגונג, מיט דער געוויינלאַכער גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער מען רעדט וועגן אַלטעגלאַכע געשע־ענישן, וואָס זיינען פאַר דעם באַוואוסטזיין זעלבסטפאַרשטענדלאַך.

מיר האָבן באַשלאָסן צו גיין אין אַן אַרבעטער אינסטיטוציע, וואו מיר האָבן גערעכנט צו באַקומען מער איינצעלהייטן. נישט

ווייט האָבן מיר געפונען דעם לאָקאַל פון פּועלי־ציוניסטישן פאַר־באַנד, זיינען מיר אַהין אריין.

ארייַנקומענדיק אין קאָרידאָר האָבן מיר באַלד דערזען סימנים פון שרעקלאכע טעג: צעבראָכענע טירן, דורכגעשאָסענע ווענט, די טרעפּ וואָס פירן צום ערשטן שטאָק — צעהאַקט. ווען מיר זיינען, נישט אָן געפאַר, ארויפגעגאַנגען אויף דעם ערשטן שטאָק, האָבן מיר דערזען נאָך אַ טרויעריקערע בילד ווי אונטן, און דערצו זיינען געווען אָנגעוואָרפן אַ גרויסע צאָל „שמות" פון ביכער, בראָ־שורן, צייטונגען — סמנים פון דער ביבליאָטעק...

ארום אַ צובראָכענעם טיש, וואָס איז געווען אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, זיינען געזעסן עטלאכע ארבעטער מיט פאַרכמורעטע געזיכטער און האָבן געפירט אַ שטילן געשפּרעד, וועלכן זיי האָבן איבערגעריסן בעת זיי האָבן אונז דערזען. זיי האָבן אונז באַ־געגנט מיט קאַלטע בליקן, אַזוי אַז מיר האָבן זיך דערפילט ווי נישט־געוווּנשטע געסט און מיר האָבן שוין געוואָלט פאַרלאָזן דעם לאָקאַל. זיי האָבן ווייזט אוים באַמערקט אונזער פאַרלעגנהייט, האָט איינער פון זיי זיך גלייך געווענדעט צו אונז:

— ווילט איר אפשר, חברים, זען ווי אונזער פאַרבאַנד זעט אוים נאָך דעם פּאָגראָם?

דער טאָן אין וועלכן די פראַגע איז ארויסגעזאָגט געוואָרן האָט אונז אביסל „דערוואַרעמט" און מיר זיינען נענטער צוגעגאַנגען צום טיש, וואו מען האָט באַלד געמאַכט פּלאַץ.

דער געשפּרעד האָט אָנגענומען דעם געוויינלאכן כאַראַקטער: מיר האָבן אויסגעפרעגט די איינצעלהייטן און זיי האָבן איבער־געגעבן אַלע שוידערלאַכקייטן פון פּאָגראָם.

דערנאָך האָב איך אַ פרעג געטאָן:

— איז ביי אייך געווען אַ זעלבסטשוץ?

— געוויס! — איז געווען דער ענטפער.

— און וואו איז זי היינט?

ביי דער פראַגע האָט זיך אויף די געזיכטער פון די ארבעטער באַוויזן אַן אויסדרוק פון צער און צאָרן און איינער האָט מיט ביטערקייט געזאָגט:

— אין דניעפּר און אויףביידע ברעגן פון טייך!

— וואָס הייסט?! — האָב איך ערשטוינט געפרעגט.

— גאָר פּשוט. אונזער זעלבסטשוץ איז פאַרשלונגען געוואָרן

פון דניעפּר און אויסגעשאָסן אויףביידע ברעגעס פון טייך — און פאַרראַטן!

און ער האָט פאָרטגעזעצט:

— איר קענט דאָך די געשיכטע פון „טולטשין"? דאָס וואָס איז געשען ביי אונז וועט אין דער בלוטיקער אידישער געשיכטע פאַרשריבן ווערן אַלס דער צווייטער טולטשין...

ס'איז געווען אין מאַנאַט מערץ ווען די באָלשעוויקעס האָבן געפירט זייערע אַנגריפן קעגן די העטמאַנצעס, די ווייסע דעניקינס אַפיצערן (ווי באַוואוסט איז דעניקינס ארמיי באַשטאַנען דער עיקר פון אָפיצערן) און די פּרעמדע; שפּעטער אויך קעגן די „דירעקטאָריע". ביי אונז איז דאַן געווען די העטמאַנסקע מאַכט מיט דער הילף פון דעניקינס אָפיצערן און די דייטשן. אין אַ געוויסן טאָג האָבן מיר פון פּאָלטאַוועער ברעג דערהערט דונערן פון האַר־מאַטן. דאָס האָט באַלד צעשלאָגן די פינסטערע וואָלקנס, וואָס זיינען געהאָנגען איבער אונז. די „רויטע" קאַנאָנען האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויף אונזער פאַרשלאָפענער שטאָט: מיר האָבן אָנ־געפאַנגען אין געהיים צו אָרגאַניזירן אָטריאַדן. יעדע פּאַרטיי האָט געהאַט אַן אָטריאַד און אַלע צוזאַמען זיינען געווען אין קאָנטאַקט, כדי צו זיין גרייט אין פאַל פון אַן ארויסטרעטונג. ביי אונז איז אַ שטאָט פון זאַוואָדן און פאַבריקן און עס איז פאַראַן אַ סך אַר־בעטער. דער גרעסטער טייל ניט־אידישע, זעלבסטפאַרשטענדלאַך. ווען דאָס דונערן פון די קאַנאָנען האָט זיך פאַרשטאַרקט האָבן מיר געמאַכט אַן אויפשטאַנד און פאַריאָגט די באַנדעס אָפיצערן.

די פרייד, וואָס האָט אַלעמען באַהערשט נאָך דעם באַפרייען זיך פון דער פינסטערער רעאַקציע, קענט איר זיך פאָרשטעלן. די פרייד האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט: די „דירעקטאָריע" האָט אָנגעפאַנגען אַטאַקירן די רויטע אַרמיי. דאָס מאָל פון בערסאָנער זייט, און מיט דער הילף פון דעם טרויעריק־באַוואוסטן גריגאָריעוו, קאַזאַקאָוו'ן און אַנדערע באַנדעס, וואָס זיינען ווי מחבלים געקומען פון אַלע זייטן, פון פּאַדאָליער, פּאָלטאַוועער, קיעווער, בערסאָנער און אַנדערע גובערניעס, כדי זיך „נוקם צו זיין אין די קאָמוניסטן", האָבן זיי דערווייל אויסגעלאָזט צו דער אידישער באַפעלקערונג...

און אונזער שטאָט האָט ניט אויסגעמידן דעם גורל וואָס עס האָט געטראָפן גאַנץ אוקראַינאַ. איז איין באַנדע ארויס, זיינען אָנגע־קומען אַנדערע. אין דער צייט האָבן די באָלשעוויקעס פיר מאָל פאַרלאָזט די שטאָט. אין דער צווישן־צייט פון איין מאַכט און

דער אַנדערער, זיינען פאַרביי עטלאַכע טעג אַז אַ מאַכט. די טעג זיינען „אויסגענוצט" געוואָרן פון קלענערע באַנדעס פון די אַרו־מיקע געגענטן וואָס האָבן גערויבט, געשענדעט און געמאָרדעט ווען זיי האָבן נאָר געקענט. דאָס האָט געפירט דערצו אַז אַלע אידישע אַרבעטער פון אַלע ריכטונגען זאָלן זיך אָרגאַניזירן אין אַ „פּאַראייניקטע זעלבסטשוץ", ספּעציעל כדי אויסצוהיטן די שטאָט אין דער צווישן־צייט פון איין מאַכט און דער אַנדערער.

געוועזן האָבן מיר געהאַט אַביסל און אַביסל האָבן אונז געלאָזן די רויטע אַטריאַדן פאַר זייער אַוועקגיין. צוזאַמען האָבן מיר געהאַט גענוג אויף צו באַוואָפנען אַ 600 מאַן מיט אַלע מינים געווער. די אָרגאַניזאַציע פון אונזער זעלבסטשוץ־אַטריאַד איז געווען אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט, אַז זאָגאָר די „פּעטליוראָוצעס" ווען זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין שטאָט און האָבן נאָך נישט געהאַט אָרגאַניזירט זייער שטאָט־אַפּאַראַט, האָבן נישט נאָר ערלויבט אונז צו טראָגן געווער, נאָר האָבן אונז אויפ־געפאָדערט אָפּצוהיטן די אָרדנונג אין שטאָט. זיינען מיר עס דאָן געווען די שטאָט־אַכראַנע. נאָכדעם ווי די גרויסע (באָלשעוויקעס) האָבן זיי אַרויסגעטריבן זיינען מיר געבליבן דיזעלבע קערפּער־שאַפט נאָר מיט ווייניגער פונקציעס: מען האָט אונז באַשטימט אַלס רעזערוו־אַטריאַד.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָבער אויך נישט לאַנג אָנגע־האַלטן, ווען די גריגאָריעווצעס האָבן פאַרנומען די שטאָט. דאָס איז געשען אַזוי אומגעריכט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן אַפילו נישט באַוויזן צו עוואַקואירן דאָס נויטיקסטע און האָבן פאַרלאָזט די שטאָט ביינאַכט. דאָס איז געווען אַ פרייטיק ביינאַכט און שבת אין דער פרי (דעם 8טן מאַי 1919) האָבן מיר שוין געהאַט די אומ־געוויינשטע געסט... זיי האָבן באַלד אָנגעהויבן באַווייזן ווער זיי זיינען; זיי האָבן גערויבט, געשלאָגן און געשאָסן ווען זיי האָבן נאָר געטראָפן אין די גאַסן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מען פיל דערשאָסן אויף דער באַן־סטאַנציע, וואו עס איז געשטאַנען זייער שטאַב. ווען מען האָט נאָר געפירט אַהין, דעם האָט מען שוין ניט געזען צוריק... דער דאָזיקער שרעקלאַכער צושטאַנד האָט געדויערט ביז זונטיק נאָכמיטאָג. דאַן האָט מען ווידער דערהערט דונערן די רויטע קאַנאָנען. מאָנטיק אין דער פרי איז שוין קיינער פון די פּאָגראָמשטשיקעס נישט געווען אין שטאָט.

מיר האָבן זיך ווידער גענומען פאַר אונזער אויפגאַבע. אָבער

דאָס האָט ווידער געדויערט בלויז עטלאַכע טעג... מען האָט פּלוצלינג אָנגעפאַנגען אַטאַקירן אונזער שטאָט פון פּאָלטאַווער ברעג. דער „סאָוועט", וואָס האָט ניט געהאַט געזוג מיליטערישע קרעפטן, האָט ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די אַרבעטער אַז זיי זאָלן זיך נעמען פאַר די וואָפן... אין עטלאַכע שעה איז אויסגעוואַקסן אַן אַרמיי פון פופצן הונדערט מאַן. צוזאַמען מיט אונזער אָטריאַד זיינען מיר געווען איבער צוויי טויזנט פּערזאָן.

אַוועקגייענדיק צום דניעפּר אונטער אַ באָלשעוויסטישע קאָמאַנדע, איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַ העלפט פונ'ם אָטריאַד זאָל אַריבער דעם טייך און „פאַרנעמען אַ פּאָזיציע". מיר, זייענדיק אַ באַזונדערע קערפּערשאַפט, האָבן פאַרלאַנגט צו בלייבן אויף דער זייט טייך, כדי אויף יעדן פאַל זאָלן מיר קענען פאַרהיטן די שטאָט. דאָס האָט מען אונז אָפּגעזאָגט. דאַן האָבן מיר פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אַריבערשיקן אונזער גאַנצן אָטריאַד און נישט צעטיילן אים. אויך דאָס האָט מען אונז אָפּגעזאָגט און דערביי פאַרגעוואָרפן וואָס אין אַזאַ געפערלאַכן מאָמענט שטעלן מיר פאָדערונגען. אין רעזולטאַט איז געבליבן, אַז 300 פון אונזער אָטריאַד און 800 פון דעם נישט־אידישן זיינען אַריבער דעם דניעפּר.

דער דערציילער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און האָט פאָרטגעזעצט:

— מער האָבן מיר אונזערע נישט געזען!... אויף יענער זייט האָט דער אוקראַינער אָטריאַד געשלאָסן שלום מיט די גריגאָריעווצעס און מ'האָט אָנגעפאַנגען פּלוצים ענטוואָפענען אונזערע חברים. אין ערשטן מאָמענט האָבן אונזערע זיך ניט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר און אַ סך פון זיי האָבן זיך געלאָזט אַנטוואָפענען, וועלכע מען האָט גלייך דערשאָסן... די איבריקע האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. אָבער דאָס פייער קעגן זיי איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס זיי זיינען געווען געצוואונגען זיך ראַטעווען אַריבערשווימענדיק דעם טייך...

פון די דריי הונדערט חברים איז געבליבן איינער, וואָס איז איבערגעשוואומען דעם טייך...

אין דעם אויגנבליק האָבן די יונגעלייט געווענדעט זייערע בליקן אויף איינעם, וואָס איז געזעסן דעם קאָפּ פאַרזונקען צווישן די הענט, אַזוי, אַז עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער הערט נישט דעם דערציילער און טראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. דער מאַן

האַט לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ... פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן...

אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט איייניקע מינוט. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי אַן אנדערן ארויסגעריסן אַ פארשטיקטער שלוכץ, אַ געוויין...

— איר ווילט דאָך וויסן, וואָס ס'איז געוואָרן מיט די איבע־ריקע אונזערע חברים פון דער זייט טייך, — האָט דער דערציילער פאַרענדיקט, — קוקט זיך ארום ארום טיש: די אַלע און נאָך פיר־פינף זיינען געבליבן לעבן... דערזעלביקער גורל...

אַ אידישע קרעטשמע...

מיר האָבן נאָך ניט געהאַט גענוג צייט זיך ארומצוקוקן אין טשערקאַס, ווי ס'קומט אָן אַ דעפּעשע פון קאַניעוו: „די באַנדע רויבער אונטער דער אָנפירונג פון זעליאַני באַלעבאַטעווען אין דער אומגעבונג און קלייבן זיך קומען אין שטאָט. שיקט הילף".

דעם זעלבן אָוונט האָט זיך אונזער באַטאַליאָן אָנגעגרוזעט אויף אַ שיף און אָבגעפאָרן מיט'ן דניעפּר קיין קאַניעוו. מיט'ן טאָג צוגלייך האָבן מיר זיך צוגעשיפּט צום ברעג פון שטאָט. דאָרטן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די גרינע (זעליאַנאַוועצעס) האָבן זיך באַצייטנס אָפּגעטראָגן ווען זיי האָבן דערפילט אַז עס שמעקט מיט פּולווער.

ביז מיר האָבן זיך געקענט דערוויסן וואו זיי זיינען, האָבן זיי שוין אין אומגעגנט אָנגעמאַכט אַ שיין ביסל קרבנות און גע־לאָזט נאָך זיך שרעקלאַכע חורבות.

צוקומענדיק אין רעכטן מיטן פון שטאָט, האָט זיך אונז גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַ שרייענדיקע רויטע שילד מיט גרויסע בוכשטאַבן אָנגעשריבן אויף דער וואַנט „טראַקטיר אי טשאַינאַיאַ", און ביי די זייטן איז געווען אויסגעמאָלט אַ גלאָז מיט אַ לעפעלע אַלס באַשטעטיקונג צו דער אויפשריפט.

דאָס איז געווען גענוג אונז צו מאַכן פילן ווי גוט ס'איז צו זיצן ארום אַ געדעקטן טיש, אויף וועלכן ס'געפינען זיך אַ זידנ־דיקער סאַמאָוואַר, ארום און ארום גלעזער מיט לעפעלאַך וואָס שטעקן ארויס פון די שטאַרק־אָנגעצויגענע גלעזער טהיי מיט לי־מענע און ביי יעדן איינעם אַ טעלערל מיט צובייסאַכץ — אַ חיות! אזוי טראַכטנדיק האָבן מיר זיך געלאָזט צום טראַקטיר. צוקומנ־

דיק צו דער טיר פון טראַקטיר, וואָס פירט אַראָפּ מיט אַ פּאָר טרעפּ־לאַך אין אַ קעלער, האָבן מיר גלייך דערשפּירט אַ שטיקענדע, פּייכ־טע פאַרלעגערטע לופט, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם און באַלד אָפּגעשלאָגן דעם אַפּעטיט פון טהיי און פון אַלעמען. אויף דער פּאָליצע אַ גרויסער טעלער מיט אַ פּאָר דאַרע, מאָגערע, אויסגע־טריקנטע קיכעלאַך איבערגעדעקט מיט אַ גרויסער צובראָכענער גלאָז. דערנעבן שטייט אַ גרייז־גרויער איד אין אַ קאַרמעזולקע, פון וואַנעט ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ שמוציק און צוריסן העמד, צוויי גרויסע שוואַרצע קויטיקע ציצית האָבן נאָכגעהאַנגען ביז די קניע און אַ פּאָר בלאָטיקע פיס, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז שוין לאַנג האָבן זיי אויף זיך ניט געזען קיין שקאַרפּעטקעס מיט שיך.

דערזעענדיק אונז, האָט זיך דער איד אינסטינקטיוו אַ וואָרף געטאָן: עטלאַכע סאָלדאַטן מיט געגורטע לענדן און אַרום די לענדן כלי־זיין...

גלייך האָב איך זיין מורא באַמערקט און זיך געווענדעט צו אים:

— פעטער, קען מען קריגן ביי אייך אַ גלאָז טהיי מיט צו־בייסן?

תיכף האָט זיך געענדערט די פאַרב אויף זיין געזיכט און ער האָט מיט אַ ליבער פריינדלאַכקייט געענטפערט:

— יאָ, קינדער, מיט פאַרגעניגן! זעצט אייך!

די טהיי האָט מען ערשט באַדאַרפט דערוואַרעמען, און מיר האָבן דערווייל צייט געהאַט צו באַטראַכטן דעם אידן'ס הולד, די באַרוויסע בלאָטיקע פיס. ווען האָט מען דאָס געזען אַ אידן, אַן אַלטן אידן, אַ בעל הבית, באַרוועס? די שטוב, די ווענט אָפּגעקראָכן, נאַס, פון באַלקאָן פאַלן שטיקער, די שויבן מיט די ראַמען פון די פענסטער צובראָכן און די לאָדן, האַלב־צובראָכענע, פאַרשטעלן דאָס עלנדקייט, טרויערקייט און הילפלאָזיגקייט וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלעם אַרום.

אָט די פּאָר קיכעלאַך וואָס זיינען געלעגן אין דעם גרויסן טעלער און האָבן אַזוי רחמנות'דיק אַרויסגעקוקט פון הינטער דעם צובראָכענעם גלאָז האָבן דערציילט וועגן ציטערנדיקע הענט וואָס האָבן זיי געקנאָטן מיט טרערן, שוויים און בלוט, און געבאַקן מיט דעם פיבער פון שרעק און ציטערניש; פון דעם וואָס שטייט נעבן זיי אַ גאַנצן טאָג הונגעריק, קראַנק און פאַרשמאַכט און וואַרט מיט

פּחד און טויט־שרעק פאר דעם קומענדיקן. דאָס האַלבע שוואַרצע פּאַרדאַרטע ברויט נעבן די פאַרראָסטעטע פאַרשטויבטע וואַג־שאָלן וואָס זיינען געלעגן אַט דאָ, האָבן דערציילט פון אַ הונגער אין לאַנד, פון אַ שרעקלאַכער נויט און עלנדקייט.

— האָט איר עפּעס פּרנסה דאָ? — האָט איינער פון אונז געפרעגט.

— ע! — גיט דער איד אַ מאַך מיט זיין גרויען קאָפּ און ווייסער לאַנגער באָרד, — ווער קלערט דען איצטער פון פּרנסה, ווען גאָט'ס צאָרן איז אויסגעגאָסן אויף זיין פאָלק ישראל!...

— אָבער פון וואָס לעבט איר דאָך? — איז יענער צוגע־שטאַנען.

— פון וואָס מ'לעבט, אַבי מ'לעבט. דאָס איז דער עיקר פון וואָס מ'לעבט?

— וואָס דען איז דער עיקר, פעטער?

— דער עיקר איז, מיינע ליבע קינדער, אַז מ'זאָל אונז לאָזן לעבן, אַז מ'זאָל אַזוי און'ברחמנות'דיק אונז ניט אָוועקנעמען דאָס לעבן, אַז מ'זאָל אונזער בלוט ניט פאַרגיסן, אונזערע קינדער ניט שעכטן, אונזערע טעכטער ניט שענדן, אַז מ'זאָל אונזערע הייליג־קייטן ניט פאַראומרייניקן, צו שאַנד און שפּאָט מאַכן, מ'זאָל אונ־זער האָב און גוטס ניט מאַכן צו רויב און גזלה.

אין די האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן בליי־צענדע פייערלאַך און אַ שוים האָט אַרויסגעזעצט פון די פאַרטרי־קענטע ליפּן, און ער האָט ווייטער פאָרטגעזעצט מיט אַ פעסטן טאָן:

— ווייסט איר דען ניט, קינדער פון ישראל, וואָס ס'טוט זיך אָפּ אין דעם פאַרשאָלטענעם לאַנד?! ביי אונז איז נאָך ביז אַצינד געווען מיט חסד: מען האָט בלויז אַ פּאָר באַראַבעוועט אָבער ניט גענומען דאָס נפש, ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלאַך... מ'הרג'עט קינדער אין וויגן, אַלטע לייט וואָס קענען זיך ניט רירן אין די בעטן, מ'שענדעט און מ'מאַטערט גוט אויס ביז מען שיינקט דעם טויט. און וואו צו אַנטלויפן איז אַצינד אויך ניטאָ ווי אַמאָל, וואו זיך באַהאַלטן איז ניט פאַראַן. אַמאָל האָבן זיך גע־פונען גוטע גוים וואָס האָבן אויסבאַהאַלטן אידן; אַצינד איז אַ איד ערגער און ביליגער פון אַ הונט; הינט אויף דער גאַס וועט קיינער ניט טשעפּען, און אידן, וואו נאָר מ'געפינט אידן, הרג'עט מען...

און צווישן האָט אַ שוואַכע שטימע פון אַן אַלטער פרוי גע־געבן צו וויסן, אַז די טהיי איז פאַרטיק.

דער אַלטער איד האָט אונז באַדינט און אויף אונזער פאַר־לאַנג אונז דערלאַנגט די פּאָר קיכעלאַך וואָס האָבן די גאַנצע צייט מיט אַזאַ ביטערן רחמנות אַרויסגעקוקט פון דער גלאָז און האָבן אונז אַלעמען געמאַכט אַזוי פיל דיינקען. מיר האָבן יעדער ביי זיך באַשלאָסן די קיכעלאַך ניט צו באַרירן.

ווען מיר האָבן אָפּגעטרונקען די טיי און באַצאָלט, פרעגט אונז דער אַלטעטשקער:

— פאַר וואָס האָט איר זיך געהייסן דערלאַנגען די קיכעלאַך און זיי ניט געגעסן?

— מיר באַצאָלן אייך פאַר די קיכעלעך אויך, זיידעניו! — האָב איך זיך אָבגערופן.

— פאַר וואָס־זשע האָט איר זיי ניט געגעסן מיט דער טיי?

— מיר ווילן זיי מיט זיך מיטנעמען אַלס אנדיינק.

— האָט איר ניט קיין בעסערן אנדיינק געפונען?

— פאַר וואָס עסן אידן מצות אום פסח, ווייסט איר? — האָט זיך איינער אַנגערופן און פאַרטגעזעצט: — און די קיכעלאַך וועלן זיין אַ זכר לדורות, דאָס אַז אַלטע, קראַנקע, צובראָכענע אי־דישע פרוי האָט זיי געקנאָטן מיט ציטערנדע הענט און פאַרטיק געמאַכט מיט שרעק און האַרץ־קלעמעניש; און דער איד וואָס האָט זיי ביי דער פּאָליצע פאַרקויפט האָט זיך צען מאָל אין טאָג מוסר נפש געווען...

פון אַלעמענס אויגן האָבן זיך געגאָסן הייסע טרערן...

פון קאַניעוו זיינען מיר אַוועק קיין סטעפּענצע. די באַנדעס, זיך דערוויסנדיק אַז דער אָטריאַד קומט אָן, האָבן זיך פאַרקירע־וועט און ניט אריין אין שטאָט. זיי האָבן זיך באַנוגענט מיט צוויי אידן וואָס זיי האָבן געטראָפן אויפ׳ן וועג און זיי ערמאָרדעט.

פלוצים הערן מיר די באַנדעס קאָנצענטרירן זיך אין שאַנדרע, טשערניכאָוו, לויפן מיר אַהין, געפינען מיר ווידער קיינעם ניט, זיי טרעטן אָפּ פריער און לאָזן זיך ניט פאַנגען. דאָס האָט פיל אָפּגע־שוואַכט אונזער ענערגיע און צושרויפט אונזערע נערוון. אָדער מיר קומען אָן פאַר אַ פּאָגראָם אָדער נאָך אַ פּאָגראָם. קיינמאָל בשעת אַ פּאָגראָם, מיר זאָלן זיך קענען אָפּרעכענען מיט די רוצחים.

ח

די ערלים וועלן נאָך דערהערן...

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער הילצערנער בריק אין זשידאָווסקע גרעבליע, וועלכע איז געווען געבויט אויף אַ שטייענ־דיק גרין וואַסער, האָט אַ רייטער פון אַוואַנגאַרד מיר אויפמערק־זאַם געמאַכט, אַז אַ צוויי־הונדערט שפּאַן קעגנאיבער איז פון אַ נידריקער הייזקע ארויסגעלאָפן אַן אַלטע איינגעהויקערטע פרוי אין אַ לאַנג קלייד און איז ווי אַ דערשראָקענע פאַרפאַלגטע מויז אריין אין אַ צווייטע קליינע הייזקע מיט פאַרמאַכטע לאָדנס.

די זאַך איז אונז פאַרגעקומען פאַרדעכטיג. בין איך אראָפּ פון מיין פערד, וועלכן איך האָב איבערגעגעבן אַ צווייטן, און האָב זיך אַוועקגעלאָזט צום הייזל, וואוהין די אַלטע איז אריין. איך וויל אויפמאַכן די טיר, איז זי פאַרריגלט; איך קלאַפּ אַן עט־לאַכע מאָל — קיינער ענטפערט ניט. גיי איך צו צו די לאָדנס און קלאַפּ שוין העפטיקער, אָבער אין קול ואין עונה. זאָל איך האָבן געמאַכט אַ טעות? טראַכט איך זיך. אָבער דאָ פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, און איך בויג זיך צו צום לאָדן און רוף אוים: „אידן עפנט, איך בין אַ איד!"

דאָס האָט געווירקט. דער ריגל פון טיר האָט באַלד אַ סקריפּע געטאָן און די אַלטע פרוי האָט זיך באַוויזן אין דער האַלב־געעפנ־טער טיר.

דערזעענדיק אַ סאָלדאַט מיט אַ שווערד ביי דער זייט און אַ קאַראַבינקע איבער'ן אַקסל און אַ רעוואָלווער אין האַנט, האָט זי זיך דערשראָקן און איז געבליבן שטיין ווי אַ פאַרשטיינערטע. איך האָב אָבער באַלד אויסגערופן:

— איך האָב אייך דערזען פון ווייטנס, האָב איך באַלד פאַר־שטאַנען אַז דאָ וואוינען אידן, בין איך צוגעקומען.

— און איך האָב ווידער געמיינט אַז דאָס זיינען די „גרינע" (זעליאַנאָווצעס) געקומען, האָבן מיר זיך פאַרשלאָסן. קומט אריין! וואָס שטייט איר אין דרויסן?

ווען איך בין אריין אין שטוב, האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ שרעקלאַך בילד: אַ דורכגעשאָסענער צובראָכענער שפּיגל, צוריפּטע ווענט, דער סופיט דורכגעלעכערט פון שפּיזן, אַ צוהאַקטער טיש מיט צוקאַליעטשעטע שטולן, אַ צובראָכן בעט מיט צוריסענע בעט־צייג, אין מיטן שטוב אַ קופּע פון כל המינים שברי כלים און אין אַ ווינקל זיצט אויף דער ערד אַן אַלטער איד אין אַ צופליקטער קאַפּאָטע און באָרוועס, מיט פאַרשוואָלענע אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך געקאַטשעט גרויסע טרערן אויף די איינגעפאַלענע בלוט־לאָזע באַקן.

— זעט וואָס זיי האָבן פון אונז געמאַכט! — האָט דער אַל־טער זיך געקלאָגט, אויפהויבנדיק זיין קאָפּ צו מיר.

מער איז ניט נויטיק געווען צו זאָגן. דער אנבליק פון שטוב, די הילפלאָזע פאַרלוירנקייט פון דער אַלטעטשקער אין טראַנטעס און די טרערן פון דעם באָרוויסן אַלטן בכבוד׳יגן אידן האָבן באַלד דורכגעדרונגען מיין סאָלדאַטסקן שינעל, און אין אַ מינוט ארום בין איך שוין געשטאַנען מיט׳ן פּנים צו דער וואַנט און האָב גע־כליפּעט אויפ׳ן קול.

— וויין ניט, מיין קינד, די ערלים וועלן נאָך דערהערן... צו וואָס זאָלן זיי זיך קילן אין אונזערע טרערן? — האָב איך פּלוצים דערהערט דעם אַלטנס ווייכע בעטנדע שטים.

דעם אַלטנס ווערטער האָבן נאַטירלאַך געהאַט די ענטגעגענ־געזעצטע ווירקונג און מיין שלוכצען איז געוואָרן העפטיקער און קאַנוואולסיווער.

פּלוצלינג האָב איך דערפילט אַ האַנט וואָס האָט זיך ארויפ־געלייגט אויף מיין פּלייצע, אַ ווייכע צאַרטע האַנט ווי די האַנט פון אַ מוטער, וועלכע האָט אין דער אייגענער צייט געגלעט און גע־טרייסט, ביז דער קוואַל פון מיינע טרערן האָבן זיך אויסגעשעפּט און איך האָב זיך באַרוהיקט.

איך בין געוואָר געוואָרן די איינצעלהייטן פון שרעקלאַכן פּאָגראָם, וועלכע דער אַלטער האָט מיר איצט איבערגעגעבן אין אַ רוהיקן טאָן.

אַכט אידן זיינען אין דעם קליינעם אָרט ערמאָרדעט געוואָרן; ביי אַן אלמנה מיט פיר קינדערלאַך, וועמענס מאַן איז געפאַלן אין דער מלחמה, האָט מען איר איינציקן שפּייזער, די קו, געקוילעט, און די פרוי איז פאַר צער געשטאָרבן; ביי דעם אַלטן מאַן האָט מען אַליץ צוראבירט, און דערצו האָט מען אים נאָך מערדערלאַך

מיט אן אייזן איבער'ן קאָפּ געשלאָגן. דערביי האָט ער אראָפּגע־נומען זיין היטל און האָט מיר געוויזן די שרעקלאַכע וואונדן, וועל־כע די מיט פאַרגליווערטע בלוט צוזאַמענגעפּלאָנטערטע האָר האָבן קוים געקאָנט פאַרבאָרגן.

— אָבער פאַרוואָס? פאַרוואָס האָבן זיי מיך אזוי צו'הרג'עט? אזוי פיל יאָרן מיט זיי צוזאַמענגעלעבט, וואָס האָב איך זיי געטאָן?

— האָט דער אַלטער פּלוצלונג אונטערבראָכן זיין רוהיקע ערציי־לונג און האָט זיך ווידער צעוויינט. איצט בין איך געווען דער שטאַרקער, און האָב געטרייסט און באַרוהיגט דעם אַלטן אזוי ווייט ווי איך האָב געקענט.

איך האָב זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט און בין צוריק אוועק צו מיין אָטריאַד. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ גאַנץ לאַנגן וועג, וועל־כער איז ניט געווען גאַנץ זיכער. אָבער מיך האָט קיין זאַך ניט אינטערעסירט. שטונדנווייז בין איך שטום אויף מיין פערד גע־ריטן און אין מיינע אויערן האָבן אונאויפהערלאַך געקלונגען די ווערטער פון אַלטן:

— וויין ניט, מיין קינד, די ערלים וועלן נאָך דערהערן!...

אַ קאָמעדיע...

נאָך אַ לאַנגן שווערן מאַרש זיינען מיר נאָכמיטאָג אָנגעקומען אין דאָרף לאַקאַ, קיעווער גובערניע.

מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און באַלד האָבן זיך די סאָלדאַטן צולאָזן, ווי אימער, איבער'ן דאָרף צו זוכן עפּעס עסן.

ווי באַשיידן איינער זאָל ניט זיין, איז שווער לאַנג אויסצו־קומען מיט'ן שטיקל דאַרן ברויט פול מיט זאַמד, וואָס מ'פּלעגט באַקומען לויט דעם רעגלאַמענט, און באַזונדערס ווען מ'איז מאַט און אויסגעהונגערט גלוסט זיך עפּעס בעסערס; אַביסל מילך, אַ פּאָר אייער, אַ שיסעלע זויער־מילך, ווער ס'האָט דאָס געקענט באַ־קומען איז געווען גליקלאַך, און האָט גערן געצאָלט וויפיל מען האָט פאַרלאַנגט. די אָרימע סאָלדאַטן האָבן איינפאַך געבעטלט און די פּויערים האָבן געגעבן אַמאָל אויס רחמנות און אַמאָל פּשוט אויס מורא.

אויך מיר האָט מיין מאָגן דערמאָנט, אַז עס איז שוין צייט צו געבן אים עפּעס בעסערס, ווי דאָס סאָלדאַטסקע ברויט, און איך

האב מיך אוועקגעלאזט מיט די אנדערע איבער'ן גרויסן דארף צו זוכן „גליק".

אין איינער פון די הייזלאך איז די טיר געווען האלב אפן און ניט קלערנדיק קיין סך נעם איך און שפאציר אריין.

דאס וואוינצימער איז געווען גרויס און זויבער און נישט־קשה'דיג מעבלירט. קענטיק אז דארט וואוינט א פארמעגלאכער פויער. אבער אין שטוב איז שטיל, קיין נפש צו זען. ניט מער ווי א פאר גרויסע פליגן זשומען און שלאגן זיך אין די קליינע פענסטערלאך.

איך רוף: „כאזיאאין!" (בעל הבית) איינמאל, צוויי מאל און דריי מאל, אבער קיינער רופט זיך ניט אפ.

גיי איך ארויס פון שטוב און גיי אריין אין דעם גרויסן גארטן, וואס ציט זיך הינטערן הויז, און רוף ווידער: כאזיאאין, כאזיאאין! און ווידער קיין ענטפער.

פארשטיי איך שוין, אז דא באהאלט מען זיך פאר אונז און לאז זיך טיפער אין גארטן.

גייענדיק אניפ'ן וויכן גראז שטויסט זיך מיין פוס אן אין א פעקל. איך הויב אויף — א טלית־זאק מיט טלית און תפילין און א קרבן מנחה סדור.

ווערט מיר די זאך שוין קשה. ווי קומט דאס אין א פויערשן גארטן? ניט אנדערש, דא איז פארגעקומען א פארברעכן... דאס בלוט הויבט אין מיר אן צו קאכן און איך שריי שוין אין ווילדן כעס: העי כאזיאאין, פאדי סיודא! א ניעט, טעביא אוביו (העי, בעל הבית, קום אהער, אז ניט, וועל איך הרג'ענען).

מיט אמאל באמערק איך ווי די קוסטעס הויבן זיך אן צו רירן. עס באווייזט זיך א צושויבערטער פויערשער קאפ און א ציטער־דיקע שטימע רופט זיך אן: יא, פאן!

— ביזטו דאס דער בעל הבית? — פרעג איך אים, ווען ער שטייט שוין פאר מיר מיט'ן היטל אין האנט און ציטערט מיט זיין שווערן קערפער.

— יא, פריץ!

— פאר וואס האסטו זיך באהאלטן?

— איך? איך האב זיך גארנישט באהאלטן. — שטאמעלט דער פויער מיט אימער וואקסנדער מורא.

— דו זאגסט ליגן! — שריי איך מיט כעס און גיב א טופע

מיט'ן פוס, — דו האָסט געראַבעוועט און געמאָרדעט און האָסט זיך באַהאַלטן, כדי מען זאָל דיך ניט געפינען.

— ניין, פריץ, איך בין אַן אָרנטלאכער מענטש און האָב קיי־נעם ניט....

— און וואָס איז דאָס? — אונטערברעכט איך אים, אָנווייזנ־דיק אויפ'ן טלית־זאַק, — זאָג דעם אמת, אַ ניט דערשיס איך דיך דאָ ווי אַ הונט.

— האָב רחמנות, פריץ'ל! — בעט זיך דער פויער, דער־זעענדיק אַז איך כאַפּ זיך צום רעוואָלווער. — איך בין אַ טאַטע פון קליינע קינדער און האָב קיינמאָל קיינעם קיין רעה ניט געטאָן, אָבער דאָ זיינען געווען אידן...

— האָסטו זיי באַראַבעוועט און ערמאָרדעט!

— חלילה, פריץ'ל, איך האָב זיי באַהאַלטן, אָבער איך האָב ניט געוואוסט, אַז מען טאָר קיין אידן ניט באַהאַלטן.

— וואו זיינען זיי?

— גאָט איז מיט דיר, פריץ'ל! — פאַלט מיר דער פויער צו די פיס און בעט תחנונים, — טו זיי קיין שלעכטס ניט. דאָס זיינען אָרימע שטילע מענטשן וועלכע האָרעוועז שווער און האָבן קיינעם אויף אַ האָר ניט אָנגערירט. אומגליקלאכע מענטשן.

איך בין געבליבן שטיין האַלב צומישט, ניט באַגרייפנדיק ריכטיג די לאַגע.

— איך וועל זיי גאָרניט טאָן, — האָב איך געענטפערט אומ־באַוואוסט.

— אויב דו וועסט זיי קיין שלעכטס ניט טאָן, וועל איך זיי רופן, — האָט זיך דער פויער אָנגערופן, קוקנדיק מיר אין די אויגן, ווי ער וואָלט וועלן אונטערזוכן, צי איך מיין דאָס באמת צי ניין.

— חאַצקעל, לייבע, קומט ארויס! דער פריץ וועט אייך גאָרניט טאָן, — האָט ער גערופן, זיך ווענדנדיק צו די קוסטעס.

אַ פּאָר מינוטן זיינען פאַראיבער און קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די אידן מוזן ניט זיין גאַנץ זיכער און איך רוף זיך אָן:

— האָט קיין מורא ניט, אידן, איך בין אויך אַ איד!

דאָס האָט געווירקט ווי מאַגיק און פּלוצלינג זיינען פון די קוסטן ארויסגעקומען צוויי עלטערע אידן מיט בלאַסע פנים'ער, אָנגעטאָן אין טראַנטעס און מיט באָרוויסע פיס.

— „געלויבט איז השם יתברך !" — האָט זיך דער עלטערער אָנגערופן, דערזעענדיק מיך, — „מיר האָבן געהערט אַז ס'קומען אַן סאָלדאַטן, האָבן מיר זיך באַהאַלטן. מיר זיינען די איינציקע וואָס זיינען דאָ לעבן געבליבן נאָך דעם שרעקלאַכן פּאָגראָם וואָס די זעליאַנאָוועצעס האָבן דאָ מיט אַ צוויי וואָכן צוריק געמאַכט. געבליבן הויל און נאַקעט, אָבער אַ דאַנק פריער דעם וואָס מיר זיינען ניט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען, און דערנאָך דעם ערל וואָס איז איינער פון די חסידי אומות העולם, איז מען כאָטש לעבן געבליבן".

— טפו זאָל דאָס ווערן ! אַלזאָ, דו ביזט אויך אַ איד ? — האָט זיך דער פויער אָנגערופן און האָט זיך שטאַרק צולאַכט.

מיר זיינען אריין אין שטוב. דער פויער האָט אַוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש אַ ברויט און אַ שיסל פרישע זויער־מילך. איך האָב ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און זיך גענומען צום עסן, וואָס האָט געהאַט כל הטעמים. די אידן זיינען געזעסן און האָבן מיר איבערגעגעבן די איינצעלהייטן פון פּאָגראָם וואָס איז געווען אין דאָרף, און דער פויער האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן, אונטערברעכנדיק פון צייט צו צייט זיין לאַך־אָנפאַל מיט אַ :

„ביי גאָט, נו, אַ קאָמעדיע !"

אַ איד אַ נפתר

ווען מיר זיינען אריין אין פּיאַדאַווקאַ, איז אונז ממש ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

ענדלאַך אַמאָל אַ דאָרף וואָס טראָגט ניט אויף זיך דעם נידערגעשלאָגענעם און נידערשלאָגענדן איינדרוק פון אַ גרויען ענדלאָז מאָנאָטאָנעם לעבן אין דחקות און גייסטיקער און קערפּערלאַכער פאַרשקלאַפונג, ווי עס האָבן געטראָגן אויף זיך די הונדערטער דערפער, דורך וועלכע מיר האָבן מאַרשירט און וועלכע האָבן זיך אונז שוין אַזוי צוגעגעסן. ווי אַ מדבר מיראַזש האָט פאַר אונזערע אויגן פּלוצלינג אויפגעטויכט דער גרויסער שיינער דאָרף וואָס האָט זיך אויסגעצויגן אויף ביידע זייטן שאָסיי הינטער צוויי געדיכטע רייען פון הויכע טאָפּאָליעס מיט זיינע געשמאַקפול באַקוועמע געבויטע ווייסע הייזער — ווילאַס איינגעזוימט ווי דיאַמאַנטן אין גרויסע גוט־געפלעגטע פרוכט־ און בלומען־גאָרטנס מיט אַ הערלאַכער פאַרבנפּרעכטיקער נאַטור פּאַנאָראַמאַ פון באַרג און

טאָל און טייך רינגס אַרום. אַ דאָרף וואָס האָט מער דערמאָנט אין די גאָרטן־שטעט פון מערב אייראָפּאַ, ווי אין אַ רוסישן דאָרף.

עס איז שוין געווען פאַרנאַכט און אַ ים פון ליכט האָט זיך צוגאָסן פון שפּיץ קלויסטער איבער די ווייסע הייזער, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי ווייסע פלעקן אויף דעם באַצויבערנדן דופּטיקן טעפּיך, וואָס די נאַטור האָט ווי בכיון אויסגעשפּרייט פאַר אונזערע מידע גלידער און האָט באַרייכערט די פאַרבן פּראַכט און די איידיליע פון׳ם אָרט. די גאַס איז געווען באַלעבט פון גוט געקליידעטע קינדער און מיידלאַך וואָס די נייגעריקייט האָט געטריבן צו באַטראַכטן די נייע אורחים, און אויף די גאַניקעס זיינען געזעסן די בעלי בתים און געזופּט טיי מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיגקייט און רו.

אונזער אַטריאַד האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז אַן אָרט וואו מ׳וועט זיך קענען גוט אויסרוהען אַ נאַכט און אַגב אויך גוט אָפּעסן, און האָט זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט פון די פערד, וועלכע מ׳האָט באַזאָרגט מיט היי און וואַסער, זיי צוגעבונדן צו די גראַטעס פון קלויסטער און אליין זיך צושפּרייט איבער׳ן דאָרף צו זוכן „גליק״, ווי דער שטייגער איז. די סאָלדאַטן האָבן זיך געמאַכט „פּאַניע־בראַט״ מיט די מיידלאַך און יונגע ווייבלאַך, און איבער׳ן גאַס האָט זיך באַלד צוגאָסן אַ שטראָם פון יונגע, האַרציק געזונטע געלעכטערס.

איך און מיין פריינט טעפּער (אַ אַנגעזעהענער פּועלי ציון) זיינען געווען צופיל איבעראַרשט און באַצויבערט פון דאָרף און זיין נאַטור פּראַכט און האָבן זיך געלאָזט איבער׳ן דאָרף מער באַוואונדערנדיק די „גן עדן סצענע״ ווי דיינקענדיק וועגן „גליק״.

אָפּשטעלנדיק זיך פאַר אַ גאָרטן, וועמענס ניט געפלעגטע בוימער האָבן זיך געבויגן אונטער אַן אונגעוויינלאַך שווערע לאַסט פון פּרוכט, האָב איך פון דערווייטנס באַמערקט אַ פיגור אין אָרעמע צוריסענע קליידער פון אַ פויער, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם ניט זיכער באַוועגט אויפ׳ן שאָסיי אין דער ריכטונג צו אונז צו.

די איינגעבויגענקייט פון דער פיגור און אירע שלייכענדע, ווי ניט זיכערע טריט האָבן געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט, און איך רוף מיך פּלוצלינג אָן צו מיין פריינט:

— וואָס ווײַסטו, טעפּער, אַז דאָרט גייט אַ איד?

טעפּער האָט אַן אויגנבליק באַטראַכט די פיגור און האָט זיך צולאַכט.

די פיגור איז נעענטער צו אונז צוגעקומען און מיין השערה איז ביי מיר אלץ געוואָרן זיכערער.

ווען די פיגור איז פאַר אונז פאַרבייגעגאַנגען, רוף איך זיך אָן אויף אַ קול:

„אַ גוטער אָוונט אייך, פעטער! איר זענט אַ היגער?

די פיגור איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן, ווי איבערראַשט און צומישט, און האָט נאָכדעם אָנגעהויבן צו שפּרייזן האַסטיקער.

— שרעקט זיך ניט: מיר זײַנען אויך אידן! האָב איך אים נאָכגעשריען.

די פיגור האָט זיך אָפּגעשטעלט און צוגייענדיק נאָכדעם צו מיר, האָט זי אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין מויל, און דער־שראָקן געזאָגט:

— שאַ! שרייט ניט אזוי! איך וויל ניט אַז זיי זאָלן וויסן...

טעפּער און איך זײַנען געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט און האָבן קיין אויג ניט אראָפּגענומען פון דעם אידישן מוזשיק אין זיין אָרעמער קליידונג, וועלכע, צוזאַמען מיט'ן טיפן טרויער וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין אויסגעמוטשעט פּנים, איז גע־ווען אַ שאַרפער קאָנטראַסט צו דער רייכער גליקזעליגקייט פון אַרום...

— איר קוקט מיך אָן, — האָט די פיגור אָנגעפאַנגען, — פאַרשטייענדיק דעם שטום־פרעגנדן שטוינען פון אונזערע פּנימ'־ער: די מעשה איז אַ קורצע און אַ טרויעריקע, איך אַליין שטאַם פון דער אידישער קאָלאָניע נ... אַ וויאָרסט צען פון דאַנעט. גע־ווען אַ קאָלאָניסט פון דור דורות און זיך געלעבט בשלום. נו, זײַנען געקומען די „גליקלאַכע נייע צייטן”. האָבן זיי צוערשט ביי אונז דאָס ביסל אָרעמקייט אַוועקגענומען און דערנאָך האָט מען אונז אויסגע'שחט'ען. די ביסל וואָס זײַנען געבליבן זײַנען זיך צולאָפן. און די אַרומיקע פּויערים האָבן זיך צוטיילט מיט אונ־זער ערד. אַ גוטער אַרבעטער בין איך, נו, האָב איך זיך פאַר־שטעלט פאַר אַ כלאָפּ און איצט אַרבעט איך דאָ. מילא, אַבי ס'איז דאָ וואָס צו עסן און מ'איז זיכער מיט'ן לעבן... אָבער שאַ! זיי טאָרן דאָס ניט וויסן...

— זענט איר דאָ אַליין? האָב איך געפרעגט.

— יאָ, גאַנץ אַליין. מער ווי זיך אַליין האָב איך איצט ניט און עס טויג ניט אַז דאָ זאָלן זיין נאָך אידן. איר פאַרשטייט?...

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיט'ן אידן און האָבן זיך שטום

צוריקגעקערט צום קלויסטער, וואו אונזערע פערד האָבן רוהיק געקייט זייער היי. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן אונזערע אויגן געשטאָכן ווי מיט מעסערס און דער הילכיקער געלעכטער פון די מיידלאַך און ווייבלאַך האָבן אין אונזערע אויערן געקלונגען ווי אַ טייפעלשע איראָניע אויף גאָט און די „שיינע" וועלט זיינע.

אין הימל האָבן זיך אָנגעצונדן שטערנדלאַך, וועלכע האָבן שעלמיש־לוסטיק צו אונז געוואונקען. אויסציענדיק זיך אויפ'ן גראָז אויף אונזערע פּלאַטשטשעס, זיינען מיר געלעגן און לאַנג גע־טראַכט, ענדלאָז, ציעללאָז געטראַכט. אין מיינע אויערן האָבן כסדר געקלונגען די שטילע אומעטיקע טענער פון דער תוכחה...

„שמשון'ס" טויט...

אין טריפּאָליע האָט איינער פון אונזערע אַטריאַדן געליטן אַ מפּלה און איבערגעלאָזט אין די הענט פונ'ם שונא 18 מאַן.

ווען מיין אַטריאַד איז צוריקגעקומען אין דעם שטעטל, האָט מען אונז דערציילט:

„אַכטצן זיינען זיי געוועזן. אַכטצן אויסגעשטעלט אין אַ לאַנ־גער שערענגע און וואַרטנדיק ביז זייער „אַטשערעד" (רייהע) וועט קומען און דער באַפעל וועט געגעבן ווערן זיי צו דערשיסן...

זיי האָבן געוואוסט, אַז זייער לעצטע שטונדע האָט געשלאָגן, און, שטייענדיק אין פאַרשיידענע פּאָזעס, לויט דעם איינדרוק וואָס דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין האָט אויף יעדן איינעם פון זיי גע־מאַכט, — איז יעדער געוועזן פאַרנומען מיט זיך: דער האָט גע־ציטערט פאַר דעם קומענדיקן מאָמענט און זיך געטרייסלט אין גאַנצן קערפּער ווי אין אַ העפטיקן פיבער, יענעם האָט די מורא אזוי באַטויבט, אַז ער איז גייסטיק שוין געווען טויט און האָט שטומפּזיניק און אינטערעסלאָז, ווי ניט אים מיינט מען, אונאונ־טערבראָכן פיקסירט זיין בליק אויפ'ן „וועגטל", אַ דריטער האָט זיך געוואָרפן און געשאָטן מיט טויטע קללות, אַ פערטער האָט זיך מן הסתם דערמאָנט אין דער היים, טאַטע־מאַמע, נייב און קינ־דערלאַך, און האָט געגאָסן מיט טרערן אָדער געבליפּעט, אַ פינפ־טער איז געשטאַנען רוהיק און געלאַסן און זיך געמאַכט אַ חשבון הנפש...

פּלוצלונג איז ארויסגעטראָטן פון דער שערענגע אַ מיטל־הויכער אָבער ברייטער און פעסטער בחור — אין אַטריאַד האָט

מען אים גערופן שמשון הגבור — און פארקאטשענדיק די אַרבל, האָט ער זיך אָנגערופן צו די אַנדערע:

— חברים! שטאַרבן מוזן מיר סיי ווי סיי; אונזער גורל איז שוין גע׳חתמ׳עט; אָבער פאַרוואָס זאָל זיי דאָס אָנקומען אזוי לייכט? זאָלן די הינט טייער באַצאָלן פאַר אונזערע לעבנס!

ער האָט ניט געוואַרט אויף קיין ענטפער און מיט אַ פלינקן שפרונג איז ער שוין געווען אין דעם רעדל היידאמאַקעס, וועלכע האָבן זיך מכין געווען צום שטיקל „אַרבעט” און זיינען דערווייל געזעסן און געמיטלאַך געדרויכערט און געטרונקען.

צוויי פון זיי האָט ער מיט די הענט דערשטיקט, אַ דריטן — די לונגען אָפּגעשלאָגן, אַ פערטן — די אויגן אַרויסגעריסן, אַ פינפטן — אַן אויער אָפּגעביסן און אזוי ווייטער, ביז ער איז געפאַלן צוהאַקט אויף שטיקלאַך פון די היידאמאַצקי שאַשקעס.

די זיבעצען זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערטע ריכטנדיק זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם מענטשן־קנויל, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויקלען און קייקלען.

ווען די „סוואָלקע” האָט זיך געענדיקט, איז דער יונגער אָפּיצערל פון די היידאמאַקעס געשטאַנען און געדרייט זיינע שוואַרצע לאַנגע וואָנצעס און קוקנדיק אויף דעם צוהאַקטן „שמשון הגבור”, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אָט מאָלאָדיעץ, הגם אַ אידישע מאָרדע!

„אסתר המלכה”

עס איז פרייטיק נאָכמיטאָג. אונזער אָטריאַד איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין מאָנאַסטרישצע, וואו מיר האָבן געזאָלט פאַרבלייבן אַ פּאָר טעג, ביז די איבעריקע באַטאַליאָנען וועלן זיך קאָנצענטרירן אויף געוויסע פּונקטן, אזוי אַז מיר זאָלן קענען מאַכן אַן אָפענסיווע אויף אונזערע געגנער — די באַנדעס.

מיר זיצן אַרום אַ פירעקיגן טיש אין אַ אידיש באַלעבאַטישע שטוב, וואו ס׳האָט זיך נאָך געמערקט שפּורן פון אַ רייכער אידישער ווירטשאַפט...

פון דעם לאַנגן אַרומוואַנדערן, וואו געטאָגט — ניט גענעכטיקט, פאַרוואַקסענע, מיט שטויב אָנגעפּרעסענע, פיזיש צובראָכן, מאָראַליש געפּלעט, פאַרביטערטע, זיצן מיר אַרום דעם גרויסן טיש

נאַכלעסיג און וואַרטן אויף אַ סאַמאָוואַר טיי וואָס דער בעל הבית פון הויז האָט אונז באַדאַרפט צושטעלן.

ס'עפנט זיך אַ זייטיקע טיר און אַ פריילאַכער ניגון פון אַ קאָכענדן סאַמאָוואַר צולאָזט זיך איבער דעם גאַנצן צימער. מיר ערוואַכן איינער נאָך דעם אַנדערן פון אונזערע פינסטערע געדאַנקען...

די פרייד, וואָס אָט וועלן מיר זוכה זיין צו טרינקען אַ וואַרעמע גלאָז טהיי, פון דעם שמייכלענדיקן סאַמאָוואַר, האָט אונז אַזוי פאַרכאַפּט, אַז מיר האָבן גאָרניט באַמערקט, אַז די טרעגעריין פון דעם „גליק" אונזערן וואָס האָט באַלעבאַטעוועט אַרום אונז איז מער ווערט אויפמערקזאַמקייט ווי אַלעם... ווען די יונגע שיינע פרוי האָט אַנידערגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר אויף דעם גרויסן טיש און געוואָרפן אַ בליק אַרום זיך, האָבן מיר דערפילט אַן אויסערגעוויינלאַכע אינערלאַכע פרייד וואָס גייט דורך ווי אַ עלעקטרישער שטראָם: אַן איידל ליב געזיכט, פון וואַנעט ס'האָבן אַרויסגעשטראַלט צוויי שוואַרצע סמאַראַגדן — גלאַנצענדיקע אויגן וואָס האָבן אין זיך באַהאַלטן אַ טיפן סוד ווי דער גרונד פון ים. — אויב די אידישע קעניגין וואָס איז געקומען זיך מעלדן נאָך דריי טעג פאַסטן, וועלכע דער קעניג האָט אַזוי פריינטלאַך אויפגענומען, האָט אויסגעזען ווי די דאָזיקע אידישע צניעות'דיקע טאָכטער, — איז שוין ניט קיין חידוש... מיר, פאַרמאַטערטע, האָבן זעלטן ווען גאָר געזען פרויען אין אונזערע וואַנדערונגען, און אַז יאָ — זיינען דאָס געווען פויערטעס, אָבער ניט קיין אידישע טעכטער. אין יענער צייט פלעגן אידן איבערהויפּט אויסבאַהאַלטן זייערע טעכטער און זיי ניט ווייזן פאַר דער ליכטיקער שיין; און דאָ פלוצלינג אַזאַ ערשיינונג... אויב די ליכטיקע שטוב מיט די שטולן האָבן אויסגעגלייכט אונזערע צובראָכענע ביינער און דער סאַמאָוואַר טהיי האָט דערוואַרעמט אונזערע פאַרהאַרטעוועטע קערפּערס, האָט די עכט שיינע אידישע טאָכטער באַלויכטן און דערפרישט אונזערע פאַרוואָגעלטע נשמות...

דער בעל הבית אליין איז געווען אַ שיינער בכבוד'ער איד מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד, ערטערווייז גרוי, מיט אַ פעסקע אויפ'ן קאָפּ, פון וואַנעט ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער קלוגער שטערן און צוויי אומרוהיקע שוואַרצע אויגן.

זיין געשיכטע האָט ער אונז דערציילט אין קורצן: דער צוקער זאַוואָד וואָס איז געווען אַ אידישער אין מאָנאַסטערישטשע און

וואו ער איז געווען דירעקטאָר, איז אַצינד אין פּוילישע הענט און אַלע אידן זיינען פון דאָרטן ארויסגעוואָרפן, (מערסטענטייל אידי־שע ארבעטער פון דער שטאָט גופא). פון דעם פּאָגראָם וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון די פּעטליוראָוועצעס אין מאָנאַט יוני פון דעם זעלבן יאָר, האָבן ביים אָנקומען פון די באַנדעס די אידן געליטן בלויז מיט'ן פּאַרמעגן, און ביים אוועקגיין זיינען געווען 8 אידישע הרוגים, צווישן וועלכע זיין איידעם, וועלכער האָט ניט לאַנג גע־ענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, דריי טעג נאָך דער חתונה, מען האָט אים פאַר זיין טיר דערשאָסן. (ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך געוויזן די יונגע פרוי מיט א קרעדענץ צובייסן צו דער טהיי).

— און דאָס איז מיין איינציקע טאָכטער, וואָס איז געבליבן די אַלמנה נאָך אים.

א צניעות'דיקע רויטקייט האָט באַדעקט איר שיין געזיכט און צוויי גרויסע טרערן, ווי די פּערל, האָבן זיך געוויזן אין אירע אויגן...

* * *

אָנהויב אויגוסט איז אָנגעקומען דער מאָמענט ווען מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די זעליאָנאָוועצעס און סאָקאָלאָוועצעס ביים סטאָוויסטשער באַרג.

אונז האָט זיך געדוכט, אַז ס'וועט זיין ניט קיין שווער שטיקל ארבעט, נאָר מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט און שלעכט אָפּגעשניטן.

מיר האָבן זיך געלאָזט מיט א גאַלאָפּ צום באַרג. אויפ'ן וועג האָבן אונזער פּאָסטן געפאַנגען צוויי אָנגע'שיכור'טע זעליאָנאָוו־צעס און פון זיי זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע באַנדע איז טויט שיכור פון די אָרגיעס און פּאָגראָמען, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און זיינען בכלל ניט גרייט אויפצונעמען די שלאַכט. דאָס האָט נאָך צוגעגעבן מער מוט אונזער עולם.

צופוסנס פון באַרג האָבן מיר אפילו באַמערקט שרענגעס מענטשן וואָס איילן זיך אוועקצולויפן. מיר לויפן נאָך און שיסן.

און פּלוצלונג האָבן ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן גאַנצע גרופּן גוט־באַוואָפּענטע באַנדיטן און אויף אונז אָנגעהויבן שיסן מיט פייער. זיי האָבן פּשוט אונז איבערגעקליגערט און צוגעגרייט א קונציקע נעץ. מיר האָבן אין א קורצער צייט פאַרלוירן א פופ־ציק מאַן און דריי אָפיציערן און מיר זיינען אָפּגעטראָטן.

מיר האָבן זיך אויך דערוואוסט, אַז ענלאַכע נידערלאַגעס האָבן

געליטן א רייע אנדערע זעלבסטשוץ אָטריאַדן און גרופּעס אין קיע־
ווער גובערניע. פון די ידיעות וואָס זיינען געקומען פון קיעוו איז
געווען קלאָר, אז דער שונא ארבעט לויט א באשטימטן סטראַטעג־
גישן פּלאַן, אז אלע באַנדעס אָפּערירן לויט באַפעלן פון איין צענ־
טער.

מיר האָבן קאָנצענטרירט אונזערע כחות ביי כרעסטינאָווקע,
וואו מיר האָבן געהאָפט צו שטערן די פּעטליורישע פּאָלקן זיך צו
באהעפטן מיט די באנדעס. אָבער מיר האָבן ווידער געליטן א
נידערלאגע.

און אזוי זיינען מיר פון רודפים געוואָרן נרדפים און זיך
אָנגעהויבן צוריקצוציען אין דער ריכטונג צו קיעוו.

פון דער צווייטער זייט האָבן אויך געליטן א נידערלאגע די
אָטריאַדן וואָס האָבן געקעמפט געגן דעניקין'ען, וועלכער האָט זיך
גערוקט פון פּאָלטאַווע אויף קיעוו.

די אידישע באפעלקערונג האָט פּאַרלאָזן אירע שטעט און שטעט־
לאך און געלאָפן אין א מורא'דיקער פּאַניק.

מיט א צובראָכן הארץ און געפאַלן געמיט בין איך דעם 30טן
אויגוסט געקומען קיין קיעוו.

אין קיעוו האָב איך מיך אָנגעזען מיט א שיין ביסל צרות.
פון אלע ארומיקע פּאָגראָמירטע שטעטלאך זיינען זיך די אידן
אהער צונויפגעלאָפן. דער שאָטן פון דעניקין און פּעטליורא האָט
זיך געשפּרייט איבעראל און געוואָרפן א מורא'דיקע שרעק. איך
האָב מיך געריסן אוועק פון דאָרטן, כדי צו געפינען ערגעץ אן אָנ־
האַלטס־פּונקט...

ט

קיעוו — 1919

קיעוו, דעם 30טן אויגוסט, 1919.

שבת, 8 אזייגער פרי.

אויף דעם גרויסן פראכט־באנהויף, זיינען די לעצטע עשאלא־נען מיט דעם רויטן מיליטער שוין אפגעפארן. די פארשיידענע באן־רעלסן, וואס זיינען שטענדיק פארנומען מיט אן א צאל פראכט־וואגאנען און לאקאמאטיוון און אויך מיליטער עשאלאנען זיינען איצט ריין, אפגעקערט. אויף דעם גרויסן פלאץ, וואו עס האבן ערשט ניט לאנג געריישט און געטומלט מאסן סאלדאטן, זעט אויס ווי נאך א מארק; פוסט און שטיל ווי אויף א בית־עולם.

אויף די הויפט־גאסן און אויף'ן קרעשטשאטיק לויפן אום אויטאמאבילן, ווי טייוואלים. אויף די מערסטע אויטאמאבילן זיצן מאטראסן, באוואפנט פון קאפ ביז די פיס און זיינען שטארק צעטראגן . . . אין דער לופטן פילט זיך ווי פאר א שטורעם. אויף די געזיכטער פון די דורכגייער קען מען לייענען פארשיידענעס: טייל דריקן אויס שרעק צוזאמען מיט נייגעריקייט; אנדערע דריקן אויס באהאלטענע פרייד אויף כלומרשט אנגעצויגענע געזיכטער; ביי דעם גרעסטן טייל זיינען די אויגן ברייט געעפנט און ווארפן זיך אויף אלע זייטן אין שרעק; און א סך זיינען דא, וואס זעען אויס זייער פארצווייפלט.

אויף די מויערן זיינען אויסגעקלעפט גרויסע, שרייענדע, רויטע פלאקאטן, ארום וועלכע עס שטייען רעדלאך און לעזן מיט געשפאנטקייט:

„היינט איינס אזייגער נאכמיטאג קומט פאר אין אלעקסאנ־דער־זאל א גרויסער מיטינג וואו עס וועלן רעדן ראקאווסקי, לאציס, פעטערס און אנדערע".

מען דארף זיי גיין הערן.

דריי אזייגער.

אויף דעם מיטינג האט דער ערשטער גערעדט ראקאווסקי. ער

האלט אַ פּייערדיקע רעדע. ער זאָגט נביאות, אַז דעניקין וועט כאַפּן אַ מפּלה ביי קיעוו; לאַצים פּאַדערט אויף אַלעמען צו פאַר־טיידיקן דאָס רויטע קיעוו; פּעטערס סטראַשעט די קאָנטר־רעוואָ־לוציאָנערן מיט׳ן רויטן טעראָר און ווייזט אָן אַלסביישפּיל אויף פּעטראָגראַד. דער פאַרזאַמעלטער עולם ווערט שטאַרק באַגייס־טערט.

ארויסגייענדיק פון זאַל וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס פוסט־קייט אויף די גאַסן. פון צייט צו צייט שלעפּן זיך קליינע גרופּעס סאָלדאַטן, צעבראָכענע, מוטלאָזע, בלאָנזשענדיקע ווי פאַרלוירענע שאָף. די אָפיציעלע אַנשטאַלטן זיינען פוסט און פאַרלאָזן; פאַר־שיידענע פּאַפּירן און דאָקומענטן וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע. די טירן זיינען אויפגעפּראַלט און מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן אין די אַלע גרויסע זאַלן.

דער בונדישער קלוב אויף קרעשטשאַטיק איז ליידיק; דער פּועלי־ציוניסטישער פאַרבאַנד איז פאַרשלאָסן; די אַנאַרכיסטישע פעדעראַציע פון האָטעל מאַרסעל האָט זיך עוואַקואירט. וואוהין צו גיין איז נישטאָ. וואו זיך צו באַהאַלטן — אויך נישט. מען זעט שוין נית קיין באַקאַנטע אין די גאַסן. אַלץ איז ווי אויף אַמאָל אויסגעשטאָרבן...

זעקס אזייגער.

דאָס דונערן פון האַרמאַטן, וואָס איז די לעצטע טעג געווען אַביסל שוואַכער, הערט זיך ווידער אָפּטער און וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. אויפ׳ן קרעשטשאַטיק זעט מען זעלטן דורכשאַרן זיך עפּעס אַ שאָטן.

אכט אזייגער.

דאָס קנאַלן פון די קאַנאָנען איז געוואָרן נאָך שטאַרקער און אָפטער. איינציקע סנאַריאַדן האָבן שוין אויפגעריסן אין שטאָט. שראַפּנעלן רייסן זיך אין דער לופטן און מאַכן ציטערן די פענס־טער; עס פּאַלן שויבן און אין דער טויטער שטילקייט גיבן זיי ארויס מורא׳דיקע קלאַנגען. דער הימל איז פאַרוואָלקנט, פינס־טער, בייז און פאַרביסן. עס הערט זיך שוין דאָס קנאַלן פון פּו־לעמיאָטן און די זאַלפּן פון ביקסן...

אויף דער גרויס־וואַסילקאָווער גאַס קומען שוין פּאָר קאַמפּן. די „רויטע" טרעטן אָפּ. עס הערשט אַ גרויסע פּאַניק צווישן די סאָלדאַטן... אַלע שרייען אַז מען האָט זיי פאַרראַטן... עס איז

אַן אומאָרדנונג; איינער לויפט פאַר דעם אַנדערן. די אַרטילע־ריסטן שפּאַנען אויס אין מיטן די גאַסן די פערד, לאָזן אַלץ איבער און רייטן אַוועק. די אינפאַנטעריסטן, זעענדיק עס, וואַרפן פון זיך אַראָפּ די באַלאָדענע טאָרבעס, די שינעלן און דאָס געווער, צע־לויפן זיך אין די הייזער און באַהאַלטן זיך דאָרט... אַ סך פון די פאַרצווייפעלטע וואַרפן פון זיך אַראָפּ זאַגאַר די וועסטלאַך, רייסן אַראָפּ די סאָוועטישע צייכנס פון די היטלען... אַ סך פאַלן אויף די גאַסן פון מידקייט, אַזוי ווי די טויטע: זאָל זיין, וואָס זאָל זיין!

צען אַזייגער.

די נאַכט איז צוגעפאַלן מיט אַמאָל, די שיסעריי הערט ניט אויף, נאָר ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער. איצט שוין פון ביקסן און פּולעמיאָטן. עס הערן זיך פאַרצווייפעלטע, ווילדע געשרייען, גסיסה־קרעכצן פון פאַרוואונדעטע, שרעקלאַכע, משונה'־דיקע קולות אין דער פינסטערער נאַכט...

1 אַזייגער ביינאַכט.

איך גיי איצט מקבר זיין מיין בעסטן, געטרייסטן פריינט, דער איינציקער, וואָס האָט זיך נישט פאַרלאָרן אין דער לעצטער שרעק־לאַכער מינוט, ביי דעם צוזאַמענשטויס אין סטאָווישטש, ווען מיין לינקע האַנט האָט מיך פאַרראַטן, מיין קראַפט איז פאַרשוואונדן, מיינע חברים האָבן מיר פאַרלאָזט... ווען ניט מיין געטרייער פריינט דער „פאַראַבעליום", וואָלט איך שוין געווען צווישן מיינע פופציק געפאַלענע חברים... איצט גראָב איך אַ קבר פאַר מיין רעטער... שמיר אים אויס מיט בוימל און לייג אים אַריין אין דער דייטשער סטעער קאָבאַרע, וואָס איך האָב באַקומען אַ מתנה פון דעם קאָמענדאַנט פון דער צוועלפטער אַרמיי...

טייערער פריינט מיינער, דו ביסט געווען מיין שטאָלץ צווישן די אייגענע, מיין פאַנצער און שילד, וואָס האָט מיך באַשיצט פון פיינטלאַכע הענט. איך גיב אים מיט צוויי סאַרזשירן און צוואַנ־ציק קוילן. אָ, ווי שווער מיר איז זיך צו שיידן מיט אים.

זונטאָג, אויגוסט 31.

זעקס אין דער פרי.

די גרויס־וואָסילקאָווער גאָס, דער קרעשטשאַטיק זיינען אויס־געפּלאַסטערט מיט מענטשלאַכע און פערדישע קערפּערס... צע־בראָכן געווער וואַלגערט זיך אויף די טראָטואַרן און אין מיטן די

גאסן. אויפ'ן טראטואר קעגן דעם ראט־הויז שווימען מענטשלאכע געהירן אין א קאליוזשע פריש בלוט. די רויטע פאן אויף דער שטאט־דומע ווערט אראפגעריסן. דער מאנומענט, וואס די באלשעוויקעס האבן אויפגעשטעלט אויף דעם ראטהויז־פלאץ, וואס סימבאליזירט די אייניקייט און מאכט פון דעם ארבעטער־קלאס, איז צעהאקט. אלע אנדערע מאנומענטן, וואס זיינען געשטאנען אין פארשיידענע גאסן פון מארקס, ענגעלס, לאסאל, לענין, טראצקי, ליבקנעכט, ראזא לוקסעמבורג, אוריצקי, וואלאדארסקי, און אנדערע, זיינען צעבראכן. ארום זיי איז פארזאמעלט א ווילדע, טריאומפירנדיקע מאסע. ארום דער טריאומף־ארקע, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן צום ערשטן מאי, שטייט א ווילדע מאסע און רייסט שטיקער און ביי יעדן פאל פון א ברעט הערן זיך ווילדע קולות, משונה'דיקע געשרייען און א טייפעלשער געלעכטער...

ניין אזייגער.

אויף דער גרוים־וואסילקאווער גאס קעגן דעם ניקאלאיעווער פלאץ שטייען א סך מענטשן ארום א געלינטשטן יונגענמאן. ער ליגט אויסגעצויגן אויף דער ערד און איבער אים איינגעבויגן קניט אן עלטערע פרוי, רייסט זיך די האר פון קאפ און שרייט מיט ביטערע קולות: מיין זון, מיין איינציקער זון, וואס האט איר געהאט צו מיין איינציקן זון; פארוואס האט מען אים דער'הרג'עט, פארוואס?!

די שטייענדע ארום מאכן חוזק פון דער אלטער, פארצווייפלטער פרוי און איר יאמערן לאכן זיי אויס. איינער פון דער מאסע ווענדעט זיך צו איר:

— איר האט געוואלט זיין קאמיסארן? איר ווילט קאמוניזם? נאט אייך! ווייסט, וואס איז קאמוניזם! ביז אהער איז געווען אייער רעגירונג, א אידישער צאר... זיבן מאנאטן האבן מיר זיך נישט געטארט ווייזן אין גאס. איצט ווייסט איר, פארפלוכטע זשידעס! איצט וועלן מיר זיך מיט אייך אפרעכענען!

די פארצווייפעלטע פרוי ליגט שוין שטיל אויף דעם טויטן קערפער פון איר זון...

אביסל ווייטער אויף דער זעלבער גאס, נעבן דעם ניט געענדיקטן קלויסטער שטייט א קרענצל מענטשן, וואס האבן דער'הרג'עט א אידישן סטודענט, וועלכער איז נאר וואס ארויס פון זיין וואוינונג. עטלאכע גאסן־אינגלאך האבן אנגעוויזן, אז ער איז

א קאָמוניסט. זיין ברודער, אויך א סטודענט, ארויסלויפנדיק בעטן פאַר זיין ברודער, ווערט אויך געלינטשט; א שוועסטערל וואָס לויפט ארויס אויף די געשרייען פון אירע ברידער, ווערט אויף א ברוטאַלן אויפן געטויט... די מאָרדן ווערן אויסגעפירט אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון ווילדע אויסרופן: „אַלע דאַרף מען זיי אויסראָטן! זיי זיינען אַלע קאָמוניסטן!"

צען אַזייגער.

דער ערשטער אוואַנגאַרד פון פּעטליוראַס גאַליציאַנער קאַוואַ־לעריע ווייזט זיך אויפ'ן קרעשטשאַטיק. זיי ווערן אויפגענומען מיט דונערענדע הוראַ־געשרייען. פון די פענסטער און באַלקאָנען ווערן זיי באַגריסט מיט ווייסינקע טיכלאַך...

א פרוי ווענדעט זיך צום אָפיצער, וואָס פאָרט אין דער שפּיץ פון אָטריאַד אין א עסטרייכישער יוניפאָרם מיט א ווייסער באַנד ארום היטל: „איז דער פאַן א פּאָליאַק?" — דער אָפיצער ווערט אָנגעצונדן פאַר כעס און שפּרינגט מיט דעם פערד ארויף אויפ'ן טראָטואַר און דערלאַנגט דער פרוי מיט'ן קנוט, זאָגנדיק דערביי: „איר פאַרשאַלטענע פּאָליאַקן און אידן! איר מאַכט אָן אין אונ־זער אוקראַינע די גרעסטע צרות, מיר וועלן אייך ווייזן, פּאָליאַקן!"

די פרוי פאַרשווינדט אין דער מאַסע און דערוויל ענדיקט זיך עס דערמיט.

צוועלף אַזייגער.

אויפ'ן ראַט־הויז ווערט ארויפגעצויגן אַן אוקראַינישע פאָן: געל־גרין.

אויף פּעטשערסק קומען פאַר פּאָגראָמען אויף אידן. פערציק אידישע סטודענטן פון דער שטאָט־אָכראַנע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פון דער שטאָט־דומע, ווערן אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין שטאַב פון די גאַליציאַנער, וואו זיי ווערן אַלע, אויסער איינעם, דערשאָסן. דעם איינעם איז געלונגען צו אַנטלויפן און איבער־געגעבן וועגן דעם אין דער דומע.

אין שטאָט ווערט כסדר אַלץ אומרוהיקער. קיין איין איד זעט מען ניט אין די גאַסן... אויף די מויערן ווערן אויפגעקלעפּט ווייסע אַפישן, וואָס דערציילן שווידערלאַכקייטן פון דער „טשרעז־וויטשאַיקע". עס שטייען רעדלאַך ארום און איינער לעזט אויפ'ן קול פאָלגענדעס:

„קיעווער בירגער! קיעווער איינוואוינער! גייט זען דעם

שרעקלאכן גיהנום פון דער באלשעוויסטישער טיראניע! גייט אויף סאדאווע גאס נומער 50.

„דארטן שטייען פעסער מיט איינגעמארנירטע פליש פון מענטשן, פעסער מיט מענטשלאך בלוט און טויזנטער טויטע וואל־גערן זיך אין די קעלערס! גייט, קיעווער בירגער, דערקענט אייערע אייגענע, דערקענט אייערע פארוואנדטע און באקאנטע! גייט זעט וואס די באלשעוויסטישע וואקכאנאליע האט געטאן מיט אייערע בעסטע פארשטייער, מיט אייערע עלטערן און ברידער".

די רעדלאך ווערן שטארק אויפגערעגט נאך איידער זיי האבן „געזען" אויף סאדאווע נומער 50... זייער כעס שטילן זיי דער־וויל אויף אידן און קאמוניסטן.

צוויי אזייגער נ. מ.

עטלאכע דעניקינס אפיצערן האבן זיך באוויזן אויפ'ן קרע־שטשאטיק. זיי ווערן אויפגענומען מיט הילכיקע הורא־געשרייען. מען באשיט זיי מיט בלומען. שיינע אויסגעפוצטע דאמען קושן זיך מיט זיי אין מיטן גאס...

אין ראט־הויז קומט איצט פאר א זיצונג פון פעטלוראס און דעניקינס אפיצערן. א סך מענטשן שטייען ארום ראט־הויז שטארק צעטראגן און אויפגערעגט. עס קורסירט א קלאנג, אז פעטלורא קומט ביינאכט קיין קיעוו.

פיר אזייגער.

א מאניפעסטאציע פון מאנארכיסטן מיט דער דריי־פארביקער פאן. זיי גייען אין דער ריכטונג פון ראט־הויז. עס הערן זיך אויס־רופן: „זאל לעבן אן איינציגע נישט צעטיילטע רוסלאנד! זאל לעבן דעניקין! זאל לעבן קאלטשאק! זאל לעבן די ווייסע אר־מיי!" נעבן ראטהויז ווערט די מאניפעסטאציע פארגרעסערט. די אנגעשטרייענגקייט שטייגט פון מינוט צו מינוט. די אויסרופן הערן זיך אפטער. זיי ווערן איבערגעשריען פון: „זאל לעבן פעטליורא! זאל לעבן אוקראינע!" די ערשטע בלייבן ניט שולדיק און שרייען: „אומצעטיילבארע רוסלאנד!"

די לופט ווערט געשטיקטער... די אויפרעגונג פון דער מאסע שטייגט אליץ העכער... מען וויל אויפהייגגען די רוסישע פאן אויפ'ן ראטהויז. די אוקראינער לאזן ניט. עס קומען פאר ריי־סערייען. די אוקראינער שרייען, אז זיי זיינען די ערשטע אריין אין שטאט. די אנדערע ווילן א גאנץ רוסלאנד. מען רייסט מיט

גוואַלד אַראָפּ די אוקראַינער פּאַן... עס קומען פּאָר געשלעגן. די מאַסע ווערט ווילד. וואַרפט זיך אויף דעם ברייטן צוגאַנג צום ראַט־הויז. די געשלעגן ווערן פאַרביסענער. דאָס מיליטער פאַר־נעמט פּאָזיציעס, מ'שיסט פון די פענסטער. דער המון צעלויפט זיך. עס פאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן...

ניין אַזייגער.

די פּעטליוריסטישע אָפּטיילונגען האָבן אָפּגעטראָטן פון קרעשטשאַ־טיק אין די פּעטשערסקע לאַווּרעס פון וואַנען זיי באַשיסן מיט האַרמאַטן דעם ראַט־הויז און דעם קרעשטשאַטיק. עטלאַכע סנאַ־ריאַדן האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן אין ראַט־הויז. דער גרויסער זאַל ברענט. אַ סך סנאַריאַדן טרעפן אין פּריוואַטע הייזער.

די שיסעריי הערט ניט אויף אַ גאַנצע נאַכט. די שטאָט ציט־טערט... נאָך יעדן פאַל פון אַ סנאַריאַד הערט זיך אַ מורא'דיק קלאַפּעריי פון ארויסגעפאַלענע שויבן... אין די גאַסן איז טויט־שטיל. מען זעט ניט קיין לעבעדיק באַשעפעניש...

מיט די ציין...

ענדע סעפּטעמבער האָב איך פאַרלאָזט קיעוו אויף אַ דאַך פון אַן אָנגעטאַסעוועטן צוג וואָס איז געפאָרן קיין פּאָלטאַווע.

אַ שוידערלאַכן ספּעקטאַקל האָב איך געזען אויף דער סטאַנ־ציע ראָמאָדאַן.

אַ יונגער בחור איז געלעגן איינער אַליין, אַ געפאַנגענער און שווער פאַרוואונדעטער, אויף אַ פעלד הינטער'ן וואָקזאַל.

די אויגן זיינען ביי אים געווען מיט בלוט פאַרלאָפן; ביי די ווינקלען פון זיין מויל האָבן זיך געצויגן צוויי שנורן פון טונקל רויטע פאַרגליווערטע בלוט, און ער איז געלעגן איינזאַם און אַליין... אַליין מיט זיינע ברענענדע קערפּערלאַכע שמערצן, וועלכע פלעגן אים פון צייט צו צייט אויפדרייען ווי אַ וואָרם, און אַליין מיט זיינע מאָראַלישע יסורים, וועלכע ווער ווייסט צי זיי זיינען ניט גע־ווען נאָך פיל שאַרפער און ברענענדער, זיינע בלוטיקע מורא'דיקע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין דער אומענדלאַכקייט: אפשר, אפשר וועט פון דאָרטן קומען זיין רעטונג...

אַ קאָזאַק איז פאַרבייגעגאַנגען, קנאַלנדיק מיט זיין נאַגאַיקע.

— שטיי אויף, זשיד! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צום

פארוואונדעטן געפאנגענעם און אים מכבד געווען מיט א העפטיקן שמיץ פון זיין נאגאיקע.

דער פארוואונדעטער האט זיך אויפגעכאפט ווי פון א טיפן שלאף און פרובירט זיך אויפהויבן; ער איז אבער גלייך צוריק־געפאלן ווי א שטיק בליי.

— שטיי אויף, זאג איך!" — האט דער קאזאק ווילד גע־שריען, באגלייטנדיק דאס מאל דעם באפעל מיט א העפטיקן זעץ אין פנים מיט'ן אפצאס פון זיינע גראבע אומגעלומפערטע שטיוול.

א שארפער שמערץ האט דורכגעצוקט דעם קראנקן שוין האלב אפגעשטארבענעם קערפער, וועלכער האט זיך קאנוואולסיוו צוזא־מענגעקארטשעט ווי א צוטראטענער ווארם. די בלוט האט ביי אים א זיך געטאן און די שנאה, די טיף איינגעווארצעלטע שנאה פון דורות און די שארף עמפפינדענדע פון איצט, האט געזוכט אן אויסגאנג. ער האט א שפיי געטאן, פול מיט גאל און פאראכטונג אויסרופנדיק, ווי ניט מיט זיין אייגן קול: „ניעגאדיאי!" (ני־דערטרעכטיגער) און צוזאמענעמענדיק זיינע לעצטע כחות, האט ער זיך שנעל א הויב געטאן, א כאפ געטאן דעם קאזאק'ס האנט און טיף איינגעגראבן אין איר זיינע שארפע ציינער...

ווען מ'האט דעם צושראקענעם קאזאק באפרייט פון זיינע שרעקלאכע ציין — אן ארבעט וועלכע איז ניט אנגעקומען לייכט — איז יענער שוין געווען טויט ווי א שטיין. ער האט מיט זיין גאל אויך זיין לעבן ארויסגעשפיגן. אויף זיין טויטן געלן פנים איז אבער געווען אויסגעגאסן א צופרידענער שמייכל: ער האט זיך נוקם געווען אן זיין פייניגער און איז אויף אייביק, אייביק באפרייט געווארן פון זיינע יסורים. ער האט געזיגט...

איינער אין פעלד, דער צווייטער אין וואלד, דער דריטער אויפ'ן וואסער...

ביז פאלטאווע, ד. ה. אין א משך פון 48 שטונדן שווערע רייזע האב איך קיין איינציקן אידן ניט באגעגענט, אויסער טויטע קערפער, אויף וועלכע די שכנים מיינע פון די פי־וואגאנען האבן מיט גלייכגילטיקייט אנגעוויזן: „זשידי אוביטי וואלאיוטסא (עס וואלגערן זיך דער'הרג'עטע אידן). דיזעלבע פויערים און פויערטעס וואס האבן איצט איבערגענומען די אידישע פראפעסיע פון שמוג־לען, האנדלען און וואנדלען, האבן געשאטן פעך און שוועבל אויף

די „זשידי אַבמאַנטשיקי" (אידן רמאים) וואָס וואַלגערן זיך אי־בער דער גאַנצער לייִנג פון די באַן דעלסן געשענדעט, באַרויבט און פון שרצים צופרעסן... בשעת איך האָב דערזען אויף דער סטאַנציע פּאָלטאַווואַ אַ פּאָר אידן זיך ארומדרייען, האָט מיך אַ קלאַפּ געטאָן אין הארצן; זיי האָבן גאָרניט מורא, אַז מען זאָל זיי דער'הרג'ענען! און ווייטער פאַרנדיק מיט דער ליניע — כאַר־קאָוו־ניקאָלאַיעוו — האָב איך אָלץ ניט געפונען קיין אידן אויף דער באַן.

אַלס פריוועליגערטער פראנצויזישער מיליטער־מאַן, האָב איך זיך געקענט פאַרגינען ארויסקוקן דורך דעם אויסגעשלאָגענעם פענסטערל און לאָזן מיין פאַנטאַזיע אין שנעלן גאַלאָפּ איבער די ברייטע ווייטע שטרעקן וואָס זיינען מיר פארביי, ווי אַ לאַנגער פאַר־געסענער חלום. — — — — —

אַ פּאָר סטאַנציעס נאָך קרעמענטשוג און דער צוג בלייבט שטיין פינף מינוטן... ס'ווערט אַ רעש און אַ יאָגעניש אויף דער סטאַנציע: דער לויפט נאָך וואַסער, דער — נאָך טהיי און אנדערע זוכן פלעצער אין דעם פול אָנגעפּאַקטן צוג וואָס קען קוים פאַר־טראָגן די משא. איך קוק ארוים פון מיין באַקוועמען פּלאַץ אויף דער פּלאַטפאָרמע און שטודיר די געזיכטער פון דער ווילדער מאַ־סע, וואָס מאַכט געפערלאַכע געוואַלדן און זיינען זיך מכבד איינער דעם צווייטן מיט קלעפּ אַלס לעצטן אַרגומענט. אין צווישן גיט מיר אַ שיין אין די אויגן אַ לאַנגע ווייסע באָרד ארום אַ לויטער שיין געזיכט באַזעצט מיט צוויי קלוגע, טיפע, ווייט זעענדיקע אויגן. די צוריסענע אָפּגעטראָגענע קליידער און דאָס שיינענדע געזיכט האָבן גאָרניט הארמאָנירט איינס מיט'ן צווייטן...

איך בין אַראָפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך גלייך געווענ־דעט צום אידן:

— ווי קומט איר אהער צווישן די גוים?

— מ'האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן פון דעם וואַגאָן, וואו איך בין געפאָרן ביז אהער — און ער האָט צוגעגעבן: — צוערשט האָבן זיי פון מיר חוזק געמאַכט, מיך גערופן „קאָמוניסט!" „קאָמי־סאַר!" און צולעצט האָבן זיי מיך ארויסגעוואָרפן.

די מויל־ווינקלען האָבן זיך דערביי אַביסל ביי אים פאַר־קנייטשט און סאַרקאַסטיש געטאָן אַ שמייכעלע:

— איך אַ קאָמוניסט? אַזאַ איך ווי איך אַ קאָמיסאַר?...

— און וואָס טראָגט איר, זיידע, אין אייער זעקל אונטער'ן אָרעם ? . . .

— וואָס טראָגט מיט זיך אַ איד ? אַ טלית און תפילין — דאָס איינציקע וואָס מ'קען פון אונז ניט אַוועקרויבן . . .

— וואָס דיינקט איר ווייטער צו טאָן ? . . .

אַ שווערער וואָלקן האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין גוט פּנים, און דער גרויסער שטערן האָט זיך ביי אים גערינצלט.

— מ'דאַרף אויסזוכן אַ שטיקל אָרט, דאָ קען איך ניט בלייבן אליין . . .

איך האָב געזען אַז אויב דער אַלטיטשקער איד וועט ניט קריגן קיין אָרט אין צוג, איז ער פאַרלוירן. איך בין צוגעגאַנגען צו דעם „פּאָדפּאָרוטשיק" וואָס איז געווען דער ממונה אויף אונ־זער וואַגאָן און אים האַלב אין פראַנצויזיש, האַלב אין רוסיש ערקלערט די לאַגע פון דעם אַלטן מאַן. יענער, געטראָפן ווייזט אויס פון מיין פראַנצויזיש און וועלנדיק זיך ווייזן אַלס דזשענ־טעלמען, האָט מיר געזאָגט : „פּאַזוואָלטע, איר ווייסט דאָך אַז אַלע אונזערע פּלעצער אין וואַגאָן זיינען פאַרנומען".

— אויף דער פּלאַטפאָרמע פון וואַגאָן בין איך אים אריין אין די רייד :

— פּאַזשאַלוסטאַ !

— נאַר, — האָט ער צוגעגעבן, — ער זאָל זיך ניט ווייזן אין וואַגאָן !

אין דעם מאָמענט האָט דער צוג אָנגעהויבן זיך צו רירן.

שטייענדיק אויף דער פּלאַטפאָרמע די גאַנצע צייט מיט דעם קלוגן אַלטיטשקן אידן, האָט ער מיר דערציילט :

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין געווען אונטער'ן שווערד פון אַ קאָזאַק און ודוי געזאָגט. זיי האָבן מיך אינגאַנצן באַרויבט און נאָך געוואָלט דאָס נפש צונעמען . . .

— און אייער פאַמיליע ?

— מיין פאַמיליע ? דריי זין — מיין גאַנצן פאַרמעגן : איין איינער אין פעלד, דער צווייטער אין וואַלד און דער דריטער אויפ'ן וואַסער.

זעענדיק מיין פאַרלעגנהייט אין ניט פאַרשטיין זיינע ווער־טער, האָט ער צוגעגעבן :

— דער מיטעלסטער, אַ סטודענט, און דאַרף ענדיקן אויף דאָקטאָר, איז אַצינד אין דעניקין'ס אַרמיי צוגענומען געוואָרן. דער

אינגסטער, אויך אַ סטודענט, איז אוועק מיט די באָלשעוויקעס און געפינט זיך אַצינד אין די פּאָלטאַווער פעלדער. דעם עלטערן זון מיינעם האָט מען אָפּגעראַבירט און איז געבליבן מיט אַ פּאַמיליע פון פיר קינדערלאַך, ווי אויפ'ן וואַסער...

ער איז שטיל געבליבן און זיך פאַרטראַכט. זיין געזיכט האָט אויסגעזען פאַרוואָלקנט און זיין שיינע ברייטע באָרד האָט זיך געשפּילט מיט'ן ווינט וואָס דער לויפנדער צוג האָט געמאַכט.

אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען קיין ניקאָלאַיעוו.

* * *

אַ טאָג פאַר ערב יום כפּור האָב איך מיט דעם קרעמענטשוגער אידן, זיך געגרייט צו פאַרלאָזן דעם ניקאָלאַיעווער ברעג מיט דער שיף סאָפּיע, קיין אָדעס. מיר זיינען געזעסן אין אַן אכסניא ביים טיש און נעבן אונז אַ פּאָר עלטערע פּאָגראָם-פּליכטלינגע, פאַרזאָרגטע אידן. פּלוצלינג עפנט זיך די טיר, און אַ בלאַסער יונגערמאַן איז אריינגעפאַלן אין שטוב. און נאָך איידער מען האָט צייט געהאַט זיך ארומצוקוקן און אים באַטראַכטן, האָט ער זיך גענומען קלאָגן און וויינען...

— אידן! איך בין געקומען צו אייך מיט אַ דין תורה. דער בעל הבית פון דער אכסניא האָט מיך באַרויבט, ער האָט מיך גענ־קוילעט און ניט דערקוילעט! דער נדן און דאָס ביסל האָרעוואַניע וואָס איך האָב פאַרמאָגט האָט ער ביי מיר צוגענומען און מיך געלאָזן אַזוי ווי איר זעט: הויל און בלויז, און קוקט אַן דעם אידן: ער פאַרגלאָצט מיט די אויגן, וואָלט מען מיינען אַז ער איז אַ צדיק. אידען! אַזוי ווי עס איז ערב יום כפּור, רוף איך אים צו אַ דין תורה פאַר אייך, און זאָל ער זאָגן: וואָס דיינקט ער צו טאָן מיט מיר.

דער בעל הבית איז געשטאַנען און געשמייכלט אין זיין באָרד. פון די איבריקע צימערן זיינען אָנגעקומען מענטשן, אייגענע און פרעמדע — און די גאַנצע עס-שטוב איז געוואָרן פול מיט געשרייען און זידלערייען... אַ פּאָר עלטערע אידן האָבן גענומען איינשטילן די שטרייטענדע צדדים און געזוכט צו מאַכן אַ פּשרה. דער בעל הבית האָט זיך געקווייקלט, געדרייט ווי אַ שלאַנג אַהין און אַהער און דאָך געמוזט איינגיין אויף אַ דין תורה פון מענטשן. מען האָט אויסגעקליבן דריי בוררים און די פאַראינטערעסירטע

האָבן גענומען פאַרליינען זייערע טענות פאַר די בוררים, און מיר, די איבריקע פון דער שטוב, האָבן זיך צוגעהערט.

אויסהערנדיקביידע צדדים, האָבן אַלע, אויסער דעם בעל הבית און זיין הויז־געזינט, געגעבן רעכט דעם געקריוודעטן און באַרויבטן יונגנמאַן. דער בעל הבית אַליין האָט צוגעגעבן אַז ער איז אים שולדיק קאַרגע צוויי טויזנט רובל און ער וועט און דאַרף אים אָפּגעבן — נאָר ער האָט זיך באַלד באַרעכנט און צוגעגעבן, אַז איצט גיט קיינער ניט אָפּ קיין חובות, וואָס־זשע זאָל ער בעסער זיין פון אַנדערע וואָס זעצן אַן?...

איך האָב שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן און גענומען דאָס וואָרט...

— ווער בעט אייך זיך אריינצומישן?! שווייגט בעסער שטיל, איך וועל באַלד גיין אין דער „ראַזוועדקע" (געהיים פּאָליציי) און דערציילן, אַז איר זייט אַ קאָמוניסט, — און ער האָט זיך געכאַפּט שלאָגן און ארויסוואַרפן דעם יונגענמאַן. איך האָב אים געוואָלט פאַרשטעלן דעם וועג, איז ער ארויס און גענומען שרייען איבער דער גאַס: „איך וועל אייך ווייזן, קאָמוניסטן, וואָס איר זייט", און זיך געלאָזט לויפן מסר'ן...

די נאַכט בין איך שוין געשלאָפן ביים ברעג ים און צו־מאָרגנס בין איך צוזאַמען מיט'ן קרעמענטשוגער אידן אָבגעפאָרן קיין אָדעס.

אין אָדעס איז מיר, לײדער, אויך ניט געווען באַשערט לאַנג צו בלייבן רוהיק. מען האָט אין אַ קורצע צייט ארום געפונען ביי דעם סעקרעטאַר פון אָדעסער סאָוויעט, סאַשע פעלדמאַן, וועלכער איז דער'הרג'עט געוואָרן דורך מישקע יאַפּאַנטשיק'ס חברה, גנבים־באַנדיטן, אַ קליין צעטעלע מיט מיין אונטערשריפט. האָבן מיך די דעניקינצעס גענומען ארומזוכן מיט ליכט; און די פרוי פון דעם פאַרשפּאַרטן שפּאַנישן אַנאַרכיסט בעטאַ, וועלכע איך האָב געשטיצט מיט אַ פּאָר טויזנט רובל וואָס סאַשע פעלדמאַן האָט מיר געגעבן פאַר איר מיט די קינדער, האָט געהאָלפן די דעניקינ־צער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן מיך אויסגעפינען... און נאָר דורך אַ צופאַל איז מיר געלונגען אין דעצעמבער פון דעם זעלבן יאָר 1919, אלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער ארמיי, אָבצו־פאָרן מיט דער שיף „ניקאָלאַי דער ערשטער". אין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל גופא זיינען מיר געבליבן אַכט טעג, וואַרטנדיק אויף דער ווייטערדיקער פאַראָרדנונג פון דעם פראַנצויזישן קאָנסול. דער־

זוייל האָבן מיר שוין דאָרט באַגעגענט דאָס נייע יאָר 1920. פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין מערסינע, אַלעק־סאַנדרעט, קליין־אַזיען. אין ביירוט זיינען מיר געשטאַנען צוויי טעג און געהאַט די זכיה צו זיין ביים באַגעגענען דעם נייעם קע־ניג. נאָכדעם זיינען מיר געבליבן שטיין 24 שטונדן אין פּאָרט־סאַיד און פון דאָרטן נאָך 5 מעת לעת, זיך קאַטשענדיק אויפ'ן מיטלענדישן ים זיינען מיר אָנגעקומען קיין מאַרסעל.

דעם זעלבן פרי־יאָר פון 1920 האָב איך זיך באַזעצט צוריק אין פּאַריז, וועלכע איך האָב צוריק מיט דריי יאָר פאַרלאָזן מיט אַ גרינג־פרייליך האַרץ און געמיט און צוריקגעקומען מיט אַ צובראָכן האַרץ און שווערן געמיט... פאַרלוירן גלייכצייטיק דעם יוגנט־טרוים מיט דעם גלויבן אין דער צוקונפט...

טאָג בוך פון תפיסה

(דער נקמה אַקט)

צייכנונג פון חנוד הענד גליצנשטיין

א

מ׳וויל מיך לינטשן

דינסטיק, דעם 25טן מאי 1926, האלב נאך דריי נאכמיטאג:

דער אויטאמאביל אין וועלכן איך האב מיך מיט אמאל געפונען, פייפט, רייסט זיך מיט שוועריגקייטן דורך די שווארצע מענגע מענטשן, קולות ווילדע, הערן זיך פון ארום:

— הרג׳עט אים! הרג׳עט אים!

— מערדער!

— לאמיר אים לינטשן!

— לינטשן אים, לינטשן אים!

— ער איז ניט קיין פראנצויז!

—ער איז א פרעמדער! א פרעמדער!

— מען דארף אים צוריסן!

— גיט אים אהער!

צווישן דעם טומל הערט זיך די שוואכע שטימע פון מיין באגלייטער, דעם פאליסמאן, וואס שטריינגט אן אלע כחות ניט צוצולאזן דעם עולם.

— לאזט אפ, אויף דעם איז פאראן א יוסטיץ, לאזט אפ!

דער אויטאמאביל רירט זיך צו בישלאך. דער המון וויל אבער ניט אפטרעטן, דראהט פון אלע זייטן מיט שטעקנס און מיט פויסטן.

— שלעפט אים אראפ! — שרייט מען אן אויפהער.

— לאמיר אים לינטשן!

— הרג׳ענען!

— הרג׳ענען! הרג׳ענען!

ענדלאך האט זיך דער אויטאמאביל דורכגעריסן, ארויס ווי פון א פייער, געראטעוועט! קוים זיך באפרייט!

דער שאופער טרייבט די מאשין מיט דער פולער שנעלקייט, די ווילדע געשרייען ווערן אלץ שוואכער און שוואכער, ביז זיי הערן אינגאנצן אויף.

— צום טייוול, — רופט זיך אָן דער פּאַליסמאַן, ווי צו זיך ריידנדיק, — אַט דאָס איז אַ ווילדע באַנדע. זיי האָבן מיך אויך ניט געשאָנעוועט. ער נעמט זיך אָפּווישן דעם שווייס פון זיין געזיכט און שטערן, און מאַכט צורעכט זיין צוריסענעם יוניפאָרם.

— ענדלאַך ארויס פון געפאַר, — רעדט ער ווייטער ווי צו זיך. — איז דאָס אַ ווילדע באַנדע! ס'איז געווען אַ שטיקל אַר־בעט. נו, נו! — מיט אַמאָל ווענדעט ער זיך צו מיר. — נו, און דו. האָסט אריינגעכאַפּט קלעפּ, הא?

— נאַרישקייטן!

— גוטע נאַרישקייטן, — איראָניזירט ער, — דער ווילדער המון וואָלט דיך אויפ'ן אָרט צוריסן. ביזט פון דעסטוועגן נאָך גליקלאַך ארויס, נאָך גוט אָפּגעשניטן.

— כ'האָב שוין מיטגעמאַכט ערגערס.

—אָ! וואָלסטו נאָר געבליבן אין המון'ס הענט אַ פערטל שעה, וואָלט שוין מיט דיר אַלץ געווען געענדיקט, — שמייכלט דער פּאָליסמאַן גיפטיק.

— און דיין הוט? — פרעגט ער, — האָסט דאָך מסתמא געהאַט אַ הוט אויפ'ן קאָפּ.

— ניין, כ'בין געווען אָן אַ הוט.

— אזוי גאָר?

ביי די ווערטער האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט.

מיר האָבן זיך געפונען פאַר'ן קאָמיסאַריאַט פון'ם אָדעאָן־קוואַרטאַל. מיר זיינען אויסגעשטיגן און אריין אין קאָמיסאַריאַט. אינ'ם צימער וואו מיר זיינען אריין זיינען געזעסן צוויי שרייבאַר־לאַך, פאַרגראָבן די קעפּ זייערע אין ביכער. מיין באַגלייטער גריסט זיי און מעלדעט:

— אַ מאָרד!

קיינער ענטפערט ניט, טוען ניט קיין ריר מיט קיין אבר, די שרייבערלאַך טוען זיך ווייטער זייער ארבעט אומגעשטערט, ווי ס'וואָלט גאָר ניט געשען. זיי ווערן גאָרנישט איבערראַשט, ווייזט אויס, אַז ס'איז ביי זיי גאָר נישט קיין נייעס.

מיין באַגלייטער טראַכט אַ ווײַלע, און פירט מיך אריין אין אַ צווייטן צימער, וואו ביי אַ טישל זיצט עפּעס אַ שרייבער, מיט'ן רוקן צו אונז.

מן הסתם עפּעס אַ סעקרעטאַר, — טראַכט איך זיך.

דער פּאָליסמאַן גריסט אים, און מעלדעט:

— אַ מאָרד !

דער שרייבער קוקט זיך אַפילו ניט אום, דיזעלבע גלייכגילטיקייט וואָס אינ׳ם ערשטן צימער. ער זיצט אַלץ מיט׳ן רוקן צו אונז, און טוט זיך געלאַסן זיין אַרבעט, אַזוי ווי ער וואָלט איינער אַליין געווען אין צימער.

דער פּאָליסמאַן ווייסט ניט ווי אָנצוהויבן, דערנאָך, נאָך אַ קורצע ווײַלע, הייסט ער מיך זיך זעצן אין אַ זייט, און אַליין ווישט ער זיך דעם שווייס פון דעם שטערן, און רעדט ווי צו זיך אַליין :

— אָ, דאָס איז געווען אַ שטיקל אַרבעט... — און ווערט אַנטשוויגן.

אַ פּאָר מינוט דויערט די שטילקייט, פּלוצלינג גיט ער מיר אַ זאָג :

— לייג אַרויס אַלץ וואָס דו האָסט אין די קעשענעס. אַלץ, אַלץ, די הויזן־טרעגער, די שנירלאַך פון די שיך, די זאָקן־בענדלאַך, דעם פּאַסיק, אַלץ.

פון אַ זייט עפנט זיך אַ טיר, און ס׳קומט אַריין אַ מאַן אין די פערציקער יאָרן, פון מיטלען וואוקס, מיט אַ גרויסן גלאַנציקן שטערן און פּליכוואַטן קאָפּ, זיין געזיכט סימפּאַטיש, און צוויי שוואַרצע פאַרשנדיקע אויגן קוקן זיך אַרום איבער׳ן צימער.

מיין באַגלייטער שטעלט זיך אויף, ציט זיך אויס גלייך ווי אַ סטרונע, גריסט דעם אַריינגעקומענעם און מעלדעט :

— הערר קאָמיסאַר ! אַ מאָרד אויף עק פון די ראַסין און בולוואַר סאַן־מישעל !

דער קאָמיסאַר וויל ניט צוהערן און גייט אַרויס דורך אַ צווייטער טיר.

איינינע פּאָליסלייט קומען אַריין, זיך בייטנדיק פון דינסט. מיין שומר דערציילט זיי וואָס פאַר אַ שווער שטיקל אַרבעט ער האָט נאָר וואָס געהאַט.

— אַ ביטער פערטל שעה, ניט אמת ? — ווענדעט ער זיך צו מיר.

— דאָס פערטל שעה פון ראַבלע, — וויל איך אַרויסצייגן מיינע קענטניסן, נאָר קיינער לייגט ניט קיין אויפמערקזאַמקייט אויף מיינע רייד.

— פאַרוואָס ? — פרעגט איינער אַנווייזנדיק אויף מיר.

— אַ מאָרד ! — ענטפערט מיין באַגלייטער מיט אַ גלייכגילטיקע גרינגשעצונג.

— וועמען ?

— איך ווייס ניט, און האָב נישט געפרעגט. עפּעס אן אַלטן דראַנג. און ער דערציילט:

— דאָס איז נאָר וואָס געשען אין מיטן גאַס. שטעלט איך פּאַר, איך בין געשטאַנען אויף מיין פּאָסטן, הער איך פּלוצלינג שיסן, איינמאָל נאָך דעם אַנדערן. איך לויף צו צו דעם אָרט פון וואַנען איך הער די שיסעריי און זע שוין אַ פּאַרשוין ליגן אויס־געצויגן אויף דעם טראָטואַר, און אַט דער שטייט איבער אים מיט אַ רעוואָלווער. דער רעוואָלווער איז שוין געווען אינגאַנצן אויס־געליידיגט, נאָר די לעצטע קויל איז געבליבן אין רעוואָלווער פאַר־האַקט".

— פיין! — קוועלן די אַנדערע.

איינער ווענדט זיך צו מיר:

— איר וואָלט אים די לעצטע קויל אויך ניט געזשאַלעוועט ?

— מעגלאַך!

— נאָך גוט וואָס דער רעוואָלווער האָט זיך ניט פאַרהאַקט ביי דער ערשטער קויל, — רופט זיך אָן אַנדערער.

— אָ! — רופט זיך אָן מיין באַגלייטער, — ער וואָלט נאָך ערגער אָפּגעשניטן. דער דערשאָסענער האָט געהאַט מיט זיך אַ שטעקן. ער וואָלט אים זיכער ניט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ.

— בעסער אַזוי! — גיט זיך איינער פון זיי אַ רוף אָפּ.

— און ביים אַרעסטירן האָט ער עפּעס געצייגט ווידערשטאַנד?

— פרעגט איינער.

— ניין, ער איז גאַנץ רוהיג געבליבן שטיין און מיר דער־לאַנגט דעם רעוואָלווער.

— און דאָס פּובליקום איז אים באַפאַלן ?

— פרעגט שוין גאָר נישט, ווי נאָר זיי האָבן דערזען, אַז איך בין צוגעגאַנגען און צוגענומען דעם רעוואָלווער, זיינען זיי ווי די בינען אים באַפאַלן און וואָלטן אים צוריסן. איך האָב אויך גע־קראַגן, נאָר ער האָט דעם בעסטן חלק געקראַגן. אַ גליק וואָס אַ קאָלעגע איז צוגעקומען און געבראַכט אַן אויטאָמאָביל, איז אויך זיינען זיי ארויף מיט שטעקנס און געגומען שלאָגן.

— אַ, דאָס פּובליקום איז ווי ווילדע חיות, זיי ווייסן דען עפּעס, — באַמערקט איינער, — און אַז זיי זעען עפּעס אַ געפּאַר, צולויפן זיי זיך ווי די פליגן. מיר קענען דען נישט דעם המון ?

— אַט דאָס איז דאָך איצטער טאַקע געווען, — גיט צו מיין

באַגלייטער, — ווען זיי האָבן דערהערט שיסן זיינען זיי זיך צולאָפן אין אַלע זייטן, און שפּעטער איז געוואָלט לינטשן, איי דער המון, דער המון!

אַלע זיינען מיט אַמאָל שטיל געבליבן און אָנגעהויבן מיך באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס.

די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן צווישן זיך געפירט דעם גע־שפּרעך, בין איך געזעסן אין אַ זייט און אומבאַוואוסט מיך אָפּ־געריסן פון די קלעפּ מיט וועלכע דער המון האָט מיך מכבד געווען. דער קאָפּ האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן, און דאָס פּנים האָט גע־פלאַמט. איך האָב געפילט, אַז מיינע אויגן ברענען און זיינען אָנ־געשוואָלן, נאָר דאָס האַרץ האָט מיך ניט פאַרראַטן; ס'האָט גע־שלאָגן רוהיק און שטיל ווי געוויינלאַך, איך האָב מיך געפילט ווי איך וואָלט מיך באַפרייט פון אַ גרויסע און דריקענדע משא, אַזוי גוט און גרינג איז מיר מיט אַמאָל געוואָרן, כ'האָב נאָכגעפאָלגט זייער געשפּרעך אָן אַ וועלכן אינטערעס, גלייך ווי ניט וועגן מיר האָט זיך דאָ געהאַנדלט, און זיך ערשט געכאַפּט ווען זיי האָבן מיך אַלע אָנגעהויבן באַטראַכטן.

— און ווער איז דער וועמען איהר האָט דער'הרג'עט? — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די פּאָליסלייט.

— דאָס איז אַן אוקראַאינער גענעראַל, פּעטליורא הייסט ע־, — ענטפער איך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל?

— אַ גענעראַל, אַ פירער פון אַ באַרבאַרישער אַרמיי.

— אַזוי איז גוט, — רופט זיך אָפּ אַ פּאָליסמאַן.

— זיי מעגן אויך אַמאָל פילן דעם טעם פון טויט, — רופט זיך אָפּ אַ צווייטער, — און ניט נאָר שיקן אַנדערע צו ברעכן דעם קאָפּ. הייסט עס, אַז ס'איז אַ פּאָליטישער אַקט, איז נישט געפער־לאַך.

— ער איז מסתמא געווען אַ גוטע בעסטיע, — רופט זיך אָפּ אַן אַנדערער.

— נישט קיין ערגערער ווי די מערסטע פון זיין ראַנג, — פּרובירט טרעפן איינער...

איז דאָס געווען פּעטליורא?

— זייט איר כאָטש זיכער, אַז דאָס איז ער, דער ריכטיקער? האָט איר פּיליכט ניט דערשאָסן אַן אַנדערן אויף זיין פּלאַץ? — פרעגט נאָך איינער.

— דאכט זיך, אַז נישט.

די לעצטע פראַגע וואָס דער פּאָליסמאַן האָט מיר גאָר אומ־שולדיק געשטעלט האָט מיך צוטומעלט. איך האָב דערפילט אַ געוויסע אומרויקייט, און אפשר? ווער ווייסט? איז מיר אוי־געגנבליקלאָך דורכגעלאָפן דורכ׳ן קאָפּ. איך האָב געמוזט צוזאַ־מעננעמען אַלע מיינע כחות אום זיך צו פאסן. כ׳האָב מיך גע־פּרוווט דערמאָנען פאַרשיידענע איינצעלהייטן, נאָר ס׳איז געווען אונמעגלאָך. דער מוח האָט ניט געאַרבעט.

כ׳האָב אָבער דאָך ניט געקענט רוען...

איז אַלזאָ מיין גאַנצע מאַטערניש געווען אומזיסט? זאָל איך האָבן געמאַכט אַזאַ טעות? איז דען מעגלאָך, אַז איך זאָל די גאַנצע צייט האָבן אַ טעות געהאַט, און זאָל האָבן אַראָפּגעגאַנגען פון ריכטיקן וועג?

וואָס פאַר אַן אומגליק! וואָס פאַר אַ פאַרברעכן! זאָל איך האָבן אומגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטשן? איך האָב געפילט, אַז מיר ווערט קורץ דער אָטעם. דאָס האַרץ וואָס איז ביז מיט אַ פּאָר מינוט צוריק געווען אַזוי גרינג און גוט, האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. כ׳האָב דערפילט אַ שרעק און פאַרצווייפלונג... כ׳האָב אָבגעווישט דעם שוויים, און ווידער אַמאָל געפּרואווט זיך באַרואיקן און פאַרטרייבן די שרעקלאַכע געדאַנקען. וואָס מער איך וויל דאָס טאָן, אַלץ אונמעגלאַכער ווערט דאָס מיר. ווי אויף להכעיס וועבט זיך פאַר מיינע אויגן אַ פייערדיקער פראַגע־צייכן!

שרעקלאָך! איצטער וועל איך שטאַרבן ווי אַ ווילדער פאַר־ברעכער וואָס פאַרדינט ניט קיין ברעקל מיטלייד פון קיינעם!...

דער קאָמיסאַר איז אַריינגעקומען, מיך באַטראַכט אַ ווײַלע און מיר געהייסן נאָכפאָלגן אים אין זיין קאַבינעט. ער האָט זיך וועקגעזעצט ביי זיין אַרבעטס־טיש, און אָנווייזנדיק מיר אַ פּלאַץ אויף אַ שטול אַנטקעגן אים, האָט ער זיך אָנגערופן:

— איצטער האָבן מיר צייט צו ריידן.

— כ׳בין גרייט, — ענטפער איך.

איך האָב געפילט אַז איך פיבער, דער קאָפּ מיינער איז געווען

ווי פאַרשכור׳ט, אין די אויגן האָט געשווינדלט. איך האָב מיך אָבער ענדלאַך געפּאַסט, און צוטרעטנדיק צו ענטפערן דעם קאָמיסאַר, האָב איך דערפילט אַ געוויסע לייכטקייט אויפ׳ן האַרצן און איך האָב זיך גענומען גרייטן צו אַ נייער מאַטערניש און פּיין...

— נו, דערציילט, פאַרוואָס זייט איר באַגאַנגען דעם טאַט?

אַ ווײַלע האָב איך געשוויגן, איך האָב געפילט ווי אַלץ, אַלץ וואָס איך האָב צו זאָגן, ווערט פאַרוואַנדלט אין איין וואָרט, און איך האָב אונערוואַרטעט אויסגעשריען דאָס וואָרט.

— איך בין אַ איד! ! — כ׳האָב אָפּגעאָטעמט פון דער אויפרעגונג און אָנגעקוקט דעם קאָמיסאַר, האָפנדיק אַז ער האָט מיך פאַרשטאַנען.

— אַן איזראַעליט! — פאַרריכט דער קאָמיסאַר, — ווייטער?

לאַנגזאַם, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך אים אָנגעהויבן דערציילן אונזער אומגליק, דאָס אידישע אומגליק, די שרעקלאַכע טראַגעדיע וואָס האָט זיך מיט אונז אָפּגעשפּילט אין אוקראַינאַ, די אַלע שחיטות און פּאָגראָמען, אָנהויבנדיק פון די בלוטיקע כמעלניצקי־טעג ביז פּעטליוראַ׳ן.

דער קאָמיסאַר איז געזעסן דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און געשריבן: פּראָטאָקאָלירט:

— יאָ, — פרעגט ער, — אָבער ווער איז דער פּעטליוראַ, וויל איך וויסן. דאָס אַלעס פונ׳ם 17טן און 18טן יאָרהונדערט איז שוין אַלט, מיר לעבן שוין אָבער אין 20טן יאָרהונדערט. דערציילט וועגן דעם ערמאָרדעטן! זאָגט, ווער איז דאָס געווען?

— איך וועל זאָגן קורץ, — רוף איך מיך אָפּ, — ער איז געווען דער צווייטער המן! יענער האָט געוואָלט אומברענגען דאָס אידישע פאָלק, און דער האָט אומגעבראַכט, אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן, אַ גרויסן טייל.

דער קאָמיסאַר שמייכלט.

— יאָ, יאָ! איר מעגט דאָס פאַרצייכנען אין פּראָטאָקאָל, טוט דאָס אויף מיין פאַראַנג, — באַשטעטיק איך די אַרויסגעזאָגטע מיינונג, און אינערלאַך, אין מיר, וואַכט ווידער אויף די פּיינלאַכע פראַגע, צי איז ניט געשען קיין פאַטאַלער טעות. אָבער דאָ עפנט זיך די טיר און מיין ערשטער באַגלייטער קומט אַריין פאַרשוויצט און מעלדעט:

— הערר קאָמיסאַר! איך קום פון שפּיטאַל, דער פאַרוואונ־

דעטער איז געשטאָרבן. זיינע אידענטיטעט פּאַפּירן זיינען געפונען געוואָרן. ער הייסט סימאָן פּעטליורא.

ס'איז אַלזאָ ריכטיק! כ'האָב ניט געמאַכט קיין טעות! איך האָב נישט דערשאָסן קיין אַנדערן, קיין אומשולדיקן, נאָר דעם מערדער פּעטליורא!

אַן אויגנבליק בין איך געשטאַנען איבערראַשט. איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרגעסן, צוגעשפּרונגען צום פּאָליסמאַן, וואָס האָט געבראַכט די ידיעה, געכאַפּט זיין האַנט און מיינער און זי גענומען דריקן אוים דאַנקבאַרקייט פאַר דער בשורה. איצט איז שוין מער קיין צווייפל ניט געווען.

— אָ! דער מערדער! — האָב איך געשריגן אויסער זיך פאַר פרייד.

דער קאָמיסאַר מיט'ן פּאָליציייסקן זיינען געבליבן ווי פאַרשטיינערט. זיי האָבן ניט געקענט פאַרשטיין מיין פרייד. איינער האָט געקוקט אויף דעם אַנדערן, און ביידע צוזאַמען האָבן זיי מיך אָנגעקוקט. זיי האָבן ניט געקענט מיך באַגרייפן.

ענדלאַך האָט זיך דער קאָמיסאַר צו מיר אָנגערופן:

— אַזוי, איהר זייט גאָר צופרידן, ס'פרייט אייך וואָס ער איז שוין טויט?

— ניין, הערר קאָמיסאַר, איך האָב פיינט נקמה אין א טויטן.

— וואָס דען, פאַרוואָס דער עקסטאַז?

— מיך פרייט וואָס כ'האָב קיין טעות ניט געהאַט, וואָס מיין קויל האָט געטראָפן די ריכטיקע שלאַנג.

— וואָס? ! — האָט דער קאָמיסאַר א כאַפּ געטאָן, — איהר זייט ניט געווען זיכער?

— זיכער? יאָ! נאָר מען האָט מיך דאָ, אין קאָמיסאַריאַט אַריינגעפירט אין א צווייפל, איצטער איז שוין דער צווייפל פאַרשוואונדן.

זוכנדיק פּעטליוראַ'ן...

דעם אמת זאָגנדיק האָט מיך דער פּאָליציימאַן מיט זיין פריערדיקער פראַגע אויסערגעוויינלאַך געהאַט צומישט, כ'האָב געהאַט דערזען, אַז מיין זיכערקייט דאָס די דערשאָסענע פּערזאָן איז ווירקלאַך פּעטליורא, איז ניט געווען גענוג פעסט. איך האָב דאָך די בעסטיע קיינמאָל ניט געזען, און קיין פאַרשטעלונג ניט

געהאט ווי אזוי ער זעט אויס, וואס פאר א באשעפניש דאס איז, וויפיל איך האב אים ניט געהאט געזוכט, איז אלץ געווען אוממעגלאך עטוואס צו דערגיין. מיין פארצווייגטע באקאנטשאפט, סיי אין אידישע, סיי אין ניט־אידישע קרייזן האבן מיין נייגעריגקייט וועגן דעם ניט געקענט באפרידיקן. אז כ׳האב מיך אנגעשטויסן דאס ערשטע מאל אויף א רוסישע צייטונג, וואס האט געמאלדן, אז פעטליורא געפינט זיך אין פאריז, בין איך צומישט געווארן. כ׳האב ניט געקענט איינרוען, אנגעהויבן ארומלויפן און נאכפרעגן זיך, זוכנדיק און פארשנדיק. ביי פילע איז מיין נאכפרעגן זיך אויף פעטליורא׳ן געווארן אויפפאלנד, און אייניקע, צווישן זיי אויך אידן, האבן מיט איראניע געלאכט וועגן מיינע זוכענישן, פרעגנדיק צו איך קלייב זיך אמאל אים ניט צו הרג׳ענען?

פון די אומזיסטע ארומזוכענישן און פון די איראנישע ענטפערס פלעג איך אפט מאל געפירט ווערן צו טרערן. כ׳פלעג שטיל וויינען, טייל מאל פלעג איך פשוט קראנק ווערן פון די קליינלאכע באמערקונגען פון פריינט, וואס האבן מיך חושד געווען אז כ׳פלאן עפעס אין באצוג צו פעטליוארן, און זיי פלעגן מיך אפריידן, אנווייזנדיק מיר, אז איך זאל בעסער אפלאזן די שטראף פאר אנדערע הענט און ניט צושטערן מיין ביסל פרנסה וואס כ׳האב. וויסנדיק אבער אז דער מערדער שפאצירט רוהיק ארום איבער דער וועלט, און אז ער געפינט זיך אזוי נאהנט לעבן מיר, האט מיר גארניט געלאזט רוען. און כ׳פלעג זוכן אן אויפהער די שפורן פון פעטליוראן, און נאך יעדן ניט געלונגענעם טאג פלעג איך קריצן מיט די ציין פאר ווייטיק. אפטמאל פלעג איך פילן א פארלאנג אויסצולאזן מיין כעס אויף די וואס שטעכן מיט איראניע איבער מיין וואונד. אממערסטן פלעג איך לײדן אין די שטילע שטונדן פון דער נאכט, ליגנדיק אויף מיין געלעגער און טראכטנדיק וועגן ווייטערדיקן זוכן.

די אלע לײדן מיינע זיינען אבער אוממעגלאך געווען צו באהאלטן פון מיין פרוי, וועלכע האט אנגעהויבן צו באמערקן מיין נערוועזיטעט, און אפילו מיינע טרערן.

— וואס האסטו געוויינט? — פלעגט זי מיך פרעגן.

איך פלעג מיך פאסן מוט און מאכן די אומשולדיגסטע מינע.

— וואס פאלט דיר איין? — פלעג איך ענטפערן און זוכן א תירוץ פאר איר אום זיך ניט אויסצוגעבן. — „די אויגן טרערן מיר פון דער ארבעט”. דער תירוץ פלעגט מיר ניט אלע מאל געלינגען.

און כ'האָב אנגעהויבן זעהן, אז מיין פרוי באמערקט פון מאָל צו מאָל אַלץ מער די ענדערונג וואס איז אין מיר פארגעקומען.

אייניקע חדשים האט עס אזוי געדויערט, חדשים פון שרעקלאַכע ליידן. פאר דער צייט האב איך בלויז ערפארן, אז פּעטליורא האָט נאָך אַ איינגערן ברודער, און אויך, אז פּעטליורא לעבט אינקאָגניטאָ, דאס הייסט, ער לאָזט זיך ניט דערקענען, אז ער איז אן אפּטער ארייגגייער אין געוויסע אידישע הייזער, און מיט די דאָזיקע ידיעות האָבן זיך איבערגעריסן אַלע פעדים. מיט וועמען איך האָב נאָר געפּרואווט ריידן וועגן דעם, האָב איך באקומען דעם זעלבן ענטפער: „ס'לוינט זיך ניט צו ריידן וועגן אים", אז דאס איז אן אַלטע געשיכטע, דער גאָר: „כאַפּט אים דער טייפל", אדער„ קיינעם אינטערעסירט ער נישט מער". דערנאָך האָב איך אנגהויבן צו באקומען ידיעות, אז פּעטליורא געפינט זיך גאר אין לאָנדאָן, אין אמעריקא, אין פראג, אין בעלגראָד. דאס וואס איך האב יא פארמאָגט איז געווען אַ קליין בילדל, וואס איך האָב אויסגעשניטן פון מיין גרויסן ענציקלאָפּעדישן ווערטער־בוך „לאַרוס", און דאס בילדל איז אבער ווייט ניט גענוג געווען, ווייל האָפן צו טרעפן פּעטליוראן אויף דער פאריזער גאס און אים צו דערקענען נאָך דעם דאָזיקן קליינעם, שלעכטן בילדל איז געווען אבסורד.

און דאן איז געקומען דער גליקלאַכער צופאַל. מיר איז צו הילף געקומען אן אוקראַינישע ציימונג. וואס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פאַריז, און האָט אָפּגעדרוקט פּעטליוראס בילד, צוזאמן מיט פילסודסקי'ס. כ'האָב ענדלאָך געפונען דעם שליסל....

ווען ניט דער צופאַל, ווער ווייסט, ווי לאַנג נאָך מיינע ליידן וואָלטן געדויערט! פון דעסטוועגן בין איך נאָך אַלץ ניט געווען גענוג זיכער, אז די פּערזאָן וואס איך האָב אייניקע מאָל באגעגנט, און געהערט ריידן אוקראַינישע, איז פּעטליורא. און אז איך האָב שוין יא ביי מיר געהאָט באשטימט, אז דאס איז ער, האָב איך אים אייניקע מאָל באגעגנט מיט א פרוי און א קליין מיידעלע, און דאס האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון דעם שריט... אוים מורא פאר אן אומשולדיקן קרבן. און אז דער צופאַל האָט מיר ווידער אַמאָל צוזאמענגעבראכט מיט אים אין דער אבוועזנקייט פון אימיצן פון זיין פאמיליע, בין איך געווען אזוי איבערראשט פון גליק, אז איך האָב פארלאָרן די לעצטע מעגלאכקייט פון אָפּגעבן זיך א רעכנונג צו די ידיעות וואס כ'האָב וועגן אים זיינען שוין ענדגילטיק און כ'האָב אויפגעהויבן מיין האנט צו שטראָפן...

די פראגע פון דעם פּאליציימאַן האָט מיך דערמאָנט, אַז כ׳בין אפשר דאך ניט געווען פארזיכטיק גענוג, און מיך האט געפּייניגט א פינסטערער געדאנק: „אפשר איז דאס ניט געווען דער!"

באקומענדיק אבער די מיטטיילונג אז דער דערשאָסענער איז ווירקלאך פּעטליורא, האָב איך געפילט ווי א שווערער שטיין קייקלט זיך אראָפּ פון מיין הארצן, און מיר איז מיט אמאָל גרינג געווארן. אין דעם מאָמענט איז מיר אלץ ליב געווארן. כ׳האָב ניט געפילט קיין שום פארביטערונג, קיין שום האַס, און מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אז אלץ ארום מיר ווערט ליכטיק און שיין. כ׳האָב מיך דערפילט גליקלאַך, איבערגליקלאַך, צופרידן, און ווי א ניי־געבוירענער, ווי א יונג פארליבטער וואס באקומט ליב די גאנצע וועלט. און נישט קוקנדיק דארויף וואס איך האָב קיינמאָל ניט געפילט קיין סימפּאַטיע צו פּאָליציי... האָב איך געוואָלט ארומ־כאַפּן דעם פּאָליציימאַן, וואס האט געבראכט די נאַכריכט און אים קושן און דריקן צו מיין הארצן...

דער קאָמיסאר מיט׳ן פּאליציימאַן האָבן פון מיר קיין אויג ניט אראָפּגעלאזט, און געשטוינט זעענדיק מיין ענטוזיאזם.

— וואס וואלט איר געטאָן, — פרעגט מיר דער קאָמיסאר,— ווען איר וואלט גאר א צווייטן אומגעבראכט?

— אך! פרעגט בעסער ניט, דאס וואלט געווען אן אומגליק. כ׳וואלט שוין ניט געווארט אויף די יוסטיץ, כ׳וואלט מיך אליין דער׳הרג׳עט...

ביי די ווערטער עפנט זיך די טיר און א סעקרעטאר מעלדעט:

— הערר קאָמיסאר, דער פּרעפעקט רופט צום טעלעפאָן.

באלד קומט אריין א צווייטער באאמטער:

— פון יוסטיץ מיניסטעריום! צום טעלעפאָן!

— די פּרעסע פּאָרשטייער בעטן דעם קאָמיסאר, — מעלדעט אן אנדערער, א. ז. וו....

איינע נאָך די אַנדערע קומען אריין בעאַמטע, מעלדן וועגן ביטעס צו זעהן דעם קאָמיסאר, וועגן דעם טעלעפאָן וואס רופט ניט א מינוט, און פון פארשיידענע אָמטן פארלאנגט מען אויפקלערונג.

דער קאָמיסאר האָט זיך מיט אמאָל איבערגעביטן, אין זיין גאנצע פיגור האָט זיך געלאָזט מערקן א געוויסע אויפרעגונג.

— וואס איז דאס? — האָט ער פּראָטעסטירט, — מ׳לאָזט אפילו ניט מאכן דעם פּראָטאָקאָל, זאָגט אַז די אויספאָרשונג איז נאָך ניט געענדיגט און זאָל מען מיך צורו לאזן.

— אבער די זשורנאַליסטן? — פרעגט הילפלאָז א באַאַמטער.

— די פּרעסע? — פרעגט דער קאָמיסאַר מעכאַניש איבער,— זיי קענען וואַרטן, מען וועט זיי שוין לאָזן וויסן.

די באַאַמטע גייען אַרויס. דער קאָמיסאַר האָט נאָך ניט באַוויזן זיך ווידער אוועקצוזעצן, ווי די טיר עפנט זיך ווידער און מען מעלדט אויף דאָס ניי וועגן טעלעפאָן וואָס רופט פון פּרעפעקטור, פון מיניסטעריום. פון איבעראַל האַלט מען אין איין קלינגען און פאַרלאַנגען אַ זאַפּאַרטיגן ענטפער. די זשורנאַליסטן וואַרטן אומגעדולדיק. זיי זיינען אַלע צוזאַמען אין איין צימער.

דער קאָמיסאַר האָט אויפגערעגט אַ שליידער געטאָן די פעדער. ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון צווייטן צימער, נאָר באַלד האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט, און זיך אומגעקערט צו מיר:

— איר קענט דערווייל וואַרטן אין צווייטן צימער,— זאָגט ער מיר, און ער גייט אַרויס צום טעלעפאָן.

דער פּאָליציימאַן פירט מיר אַריין אין אַנדערן צימער וואָס גרעניצט זיך מיט'ן טעלעפאָן־צימער, אַזוי, אַז איך האָב די מעגליכקייט אויסצוהערן דעם טעלעפאָן־געשפּרעך.

— האַלאָ, האַלאָ! — רופט דער קאָמיסאַר אין טעלעפאָן־רעהרעל. ס'איז אַ פּאָליטישער אַטענטאַט, אַ געוויסער.. אַ געוויסער פּעטליורא, האַ?... פּעט—ליו—רא, רעדט ער אויס לאַנגזאַמער און ציילט אָפּ יעדע זילבע,—אַן איזראַעליט! ער פּרעטענדירט צו האָבן נקמה גענומען פאַר די פּאָגראָמען וואָס פּעטליורא האָט זיינער צייט געמאַכט אין אוקראַינאַ אויף די איזראַעליטן... יאָ! אַ דיקטאַטאָר! וויים איך?... אַ פירער פון אַ באַנדע הייד אַמאַקעס, קאַזאַקן אַזעלכע!... ניין! שוין לאַנג! אין די יאָרן 1918—1920. נו, יאָ! איך וויים ניט, הערר מיניסטער! יאָ! דער פּרעפעקט? ניין. כ'האָב נאָך ניט געענדיקט די אויספאָרשונג, דער טעלעפאָן שטערט, כ'וועל ניט קענען ענדיקן די אויספאָרשונג — קלאָגט זיך דער קאָמיסאַר פאַר די אַנוועזנדע. וואָס דען?— רעדט ער ווייטער אין טעלעפאָן, — די פּרעסע? נו, יאָ, וואָס קען איך מאַכן הערר פּרעפעקט, מען מוז האָבן אַביסל געדולד.

דאָס געשפּרעך דורכ'ן טעלעפאָן האָט זיך געצויגן זייער לאַנג. איז ער פאַרטיק געוואָרן מיט איין אַמט, האָט געקלונגען אַ צווייטער אַמט, אַ דריטער, און אַזוי אָן אָן ענד. לסוף איז דער קאָמיסאַר בייז געוואָרן און אוועקוואַרפנדיק דאָס רעהרל, אַריינגעלאָפן אין ערשטן צימער.

די גאנצע צייט בין איך געזעסן אנטקעגן דעם טעלעפאָן און פון מינוט צו מינוט גענומען מער גלויבן אז כ'האָב ווירקלאך באַשטראָפט פּעטליוראַ'ן. זאָל זיך שוין האָבן געענדיקט מיין מאַר־טירער וועג? וועל איך מער ניט וויינען? מער נישט, ניין? וועט איצטער דערהערט ווערן דער פּראָטעסט פון דעם מאַרטירער פאָלק? וועט זיך דאָס אומשולדיק־פאַרגאָסענע בלוט איצטער באַרוהיקן פאַר דער פּיין און שאַנד פון די טויזנדער אומשולדיק אומגעבראַכ־טע נפשות? צו די טאָג־טעגלאַכע ענוים וואָס דויערן טויזנטער יאָרן וועט מוזן נעמען אַן ענד! דאָס בלוט פון דעם אידישן פאָלק מוז פאַלן אויף די קעפּ פון די רוצחים און תליונים. זיי מוזן אַלע פאַרטרונקן ווערן אין די טייכן פאַרגאָסענע בלוט, ווי די קעניגן טעאָפילוס האָט געטאָן מיט'ן קאָפּ פון כורש, אַזוי דאַרף מען טאָן מיט די אַלע מערדער און רוצחים...

איך האָב זיך מיט אַמאָל דערפילט שטאַרק, גרויס און מעכ־טיק אַ טרייסל צו טאָן און אומוואַרפן די זיילן אויף וועלכע די פאַלשע וועלט האַלט זיך. אַך! גיט מיר נאָר די פרייהייט און שטרייט מיט מיר ווידער! ווער קען זיך צו מיר גלייכן? איר ווילט זיך מיט מיר מעסטן אין כחות? איך בין אַ לייב. איינער פון די טיטאַנען, ניט מער איך געפין זיך אין אַ שטייג...

די היטער האָבן, ווייזט אויס, דערקענט אין מיר די ענדערונג.

— ביזט צופרידן, ווי עס זעט אויס, ניט אמת? — האָט זיך איינער צו מיר אָפּגערופן.

— איר האָט געטראָפן.

— האָסט ניט חרטה אויף וואָס דו האָסט געטאָן?

— חרטה איז ניט מעשה סוחר!

זיי האָבן געשמייכלט: אַזוי איז רעכט!

— און די מורא פאַר יוסטיץ?

— וואָס שייך מורא, ערגער פון ערגער קען דאָך ניט זיין!

— און אויב מען וועט דיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ?

— וועט זיין אָפּגעהאַקט! נור דער הייליקער סען־דעני האָט געקענט צוריק אַרויפשטעלן זיין אָפּגעהאַקטן קאָפּ אויף די אַקסלען. נסים געשען אָבער ניט שטענדיק...

איך האָב געפילט אַ פאַרלאַנג צו רעדן און זיך פרייליך מאַכן. דעם ווייטאָג פון קאָפּ און פּנים האָב איך פאַרגעסן... די פּאָליס־לייט האָבן מיך באַטראַכט און זיך געוואונדערט אויף מיין רוהיג־קייט און צופרידנהייט. זיי אַליין זיינען אויך פון מיר אַנגעשטעקט

געוואָרן און וויצן און גלייכווערטלאך האָבן זיך געשאָטן אויף וואָס די וועלט שטייט. איינער, וואָס איז געווען אַ מאַטראָז אויף איי־נע פון די שיפן וואָס האָבן אין מלחמה־צייט בלאָקירט דעם שווארצן ים, האָט דערציילט ווי ער האָט אליין מיט זיינע אייגענע אויגן געזען אין סעוואסטאָפּאָל און נאָוואָראָסיסק עטלאָכע פאלן פון בארבאריזם, אין מיטן העלן טאָג האָט מען געראַבעוועט, גע־הרג׳עט. עס איז עטוואָס שרעקלאָכעס געוועזן. איך האָב זיי אביסל געוואָלט געבן צו פארשטיין און קלאָר מאַכן וועגן דער רו־סישער רעוואָלוציע, וואָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט די פּאָגראָמען און שחיטות אויף אידן, נאָר דער קאָמיסאַר האָט מיך ווידער אריינגערופן. ער האָט אויסגעפרעגט און געוואָלט זיך דערוויסן אלע סבות פון מיין טאַט: וואו איך האָב גענומען דעם רעוואָל־ווער, צי האָב איך ניט געהאט מיט מיר נאָך אימיצן אלס מיט־העלפער? ווי אזוי איך האָב אויסגעפונען פּעטליוראַ׳ן? מיט איין וואָרט, אלע איינצעלהייטן. איך האָב זיך געהאַלטן אזוי פריי, אַז ער האָט גיך גענומען גלויבן, אַז איך בין אויפריכטיק און באַ־האַלט גאָרניט פון אים.

קיין צייט לאַנג צו פארברענגען אין זיין קאַבינעט איז וויי־טער ניט באַשערט געווען — פון איין זייט דאָס אונאויפהערליכע רופן צום טעלעפאָן און פון דער צווייטער — די פּרעסע און זשור־נאַליסטן, וואָס זיינען געשטאַנען און די ערד האָט אונטער זיי גע־ברענט. ענדלאך האָבן זיי זיך אריינגעריסן, ווי נאָך מצה־וואַסער, און זיך גענומען כאַפּן און שלינגען דעם פּראָטאָקאָל, ווי די חסידים די שריים פון רבין׳ס טיש. איך בין נאָך אַמאָל אריינגעפירט גע־וואָרן אין וואַרטע־צימער און גענומען זינקען אין פארשיידענע געדאַנקען...

איינער אַ זשורנאַליסט איז אריינגעקומען מיט אַ פאָטאָגראַ־פישן אַפּאַראַט און מיט אַן ערלויבניש פון פּרעפעקטור מיך אָפּ־צופאָטאָגראַפירן. ער האָט געוואָלט וויסן מיין נאָמען און מיין פאָטער׳ס נאָמען. איך האָב עס אים אויפגעשריבן. ער האָט מיר אָפּגעדאַנקט און איז פארשוואונדן געוואָרן. יעדע ווילע איז אַן אַנדערער אריינגעקומען באַטראַכטן „די חיה".

אַ פאָליסמאַן איז אריינגעלאָפן:

— הערר קאָמיסאַר, עס זיינען דאָ פיל עדות וואָס האָבן ביי־געוואוינט דעם אַטענטאַט. זיי וואַרטן אין אַנדער צימער. זיי זאָלן האָבן אַלעם געזען.

— וואָס געזען? — גיט דער קאָמיסאַר אַ מאַך מיט דער האַנט, — די בהמות האָבן גאַר ניט געזען, זאָלן זיי וואַרטן.

מיין ערשטער באַגלייטער שמייכלט און גיט צו:

— זיכער האָבן זיי גאָרניט געזען. קיינער איז ניט געוועזן נאָענט, זיי זיינען זיך צולאָפן, אין די טויערן זיך באַהאַלטן. ווי אַזוי האָבן זיי געקענט זען? דערנאָך ערשט אַז כ'האָב שוין גע־האַט צוגענומען דעם רעוואָלווער, זיינען זיי אויף אים אַרויפגע־פאַלן ווי די פליגן.

דאָס פּנים פון'ם קאָמיסאַר האָט גענומען אויפלייכטן.

— איי, דער מאַב! ווער ווייסט דען ניט וואָס פאַר אַ חיות זיי זיינען, און כאָטש זיי ווייסן גאָרניט, שטערט זיי ניט צו קומען און דרייען אַ קאָפּ אומזיסט.

ער האָט זיך געהייסן ברייגגען אַן אויטאָמאָביל, איבערגעגעבן זיינע סעקרעטאַרן די פּראָטאָקאָלן, און געהייסן זיי זיך פאַרנעמען מיט די עדות.

— און אויב זיי זיינען ניט אינטערעסאַנט, — האָט דער קאָ־מיסאַר צוגעגעבן, — שיקט זיי אָפּ צום טייוול, פאַרשטאַנען?

אַ פּאָליסמאַן האָט געמאָלדן, אַז דער אויטאָמאָביל וואַרט.

דער קאָמיסאַר, צוויי סעקרעטאַרן, לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג. אַ ריזיגער פּאָליסמאַן, וואָס האָט אויסגעזען קאָמיש אין זיינע קליי־דער, האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטער'ן אָרעם און מיך נאָכגעפירט נאָך דעם קאָמיסאַר. פירנדיק מיך האָט ער מיך געלערנט גיין ווי אַ קליין קינד:

— פּאַמעלאַך! לויפט ניט אַזוי, רעכטס, פאָראויס גלייך! לינקס!

כ'האָב צו זיך אַ שמייכל געטאָן, און געטראַכט וועגן דעם ווי ס'איז קאָמיש צו לערנען עלטערע מענטשן גיין.

אַרויסגעקומען אין הויף פון'ם קאָמיסאַריאַט, איז שוין דאָרט געשטאַנען אַן אויטאָמאָביל אין וועלכן מען האָט מיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט דעם קאָמיסאַר און זיינע צוויי סעקרעטאַרן און דער הויכער גרויסער פּאָליסמאַן האָט זיך געזעצט נעבן שאָופער.

ב

מיין פרוי קומט אָן

אין דעם דאָזיקן מאָמענט קומט אָן אן אויטאָמאָביל מיט מיין פרוי. דערזעענדיק מיך אין אויטאָמאָביל מיט די פּאָליציי איז זי מיט א שרעקלאכן יאָמער ארויס פון איר אויטאָמאָביל און צו צו אונז.

איך האָב געוואָלט אויסשטרעקן צו איר א האַנט, ריידן א וואָרט, נאָר איינער פון די סעקרעטאַרן וואָס איז געזעסן לעבן מיר האָט פּלוצלינג פאַרשטעלט מיין מויל מיט זיין האַנט און מיך ניט געלאָזט ריידן. דער יאָמער פון מיין פרוי איז געוואָרן אלץ שטאַרקער און שטאַרקער. זי איז ארויף אויף דעם טרעפּל פון דעם פּאָליצייאישן אויטאָמאָביל. דער קאָמיסאַר האָט געהייסן פאָרן שנעלער. דער פּאָליסמאַן האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט און כסדר פאַרשטעלט דאָס מויל ניט לאָזנדיק אויסריידן א וואָרט צו מיין פרוי, וועלכע האָט זיך אָנגעהאַלטן אן טירל פון׳ם אויטאָמאָביל און דערנאָך אַראָפּגעפאַלן פון׳ם אויטאָמאָביל, אויפגעהויבן זיך און ווייטער אָנגעהויבן נאָכלויפן אונז, וויינענדיק אויף א קול און צוציענדיק אזוי די אויפמערקזאַמקייט פון די דורכגייער.

דער אויטאָמאָביל איז שוין שנעל געפאָרן. כ׳בין געזעסן איבערפילט מיט ווייטאָג און געקוקט צו מיין פרוי. איך געוויין און פאַרצווייפלונג האָט מיך פּלוצלינג אַראָפּגעשליידערט פון א גרויסע הויך. כ׳האָב מיך מיט אמאָל דערפילט צובראָכן, מיין טרוים אין וועלכן איך האָב געשוועבט ביז אהער, איז איבערגעריסן געוואָרן ווי מיט א בייזער האַנט, און כ׳האָב מיט אמאָל באַגריפן דיווירקלאַכקייט. דער געשריי פון מיין פרוי פאָלגט מיר נאָך: „געוואַלד, וואָס האָסטו געטאָן?” „ווי איז מיר, ווי איז מיר!”.... „וואָס וועט פון מיר ווערן?”.... פאַרוואָס בין איך געשטראָפט געוואָרן?!...

איך האָב ניט געקענט ענטפערן. אויף מיין פּנים האָב איך געפילט דעם פּאָליסמאַן׳ס האַנט... די וועלט טרינקט זיך אין

בלוט און זי האָט ז י ך אין זינען... איך האָב געפילט אַ פּיינ־לאַך געפיל, און אינערלאַך געבעטן, אַז דער אויטאָמאָביל זאָל וואָס שנעלער פאַרשווינדן מיט מיר כדי איך זאָל ניט הערן מער די קולות, וואָס טרעפן מיר אינ׳ם הארצן און פאַרשאַפן אַ מורא׳דיקע וואונד.

דאָס וואָס קיין שום אינקוויזיציע, קיין שום מאַטערניש, וואָלט ניט געקענט ארויסקריגן פון מיר, האָט דערגרייכט מיין פרוי מיט איר געוויין און פאַרצווייפעלטע געשרייען, און כאָטש איך האָב מיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כחות און ניט געוואָלט ווייזן מיין שוואַכקייט פאַר די אויטאָמאַטן פון „געזעץ און אָרדנונג״, האָב איך געפילט ווי די טרערן קומען מיר אין די אויגן... אין שמחה בלי תיגרא, זאָגט אַ גמרא. אך! די פרויען! כ׳האָב מיך דער־מאָנט אין קאָנטיפאַ׳ן, אין חרם פון רבונו גרשון, דלילה. נישטאָ קיין דבורה, קיין יהודית צווישן זיי, נישטאָ קיין ארדיא, וואָס זאָל דערלאַנגען איר מאַן דעם פאַרבלוטיקטן סטילעט, וואָס זי שלעפּט ארויס פון איר ברוסט, זאָגנדיק: „נאַ, מיין מאַן, ס׳טוט ניט וויי״.... ניטאָ קיין עפּישאַרים, וועלכע האָט זיך אליין דערוואָרגן, כדי ניט ארויסצוגעבן קיין סודות, בעת מען האָט זי געמאַטערט... נישטאָ! נישטאָ!...

די גאַנצע וועלט־טראַגעדיע האָט ניט געפונען קיין טיפערן אָפּקלאַנג אין איר. די לײדן פון מיליאָנען מענטשן זיינען בלאָס געוואָרן אין איר אייגענעם עגאָאיזם...

מ׳ברענגט מיך צו פּעטליורא׳ס הויז

דער אָטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר האָבן זיך געפונען פאַר׳ן האָטעל וואו „ער״ האָט געוואוינט... דער קאָמיסאַר מיט זיינע צוויי סעקרעטאַרן זיינען אַראָפּ פון אויטאָמאָביל, מיך איבערלאָזנדיק אונטער׳ן אויפזיכט פונ׳ם ריזיגן פּאָליסמאַן. איי־ניקע זשורנאַליסטן זיינען ארויסגעקומען פונ׳ם האָטעל און מיר אָנגעהויבן שטעלן פראַגן. מיין שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און כ׳האָב ניט אָפּגעענטפערט אויף די פראַגן.

איינער פון די זשורנאַליסטן גיט פּלוצלינג אַ זאָג:

— די פרוי פון פּעטליורא זאָגט, אַז ער איז ניט געווען אַן אַנטיסעמיט. פאַרקערט, ער האָט נאָך פאַרטיידיקט אידן און איז געווען אַ אידן־פריינט.

— ווען מיר האָבן נאָך אַ פּאָר אַזעלכע „גוטע פריינט״ —

ענטפער איך, — און אזעלכע „פארטיידיקער", וואלט שוין לאנג פון אידישן פאלק קיין זכר ניט פארבליבן.

זיי האבן געשמייכלט און זעענדיק, אז איך בין ניט אויפ־געלייגט צו פירן קיין לייגנערע געשפרעכן, האבן זיי מיך אפגעלאזט.

דער קאמיסאר מיט זיינע מיטהעלפער זיינען צוריק אנגע־קומען. איינער האט עפעס איינגערוימט דעם שאופער אין אויער און מיר זיינען אפגעפארן.

— א, דאס איז ניט קיין אנגענעמע פרוי, — רופט זיך אפ דער קאמיסאר צו זיינע באגלייטער, — האט איר באמערקט איר האלטונג? די אויפנאמע וואס זי האט אונז געגעבן?

איך האב באקומען א פארלאנג עטוואס צו זאגן:

— מיינט זי ניט אמאל, אז זי געפינט זיך אין די גוטע צייטן... אינ'ם אוקראינישן לאנד? ... — האב איך געפרעגט.

— מאכט אייך ניט קיין שלעכט בלוט, אלטער, — ענטפערט מיר דער קאמיסאר, — פארלאזט אייך אויף אונז, דאס איז שוין אונזער זאך...

ביי מיר אין שטוב

איך האב באמערקט אז דער אויטאמאביל פארט אריין אין דער רי לא ראקעט. — דאס פארט מען צו מיר, — טראכט איך.

— איך וועל אייך בעטן, הערר קאמיסאר, — רוף איך מיך אן, — צו בארוהיקן מיין פרוי. איר זענט דאך א מענטש וואס פארשטייט אזא לאגע. צווישן מענער קען מען זיך נאך איינפאר־שטיין. א מאן קען לייכטער זיך באהערשן און שלום מאכן מיט א געשעעניש, אבער מיט א פרוי איז דאס אביסל שווערער. איך קען ניט הערן קיין פרוי וויינען. כ'גלויב, אז איר פארשטייט מיך, ניט ריכטיק?

א ווייל'ע האט דער קאמיסאר געשוויגן.

— גוט, — רופט ער זיך אן, — אבער איר זאלט מיר נאר ניט ריידן אויף קיין אנדער שפראך ווי פראנצויזיש, און איך וועל מיך שוין באמיען דאס צו טאן. איר זאלט איר זאגן, אז זי זאל ניט מאכן קיין געוואלד. איך האב דאס אויך ניט ליב.

— די ארימע פרוי, — גיב איך צו, — זי איז דאך גארניט שולדיק. זי האט פון דעם אלעמען ניט געוואוסט, אבסאלוט ניט.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט פאר מיין וואוינונג און גיך אריין צו מיר, אום אויסצומיידן דעם געדראנג פון מענטשן וואס האבן

זיך פאַרזאַמלט אויף דער גאַס. איך האָב געבעטן מיין פרוי זיך צו פּאַסן, וואָס איז איר אָבער ניט מעגלאַך געווען.

דער קאָמיסאַר האָט דורכגעקוקט אַלע מיינע דאָקומענטן און פּאַפּירן וואָס ער האָט נאָר געפונען און צוגענומען אַלעס וואָס האָט זיך אים געדוכט פאַר אינטערעסאַנט כדי אויפצוקלערן מיין טאַט.

ביים פאַרלאָזן מיין וואוינונג, ווען מיר זיינען שוין געזעסן אין אויטאָמאָביל, איז אָנגעקומען מיין הונט „צערבער". שפּילנ־דיק זיך אויף דער גאַס, האָט ער דערפילט מיין אַנוועזנהייט און איז בליץ שנעל צוגעלאָפן און אַרויפגעשפּרונגען אויפ'ן אויטאָ־מאָביל, געטאַנצט אויף מיר, און געקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין. מיין פיר־פיסיקער פריינט האָט, ווייזט אויס, געפילט אַז דאָ איז עפּעס געשען. און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך לייען ליידן אין זיינע אויגן. מיט שוועריער מי איז אָנגעקומען אים אַראָפּצוטרייבן פון אויטאָמאָביל. ער האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּשטיין, נאָכגעלאָפן דעם אויטאָמאָביל און געוויינט רייסנדיק זיך צו מיר. כ'בין געווען פול מיט עגמת נפש, וואָס איך קען אים ניט העלפן און פאַרמאַכט די אויגן כדי ניט צו זען אים וויינענ־דיק, — ניט די גאַס, פול מיט נייגעריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע.

— „פריינט" — האָב איך געטראַכט, — ס'איז מיר ליבער צו זיין מיט דיר אין גיהנום, ווי מיט אַנדערע אין גן עדן". אַז דער קאָמיסאַר האָט מיר געזאָגט, אַז דער הונט האָט זיך אומגע־קערט, האָב איך מיך ערשט באַרוהיגט.

— ווי געפעלט אייך, — רופט זיך אָפּ דער קאָמיסאַר צו די איבעריקע, — אַ פּאָר עלטערע פרויען זיינען דאָ צו מיר צוגעקומען און געבעטן אים צו באַפרייען: „לאָזט אים אָפּ, לאָזט אים אָפּ", האָבן זיי געבעטן, „ער איז ניט שולדיק", „ער איז אַ גוטער שטי־לער מענטש", „לאָזט אים אָפּ, מיר קענען אים אַלע".

די איבריקע צולאַכן זיך.

— ווער ווייסט וואָס דאָ וועט זיך נאָך טאָן? — זעצט ער פאָר, — די ליגע פון מענטשן־רעכט וועט זיכער רופן מיטינגען און פּראָטעסטירן אַז ער איז אומשולדיק. איר וועט זען, אַז ס'וועט איבעראַל זיין פול מיט אים. נעבעך, אַן אומשולדיק לעמעלע...

און ווידער האָבן אַלע איראָניש געלאַכט.

צוהערנדיק זיך צו זייער איראָניזירן, האָב איך אויך שטיל געשמייכלט.

— וואָס, אפשר ניט אמת? — פרעגט מיך איינער.

— וואָס קען איך אייך זאָגן? מיר וועלן דערנאָך זען, — ענטפער איך.

דער קאָמיסאר באַמערקט, אַז איך בין די גאַנצע צייט אָן אַ הוט, און ער באַדויערט וואָס איך האָב ניט אויפמערקזאַם געמאַכט דאַרויף פריער, בעת מיר זיינען געווען אין מיין וואוינונג. כ׳האָב געקענט מיטנעמען אפילו אַן אויבער־מאַנטל אויך, נאָר אומקערן זיך קען ער שוין ניט.

— נו, יאָ, אידעאַל! — רופט ער זיך אָפּ, ווערנדיק מיט מיט מיר גאָר אַ גוטער ברודער, — ווער זיינען עס די היינטיקע אידעאַליסטן און הומאַניסטן?

איך האָב אים אָנגערופן אייניגע נעמען, און אונזער געשפּרעך איז אַוועק גאַנץ אינטים.

— איר זייט גאָרניט איבערראַשט פון דעם אַלעם, נישט אמת? — פרעגט ער מיך לסוף.

— פון וואָס זאָל איך מיך איבערראַשן? איך האָב שוין פיל שרעקליכערעס מיטגעמאַכט אין מיין לעבן.

— נו, יאָ, דאָס איז אמת. אין אַלגעמיין גייט עס אייך ניט שלעכט. אַט פאָרן מיר צוזאַמען אין אויטאָמאָביל. מיר מאַכן אַ שפּאַציר איבער פּאַריז, ס׳איז ניט שלעכט.

מיר האָבן ווידער אַמאָל געלאַכט.

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר׳ן שפּיטאָל „שאַ־ריטע". דער קאָמיסאר מיט זיינע באַגלייטער זיינען אַראָפּ און איך בין געבליבן ווידער אַמאָל מיט דעם גרויסן פּאָליסמאַן.

— נו, זאָגט, — ווענדעט יענער זיך צו מיר, — האָט איר דאָס געדאַרפט, איר האָט אַ פרוי, אַ שאָפּ... איר האָט, דוכט זיך, ניט געהאַט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן... און איצטער וואָס? צו וואָס האָט איר זיך אַזוי צובראָכן? האָט דאָס אייך געלוינט?

איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער מענטש לעבט ניט בלויז צוליב זיין מאָגן, און דאָ איז דער אונטערשייד צווישן אים און חיה; איך האָב גערעדט וועגן דעם נישטיקן ווערט פון אַזאַ לעבן, וואָס שליסט זיך איין אין די פיר ווענט און וויל פון גאָר ניט וויסן, און אויב דאָס שרעקלאַכע שטורמדיקע לעבן פון דער לעצטער צייט האָט גאָרנישט פיל אויסגעלערנט, דאַרפן מיר דאָס בלויז באַדויערן.

— טיף ביי יעדן אין האַרץ איז דאָ אַ געפיל וואָס ציטערט און צאַפּלט מיט ליבשאַפט פאַר דעם אַנדערן ביי ווען דאָס גע־פיל ווערט דערשלאָגן, פולשטענדיק פאַרניכטעט, ביי וועמען אַבער דאָס געפיל צובליט זיך, דער איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען מענטש, דער ווערט די קרוין פון די מענטשן.

— ליידער אַבער זיינען די בעסערע מענטשן אַ נישטיקע מינ־דערהייט, און די איבריקע, אַנשטאָט מיטפילן און פאַרשטיין, פאַר־וואַרפן זיי נאָך מיט שטיינער דעם דרייסטן, דעם ערלאַכן, זיי לינטשן אים, ווי זיי האָבן דאָס נאָר וואָס געוואָלט טאָן מיט מיר.

— גוט, רייד צום מאַב, — רופט זיך אָפּ מיין שומר, — איז דען ניט בעסער צו איגנאָרירן אין גאַנצן דאָס פּובליקום, און זאָלן זיי זיך שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט! איר האָט מיטגעמאַכט די גרויסע מלחמה, געוואָרן פאַרוואונדעט. גענוג! איצטער האָט איר גע־דאַרפט זיך אין זינען האָבן, מיט אייער פרוי לעבן זיך שטיל און רוהיק.

דער שאָופער, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, האָט צוגעשטימט מיט מיין שומר׳ס אויספירונגען.

— צו וואָס, — זאָגט ער, — זיך ברייגנען פאַר אַ קרבן פאַר אימיצן. ס׳איז אין גאַנצן נאַריש, דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ משוגעת און ברייגנגט צו גאָרנישט...

דער קאָמיסאַר מיט די איבריגע זיינען ארויסגעקומען פון שפּיטאָל און דער אויטאָמאָביל האָט זיך ווידער געלאָזט גיין אין וועג אריין... ער האָט ארויסגענומען פון צווישן אַ פּאַק פּאַפּירן דעם פּאַס און די אידענטיטעטס־קאַרטע מיט׳ן בילד פון דעם אַטאַ־מאַן און עס מיר געוויזן:

— דאָס איז דער ריכטיקער, ניט אמת?

איך באַטראַכט די פּאַפּירן.

— יאָ, זאָג איך, נאָר דאָ שטימט ניט די געבורטס־שטאָט. אין דער ענציקלאָפּעדיע איז אָנגעגעבן אַן אַנדער אָרט.

— ס׳מאַכט ניט אויס, — שמייכלט דער קאָמיסאַר, — איר מעגט שוין זיין רוהיק, ס׳איז דערזעלבער, ער וועט שוין מער ניט קומען באַאונרוהיקן די וועלט.

— אָ, אין דעם בין איך זיכער, איך האָב ניט ליב צו טאָן קיין האַלבע אַרבעט, — ענטפער איך...

אַלע לאַכן, און איך אויך, דאַנקענדיק דעם קאָמיסאַר פאַר זיין העפלאַכקייט און פאַר זיין באַרוהיקן מיך, אַז פּעטליורא וועט שוין ניט אומקערן זיך...

ג

אין פינסטערן קעלער

דער אויטאָמאָביל האָט זיך ענדלאַך ווידער אָפּגעשטעלט פאַר'ן קאָמיסאַריאַט, וואו מיר האָבן ווידער באַגעגנט אַ רייע זשורנאַליסטן וואָס האָבן זיך געוואָרפן פון אַלע זייטן און געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ מענטשן פון אַן אַנדער פּלאַנעטע. דער פּראָטאָקאָל האָט זיך אויף דאָס ניי אָנגעהויבן. דאָס מאָל שוין מיט'ן סעקרעטאַר, וואָס האָט אים גיך געענדיגט, און דער קאָמי־סאַר האָט געהייסן מיך אָפּפירן אין פּאָליציי־פּאָסט. צוויי פּאָלי־ציאַנטן האָבן מיך אַרויסגעפירט — מימיני מיכאל ומשמאלי גבריאל; איך האָב שוין קיין קריאת שמע ניט באַדאַרפט לייענען. דער פּאָסטן איז געווען גענוג ווייט פון קאָמיסאַריאַט, און מיר האָבן געהאַט דורכצוגיין שיינע עטלאַכע גאַסן.

גייענדיק אין מיטן צווישן די שומרים, אַן אַ הוט און מיט אַ צושלאָגן פּנים, האָב איך געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מענטשן האָבן זיך אָבגעשטעלט. פון די פענסטער פון די מאַגאַ־זינען קוקן אַרויס נייגעריקע, און איך פיל אַ פיינלאַך געפיל. ענד־לאַך האָט זיך דער מאַרטירער־וועג געענדיקט. מיר זיינען אָנגעע־קומען צום פּאָסטן, און דאָס ערשטע וואָס האָט מיך איבעראַשט איז געווען דער ריח פון שוויים און קאַזאַרמע.

גראָבע שטימען און גרויסע פעטע געזיכטער האָבן מיר אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן.

— וואָס מאַכסטו עפּעס גוטס? — לאַכט איינער.

— קענסט גוט שיסן? — רופט זיך אָן אַנדערער אָן, — מען וועט דיר שוין ווייזן, — און ער מאַכט מיר אַ צייכן איבער'ן האַלז, — מען וועט דיר דעם קאָפּ אָפּשניידן.

— וועט מען אָפּשניידן! — ענטפער איך קאַלט.

מען האָט אויסגענישטערט אַלע טאַשן מיינע, אויסגעפרעגט אייניקע פאָרמאַליטעטס־פראַגן, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך מיך שוין געפונען אין אַ פינסטערן קעלער אַן אביסל לופט...

און הינטער מיר האָט זיך מיט אַ שרעקלאַך געוויש פאַרמאַכט אַ שווערע טיר...

ענדלאַך! ענדלאַך בין איך אַליין! איבערגעקומען די אַלע פייַנלאַכע פראַגן, דאָס מאַטערן, די שווערע בליקן פון פּובליקום, פון דער פּאָליציי, פון אַלע ארום, — איבערגעקומען! איצטער בין איך אַליין אין דעם פינסטערן, שטויביקן קעלער, און דער קע־לער איז מיין אויסלייזער. וואָס דאַרף איך דען מער? מער פאַר־לאַנג איך גאָרנישט! נאָר אַליין... אַליין...

אָבער לאַנג האָט מיין רו נישט געדויערט, יעדע עטלאַכע מי־נוט איז צוגעקומען אימיצער צו די גראַטעס פון דער אייזערנער טיר. יעדע פּאָר מינוט האָט אַן אַנדערער פּאָליסמאַן מיך אָנגע־הויבן אויספרעגן. יעדעס מאָל פרישע אַפּאַטישע געזיכטער, און אַלע מיט'ן זעלבן לאַנגווייליקן „ווי גייט עס?"

— זייער גוט, — ענטפער איך. אָבער אויך די פּאָר ווערטער זיינען מיר שוין דערעסן געוואָרן איבערצו'חזר'ן יעדעס מאָל. מיך האָט דאָס אָנגעהויבן צו דענערווירן און כ'האָב מיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך נישט זען. האָבן זיי אָבער יעדעס מאָל געעפנט די טיר און אריינגעקומען אין קאַמער אריין. נאָך ערגער!

דאָס מאַטערניש האָט זיך אויף דאָס ניי אָנגעפאַנגען. איי־ניקע זיינען אריינגעקומען און מיר געוויזן די לעצטע צייטונגס־אויסגאַבע מיט מיין בילד און פּעטליוראַ'ס, אויסגעפרעגט מיך מיט אַ גראָבע שפּראַך, אַנדערע האָבן גערעדט צו מיר אויפ'ן צינישסטן אופן, אייניקע האָבן מיך באַדויערט.

אַ פּאָר מאָל האָט מען מיך נאָך געפירט צום קאָמיסאַר. און דער לאַנגער וועג, דורך די גאַסן, האָט מיך זייער געפּייניקט. איך האָב מיך געפילט ווי געוואָרפן פון סצילאַ ביז כאַריבדאַ, ביז איך האָב שוין דערלעבט די נאַכט, די אויסלייזעריין פון טאָג־מאַטער־ניש און פון לעבן.

געהיימע אַגענטן

איך האָב מיך געפילט גליקלאַך וואָס איך בין שוין ווידער אַליין, אין דעם שטיקענדן פינסטערן קעלער. איך וועל אפשר קענען איינשלאָפן און פאַרגעסן אַלץ וואָס מיט מיר איז געשען פאַר דער קורצער צייט. ס'איז אָבער ניט מעגלאַך געווען. די קעלט וואָס דאָ האָט געהערשט האָט מיך ניט געלאָזט איינשלאָפן,

און דערצו בין איך כסדר באַגליקט געוואָרן פון נייע וויזיטן פון פּאָליציי. אזוי האָט עס געדויערט ביז האַלבע נאַכט, און פון האַלבע נאַכט ביז׳ן ווייסן טאָג אריין. עס איז מיר אונמעגלאַך געוועזן אויף איין רגע אן אויג צו פאַרמאַכן.

יעדעס מאָל האָבן זיך געביטן די פּנים׳ער, נייגעריקע און סתם פּאָליסלייט וואָס האָבן זיך געוואָלט איבערצייגן, צי איך זיץ נאָך אין שטייג... געהיים־אַגענטן זיינען אריינגעקומען און מיך באַטראַכט מיט עלעקטרישע לעמפּלאַך אין דער האַנט: זיי האָבן זיך געוואָלט איבערצייגן, צי איך געהער נישט אמאָל צו די באַקאַנטע פויגל וואָס זיי זוכן. זיי האָבן זיך געפּרובירט עראינערן, צי זיי האָבן מיך נישט אמאָל ערגעץ געזען. ווער ווייסט?

אייניקע אַגענטן האָבן מיר צוגעוואָרפן בייזע ווערטער, און מיר געדראָהט אז מ׳וועט מיר אָפּשניידן דעם קאָפּ.

— אפשר די מינוט? — פרעג איך ביי זיי.

שפּעט אין דער נאַכט איז צוגעקומען צו מיין טיר א ציווילער פּאַרשוין.

מאָסיע, — ווענדעט ער זיך צו מיר, — איך קען אייך זאָגן, אַז איר זייט א בראַוועער מאַן; איך קום פון אייער געגנט, אַלע שכנים פון ארום און ארום האָבן מיר דאָס געזאָגט. איר זייט דער פיינסטער און שטילסטער מענטש. אַלע וואונדערן זיך אויף אייך. ס׳איז שווער צו באַגרייפן, ווי אזוי אַזא רוהיגער מענטש זאָל האָבן באַגאַנגען אַזא שריט. זיי ווילן דאָס גאָר ניט גלויבן. איך קען אייך זאָגן, אַז איך אַליין בין גערירט געוואָרן פון די אַלע ערקלערונגען. די אַלע לויב־ווערטער באַשטעטיקן פאַר אייך דאָס בעסטע.

„וואָס איז דאָס פאַר א גלגול", — טראַכט איך מיר, — „וואָס פאַר אן אַנשיקעניש אויף מיין קאָפּ"?

ער האָט געזען אַז איך בין ניט באַגייסטערט פון זיין רעדע. ער האָט דאָס גלייך דערקענט אויף מיר, און ער רופט זיך אָפּ:

— מאָסיע! איר מעגט מיר גלויבן! איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת.

איך באַטראַכט דעם פּאַרשוין און באַמערק טרערן אין זיינע אויגן.

— איך זאָג אייך דעם ריינעם אמת, מאָסיע. איך קום איצט פון אייער געגנט. איך האָב דאָרט יעדן אויסגעפרעגט. אַלע האָבן פון אייך די בעסטע מיינונג. יעדער וואָלט געוואָלט עדות זאָגן לטובת אייך, איר זייט א בראַוועער און אן ערלאַכער מאַן.

נאָך אַלע גראַבקייטן וואָס די פּאָליסליים האָבן מיר דאָ ארויס־געוויזן, און זייער ברוטאַלער באַהאַנדלונג, איז דאָס געווען אַ גע־וויסע באַפרידיגונג פאַר מיר. ס'האָט זיך מיר ניט געקענט גלויבן, אַז די לייט אונטער די פארשפּילעטע מונדירן זאָלן האָבן אַ האַרץ און זיי זאָלן קענען גערירט ווערן ביז טרערן. ווי איך האָב דאָס איצט געזען ביי דעם אַגענט, וואָס האָט געליטן, זעענדיק אַז איך באַצי מיך מיט אונצוטרוי צו זיינע רייד; ער איז געווען דער ערש־טער אין דער קאַמער וואָס האָט צו מיר גערעדט מיט אַ מענטש־לאַכער, פארנונפטיקער שפּראַך.

נאַטירלאַך קען איך מיך נישט באַקלאַגן, אַז די איבריקע זאָלן מיך האָבן באַליידיגט, זיי האָבן גערעדט צו מיר, ווי פּאָליציי צו אַרעסטירטע... און דאָס אליין לאָזט שוין איבער פּיל צו פאַר־לאַנגען... נאָר כ'זאָל פילן אַ פּאָרוואורף פון זיי אַלס איך — דאָס איז ניט געווען, הגם איך האָב אונטערגעשטראָכן מיין אָפּ־שטאַמונג און יעדן געקוקט שטאָלץ אין די אויגן אריין.

ביי יעדער געלעגנהייט האָב איך מיך גערימט וואָס איך בין אַ איד און האָב נקמה גענומען פאַר מיין געפּייניקט פאָלק.

— אן איזראעליט! — פלעגן זיי אַלע מיר פארריכטן מיין שפּראַך. — איר זייט אן איזראעליט. דער האָט אייך שלעכט באַ־האַנדלט? געווען אן אַנטיסעמיט? ריכטיק?

איך האָב מיך אליין געוואונדערט וואָס זיי וואַרפן אָפּ און ווילן מיך ניט אָנרופן „זשוויף", צי גאָר נאָך ערגער, ווי מיר זיינען אַמאָל געוואוינט אין פראַנקרייך צו הערן.

ווייזט אויס, אַז ווען משה האָט אויפגעהויבן די הענט און דעם קאָפּ, האָט עמלק אַראָפּגעלאָזט זיינע „לאַפּעס".

— אָ, טראַכט איך מיר, — מיין רעוואָלווער האָט אַביסל אי־בערגעשראָקן די חברה, זיי האָבן אָנגענומען אַ מויל מיט וואַסער; זייער גוט, זאָלן זיי וויסן אַז אידן זיינען אויך פייאיק צו געבן ווי־דערשטאַנד און נישט אונטערשטעלן אַ צווייטע באַק, בעת מען שלאָגט איבער'ן לעבן און איבער דער נשמה פון אַ פאָלק. ניט שטענדיק וועלן מיר זיין די שפלים. עס איז נישט קיין חוב מיר זאָלן זיי ליפערן בלויז קדושים, בלויז מאַרטירער, נביאים און מושיעים, אונזער מיסיע פאַר די באַרבאַרן האָט זיך שוין געענ־דיקט. אוים דאָס ברייננען זיך פאַר אַ קרבן, כדי אָפּצורייניקן די זינד פון דער ערד! אוים פּיאָנערן, נביאים און אָנזאָגער פון אן ענדלאַכער אויסלייזונג. אַ צוקונפט פון פרייהייט, גליק און ליבע!

אונזער בלוט קען ניט גילטן פאַר די פעטקייט צו שמירן פרעמדע רעדער, זאָלן זיי אַליין דערטרונקען און פאַרניכטעט ווערן! דער טאָג, דער שוואַרצער, איז ניט ווייט, ער איילט צו קומען. די האַנט וואָס האָט געשריבן אויף'ן וואַנט פון בלשצר'ס פּאַלאַץ האָט אויך דעם אונטערגאַנג פון די מערב-לענדער גע'חתמ'עט: מנא, מנא, תקל ופרסין...

די גאַנצע נאַכט האָבן זיך מיר געפּלאָנטערט אַזעלכע געדאַנקען, און איך האָב קיין אויג נישט געקענט צומאַכן. און ווען איך האָב יאָ אַנגעהויבן דרעמלען, האָב איך מיך גלייך אויפגעכאַפּט פון דער קעלט און פון די פּיכטע שטיינער, ווי אויך פון די וויזיטן פון דער פּאָליציי וואָס האָבן מיך נישט צורו געלאָזן. בלייבנדיק ווידער אַליין בין איך ווייטער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרגעסנהייט, פאַרשיידענע פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען האָבן מיך נישט צורו געלאָזט און געמאַטערט.

און אַזוי געפּייניקט דורך קעלט און שלאָפלאָזיגקייט, דורך שווערע, פאַרמאַטערנדיקע געדאַנקען, הויבט זיך מיר אָן אויסדאַכטן, אַז איך געפין מיך פאַר אַ געריכט. די ריכטער פרעגן מיין נאָמען:

— איך הייס, — זאָג איך, — שלום! די באַדייטונג פון מיין נאָמען איז פרידן און גערעכטיקייט! איך בין געבוירן געוואָרן, כדי צו ברייינגען אויף דער וועלט פרידן און גערעכטיקייט, ליבע און יושר; איך בין געוואָרן אַ נקמה-נעמער! איצט רופט מיך נוקם, נקמה-נעמער.

— די לעגענדע דערציילט, — רעד איך ווייטער צו די ריכטער, — אַז משה'ס שיקזאַל האָט געזאָלט זיין אַן אַנדערער ווי ער איז געווען: ער האָט געזאָלט זיין אַ מערדער, און ער איז געוואָרן דער גרעסטער אידישער נביא, מאָראַל-לערער און באַפרייער. איך בין געבוירן געוואָרן צו זיין אַ מאָראַליסט און שלום-ווייזער, און בין געוואָרן אַ מערדער. די איינצעלנע שאַפן די געזעלשאַפט און די געזעלשאַפט שאַפט די איינצעלנע, און מיך, מיינע הערן ריכטער, האָט די געזעלשאַפט געמאַכט פאַר אַ מערדער.

דער איצטיקער פאַל איז אָבער נישט דער ערשטער פאַל אין מיין לעבן. מיין ערשטער פאַרברעכן איז געווען אין יאָר 1905. נאָך דעם ווי דער צאַר האָט באַגליקט זיין פאָלק מיט אַ קאָנסטיטוציע, פּאָגראָמען און אידישע שחיטות, בין איך קוים 18 יאָר אַלט געווען. און דאָן האָב איך בייגעוואוינט דעם פּאָגראָם אין באַלטע;

עס איז דאָן געווען אַ פּריוואַט נאָכמיטאָג, און איך האָב באַמערקט ווי צוויי הוליגאַנעס מיט העק לויפן נאָך אַן אַלטיטשקן אידן און ווילן אים הרג'ענען. דער אַלטער איד איז געלאָפן און געשריגן מיט באַנומענע קולות. איך בין גראַד אָנגעלאָפן אין דעם מאָ־מענט ווען איינער פון די הוליגאַנעס האָט שוין געהאַט אויפגע־הויבן זיין האַנט איבער'ן אומגליקלאַכן אידן... איך האָב לאַנג ניט געטראַכט און אים באַקאַנט מיט דער קראַפט פון מיין שטעקן, וואָס כ'האָב מיט מיר געהאַט. איך האָב געוויזן, אַז אַ שטעקן איז ניט באַשאַפן געוואָרן בלויז צו שפּאַלטן דעם ים, נאָר אויך צו שפּאַלטן קעפּ פון הוליגאַנעס. דער רוצח האָט שוין ניט אויס־געפירט זיין איידעלע מיסיע, אַוועקגעפאַלן צוטומלט, און דער אַנ־דערער האָט זיך תיכף אָפּגעטראָגן. און פּונקט ווי משה, וואָס האָט באַהאַלטן דעם מצרי אין זאַמד און געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן, אַזוי האָב איך אויך געמוזט אַנטלויפן פון'ם צאַר, דעם רוסישן פּרעה.

און דאַן איז געקומען דאָס יאָר 1914, דאָס יאָר אין וועלכן עס האָט אויסגעבראָכן די גרויסע וועלט־מלחמה; איך האָב מיך דאַן געפונען אין פראַנקרייך, אין דעם לאַנד וואָס האָט די ערשטע אויפגעהויבן דעם קאַמף פאַר מענטשלאַכער גלייכהייט און פריי־הייט, אין דעם לאַנד וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל גרויסע גייסטער, וועלכע זיינען פאַרבליבן דער שטאָלץ פון דער גאַנצער מענטשהייט. ווי טויזנטער אַנדערע, האָב איך אויך געגלויבט, אַז דאָס לאַנד איז באַדראָהט פון'ם דייטשן מיליטאַריזם און איך בין אַריינגעטראָטן אין די רייען פון אירע פאַרטיידיקער, און אַוועק אויפ'ן שלאַכטפעלד — קעמפן דעם גערעכטן קאַמף...

און דאָ לעבט אויף פאַר מיינע אויגן דער מורא'דיקער קאַמף, די פעלדער מיט טויטע און פאַרוואונדעטע. און צווישן דעם אַלע־מען זע איך פאַר מיינע אויגן אַ בילד, ווי איך שטיי ביי אַ מיט־ראַליעזע (קוילן־וואַרפער) און שיס אויף דייטשע קאַלאָנען. איך זע ווי זיי פאַלן מאַסנווייז ווי אונטערגעזעגטע, אונטערגעשניטענע ווי מיט אַ סערפּ, און צו מיר דערטראָגן זיך פאַרצווייפלטע גע־שרייען פון שטאַרבנדיקע. איך האָב געוואוסט, אַז צווישן זיי גע־פינען זיך פאָטערס פון קינדער, מענטשן וואָס האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס, זייערע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס וועלן תמיד נאָך זיי וויינען, — איך האָב דאָס אַלעס געוואוסט און פאַר־ביסן מיינע ליפּן פון ווייטאָג און שמערץ: איך האָב פאַרשטאַ־

נען, אַז איך בין דער גרעסטער פאַרברעכער, און דאַך געשאָסן אַז אויפהער, רעדנדיק צו מיר: „דו ביזט אַ סאָלדאַט און טוסט דיין פליכט".

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַ יונגן דייטשן סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ ניט־געעפנטן בריף פון זיין מוטער. איך האָב געלייענט דעם בריף: „מיין איין־און־איינציק קינד", — האָט זי געוויינט, — „איך ווער בלינד, וויינענדיק וועגן דיין שיקזאַל, איך הער דיך ניט אויף צו רופן ביי טאָג און ביי נאַכט". אין דעם בריף האָב איך געלייענט, אַז ער וועט קירצלאַך קריגן דעם פאַרדינטן קרייץ. דאָס איז געווען אַ שיינער בלאָנדער יונגערמאַן, ער איז געשטאָרבן פון מיין האַנט און באַקומען אַ הילצערנעם קרייץ... איבער אַ זאַמדיק בערגל, וואו מען האָט אים באַגראָבן.

און דאַן איז געקומען דאָס יאָר 1917, — איך האָב מיך געפונען אין פּאַריז, און נאָר וואָס זיך ערהאָלט פון מיין געפערלאַכער וואונד, — איז אָנגעקומען די נאַכריכט פון רוסלאַנד, אַז דאָס לאַנד איז ענדלאַך באַפרייט געוואָרן פון די דריי הונדערט יאָר קנעכטשאַפט. דאָס יונגע רעוואָלוציאָנערע לאַנד האָט זיך גענויטיקט אין מענטשן. און איך האָב מיך אַהין געלאָזט צו העלפן לייגן אַ ציגל צו אַ ציגל.

אַז איך בין אָנגעקומען אַהין און דערזען אַז אַלץ איז אמת, אַז די ראָמאַנאָווס זיינען שוין נישטאָ, אַז איך האָב דערזען די גליקלאַכע, שמייכלענדיקע געזיכטער, ווי אַרום מיר האָט געקלונגען „חבר", „בירגער", — בין איך געוואָרן איבערגליקלאַך. הייסט עס, אַז ס'גייט ווירקלאַך אויף אַ נייע, גרויסע גאָלדענע זון פון פרייהייט און גערעכטיקייט, — איך האָב געוואָלט טאַנצן פאַר פרייד און געווען פאַר'שכור'ט פון גליק...

פּונקט אַזאַ גליק האָב איך געפילט, בעת איך האָב געזען, צום ערשטן מאָל די פייערונגען פון 14טן יולי אין פּאַריז, אַז איך האָב דערזען די פרייד פון אַ גאַנץ פאָלק, די צופרידנהייט און פייערלאַכקייט, אַ יום־טוב ווען אַלע זיינען גלייך, אַ יום־טוב וואָס פאַראייניקט אַלע מענטשן, אָן אונטערשייד פון גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. איך בין דאַן געשפּרונגען פאַר גליק און געטאַנצט אײַבער די פּאַריזער גאַסן מיט אַלע צוזאַמען. איך האָב נאָך ביז דאַן קיין פרייד ניט געפילט, פאַר מיר האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייע וועלט. צום באַדויערן, זיינען דאָס נאָר געווען קורצע מאָמענטן. אַז כ'האָב מיך נעענטער אָנגעהויבן צו באַקאָנען מיט

אלע זייטן פונ׳ם לעבן, אַז כ׳האָב מיך בעסער צוגעקוקט צו דער ווירקלאַכקייט, איז מיין טרוים פאַרשוואונדן, און פּונקט ווי אין פּאַריז, אַזוי איז אויך געווען אין פּעטראָגראַד.

אין סוף 1917 בין איך געקומען אין אוקראַינאַ, צוריק אין דער שטאָט פון פּאָגראָמען — קיין באַלטע, וואו איך בין מיט 12 יאָר צוריק געשטאַנען מיט מיין פאָטער אויף די באַריקאַדן און פאַרטיידיקט דאָס אידישע לעבן פון די בלוטיקע כמעלניצקים, פון די גאָנטעס, זשעליעזניאַקעס, א. ז. וו.

די גלגולים פון די אַלטע פּאָגראָמשטשיקעס האָבן אויף דאָס ניי אויפגעלעבט און געבושעוועט מיט זייערע ווילדע שחיטות. אידיש בלוט האָט אויף דאָס ניי אָנגעהויבן פליסן איבער די אוקראַאינער טייכן און אוקראַאינער ערד. דער שרעקלאַכסטער גרויל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט פאַר מיינע אויגן, אונמענטשלאַכער מאָרד פון אַלט און יונג. געשענדעטע מיידלאַך, רויב און בלוט, און איך האָב ווידער גענומען די ביקס אין האַנט און האָב אָנגעהויבן פאַרטיידיקן מיינע אומגליקלאַכע ברידער. וואוהין כ׳בין געגאַנגען האָב איך געטראָפן דעם שרעקלאַכסטן חורבן. מיינע ברידער־אידן האָבן פאַרלוירן די האָפנונג און טרייסט אין לעבן. זיי פלעגן מקנא זיין די הינט אין גאָס וואָס לויפן פריי, פון קיינעם ניט געשטערט, אין דער צייט ווען קיין איד האָט ניט געוואַגט ארויסצוגיין אויף דער גאָס און געמוזט ליגן וואָכן־לאַנג באַהאַלטן אין גריבער מיסט און מורא געהאַט זיך צו באַווייזן אַז מען זאָל זיי ניט אויסקוילענען.

אַ פאָלק פון דריי מיליאָן מענטשן זיינען מיט אַמאָל געוואָרן הפקר, אַ געשמאַקער ביסן פאַר אַ ווילדן טיגער. איך האָב געזען צושמעטערטע טירן און פענסטער, צוהאַקטע און צובראָכענע ביינק און טישן, אַראָפּגעפליקטע דעכער, אונטערגעצונדענע הייזער; איך האָב געזען באַשפּריצט ווענט מיט בלוט, ווענט אין וועלכע מ׳האָט צוהאַקט קעפּלאַך פון קליינע קינדערלאַך; איך האָב געזען מענטשן מיט צומישטע בליקן פון משוגעת, איך האָב געזען הערצער וואָס אין זיי איז אויף אייביק אויסגעלאָשן געוואָרן די מעגלאַכקייט ארויסצוגעבן אַ שמייכל. איך האָב געזען אַזאַ וויי־טאָג, וואָס איך וועל דאָס ניט אימשטאַנד זיין צו פאַרגעסן, אַ וויי־טאָג וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט און אָפּגענומען מיין שלאָף אויף פיל, פיל נעכט...

איך האָב געזען אידן וואָס האָבן מיטגעמאַכט פיל יאָרן קריג, געשלאָגן זיך אין גאַליציען און אין טערקיי, איבעראַל געווען פאַרוואונדעט, געליטן די שרעקלאַכסטע נויט אין די רייען פון דער

רוסישער ארמיי, און אהיים קומענדיק געפונען זייערע היימען פאר־ניכטעט, זייערע עלטערן, פרויען און קינדער געשענדעט און פאר־פייניקט, דער׳הרג׳עט אויף די שרעקלאכסטע אופנים; איך האב געזען מענטשן וואס האבן פארלוירן די מעגלאכקייט צו פילן, און מענטשן וואס האבן געוויינט ווי פארוואונדעטע חיות, — און גליקלאך זיינען זיי געווען די יעניקע וואס האבן געקענט וויינען, שרייען פון ווייטאג און שמערץ...

און נישט בלויז א צושויער בין איך געווען אין יענע שרעק־לאכע טעג. איך האב די ביקס פון מיין האנט ניט ארויסגעלאזט, און אויב די ביקס האט מיך ניט געפאלגט, האט מיר מיין רעוואל־ווער געהאלפן. ווי ווייט איך האב געקענט האב איך געשטריטן. און איך האב זיי גוט געקענט די מערדער, וואס זיינען געווען אנ־געטאן אין אידישע גערויבטע קליידער. אפילו אין שטריימלען האט מען זיי באגעגנט. וואו זיי זיינען דורכגעגאנגען האבן זיי איבערגעלאזט הינטער זיך פארוויסטונג און שרעק. פון אלע זייטן האט געקלונגען „טויט די אידן", דאס האבן זיי זיך אויסגעלערנט נאך אזוי פיל יארן באוויינען דעם געקרייצטן קריסטוס׳ן, אזוי האבן זיי פארשטאנען די לערע פון מענטשן־ליבע, פון ליבן דעם צווייטן ווי זיך אליין...

איך בין אבער געווען צו שוואך, צו איינזאם, אויף ארומצו־נעמען אלע אומגליקלאכע און זיי באשיצן קעגן די תליונים און וואמפירן, און איך האב פארלאזט דאס פארשאלטענע לאנד... די ערד וואס האט אזוי פיל טייכן אומשולדיק בלוט אין זיך איינגע־זאפט...

דאס הארץ צובראכן, פארפינסטערט, די נשמה צוטראטן, צו־טראטן דער גלויבן אין מענטשלאכע גוטסקייט, — און דאס גע־וויסן? א, דאס געוויסן! מיין טרוים, מיין אידעאל, אלץ צו־שטערט און צוטראטן. ווען איך וואלט דאס הארץ מיינס געקענט ארויסרייסן, מיך צעשניידן אויף צוועלף שטיקער ווי מען האט גע־טאן מיט דער פלגש־בגבעה און מיט פיל אומגליקלאכע אין יענעם לאנד, און די שטיקער פונאנדערשיקן בכל גבולי ישראל, כדי זיי רופן צו נקמה, ווען... ווען... און פאר מיינע אויגן האב איך שטענדיק געזען א נאמען מיט פייערדיקע, בלוטיקע אותיות — פעטליורא.

אין פאריז האב איך מיך גענומען צו מיין שטענדיקער אר־בעט און געזוכט צו פארגעסן די שרעקלאכע בילדער וואס האבן

מיך געפּייניקט און פאַרביטערט אַלע מיינע מינוטן. איך האָב מיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור, געשיכטע. איך האָב געהאַפּט מיך צו באַרוהיקן. און געפילט האָב איך אַז עס איז אונמעגלאַך. פון צייט צו צייט פלעג איך מיך צוזאַמענטרעפן מיט מענטשן וואָס האָבן איבערגעלעבט די אוקראַאינישע טראַגעדיע — און די בילדער און שוידערלאַכקייטן פלעגן אויף דאָס ניי אָנהויבן מיר פאַרשאַפן ווייטאָגן און שרעקלאַכן פּיין; פון צייט צו צייט פלעגן צו מיר דערגיין קלאַנגען וועגן אוקראַאינישע פּאָגראָמשטשיקעס וואָס געפינען זיך אין פּאַריז, וואָס פלעגן זיך באַרימען מיט דער צאָל געשענדעטע פרויען וואָס זיי האָבן אויף זייער געוויסן; און נאָכהער בין איך אויפגעציטערט געוואָרן, דערוויסנדיק זיך אַז אין פּאַריז האָט אָנגעהויבן ערשיינען די אוקראַאינישע צייטונג „טרעזוב". אָט דער סימן וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף דעם גאַנצן אוקראַאינישן אידנטום, און דאָרט באַקום איך די ידיעה, אַז פּעטליורא געפינט זיך אין פּאַריז.

די צוויי בילדער פון וועלכע איך האָב דערקענט פעטליוראין:
די קלענערע האָב איך אויסגעשניטן פון אן ענציקלאָפּעדיע,
די גרעסערע פון אן אוקראַאינישע צייטונג וואָס איז
דערשינען אין פּאַריז.

דאָס איז געווען דאָס שרעקלאַכסטע פאַר מיר. פון דעם מאָ־מענט אָן האָב איך פארלוירן מיין גלייכגעוויכט, פאַר מיר האָבן מיט אַ מורא׳דיקער קראַפט אויפגעלעבט די בילדער פונ׳ם שחיטה־לאַנד, אַלץ האָט אין מיר געררופן נקמה! איך האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם רוהיקן לעבן פון דעם גרעסטן וועלט־מער־דער. דאָס פארגאָסענע אידישע בלוט, די פארפייניגטע מוטערס, געשענדעטע מיידלאַך, דערשטיקטע קינדער, דעם גאַנצן גרויל פון די טויזנטער האָב איך געפילט אין מיין בלוט, און אַלץ האָט אין מ י ר געררופן: נקמה! נקמה! נקמה! אַלץ האָט פאַר מיר אויפגעהערט צו עקזיסטירן. איין אויפגאַבע האָב איך געהאַט, איין פארלאַנג האָט געשפייזט מיין נשמה — באַשטראָפן אים, און זאָל די גאַנצע וועלט דערהערן דעם וויי־געשריי פון די פארפיי־ניקטע און ערמאָרדעטע. זאָל מען וויסן, וואָס ס׳איז געווען. זאָל מען וויסן, אַז מיר, וואָס מיר האָבן נישט ווייניקער פון אַלע גע־ליטן אויף אַלע שלאַכט־פעלדער, געבלוטעט אין אַלע וועלט־אומ־גליקן, האָבן נאָך דערצו אונזער אייגענע מורא׳דיקע, אונבאַשרייב־לאַכע טראַגעדיע, פאַר וועלכע די שולדיקע דאַרפן גע׳משפט און געשטראָפט ווערן. און מען דאַרף אויסשרייען אַזוי הויך, אַז אי־בעראַל זאָל אָפקלינגען אונזער שטימע: גענוג, גענוג!

* * *

איצטער בין איך ווידער געקומען, דער פאַרהאַסטער איד פון דעם פון אַלעמען פאַרשאָלטענעם פאָלק, דער קליינער דוד און „אַ וואָרף געטאָן מיין האַנדשו" אינ׳ם פּרצוף פון דעם ריזיגן, ווילדן גלית הפלשתי — די קאַניבאַלן און באַרבאַרן פונ׳ם איצטיקן יאָר־הונדערט — און זאָל די צוקונפט אורטיילן צווישן דעם אידישן פאָלק און זיינע פייניקער און מערדער.

* * *

דאָס האַסטיקע שליסן פונ׳ם שלאָס האָט מיך אויפגעריסן פון מיינע געדאַנקען. די שיין פונ׳ם אָנקומענדיקן טאָג האָט זיך דורכ־געריסן דורך די גראַטעס פון מיין פינסטערן קאַמער...

מיטוואָך דעם 26טן מאַי, 1926.

עס הערן זיך שווערע טריט אין קאָרידאָר. די אייזערנע טיר ווערט מיט אַ קראַך אויפגעריגלט. מ׳פירט מיך ארויס פונ׳ם פינ־סטערן קעמערל. די אויגן טוען וויי און מאַכן זיך צו. ס׳איז

אונמעגלאך דעם קאפ גלייך צו האלטן און קוקן אין דער שיין פון טאג. דער קאַשמאר נעמט זיך ציען אויף דאס ניי...

דער זעלבער דערנער־וועג פון נעכטן. אין קאַמיסאריאט, דאס לאנגע אונגעדולדיקע ווארטן... א סעקרעטאר פרעגט מיך אויס צען מאל די זעלבע שוין געפרעגטע פראגן, אלץ ארום איז אזוי אינדיפערענט, די מענטשן, ווי שאטנס, פאנטאמען גאר פון אן אנדער וועלט, אן אינטערעס, אן געפיל, שטיינער אויסגעהאקטע וואס באוועגן זיך און ניט מער... מען ווארט... דער קאמיסאר קומט אן. מ׳ווארט ווידער.. דאס שטילע ווארטן דויערט לאנג, אזוי לאנג...

— איך האב באקומען פון אונטערזוכונגס ריכטער קאלראד א באפעל אייך ווייטער צו אונטערזוכן און פירן די אויספארשונג, — זאגט מיר דער קאמיסאר מיט זיין רוהיקן שמייכל.

— גוט, — ענטפער איך, — ווי איר ווילט!

— קענט איר מיר זאגן די ריכטיקע באדייטונג פון אייער טעלעגראמע וואס איר האט אין דעם לעצטן מאמענט פאר דער טאט געשיקט צו אייער פרוי? — ס׳איז געשריבן אין העברעאיש?

— ניין, אין רוסיש.

— און וואס שרייבט איר דארט?

איך נעם די דאזיקע טעלעגראמע פון זיין האנט און לייען אין פראנצויזישער איבערזעצונג:

„מיין ליבע פרוי! דער חוב צו מיין ארים הילפלאז פאלק, רופט מיך!

„דאס אומשולדיקע פארגאסענע בלוט לאזט מיך ניט רוען און שרייט נאך נקמה.

„די שאנד וואס איז באגאנגען געווארן לגבי די אידישע טעכטער טאר ניט פארשוויגן ווערן.

„פעטליורא, דער ווילדער רוצח, איינער פון די הויפט־שולדיקע אין דעם אומגליק פון אידישן פאלק איז דא אין פאריז און ער מוז מיט זיין טרפה׳נעם בלוט באצאלן פאר דעם ריינעם אומשולדיקן בלוט. איך בין בארופן צו טאן מיין פליכט אלס א קינד פון את דעם דאזיקן פאלק.

„זיי מיר מוחל, מיין ליבע פרוי, וואס איך פארשאף דיר אזוי פיל צרות. ס׳איז ניט דאס ערשטע מאל... אבער איך קען ניט אנדערש טאן... ס׳איז בעסער צו שטארבן א פרייער מענטש, איידער צו לעבן ווי א קנעכט. וואס פאר א לעבן איז דאס, ווען איך

זע ארום מיר אזא גרויסן עלנט, אזוי פיל אומגערעכטיקייט און אזוי פיל שמערצן און צרות".

— פּאַמעלאַך, כּאַפּט ניט אַזוי, — זאָל דער סעקרעטאַר קענען פּראָטאָקאָלירן, — הויבט אָן נאָכאַמאָל, — און ער חזר'ט איבער: „מיין ליבע פרוי! די פליכט פון מיין פאָלק רופט מיך". אַט אַזוי איז מער פראַנצויזיש און מער פאַרשטענדלאַך. ניט אזוי? גיט צו דער קאָמיסאַר. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע, וואָס זיינען געשטאַנען און געזעסן ארום דעם טיש, ווי איינער רעדט: „דער בחור פאַרשטייט און ווייסט ווי אזוי זיך צו האַלטן".

יעדן וואָרט וואָס איך האָב ארויסגעלייענט פון דער טעלעגראַמע, האָט ער געהייסן פאַרשרייבן.

— נו, אצינד לייענט ווייטער.

„באַרוהיג זיך, מיין טייערע, און טראָג מיט שטאָלץ איבער אַלץ, ווי ביז איצטער. זיי אַ העלדישע פרוי, און באַשולדיק קיינעם אין דיין אומגליק. איך בין דער איינציקער שולדיקער און דער איינציגער פאַראַנטוואָרטלאַכער פאַר מיין האַנדלונג".

— דאָס איז אַלץ? — פרעגט מיך דער קאָמיסאַר.

— יאָ, — ענטפער איך.

— אצינד זייט איר פריי... פּאַרדאָן, איך מיין, אַז איר קענט שוין צוריקגיין אין אייער קאַמער.

„צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט?"

דער באַגלייטער מיינער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געהערט, זאָגט צו מיר אויפ'ן וועג מיט אַ דירנדער שטימע:

— איר זייט אַ פאַרהייראַטער מאַן? מסתמא אויך קינדערלאַך? אך! וואָס פאַר אַן אומגליק! צו וואָס האָט דאָס אייך געטויגט און געלוינט דער דאָזיקער גאַנצער עסק? איר זעט אויס צו זיין אַ פיינער מענטש. עס איז בעסער צו לעבן רוהיק. אך, וואָס פאַר אַן אומגליק האָט איר אויף זיך גענומען, „מאָן דיע, מאָן דיע!" (מיין גאָט, מיין גאָט!)

אונטער דעם פאַרקנעפּלטן און שטייפן יוניפאָרם האָב איך דערפילט אַ גוט, וואַרעם, מענטשלאַך האַרץ. זיין שטים איז געווען פול מיט מיטגעפיל און אויפריכטיקייט. ער האָט אויסגעזען שוין ניט מער אַ יונגער מענטש, פון דער פּראָווינץ ערגעץ; האָט

אַ פֿאַמיליע מיט קינדער, און דאָס פֿאַרדאַרבענע גרויס־שטאָטיקע לעבן און די „פּראָפּעסיע" זײַנע האָבן ניט געקענט פֿאַרטיליקן און אָפּשוואַכן ביי אים דאָס ריין מענטשלאַכע.

די שווערע טיר האָט זיך הינטער מיר פֿאַרמאַכט, און איך געפֿין זיך ווידער איינער אַליין אין דער דאָזיקער פֿינסטערניש. אַרײַנקומענדיק פֿון דרויסן, איז מיר ווידער שווער געווען זיך צו־געוואוינען צום חושך און די שווערע לופֿט פֿון קעמערל.

איך בין שטיין געבליבן אין מיטן, מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. און מיט יעדן ניט זיכערן שטעל פֿון פֿוס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט, אָט, זינק איך ערגעץ אין אַ שרעקלאַכן טיפֿן אָפּגרונט אָדער איך וועל אָנטרעפֿן אויף אַ פֿינסטערע נאַסע וואַנט, פֿול מיט שרעקלאַכע שרצים און ווערים.

קוים זיך צוריק צוגעוויינט צו דער פֿינסטערניש פֿון מײַן צעלע. אהא, מען נעמט מיך שוין ווידער צום „סמיק"... דער זעלביקער וועג, די נײַגעריקע שטעכיקע בליקן פֿון די פֿאַרבייגייער. ווידער פֿראַגן, ווידער וואַרטן...

זיצנדיק אינ'ם וואַרטע־זאַל קומט אַרײַן מײַנער אַ פֿרײַנט, קרוק, אַ געוועזענער מלחמה־חבר, און מיר באַגריסן זיך מיט די אויגן אויף שטום־לשון. ער ווײַזט מיר אויפֿ'ן קאָפּ, דאָס מיינט צו זאָגן, צו מ'האָט מיר געבראַכט מײַן הוט. ניין, ענטפֿער איך. מיר קוקן זיך שטום איבער. עס איז דאָ אַזוי פֿיל צו ריידן. ער רייסט זיך צו דערציילן, מיר עפּעס צו זאָגן. איינער פֿון די סעק־רעטאַרן האָט עס באַמערקט, און בעט אים אַרויסצוגיין. איך בלייב איבער אַליין באַליידיקט וואָס מ'האָט מײַן פֿרײַנט אַזוי באַהאַנ־דעלט און וויל נישט ענטפֿערן אויף די אַלע פֿראַגן וואָס מ'שטעלט מיר.

— וואָס ווילט איר, — פֿאַרענטפֿערט זיך דער סעקרעטאַר, — עס איז נישט ערלויבט צו ריידן. איך קען גאָרניט טאָן, עס איז ניט מײַן שולד.

— יאָ, אָבער אַרויסטרייבן איז ניט קיין מענטשלאַכע האַנד־לונג.

— אַנדערש וואָלט ער ניט אַרויסגעגאַנגען. — ענטפֿערט ער.

דער קאָמיסאַר קומט אַרײַן און ווענדעט זיך צו מיר: אַ פּאָר פֿאָרמאַליטעטן, און איר וועט ווידער „פֿריי" זײַן...

— האָט איר עדות, וואָס ווייסן, אַז פּעטליורא האָט געמאַכט פּאָגראָמען, אָדער אַזעלכע וואָס האָבן מיטגעמאַכט און בייגע־

ווינט דאָס אַלץ? האָט איר אַזעלכע? איך זאָג אייך פריער, אויב אַזעלכע ווי די נעכטיקע, וואָס זיינען אייך באַפאַלן און גע־שלאָגן, וואָס האָבן גאַרנישט געזען און זיינען געקומען עדות זאָגן קעגן אייך — איז בעסער, גיט זיי ניט אָן. איר האָט געזען, ווי איך האָב זיי אַלע געשיקט שפּאַצירן. אידישער קאָמיטעט, זאָגט איר, צו העלפן די געליטענע פון די פּאָגראָמען?

— נו, יאָ, די זיינען שוין אינטערעסאַנט. — ער האָט אַ וואונק געטאָן דעם פּאָליסמאַן, אַז מיר קענען שוין גיין. און איך בין ווייטער איבער דעם לאַנגן שווערן וועג געפירט געוואָרן אונטער דער באַגלייטונג פון בייזע בליקן איבער די גאַסן. איך האָב קיין צייט ניט געהאַט רעכט זיך ארומצוקוקן, ווי מ'האָט מיך ווידער געפירט צום קאָמיסאַר.

— וואָס זאָגט איר צו דעם? — באַגעגענט מיך דער קאָ־מיסאַר אויף דער שוועל, — די פּרעסע באַשולדיקט אונז, אַז מיר האָבן אייך אַזוי צו'הרג'עט און צושלאָגן? מ'פאַלט אָן אויף דער פּאָליציי און מען זידלט אונז. איך האָב געוואוסט אַז עס וועט אַזוי זיין.

— איך גלויב, אַז איר מאַכט זיך ניט פיל דערפון און נעמט זיך ניט שטאַרק צום הארצן פון די דאָזיקע קלאַנגען?

— יאָ, אָבער אַן אומזיסטע באַשולדיקונג פאַרדריסט דאָך. זיינען מיר אין דעם שולדיק, וואָס דער ווילדער המון איז אייך באַ־פאַלן און צושלאָגן? — נעכטן האָבן זיי אייך שיער ניט גע־לינטשט און היינט פאַרגעטערן זיי אייך און מ'זינגט פאַר אייך לידער. אַזוי איז דאָס מיין טייערער.

דעם פּראָטאָקאָל פאַרענדיקט און אונטערגעשריבן, זאָגט צו מיר דער קאָמיסאַר:

— אַצינד וועט איר זיין רוהיק און ניט געשטערט פון קיי־נעם. האָט איר שוין עפּעס געגעסן? — פרעגט ער מיך נאָך אַ ווילע.

— אַ דאַנק, איך בין ניט הונגעריק

— אָ, ניין, דאָס גייט ניט, מ'דאַרף עסן. הע, פּאָליסמאַן, — האָט ער זיך געווענדעט צו מיין באַגלייטער, — איר זאָלט זען באַ־זאָרגן דעם מאַן וואָס ער דאַרף האָבן, פאַרשטאַנען?

— יאָ, הערר קאָמיסאַר, — ענטפערט ער.

און איך זיץ אַזוי ווייטער איינגעשלאָסן אין אַ לאַנגזאַמען אונענדלאַכן וואַרטן. איך צייל די שעה'ן, מינוטן... דאָס האַרץ

איז אַ מדבר, דער מח אַ כאָאָס, וויסט און לעער... איך וואָרט און וואָרט... מען האָט געבראַכט אַן אָרימען כינעזער און אים איינגעשלאָסן אין אַ קעמערל אַנטקעגן מיין צעלע. ער וויינט, דער עלענדער מענטש, ס'איז אים ערגער פון מיר. אַ ווילד־פרעמדער דאָ, קען ניט די שפּראַך, די מנהגים פון דער אומגערעכטער גע־רעכטיגקייט — אָרימער מענטש.

ארום פיר אַזייגער האָט זיך די טיר געעפנט. צוויי שלאַנקע, שטאַרקע מענער זיינען געקומען מיך נעמען. איינער נעמט ארויס קייטעלאַך און וויל זיי מיר אַנטאָן אויף די הענט. — מען דאַרף ניט, — מאַכט דער צווייטער, עס איז ניט נויטיק.

דער בריגאַדיר און פּאָליסלייט פון דער פּאָליציי־פּאָסט שטי־מען צו: — ער איז אַ רוהיקער, ער וועט ניט אַנטלויפן, — נישט אמת ? ווענדעט זיך צו מיר דער עלטסטער.

מ'גיט מיר אַלע מיינע זאַכן און מען ווינטשט מיר אַ גוטע רייזע...

אויפ'ן וועג פאַרפירט מען אַ שמועס:

— איר דאַרפט זיך ניט נעמען אזוי שטאַרק צום האַרצן, — זאָגט דער סימפּאַטישסטער פון די צוויי, — די צייטונגען זיינען שוין פול מיט אייער אַקט און באַציען זיך גאַנץ גוט צו אייך. עס איז אויך פאַרשטענדלאַך, אַז עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע וואָס וועלן אייך קריטיקירן און זיין קעגן אייך. אָבער איך קען אייך זאָגן, אַז איר האָט גרויסאַרטיק געהאַנדלט. עס מאַכט ניט, זאָלן זיי פילן, די קאַנאַליעס, אַז ניט אייביק וועט זיי געלינגען זייערע פוילע שטיק. הלואי נעמט מען זיך אויך ביי אונז, אין פראַנקרייך, אָפּצוראַמען אביסל די אַלע פרעסערס פון פּאַרלאַמענט, וואָס ווייסן ניט מער ווי צו מאַכן געזעצן און זויגן ווי די פּיאַווקעס דאָס בלוט פון פאָלק... אַי, וואָלט מען זיי געדאַרפט „מאַכן טאַנצן"....

— ווער האָט אייך אזוי צושלאָגן ? — רופט זיך דער צוויי־טער אָן.

— דער המון, — ענטפער איך.

— אזוי זיינען זיי, די ווילדע חיות, — פאַרכאַפּט דער ערש־טער, — ס'מאַכט ניט, היינט האָבן זיי אייך געשלאָגן, און מאָרגן וועלן זיי זיך מיט אייך צאַצקען אין די גאַסן. זיי ווייסן ניט און האָבן קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס זיי טוען ?

מיר זיינען ווידער געקומען צום קאָמיסאַריאַט, וואו מען האָט

צוזאַמענגענומען מיינע אַלטע קאָנפיסקירטע מאַנוסקריפּטן און זאַכן וואָס מ'האָט געפונען ביי דער אונטערזוכונג אין מיין היים, זיי פאַר'חתמ'עט, צוגערופן אַן אויטאָמאָביל און מיר זיינען אָפּגעפאָרן...

פאַר דאַנטאָנ'ס מאָנומענט

אויף בולוואר סאַן־זשערמאַן, פאַרבייפאָרנדיק דאַנטאָנ'ס מאָנומענט, רופט איך זיך אָן: אָט איז דער מענטש וואָס האָט מיט מוט, מוט און נאָך אַמאָל מוט געקעמפט און באַזיגט אַלע שונאים פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

— יאָ, — רופט זיך אָן דער ערשטער באַגלייטער מיט אַ פאַרזאָרגטער מינע: ער איז געווען, אָבער מיר וואָלטן זיי ווידער געדאַרפט האָבן אין דעם איצטיקן מאָמענט! אַזעלכע דאַנטאָנס און ווי איר, זיינען לײַדער זייער זייער זעלטן, און דערפאַר ליידט די וועלט אַזוי שטאַרק.

— קע דע ל'אַרלאָזש! — רופט זיך דער צווייטער אָן צום דרייווער, וואָס האָט געפרעגט וואו זיך אָפּצושטעלן.

— אין דער קאָנסיערזשערי (פּריזאָן ביים יוסטיץ פּאַלאַץ).

— פירט איר מיך? — פרעג איך.

— יאָ, — ענטפערן ביידע מיט אַמאָל.

— די מויערן, וואָס האָבן געזען גרויסע, שווערע איבערלעבענישן און בלוטיקע ספּעקטאַקלען...

— אַך, יאָ, דאָ האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַביסל סצענעס...— האָט דער ערשטער באַטאָנט. פון דעסטוועגן דאַרפט איר זיך דאָ האַלטן רוהיק, — האָט דער צווייטער באַמערקט.

— דאָס דאַרפסטו שוין ניט לערנען, ער איז שוין גענוג ערוואַקסן, — ענטפערט אים דער ערשטער. — אַ מאַן וואָס גייט טאָן אַזאַ זאַך ווייסט ווי זיך צו האַלטן. הלואי וואָלט מען אים נאָר פאַרשטאַנען, און וואָלטן אַזעלכע מענטשן געווען אַ סך — ווי שענער און אַנדערש וואָלט דאָס לעבן אויסגעזען...

מיר זיינען אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן אייזערנעם טויער, וואָס האָט זיך תיכף צוגעמאַכט הינטער אונז. אין דעם אויפנאַם־זאַל זיינען געזעסן עטלאַכע מענטשן און געשריבן. איינער, וואָס האָט אָפּגענומען אַלע דאָקומענטן און זאַכן פון מיינע באַגלייטער האָט זיך צו מיר געווענדעט:

— ווער האָט אייך אזוי צושלאָגן ?

— די ווילדע בעסטיעס, דער המון, — ענטפערט פאַר מיר דער באַגלייטער.

— יאַ, יאַ, מען דאַרף זיי ענטשולדיקן, זיי האָבן ניט גע־וואוסט וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך.

מ׳האָט מיך צוגעפירט צו אַ צווייטן איינזאַמען טויער, פון וואַנען מ׳פלעגט די צום טויט פאַר׳משפּט׳ע אַרעסטאַנטן פירן צו דער גילאָטינע, און מ׳האָט מיך איבערגעגעבן צו די שליסל־היטער פון דער „דעפּאָ־געפענגניש". אַ שוואַרץ לעבל ברויט און אַרעס־טאַנטן נומער פון דער תפיסה־אָבטיילונג האָט מען מיר דערלאַנגט און געהייסן וואַרטן פאַר אַן אָפענער טיר, וואו אַ שוואַרצער האַנ־טוך איז געהאַנגען, און דערביי אַ פּעטער אויפשריפט :

„שטרייגג פאַרבאָטן זיך צו ווישן די פינגער אָן די ווענט".

אַ צווייטער אויפשריפט :

„דאָ מוז הערשן פאָלשטענדיגע שטילקייט".

אין צווייטן צימער זיינען געזעסן אַ פּאָר שרייבער און אַראָפּ־גענומען אַלע סמנים און צייכנס פון די אַרעסטאַנטן, אויסגעפרעגט און אָפּגעמאָסטן, אָפּגעשטעמפּעלט די פינגער אויף די פּראָטאָקאָלן און געוויזן מיט דער האַנט אויפ׳ן שוואַרצן האַנטוך זיך אָפּצואַ־ווישן. פון דאַנען האָט צו מיר איינער אויף שטום־לשון אַ וואונק געטאָן איך זאָל אים נאָכגיין. ער האָט מיך איבערגעשיקט צו אַ צווייטן, דער צו אַ דריטן, און דער ווידער צו אַ פערטן, ביז מען האָט מיך אזוי צוגעפירט צו אַ קעמערל און פאַרשלאָסן . . .

ענדלאַך, מיט מזל, בין איך שוין אליין ! איך האָב באַ־טראַכט די צעלע : דריי אייזערנע בעטלאַך מיט מאַטראַצן, אַ פענטסטערל אַ קליינס מיט גראַטעס, אַ טישל צוגעקאָוועט צו דער וואַנט, אַן אָפּטרעט אין אַ ווינקל פון דער צעלע, אַ קרוג מיט וואַ־סער, אַ בעזים — דאָס גאַנצע רומל און מעבל פון קעמערל, אויף די ווענט פאַרשיידענע אויפשריפטן פון די דורכלויפנדע און צייט־ווייליקע אַרעסטאַנטן. אַ פּאָר נעמען זיינען מיר געווען באַקאַנט פון די צייטונגען : פאַר רויב, מאָרד, שווינדל און גזלה. יעדער באַרימט זיך מיט זיין ארבעט . . . איך וואַרף זיך אויף איינער פון די בעטלאַך און צי זיך אויס איבער דער גאַנצער לייגג. ענדלאַך, ענדלאַך געפונען אַ שטיקל געלעגער וואו איך וועל קענען אביסל איינשלאָפן . . .

ד

אין קאנסיערזשעריע

דאנערשטיק דעם 27טן מאי, 1926.

א שטארקער ברוטאלער קלאפּ האט מיך אויפגעריסן פונ'ם שלאף

— אויפשטיין !! — האט זיך דערהערט א גראבע שטימע פון דעם פיר־עקיגן טירעלע פון יענער זייט קעמערל. איך קוק זיך ארום, וויל זיך דערמאנען וואס מיט מיר איז פארגעקומען, אלע איבערלעבענישן, אבער עס איז ניט מעגלאך צוזאמענגעמען די געדאנקען. דער קאשמאר פון שלאף האט איבערגעלאזט א פּוסט־קייט אין מח. עפּעס פּארט געדיינקט זיך... דאכט זיך, אז מייז זיינען אויף מיר געקראכן ?... א חלום ?... ניין, ניין! טאקע אין דער ווירקלאכקייט, א סימן דאס לעבל ברויט איז צופרעסן פון זיי. יא, יא, איך דערמאן זיך. איך בין א פּאר מאל אויפ־געוועקט געווארן פון זייער קיצלען מיך אין די פּיס און קריכן איבער'ן לייב און קאפּ. נו, נו, האב איך מיט זיי געהאט א שטיקל ארבעט, יעדעס מאל פון זיך אראפּטרייבן. זיינען זיי ניט פון דער ערשטער פראנצויזישער רעוואלוציע ? פלייכט האבן זיי נאך געמוטשעט לודוויג דעם 16טן און זיין פּלונית'טע מאריע־אנטו־אנעט ?

ס'דארף שוין זיין היבש אויפ'ן טאג, איך פּיל לויט'ן שיין וואס גנב'עט זיך אריין דורך די גראטעס.

דאס טירל עפנט זיך און א שטים פרעגט :

— ווילט איר קאפע ?

— איך וואלט אודאי געוואלט !

— האט איר געלט אין קאנטאר ?

— דאכט זיך, אביסל ?

— וויפיל הייסט אביסל ?

— עטלאכע פראנק.

— דאס איינגאנצן ? — קענט איר ניט קריגן צו עסן עפּעס

פון קאנטינע. דאס טירל האט זיך צוגעקלאפט. אומעטום איז גילטיק דער פסוק פון משלי: „הכסף יענה את הכל" — טראכט איך זיך. דא פרעגט מען ניט פון וואנען מען האט געלט, צי ס'איז גע'גנב'עט, גערויבט, באשווינדלט, אבי מען האט דאס, קריגט מען שוין אלץ אין קאנטינע דערפאר... נאר איך נאר האב זיך ניט באזארגט פריער און וועל מוזן דערפאר ליידן... א מצוה... דער היטער שליסט אויף מיט א פראל די טיר און דערלאנגט מיר א פענדל מיט אביסל שיטערע ווארעמע זופ... איך האב נאך גע־האלטן אינמיטן זופן דעם געשמאקן בוליאן, ווי די טיר עפנט זיך ווידער:

— ווי איז אייער נאמען?

— און דער צונאמען אייערער? גוט! קומט מיט!

איך האב אלץ געלאזט שטיין און ארויס פון צעלע. א גע־זונטער זשאנדארם איז צוגעגאנגען, מיך צוגעקייטעלט און געפירט דורך לאנגע אונטער־ערדישע היילן און קארידארן און ביי יעדן קרייצוועג פון די קעלערס, האט ער קאמאנדעוועט: רעכטס! לינקס! גראד־אויס! לאנגזאם, שנעלער!...

מיר האבן זיך געטומען שפאנען אויף געדרייטע טרעפ עט־לאכע עטאזשן, און ווידער א לאנגער קארידאר. צוגעקומען צו א טיר מיט א קליינער אויפשריפט: „אויספארשונגס ריכטער, מאסיע זשאנטי".

דער זשאנדארם האט אנגעקלאפט און א שטים האט פון אי־נעווייניג געענטפערט: אריין!

אי, טראכט איך זיך, דא וועט מען מיך נעמען צום סמיק... אריינקומענדיק האב איך באמערקט צווי מענער ארום א גרויסן שרייב־טיש מיט א בארג פאפירן און דאקומענטן, איינער אן על־טערער מאן פון א יאר פופציק, גלאט ראזירט מיט א שטריינג אנגעלאדענעם מאגיסטראטן־געזיכט און א שארפן בליק, איז גע־זעסן פארגראבן דעם קאפ אין א שאק פאפירן. אנטקעגן אים איז געזעסן א יונגער מענטש פון א יאר עטלאכע און דרייסיק. א גרויסער עקיקער קאפ, עטוואס רויטלאך — „טעט קארע" (פיר־עקיקער קאפ) — ווי די פראנצויזן רופן, א קורצזיכטיקער מיט ברילן, וואס האבן פארשטעלט א שטיק פון זיין פיזיאנאמיע...

דער עלטערער מאן האט מיר מיט דער האנט אנגעוויזן א ביינקל זיך צו זעצן. די גאנצע צייט האט ער געהאלטן דעם קאפ פארגראבן און פארטיפט אין די דאקומענטן און זיך ניט אומגע־

קוקט אויף מיר. דער צווייטער קעגן אים, האָט געהאַלטן טינט און פעדער גרייט צום שרייבן אויף דעם לאַנגן בויגן פּאַפּיר.

— אייער נאָמען, הייסט עס, איז שוואַרצבאַרד? און אייער פּאַרנאָסע?

— איר זייט אַ זייגערמאַכער? אַן אַרבעטער צי אַ בעל־הבית?

— ניין!

— אייער אַדוואָקאַט?

— מעטר אַנרי טאָרעס.

— גוט!

די גאַנצע צייט האָט ער קיין מאָל ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַ קוק צו טאָן אויף מיר, צום סוף האָט ער זיך געווענדט צום סעקרעטאַר, וואָס האָט געשריבן אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט:

— פאַרשרייבט, מעטר טאָרעס! — יענער האָט מיר דער־לאַנגט דעם בויגן פּאַפּיר זיך אונטערצושרייבן.

— איר זייט „פריי"! — זאָגט דער עלטערער אונטער דער נאָז, דעם קאָפּ פאַרזונקען אין די פּאַפּירן.

דער זשאַנדאַרם איז צוגעגאַנגען, ווייטער מיר אָנגעטאָן דאָס קייטל אויף דער האַנט און געבליבן שטיין...

— ווי באַפעלט איר, הער ריכטער? — זאָגט ער געהאָרכיק.

— וואָס פרעגט איר מיך! — ענטפערט שטרענג דער על־טערער מאַן. — טוט וואָס איר ווילט...

דער זשאַנדאַרם האָט מיך אַרויסגעפירט און ווידער שטיין געבליבן אין לאַנגן קאָרידאָר, ניט וויסנדיק וואו פריער צו גיין. ענדלאַך האָט ער זיך אַנטשלאָסן און מיך צוריקגעפירט איבער דער זעלביקן וועג אין מיין קאַמער... אַ האַלבע שעה איז פאַרביי, די טיר עפנט זיך ווידער:

— נעמט אַלע אייערע זאַכן און קומט!

מ'פירט מיך ווידער, דאָס מאָל אַ היטער פון די קאַמערן. אין אַ גרויסן קאָרידאָר זע איך ווי עס שטייען שוין אויסגע־שטעלט אַ רייע אַרעסטירטע. די היטלען אין די הענט, צעשווי־בערטע, אייניקע צעשלאָגענע, אַלטע, יונגע, אייניקע מיט סימפּאַ־טיש געזיכטער, אַנדערע ברוטאַלע. אַ פּאָר אַראַבער, אַ נעגער און אַ מולאַט. מען הייסט מיך צווישן זיי זיך שטעלן אין דער ריי — און מאַרש!

מ'פירט מיך ווידער דורך טיפע, לאַנגע קאָרידאָרן און היילן.

איך דערמאָן זיך דעם וויזיט אין די קאַטאַקאָמבן, אַזעלכע היילן. עס האָט אַ פּנים געהאַט ווי די לעבער און קעלערס פון די פּאַר־צייטיקע, פּאַרהיסטאָרישע חיות.

מיר קומען צו געדרייטע טרעפּ און מ'הויבט זיך אויף אין דער הויך. אַ טיר עפנט זיך, אַ פּאָר זשאַנדאַרמען שטייען און ציילן אונז איינציקווייז, שטעלן אונז אויס אין אַ רייע און מען וואַרט... פון אַ צווייטער טיר שטעקט אַ זשאַנדאַרם אַרויס דעם קאָפּ:

— וואַלאַ! דערלאַנגט! — מ'טיילט אָפּ עטלאַכע, מען הייסט זיך זיי אויסטאָן ביז צו די העמדער, באָרוויס, און מען שיקט זיי אַריין אין צווייטן צימער. מיר וואַרטן אויף אונזער ריי.

איך קום אַריין, אַ בריגאַדיר פון די זשאַנדאַרמען זיצט ביי אַ טישל און פרעגט אויס:

— אייער נאָמען?

— און אייער פאַרנאָמען?

— באַשעפטיקונג? די יאָרן?

— פאַרהייראַט? קינדער?

אַן אַנדער זשאַנדאַרם פירט מיך אַריין אין איין העמד.

— אָט איז ער! — האָבן אייניקע מיט פּאַטאָס אויסגערופן. הערנדיק מיין נאָמען, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פון די אַנדערע צימערן עטלאַכע פאַרשוין אין ציווילע קליידער מיך אָנקוקן.

— בראַוואָ! בראַוואָ! האָסט גוט געטאָן! — האָבן זיך דערהערט אַרום מיר שטימען... דער עלטסטער פון די זשאַנ־דאַרן האָט מיך אויסגעפרעגט מיט פריינטלאַכן און רעספּעקטירנדן טאָן: — איר זייט געווען אין קריג? פאַרוואונדעט? איר זייט אַ פראַנצויז? גוט! גוט!... וואָס פאַר אַ פאַרשוין איז געווען דער, וועמען איר האָט משלח געווען?

איך האָב געזאָגט.

— אַזוי, זייער גלייך, איר האָט גוט געטאָן, בראַוואָ!...

און איך בין אַריינגעקומען אין אַן אַנדער צימער, וואו מען האָט מיך פאָטאָגראַפירט פראָפיל און אַראָפּגענומען די צייכנס פון די הענט און פינגער, געמאָסטן דעם שאַרבן, די נאָז, די לייננג פון עלנבויגן, די פיס, די דיקייט פון די מוסקולן, אַראָפּגענומען די סמנים פון קערפּער, געזיכט־שטריכן, פאַרב פון די אויגן, און די האָר, די הויך און גרויס, די פּראָפּאָרציע פון קערפּער־געבוי, מיט איין וואָרט: אַנאַטאָמיזירט די מענטשלאַכע חיה פון קאָפּ

בין די פיס. דאָרט איז מען מיך ערשט באַפאַלן מיט פראַגן פון אַלע זייטן.

— אַ גענעראַל איז ער געווען? אַ מיניסטער, אַ דאָקטאָר? אַ פּרעזידענט? אַזוי? — ער איז שוין אויף יענער וועלט!... איר ווייסט? ער וועט שוין מער ניט קומען... אַזוי דאַרף מען זיי אַלע טאָן! — האָבן אַנדערע געשריגן. — נאָר ניט אַזוי ווי איר האָט געטאָן. ניין. מיט באַמבעס זיי צערייסן אויף שטיקער! זאָלן זיי פילן דעם טעם פון טויט, די פּאַראַזיטן! יאָ, יאָ, זיי זיינען ווילדע בעסטיעס, קאַנאַליעס, ס'איז נאָר אַ שאָד וואָס אַזעלכע ווי איר איז אַ זעלטנהייט...

— ס'מאַכט ניט, מיין פריינט, איר דאַרפט ניט פאַרצווייפלען!

— האָבן מיך ווידער אַנדערע געטרייסט. — זאָרגט אייך ניט, מ'האָט אייך צעשלאָגן? — האָבן אייניקע מיך באַדויערט. — ס'מאַכט ניט, אַצינד וועלן זיי אייך פאַרגעטערן. די זעלביקע באַדויערן שוין וואָס זיי האָבן אייך אַזוי באַהאַנדלט, זייט רואיק! זייט זיכער, אַז איר האָט גוט געהאַנדלט, זאָרגט ניט...

איך בין געשטאַנען אינמיטן דעם רעדל און זיך אַליין ניט געגלויבט. וואו געפין איך זיך דען? צווישן וועמען? מיינען די אַלע מענטשן ערנסט דאָס אַלץ? ניט אַנדערש, אַז איך חלום! ס'איז ניט מעגלאַך אַזאַ אויפנאַמע. מיר?... אַ איד, וואָס איז געגאַנגען נקמה נעמען פאַר זיין פאָלק?... ניט אַנדערש, אַז איך בין אויפ'ן עולם־התהו... איך האָב געגומען גלויבן אין איבערנאַטירלאַכעס. איך געפין זיך פאַר דעם בית דין של מעלה, די אַלע זיינען איבערגעטאַנענע מלאכים, וואָס זיינען געקומען מיך באַגריסן. אַנדערש קען גאָר ניט זיין. אפשר זיינען זיי פאַנטאַ־מען אָדער גלגולים פון געקוילעטע מאַרטירער? ווער ווייסט?...

דער געדאַנק, אַז איך געפין זיך אין דער פּרעפעקטור צווישן זשאַנדאַרמען און אָרדנונגס־היטער, האָט זיך גאָר ניט געקענט צופּאַסן צו אַזעלכע ווערטער און צו אַזאַ פריינטלאַכע אויפנאַמע. זיי זיינען דאָך אַלע רעוואָלוציאָנערן, מענטשן, וואָס קענען ניט ליידן קיין אומרעכט, אָט די, וואָס איך ליב... איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און ווען איך שעם זיך ניט, וואָלט איך זיי אַרויפגעפאַלן אַלעמען אויף די העלזער, זיי אַרומגענומען און געקושט, — אַזוי גערירט בין איך געווען. מיר האָט זיך געגלוסט צו וויינען פאַר פרייד. אויף אַזאַ סימפּאַטיע פון מענטשן האָב איך זיך ניט גערעכנט, איבערהויפּט אין דער פּרעפעקטור...

ווען מ'איז מיט מיר פאַרטיק געוואָרן, האָבן מיך אַלע באַ־גלייט מיט די אויגן, זיך געזעגנט, און געוואונטשן קוראַזש.

איך האָב זיך גאָרניט געקענט באַרואיקן, אַזוי האָט דאָס האַרץ פון פרייד געקלאַפּט. די איבעריקע אַרעסטירטע האָבן אויף מיר געקוקט מיט אַ געוויסן אייפער און באַוואונדערונג. ווען מען האָט אונדז געבראַכט צוריק אין דער „קאָנסיערזשערי" און פאַר־שלאָסן צוזאַמען אין אַ גרויסן וואַרט־זאַל, פון וואַנען מען האָט אונדז געדאַרפט טראַנספּאָרטירן אין פּריזאָן „לאַ סאַנטע," זיינען מיך די אַרעסטירטע ערשט באַפאַלן: — איר האָט דעם רוסישן גענעראַל אָפּגעראַמט, אַ יאָ? — זייער גלייך! איר דאַרפט זיך ניט שטאַרק קימערן. דאָס איז אַ פּאָליטישע זאַך, דערפאַר וועט אייך ניט קומען קיין סך. זאָרגט ניט! יאָ, יאָ, — האָבן אַ פּאָר זיך אָפּגערופן. — מיר האָבן געלייענט אין די צייטונגען. אָ, האָט איר אָנגעמאַכט אַ טומל! פרעגט שוין גאָרניט. אייער־נעכטן, דאַכט זיך, ניט אמת? אין אַלע צייטונגען איז געווען פול פון דעם! ס'מאַכט ניט, איר האָט גוט געטאָן... אַצינד וועט איר זיך אַביסל אָפּרוען, ניט מער, אין „סאַנטע" איז ניט שלעכט, מ'קען רויכערן, און ווער עס האָט געלט קען עסן און טרינקען דאָס בעסטע פון קאַנטינע, אַפילו פון דרויסן. ווען איר האָט געלט און ווילט — ברענגט מען אייך אַריין פון רעסטאָראַנט יעדן טאָג עסן און גוטן וויין דערצו. עס קאָסט אָבער זייער טייער דאָס אַלץ. מען דאַרף האָבן אַ גרויסן בייטל אויסצוהאַלטן. איר זייט ניט אַזוי אָרעם, — דאַכט זיך, אַ זייגערמאַכער געשעפט? נו, אייך וועט ניט זיין אַזוי שלעכט, אייער פרוי וועט קענען קומען יעדע וואָך אייך באַזוכן, פאַרשטייט זיך, איר וועט זיך איבערשמועסן דורך די גראַטעס. — אָבער ניט מער...

איך האָב זיך געפילט אַביסל שאָקירט און געטראָפן פון די אַלע סימפּאַטיעס און מיטגעפילן וואָס די אַרעסטירטע, די היטערס און די זשאַנדאַרמען האָבן מיר אויסגעטיילט. פון דער אַנדער זייט האָט מיין זעלבסט־ליבע זיך געפרייט און פאַרגעניגן געהאַט.

עס האָט זיך דערהערט דאָס ראָלן פון שווערע רעדער און דאָס קלאַפּן פון פערדישע פּאָדקאָוועס אויף די שטיינער פון הויף. די געזיכטער פון די אַרעסטאַנטן האָבן גענומען שיינען: „אַצינד קומט מען נאָך אונדז פון דער „סאַנטע," לעבן זאָל זי!"

ה

פריזאָן לאַ סאַנטע...

באַלד האָט זיך אונזער טיר אויפגעשלאָסן און מען האָט אונז איינציקווייז ביי די נעמען אויסגערופן און אַרויסגעפירט אין הויף. דאָרט זיינען געשטאַנען זשאַנדאַרמען, עטלאַכע אין ציוויל, און ווידער אויסגעטיילט אונז אין גרופּן, אויסגעפרעגט ביי די נעמען און געהייסן אַריינגיין אין די קעמערלאַך, צו פינף אין ביידע זייטן, און נאָך יעדן איינעם פאַרשלאָסן און פאַריגלט די טיר. אַ זשאַנדאַר און אַ ציווילער האָבן זיך געזעצט אין דעם דורכגאַנג פון וואָגן פון ביידע זייטן. אַלץ פאַרטיק געוואָרן, האָבן די רעדער ווידער גענומען שרייען און די פערד קלאַפּן, בעת מיר קאַטשען זיך אין דעם ענגן, פאַרשלאָסענעם קעמערל פון איין עק וואַנט צום אַנדערן, רופט זיך אָן דער מאַן אין ציוויל דורכ׳ן טירל צו מיר:

— ווי רופט מען אייך?

איך האָב געזאָגט.

ער האָט אויפגעשלאָסן מיין טירל און איך האָב זיך געפונען אויף דער פרייער לופט. אַזוי די גאַנצע צייט, ביז דער תפיסה „לאַ סאַנטע.” אויפ׳ן וועג האָט דער מאַן מיט מיר גערעדט פריינטלאַך, אויסגעפרעגט און מיר אָנגעזאָגט ניט צו פאַרלירן דעם מוט, ווייל מיין אַקט איז אַ גערעכטער. ער האָט מיר דער־ציילט ווי די צייטונגען שרייבן וועגן מיר, און שטאַרק באַדויערט וואָס מען האָט מיר צעשלאָגן. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיי־נונג, אַז איך האָב זיך ניט וואָס צו זאָרגן. די איינציקע אומאַנ־גענעמע זאַך איז, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין דער היים אַ פרוי, וואָס וועט ליידן, — ווייטער איז אַלץ גוט. אַזוי דאַרף מען האַנדלען.

איך בין געזעסן, אַרויסגעקוקט אין דרויסן, געזען די אַלע פאַרבייגייענדיקע, יעדער איז געלאָפן, דער וואָגן איז געגאַנגען זיין וועג, דורכפאָרנדיק דעם בולוואַר „סאַן מישעל,” דאָס אָרט פון מיינע איבערלעבענישן אין לעצטן מאָמענט פון טאַט...

דער מאַן האָט באַמערקט און דערקענט מיין פאַרשנדיקן בליק. — אַ, דאָ איז דאָס געשען, ניט ריכטיק ?...

— יאָ, — ענטפער איך. — ערשט אייערנעכטן אין דער צייט. און מיר דאַכט זיך, אַז עס זיינען שוין יאָרן אַוועק... אַזוי ווייט קומט מיר אַצינד דאָס אַלץ פאָר...

מיר זיינען דורכגעפאָרן ניט ווייט פונ׳ם מאָנומענט פונ׳ם מאַרשאַל נעי — איך וויז אַן אויף דער סטאַטוע, — יאָ, זאָגט מיין באַגלייטער, — ער איז געווען דער בראַווסטער פון די בראַווע.

„ניט נאָר האָט ער געלעבט אין קאַמף, נאָר ער האָט אויך געוואוסט ווי בראַוו צו שטאַרבן,” — ענדיק איך.

— וואָס דען, שטאַרבן דאַרף מען אויך קענען, ניט יעדער האָט מוט אין די לעצטע מאָמענטן...

ווען מיר זיינען צוגעפאָרן צו דער „סאַנטע,” און דער גרויסער אייזערנער טויער האָט זיך ברייט געעפנט און באַלד פאַרמאַכט הינטער אונז, האָט מיין באַגלייטער מיך אַרויסגערופן פון וואָגן און איך בין געבליבן שטיין פראַנק און פריי. די אַנדערע אַרעסטאַנטן זיינען נאָך געבליבן פאַרשלאָסן. איך האָב זיך זייער גוט געפילט פון דער פריווילעגיע. ווען מען האָט ענדלאַך די אַנדערע אַרויסגעלאָזט און אונז ביי די נעמען איינציקווייז אויסגערופן און אַריינגעפירט אין דעם אָפּיס פון דער „סאַנטע,” האָבן זיך עטלאַכע פון די אַרעסטאַנטן אָנגערופן: „דו מיין טייערער, האָסט אַ גוטן טשאַנס, ביזט געפאָרן די גאַנצע צייט פריי, אָפן, ווי אַ פרינץ, געקענט שעפן פרישע לופט און אַרויסקוקן אויף דער גאַס, ניט יעדער האָט אַזאַ מזל.”...

כאָטש זיי האָבן גאָרניט געמיינט דערביי, פונדעסטוועגן האָב איך זיך געפילט שטאַרק געטראָפן... פאַר וואָס איז מיר דאָס אייגנטלאַך אַלץ געקומען ? מיט וואָס בין איך מער יחסן פון די איבעריקע ?...

וואַרטן לאַנג האָט מען ניט געלאָזט. באַלד ווידער אויסגערופן די נעמען, די ביינעמען, באַרוף, רעליגיע, פאַרוואָס פאַר אַ טאַט ; פראָטאָקאָלן האָט מען געדאַרפט אונטערשרייבן, און ווידער אַראָפּגענומען די צייכנס פון די הענט און פינגער, יעדן באַזונדער געמאָסטן דעם מח, די הויך, געוואוקס, אַראָפּגענומען די שטריכן פון געזיכט... זיך גע׳חתמ׳עט אַ פּאָר מאָל אין אַ גרויסן בוך און מיט די ציינגע־פינגער אָפּגעשטעמפּלט. ס׳האָט גענומען צייט. פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אונז צו דריי אַריינגעפירט

אין אַ פּראָוויזאָרישן פינצטערן קעמערל, וואָס איז קוים געווען גענוג פאַר איינעם זיך אויסצודרייען, און פאַרשלאָסן. מען וואַרט. מען וואַרט... איז מעגלאַך אַז מען וועט אונז שוין לאָזן נעבּ־טיקן אין דעם חושך׳דיקן לאָך? — פרעג איך מיינע חברים, שוין מער דערפאַרענע.

— ע, — רופט זיך אָפּ איינער, — ביזט גאָר אַ גרינער, ווי עס זעט אויס. באַלד וועט מען אונז פון דאַנען אַרויסנעמען, ס׳איז נאָר אויף דערווייל, וועסט שוין זען אין וואָס פאַר אַ צימערן און צעלן מען וועט אַריינזעצן.

דאָ רופט זיך אָן דער צווייטער: — ס׳איז אַן אמת׳ער האָטעל, „האָטעל פּאַ שער" (ניט טייער), ווער ס׳איז שוין אינווייניק, זאָרגט זיך ניט שטאַרק...

די טיר האָט זיך אויפגעשלאָסן און מען האָט אונז נאָך אַמאָל אויסגעפרעגט די נעמען, די ביינעמען, געגעבן יעדן אַ בלעכן שילדל, אַ קליינס, מיט אַ נומער, אַ פּאַפּיר, אַזאַ מין דאָ־קומענט, וואָס דאַרויף איז געשטאַנען דער נאָמען, די פאַמיליע, דער מאָטיוו פון פאַרברעכן, דער נאָמען פון אויספאָרשונגס־ריכ־טער, מיט אַ געדרוקטער מגילה: „איך, דער ריכטער, דער און דער, באַפעל און פאָראָרדן צו אַלע אויטאָריטעטן, פּאָליציי און אַלע געריכטלאַכע אַנשטאַלטן צו פאַרהאַלטן און אַרעסטירן דעם און דעם, פאַר אַזאַ און אַזאַ פאַרברעכן, אומעטום, וואו מען וועט אים געפינען."...

איך וויל לייענען ווייטער דעם זין דאָקומענט, אָבער מען טרייבט אונז ווי חיות פון איין שטייג אין דער אַנדערער. אין אַ געוויסן קאָרידאָר שטעלט מען אונז אויס, יעדעם מאָל הערן זיך בייזע גראָבע שטימעס און דאָס וואָרט: „שטיל!" די אַרעסטאַנטן ווינקען זיך איבער און ווייזן מיט די פינגער איבער׳ן מויל: שאַ... שאַ... מען דערלאַנגט יעדן צוויי לײלאַכער, אַ העמד, אַ שטיק גראָבע לייוונט פאַר אַ האַנטוך, מען באַפעלט יעדן זיך אויסצוטאָן נאַקעט. מיר גייען פאַרביי אַ צימער, וואו פיר פאַרשוין זיינען געזעסן. — ווידער אויסגעפרעגט, פאַרשריבן. איינער איז געשטאַנען און באַזוכט די קליידער פון יעדן איינציקן, באַטאַפּט יעדע זאַך באַזונדער, און געגעבן צוריק די אונטערוועש און די קליידער, געהייסן זיך צוריק אָנטאָן, צוגענומען אַלץ פון די קעשענעס, אַ חוץ אַ קעמל, און די פּאַפּירן האָט מען צוריקגעגעבן.

פּאַרטיק געוואָרן מיט דעם וויזיט, האָט מען צעשיקט יעדן אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג.

אַרום דריי אַזייגער האָט זיך געעפנט סקריפּנדיק אַ שווערע טיר. איך האָב באַמערקט דעם נומער:

פינפטע דיוויזיע, צעלע נומער 7.

איך בין אַריין און די טיר האָט זיך מיט אַ קלאַפּ פאַרמאַכט.

פרייטיק, 28־טן מאַי, 1926.

די טיר פון דער צעלע עפנט זיך מיט אַ שווערן טעמפּאָ. עס איז אַזייגער זיבן.

— שפּאַצירן! — גיט דער וועכטער ווי פאַר זיך אַ זאָג.

איך לויף אַרויס פון דער צעלע און מ׳ווייזט מיר אַז אויף שטום־לשון וואוהין צו גיין. פאַר מיר שפּאַנען שוין עטלאַכע אַז היטלען. איך זע בלויז זייערע רוקנס. מ׳פירט אונז אַריין אין אַ הויף און מ׳פאַרשליסט אונז יעדן באַזונדער אויף אַן אָפּגע־צוימטן שטיק פּלאַץ, פון צוויי זייטן מיט הויכע געמויערטע ווענט, פון איין זייט מיט דיקע אייזערנע גראַטעס, וואָס ציען זיך ביז צום דעכל, און פון דער פערטער זייט, וואו די טיר געפינט זיך, אַ שטיקל פרייער הימל.

איך הער שטימעס ריידן, אָבער זען זע איך קיינעם ניט. איך קוק אַרום, פון איבעראַל בלויז שטיינערנע ווענט, קליינע פיר־עקיקע פענצטערלאַך מיט אייזערנע גראַטעס — ווייטער קיין לע־בעדיק באַשעפעניש.

איך הער פּאַרט שטימען און דווקא אין אַ באַקאַנטער שפּראַך, פּויליש, דאַכט זיך:

— זאָג, חבר, פאַרוואָס ביזטו דאָ?

— מיך מיינט איר? — פרעג איך אויף רוסיש.

— דאָ, דאָ.

— איך האָב פּעטליורא׳ן דערשאָסן!

— בראַוואָ, חבר! גוט געטאָן! זייער גלייך, די בעסטיע, זאָל ער וויסן.

איך הער, ווי די שטים גיט איבער אַ צווייטן און אַ דריטן די נייעס אויף פּויליש, און אַלע שרייען פון די באַהעלטענישן:

— גוט געטאָן! גוט געטאָן!

איך נעם זיך פון מיין זייט נאָכפרעגן ווער זיי זיינען.

— אָ, — ענטפערט מיר די שטים, האַלב אוקראַיניש, האַלב

פוילישׁ: — מיר זיינען דאָ פּאָר רויב און מאָרד, אכט־און־פּערציק פּאַליאַקן, אַלע פאר רויב און מאָרד, אַ פּאָר זיינען דאָ, וואָס מען וועט זיי אָראָפּנעמען די קעפּ.

— ווער זיינען זיי?

— איינער וולאַדעק, פון גאַליציע און נאָך. דו וועסט זיי ניט קענען, חבר.

— און איר?

— כ׳דאַרף באַקומען באַלד צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע. פאַר־שטייסט וואָס פּאָר אַ באַנדע, איינער „גראַבט" אויפ׳ן צווייטן. איך האָב כמעט גאָרניט געהאַט פון די אַלע גנבות און רויבערייען, און וועל מוזן ליידן...

איך הער ווי אַ צווייטע שטימע שרייט מיט פּראָטעסט:

— גלויב אים ניט, חבר, ער איז אַ ליגנער, אַ רויבער, ער האָט גלייך מיט אַלעמען גערויבט און געמאָרדעט, און וויל זיך ריינוואַשן. גלויב אים ניט!

די שטימען נעמען זיך קריגן צווישן זיך און איינער וואַרפט אויף דעם צווייטן זיינע פאַרברעכנס...

— ווער איז דער וואָס פּראָטעסטירט? — פרעג איך אין דער וועלט אַריין.

ענטפערט מיר די נאָענטע שטימע:

— ער וועט קריגן אייביקע קאַטאָרגע, אָדער טויט־שטראָף. ער האָט דערוואָרגן אַ פרוי און בארויבט און געשטאָכן אַ מאַן. פרעגט שוין גאָרניט!

איך בין געבליבן שטיל. אַ וועכטער האָט געהערט און באַ־מערקט ווי מען רעדט זיך איבער, — האָט ער גענומען שרייען און דראָען מיטן פינצטערן נאַסן קאָרצער. איך בין געבליבן מיט מיינע געדאַנקען: איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויף די אַכט־און־פערציק פּאַליאַקן, וואָס האָבן טעראָריזירט פראַנקרייך, האָט דער פּוילישער קאָנזול געזאָגט, אַז זיי זיינען אידן... און קיינער האָט זיך ניט געפונען אים צו שפּייען אין דער צורה אַריין.

... אכט־און־פערציק פּאַליאַקן בלויז אין פּאַריז, און וויפיל אין די געפענקענישן פון דער פּראָווינץ פּאַר אַזעלכע גוטע מעשים?...

— שנעל אין צעלע! — ברעכט דער וועכטער איבער מיינע געדאַנקען, — מער זאָל איך ניט הערן ריידן!

28־טן מאַי, פרייטיק נאָכמיטיק.

די טיר פון מיין קעמערל טוט אַ סקריפּע, דער ריגל אַ קלונג.

א הויכער מאַן מיט אַ שטריינג געזיכט, די וואָנסן גרוי, דונקעלע אויגן, געקליידט ציוויל, נאָר אויפ'ן קאָפּ אַ היטל פון אַ גענעראַל, שטעקט זיך אַריין אין קעמערל, גריסט מיך העפלאַך, און שטעלט זיך פאַר פאַר מיר:

— איך בין דער דירעקטאָר פון דעם הויז.

— זייער אַנגענעם.

ער נעמט מיך אויספרעגן די סיבה, וואָס האָט מיר געבראַכט צו באַגיין די טאַט. איך דערצייל אים.

— יאָ, — ענטפערט ער, — איר זייט אַ טרוימער, אַ פאַנטאַזיאָר, איר ווילט פליען אין די הימלען, דאָס אַלעס איז זייער שיין, אָבער אַ מענטש דאַרף זיך אַליין אויך אין זינען האָבן. שטרעבנדיק צו דערגרייכן די זון קען מען זיך אַראָפּקייקלען אין שאול תחתיה אריין. איר האָט דאָך איבערגעלאָזט אַן עלענדע פרוי, אַ געשעפט. וואָס וועט פון דעם אַלעם ווערן? מ'מוז דאָך דענקען וועגן אַ צוועק, וועגן אַ תכלית. ס'איז גוט צו חלומ'ן, אָבער ניט מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, ווי איר.

— יאָ, כ'פאַרשטיי אייך, — זעצט ער פאָר, — איר זאָגט, אַז איר זייט אַן איזראַעליט. ער האָט פיל שלעכטס געטאָן אייערע ברידער, פאָגראָמען געמאַכט, איר האָט נקמה גענומען... נו, ס'איז ניט אַזוי געפערלאַך... פּאָליטיק. אָבער פאַר אייך און אייער פרוי האָט איר אָנגעמאַכט אַ צרה.

— אַזוי איז עס, — ענטפער איך, — אַז מ'פירט קריג. איינער קעמפט פאַר דעם „פאַטערלאַנד", איינער פאַר זיין „אייגן לאַנד," איינער פאַר דער וועלט.

— יאָ, אָבער די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט, — שלאָגט ער מיר איבער די רייד.

— ווער זאָגט עס, זי הויבט זיך ערשט אָן. פראַנקרייך שלאָגט זיך אין מאַראָקאָ און אין סיריען. יונגע לעבנס, קינדער פון פראַנצויזן פאַלן פון געלן פיבער, פון היץ און פון דורשט, אַ צוגאָב צו די פיינטלאַכע קוילן. זיי פאַלן אין די טויזנטער אויף אַ פרעמדער ערד, ווייט פון זייער לאַנד און פון זייער היים. ענגלאַנד שלאָגט זיך אין אַזיע און אין אַפריקע, אויף די באַלקאַנען הערט מען זיך ניט אויף צו שלאָגן; און דאָרט, וואו מען פירט ניט קיין מלחמות מיט די פרעמדע פעלקער, פירט מען מיט די אייגענע; בירגער־קריג אין איטאַליע, שפּאַניע, רוסלאַנד, כינאַ. די מלחמה הערט ניט אויף. ס'איז ניט די לעצטע

קריג וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט, ווי מיר האָבן אַלע געדענקט, נאָר די ערשטע פון נייע מלחמות.

— נו, — ענטפערט ער, — זאָל זיין אַזוי. איך ווינטש אייך קוראַזש.

ער האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט און נאָך אַ מינוט שווייגן האָט ער צוגעגעבן:

— מ׳פאַרשטייט אייער האַנדלונג... אָבער אין פראַנקרייך איז דאָ אַ געריכט און אַ געזעץ, וואָס פאַרבאָט צו טויטן.

— ניט נאָר אין פראַנקרייך, מאָסיע, — כאַפּ איך אונטער, — אומעטום איז פאַרבאָטן צו טויטן. איך ווייס דאָס זייער און זייער גוט. די געזעצן זיינען אָבער ניט געמאַכט פאַר אַלע.

— ווי אַזוי? — גיט זיך דער דירעקטאָר אַ כאַפּ.

— ווייל זייער אָפט באַגייען די געזעצגעבער אַליין די גרעס־טע פאַרברעכנס. זיי טויטן ניט קיין איינצלנע, נאָר גאַנצע מאַסן. זיי מאַכן מלחמות, ברענגען אום אין די מיליאָנען, יונגע, קרעפ־טיקע לעבנס, מאַכן חרוב גאַנצע לענדער, רויבן דורך פאַרשיידענע געזעצן, שטייערן, דירעקטע און אינדירעקטע, די בירגער פון זייער אייגן לאַנד, זיצן ווי די פּיאַווקעס אויפ׳ן קאַרק פון פאָלק און זויגן דאָס בלוט. ווען זיי באַגייען אַ פאַרברעכן, באַקומען זיי באַלוינונגען, און וואָס גרעסער דאָס פאַרברעכן איז, אַלץ גרעסער איז די אויסצייכנונג וואָס מען שענקט זיי. און ווען אַן אָרימער טייפל, ווי דאָס אייזל פון לאַפאָנטענ׳ס פאַבל, גיט אַ לעק מיט דער צונג דאָס פאַרבאָטענע גראָז, שרייען זיי: פאַר־ברעכן, מערדער!

דער דירעקטאָר האָט אַ צי־געטאָן מיט די אַקסלען און אָוועק־געמאַכט מיט דער האַנט...

— גענוג... פילט איר זיך דאָ ניט שלעכט?

— אַ דאַנק. ווען איך זאָל נאָר האָבן ביכער צום לייענען.

— איר קענט באַקומען... עס איז דאָ פאַראַן אַ ביבליאָטעק.

— עי, וועכטער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — באַזאָרג דעם מאַן מיט אַ בוך.

און ער האָט זיך שטיל אַרויסגערוקט פון מיין קעמערל.

און איך בין גליקלאַך. איך האָב וואָס צו לייענען. — האָפ־מאַנ׳ס דערציילונגען, אַ טייערע זאַך.

* * *

די טיר עפנט זיך ווידער, און אַן אַלטער, נידריק געוואַקסענער

מאַן קומט אַריין. קוים וואָס ער רירט זיך. אינ'ם לאַץ ביי אים שטעקט אַן אויסצייכנונג פון ערן־לעגיאָן.

— באָן־זשור, באָן־זשור! איר קענט מיך ניט? — גיט ער באַלד אַ פרעג.

— ניין, מאָסיע.

— איך בין גראַן־ראַבען פון פּאַריז און פון דעם הויז.

— פרייט מיך זייער!

— איך בין געקומען צו אייך זען וואָס איר מאַכט.

— זייער פיין פון אייער זייט.

— איך האָט געשאָסן, געטויטעט, זייער ניט גוט, — שאָקלט ער מיט זיין נערוויאיזשן קאָפּ.

— הבא להרגך השכם להרגו... איך פאַרשטייט, הער ראַבינער... ער האָט אומגעבראַכט אַ גרויסן טייל פון אידישן פאָלק, אים איז געקומען צו הרג'ענען.

— יאָ, אָבער איר ווייסט, אַז די תורה האָט פאַרבאָטן.

— די תורה האָט אויך ניט דערלויבט זיך צו לאָזן אויס־שעכטן ווי די שעפּסן.

— איך פאַרשטיי! מ'טוט אייך שלעכטס, מען האָט אייך שלעכט באַהאַנדלט, שרייט מען! שרייט מען און מען שרייט! אָבער זיך ניט אַנטקעגן שטעלן מיט אַ רעוואָלווער.

איך האָב באַטראַכט דעם „אידן" און געטראַכט: קען מען דערקענען אין דעם בעל מום אַז ער שטאַמט פון יענע גרויסע עקשנים און קדושים וואָס האָבן אַזוי העלדיש געקעמפט פאַר זייער גלויבן, פאַר זייער פאָלק? איך האָב זיך דערמאָנט אין רש"י'ן, די בעלי התוספות, שלמה מולכו, שמחה כהן...

— וויים איך, — גיט ער אַ מאַך מיט'ן קאָפּ און האַנט צוזאַמען, — זאָל זיין גוט, גאָט זאָל העלפן.

— אַ דאַנק, הער ראַבינער, ס'איז ניט נויטיק.

— וואָס? איר זייט ניט פרום? איר גייט ניט אין שול?

— ניין!

— עס מאַכט ניט. אָבער איר זייט אַ איד?

— נאָך וואָס פאַר אַ איד! איינער פון די קנאים!...

— אויב איר וועט עפּעס דאַרפן, וועט איר מיר לאָזן וויסן?

ער האָט ענדלאַך פאַרלאָזן מיין צעלע, איבערלאָזנדיק מיר זיין וויזיט־קאַרטע: גרויס־ראַבינער ראַפּאַעל לעווי, דער הויפּט־גייסטלאַכער פון די שפּיטעלער און תפיסות פון סען דעפּאַרטמענט.

און איך האָב פריי אָפּגעאָטעמט...

ז

טאָרעס׳ס סעקרעטאַר

שבת, דעם 29־טן מאַי, איז מיר געקומען באַזוכן טאָרעס׳ סעקרעטאַר.

— בראַוואָ! — האָט ער אויסגעשריגן, דריקנדיק מיר פריינט־לאַך די האַנט, — עס איז פיין, גאַר־גאַר פיין! מיר וועלן שוין האָבן איינמאָל אַ פּראָצעס! ניט בלויז די אידישע, נאָר די קריסטלאַכע וועלט איז אויפגערודערט.

אויף מיין פראַגע, צי ער איז אַ איד, האָט ער מיר געענט־פערט: — ניין, אָבער עס מאַכט ניט, מיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף אייער צד צוליב אייער גערעכטער האַנדלונג.

איך האָב שוין חרטה געהאַט אויף מיין נאַרישער סקאַרבאָ־ווער שאלה און, וועלנדיק פאַרגלעטן די זאַך, האָב איך צוגעגעבן:

— איך מיין אַזוי, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט דאַרף אויפגעציטערט ווערן, ווען אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ווערן אָפּגעטאָן אַזעלכע ווילדע מעשים.

— איר האָט גרויסאַרטיק געהאַנדלט. מיר האָפן אייך אינ־גאַנצן צו באַפרייען.

— אָבער ניט אום מיר גייט עס דאָ. נאָר אין די שרייענדע פאַרברעכנס וואָס מ׳איז באַגאַנגען און וואָס מ׳באַגייט נאָך עד היום קעגן די אידן. צי ווייסט איר דען, וואָס עס טוט זיך אין פּוילן, רומעניע, דייטשלאַנד? אַלע רדיפות און בלבולים אויפ־צודעקן, אָט דאָס איז דאָך דער עיקר!

— מיר פאַרשטייען עס זייער גוט, — האָט מיר דער סעקרע־טאַר געענטפערט, — און האָפנטלאָך וועט אייער פּראָצעס ברייג־גען די געווינטשטע רעזולטאַטן.

מאַנטיק, 31־טן מאַי.

היינט איז צו מיר געקומען טאָרעס אליין. ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר. געדריקט אַ פּאָר מאָל די הענט,

מיך ארומגענומען און געקלאפט גוט־ברודעריש איבער דער פליי־
צע, ארומגעלאפן הין און צוריק איבער'ן צימער און אלץ ניט
געקענט זיך בארואיקן.

— מיין טייערער, מיין ליבער חבר! עס וועט זיין גוט!
פרעגט שוין ניט! פון אלע זייטן קומען צו מיר דעלעגאציעס,
אידן און ניט־אידן, פון ליבעראלן ביז אנארכיסטן. דער טעלע־
פאן רוט ביי מיט ניט. עס איז נאך אזוינס ניט געווען... אייער
אויספארשונגס־ריכטער מאסיע פעער, א פיינער מענטש, ער האט
מיר געזאגט, אז דעם קומענדן מיטוואך וועט ער אייך רופן צום
פארהער. עט, קלייניקייטן! איר פארשטייט? אייניקע פרטים
וועגן דעם רעוואלווער און וועגן דעם, ווי אזוי איר האט געשאסן.
איר ווייסט אליין, מ'דארף אייך ניט לערנען. מיר זיינען דאך
ניט קיין שלומיאלס!

„דאס איז מסתמא דאס איינציקע אידישע ווארט וואס ער
ווייסט," — האב איך זיך געטראכט, און ער האט גערעדט מיט
גרויס באגייסטערונג און התפעלות. און אזוי האט ער זיך גע־
זעגנט מיט מיר, ניט לאזנדיק מיך אפילו דאס מויל עפענען, כדי
אנצורופן זיך כאטש מיט איין ווארט אויף זיין ניין מאס רייד...

„אלזא, מיטוואך איז דער יום־הדין," — האב איך צו זיך
אליין געזאגט. „דו וועסט שוין מוזן אונטערגארטלען זיך. דער
אויספארשונגס־ריכטער וועט זיך ערשט נעמען צו דיר..."

ז

דער ערשטער פאַרהער

מיטוואָך, דעם 2־טן יוני.

די פּראָצעדור ביז ס'קומט פאַר דעם אדון הגדול ציט זיך זייער לאַנגזאַם, און דערמאָנט אָן דער אינקוויזיציע.

צוערשט האָט מען מיך אַרויסגענומען פון דער צעלע. באַטאַפּט, באַזוכט, אַוועקגעשטעלט אין אַ גרויסן קאָרידאָר, אין אַ לאַנגער ריי צוזאַמען מיט אַנדערע אַרעסטאַנטן, מיט'ן פּנים צו דער וואַנט, ווי די פאַרשולדיקטע חדר־אינגלאַך שטייען „אין קונע." צען מאָל אויסגערופן ביים נאָמען און פאַמיליע־נאָמען און אַזוי געלאָזט אונז שטיין און וואַרטן. דאַן איז צוגעקומען איינער „מיט בענדלאַך," ווידער אויסגערופן אונז איינציקווייז און — מאַרש!...

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום רונד־פּונקט פון דעם זאַל, האָט מען אונז אָפּגעשטעלט און ווידער אויסגערופן איינציקווייז. צוויי וועכטער זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג. זיי האָבן עס איבערגענומען די אויסגערופענע און איבערגעגעבן זיי צו זשאַנדאַרמען וואָס זיינען געשטאַנען אין הויף. די דאָזיקע זשאַנדאַרמען האָבן אונז צוערשט אויסגעפרעגט דעם נאָמען, נאָכקוקנדיק אין די צעטלען וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט. נאָכדעם האָבן זיי אונז אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף די פאַרמאַכטע וועגעלאַך, ביי וועלכע עס זיינען געשטאַנען נאָך צוויי זשאַנדאַרמען, אַריינגעשטופּט אונז איינציקווייז אינעווייניק און פאַרשלאָסן. ווען עס איז געקומען מיין ריי און איך האָב געזאָגט מיין נאָמען, האָט דער עלטסטער זשאַנדאַרם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אויסגערופן צו זיינע קאָלעגן:

— דאָ איז איינער אויף וועלכן מ'דאַרף גוט אַכטונג געבן.

און באַלד זיינען צוגעקומען צו מיר צוויי שומרים, מיך אָנגענומען פאַר ביידע הענט, אַריינגעפירט און פאַרשלאָסן אין

דעם קליינעם קעמערל. איינער האָט זיך געשטעלט פאַר מײַן טירל און איז ניט שוין אָפּגעטראָטן.

„א, א,” טראַכט איך מיר, „דו ביזט שוין, ברודער, ריכטיק אין פּעסל. אַ שרעקלאַך־געפערלאַכער פאַרברעכער. אויף קיין אַנדערן גיט מען אַזוי ניט אַכטונג!”

סוף כל סוף האָט מען אונז אַוועקגעפירט.

אָנגעקומען אין יוסטיץ־פּאַלאַץ, דיזעלבע פּראָצעדור: צען מאָל אויסגערופן און אויסגעפרעגט און נאָכדעם פאַרשלאָסן צו דריי אין אַ קליינעם שמוציקן קעמערל, וואו עס איז ניט געווען קיין לופט צו אָטעמען.

מ׳וואַרט... מ׳וואַרט... עס איז עלף אַזייגער. עס איז שוין צוועלף, איינס, צוויי, עס איז שוין באַלד דריי אַזייגער און מ׳וואַרט נאָך אַלץ.

ענדלאַך קומט אַ גאַנצע אַרמיי זשאַנדאַרמען מיט זייערע שווערע טריט און קלינגנדע שפּאָרן.

מ׳הויבט ווידער אָן אַרויסצורופן איינציקווייז פון די קאַמערן. יעדער זשאַנדאַר האָט זיך זיינע „מענטשן,” צו וועלכע ער גייט צו. ווי נאָר מ׳פירט יענעם אַרויס פון קאַמער, פאַרשפּילעט ער אים מיט אַ קייטעלע די האַנט און פירט אים ווי מען פירט אַ הונט אויף דער קייט: רעכטס! לינקס!...

מיינע צוויי שכנים פון דעם עפּוש׳דיקן קעמערל האָט מען שוין לאַנג אַרויסגערופן און אַפּגעפירט אויפ׳ן פאַרהער. עס איז שוין פינף אַזייגער און איך וואַרט נאָך אַלץ, הונגעריק בין איך ווי אַ וואָלף. פון נעכטן מיטיק גאָר אין מויל ניט געהאַט. די נערוון זיינען שטאַרק אָנגעשטריינגט. איך וואָלט עס שוין גע־וואָלט איבערקומען, עלטער ווערן מיט אַ פּאָר שעה און וויסן וואָס וועט דאָ זיין...

מ׳פירט שוין צוריק מיינע פּראָוויזאָרישע קאַמעראַדן, איי־נעם נאָכ׳ן אַנדערן. איינער איז אַ באַנקיר וואָס האָט באַנקראָטירט.

— שוין אַכט חדשים, מיין פריינט, ווי איך זיץ דאָ, — דער־ציילט ער מיר זיין געשיכטע. — און דאָס איז שוין צום פופצנטן מאָל וואָס מ׳פירט מיך צום אויספאָרשונגס־ריכטער. עס איז ניט געפערלאַך. איך ווייס זיך ווי צו האַלטן. ביי מיר וועלן זיי קיין סאָנטים ניט אַרויסקריגן. אמת, די אַדוואָקאַטן קאָסטן מיר אָפּ אַ היבש ביסל געלט. און דאָס עסן אין רעסטאָראַנט קאָסט אויך ניט ביליק: אַ פופצן הונדערט פראַנק אַ חודש. ס׳איז טייער,

אבער דאָס עסן איז גוט, — האָט ער אַ קנאַק געטאָן מיט דער צונג, — צו יעדער זאַך, מיין פריינט, דאַרף מען האָבן שכל. איך האָב מיך באַצייטנס באַוואָרנט, אַלעס איבערגעשריבן אויף'ן ווייב'ס נאָמען. קענען זיי גאָרניט טאָן... און אַז כ'וועל פון דאַנען אַרויס, וועל איך מיר ערשט מאַכן אַ פיין רואיק לעבן.

— און קינדער האָט איר? — שלאָג איך איבער מיין אָפּנ־הערציקן באַנקיר.

— יאָ, כ'האָב צוויי קינדער, טייערע, וואוילע קינדערלאַך. אָבער זיי דאַרפן פון גאָרניט וויסן... זיי זיינען אין אַ פּאַנסיאָן, לערנען זיך גוט. מיין פרוי באַזוכט זיי פון צייט צו צייט און זאָגט זיי, אַז דער פּאַפּאַ איז אויף דער רייזע.

ווער ווייסט וויפיל דער באַנקיר וואָלט מיך אַזוי אָפּגעהאַלטן, ווען אַן אַנדער „קליענט," אַ שיינער, פעסטער יונג, זאָל זיך ניט געווען נעבן אונז אַנידערזעצן. דאָס איז געווען אַ טיפּישער אַרבעטער, געזונט, קענטיק, גייסטיק און פיזיש, וואָס טראָגט איבער שווער זיין פאַרהאַפטונג און בריקעוועט זיך... איר דאַרפט ביי אים ניט פרעגן. ער דערציילט פאַר מיר אין איין גוס זיין גע־שיכטע: פאַרנדיק אין טראַמוויי האָט ער געזען, ווי דער קאָנ־טראָלער האָט ניט פיין באַהאַנדלט אַ פּאַסאַזשיר און זאָגאַר אים געוואָלט אַראָפּפירן. האָט ער ניט געקענט פאַרליידן די עולה און זיך אַריינגעמישט, און מאַקע אַביסל שאַרף, פּיליכט טאַקע מיט אַ קולאַק... האָט מען אים פאַר'משפט צו הונדערט פראַנק שטראָף און צו אַ חודש תפיסה.

— אָט האָט איר אַ יוסטיץ, אַ גערעכטיקייט, וועלף — ניט קיין מענטשן...

דער באַנקיר האָט צוגעהערט און גוטמוטיק צוגעשמייכלט.

ענדלאַך באַוויזט זיך אַ הויכער, ברייטביינערדיקער זשאַנ־דאַרם און גיט מיך אַ נעם ביי דער קייט און פירט מיך ווי אַ הינטל... מיר ווערן פאַרלאָרן אין אַ לאַבירינט פון קאָרידאָרן און הייזן, טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אַרויף, ביז מיר קומען ענדלאַך אין אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט אַ סך טירן, און פאַר איינער פון די טירן, וואָס טראָגט אַן אויפשריפט „מאַסיע פּעיר, אויספאָרשונגס־ריכטער", שטעלן מיר זיך אָפּ. דאָס האַרץ קלאַפּט.

מאַסיע פּעיר

ס׳עפנט זיך די טיר און ס׳באַוויזט זיך אַ מאַן פון אַ יאָר זעקס־און־דרייסיק, מיט פריילאַכע אויגן און אַ שפּיציק בערדל. ער האָט אַן אויסזען פון אַ חסידישן אײדעם וואָס זיצט אויף קעסט ביים שווער.

— האַלאָ... וואו־זשע איז אייער שוואַרצבאָרד?

און ער נעמט מיך זוכן מיט זיינע לויפנדע אויגעלאַך אין דעם האַלב־פינצטערן קאָרידאָר.

דער זשאַנדאַרם גיט מיך אַ ריס ביי דער קייט און פירט מיך אַריין.

דער ריכטער האָט שעמעוודיק אַ קוק געטאָן אויף מיינע געפּענטעטע הענט, און ברוגז׳דיק אויף דעם זשאַנדאַרם, וועלכער האָט תיכף פאַרשטאַנען און אַראָפּגענומען די קייטן.

— זעצט אייך, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַביינקל. ס׳איז אַריינגעקומען טאָרעס.

— מעטר טאָרעס, איך וועל אויספרעגן אייער קליענט בלויז וועגן אייניקע טעכנישע איינצלהייטן וואָס זיינען נוגע דעם מאָרד. טאָרעס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— שוואַרצבאָרד, איר וועט אַזוי גוט זיין און מיר דערקלערן, ווי אַזוי איר זייט געקומען צו פּעטליוראַ׳ן... וואָרט... וואָרט...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס, און זיך גענומען שאָקלען איבערן טיש, ווי אַ קלויזניק איבער דער גמרא. ער איז מיר תיכף געוואָרן זייער סימפּאַטיש.

— איר פאַרשטייט, דאָ פרעג איך אייך ניט וועגן די מאָטיוון וואָס האָבן אייך געבראַכט צו באַגיין דעם אַטענטאַט. וועגן דעם וועלן מיר זיך אונטערהאַלטן אַן אַנדערס מאָל. (אַ גוטער אונטערהאַלט, — טראַכט איך ביי מיר.) אַצינד האָבן מיר קיין פיל צייט ניט... ס׳וואָרטן עדות... אַלזאָ, איר האָט געהאַט אַ געוויסע אַבזיכט. איר האָט שוין דעם מאַן, ווי איר זאָגט, פון לאַנג פאַראורטיילט צום טויט...

ער האָט אַ קוק געטאָן צום סעקרעטאַר, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געטינטלט מיט דער פּען, און אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף מיר מיט זיינע מילדע, קורצזיכטיקע אויגן.

— מאַסיע פּעיר, חזר׳ט מיר איבער מיינע דערקלערונגען ביי די ערשטע אויספאָרשונגען.

— ...ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן איבער אייער קאָפּ? איר זאָגט, אַז ער האָט ביי זיך געהאַט געווער און איר האָט געוואָלט ער זאָל זיך פּאַרטיידיקן? נו, און איר האָט גע־שאָסן און געשריגן: „נאַ דיר פאַר פּראָסקוראָוו, נאַ דיר פאַר זשיטאָמיר”?...

מיר איז נאָר געבליבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ און באַשטעטיקן די דערציילונגען פון ריכטער.

— נו, און ווען ער איז געלעגן אויף דער ערד, האָט איר אַלץ ניט אויפגעהערט צו שיסן?

— ס׳איז שוין ניט מער געווען נויטיק, — ענטפער איך. — בלויז, כדי אויסצעלײדיקן דעם רעוואָלווער, אָבער איך האָב גע־שאָסן אַן אַ זייט... כדי עס זאָל ניט טרעפן קיין אומגליק ביים אַרעסטירן מיך.

— און איר האָט אויף אים ניט געוואָלט שיסן בשעת ער איז געגאַנגען מיט זיין פרוי און מיידעלע, און געוואַרט כדי אים אַליין צו טרעפן?

דער סעקרעטאַר שרייבט זיך אָפּ די פינגער.

— יאָ, זאָגט מיר אין קורצן, וואָס האָט אייך געבראַכט צו דעם טאַט. איר זייט אַן איזראַעליט? דאָס מיינט, איר זייט אַ רעליגיעזער מאַן?

— ניין, קיין רעליגיעזער.

— דאַן, וואָס פאַר אַן איזראַעליט זייט איר?

— איך בין אַ איד... דורך ליידן.

— כ׳פאַרשטיי ניט. דערקלערט מיר עס דייטלאַכער.

— איך בין אַ איד, ווייל איך געהער צו די, וועמען מען באַליידיקט און פאַרפאָלגט שוין טויזנטער יאָרן, אויף וועמען מען מאַכט פאַרשיידענע בלבולים, וועמען מען שענדעט, מען קוילעט, ווייל מיר זיינען שוואַך און הילפלאָז. אָט דערמיט בין איך אַ איד.

— האָט איר געהאַט מיטהעלפער אין אייער אַקט? האָט אייך אימיצער צו דעם געטריבן?

— כ׳האָב קיין מיטהעלפער ניט געהאַט... און אויב איר ווילט, האָב איך יאָ געהאַט מיטהעלפער און אַנרייַדער... דאָס זיינען די נשמות פון טויזנטער קדושים, פאַנטאָמען פון געקוי־לעטע קינדער, אַלטע לייט, פאַרגוואַלדיקטע פרויען, טרעגער פון דער בלוטיקער אידישער געשיכטע אין גאַנצן גלות, אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט האָבן זיי מיך באַזוכט און געפאָדערט אַ תיקון.

— ווען יעדער זאָל אַזוי האַנדלען ווי איר, וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום ניט געהאַט, ס'וואָלטן קיין מענטשן אויף דער וועלט ניט געבליבן.

— איך מיינט צו זאָגן, אַז חיות בצורת אָדם וואָלטן ניט געבליבן.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאַרויף איז דאָך דאָ אַ יוסטיץ.

— האָב איך געמאַכט יוסטיץ...

— ווי אַזוי, — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — אַליין?

— אייער יוסטיץ האָט גאָרניט געטאָן קעגן די פאַרברעכער; די גערעכטיקייט האָט פאַרשוויגן, האָט די נקמה אויפגעהויבן איר האַנט. אייער געטין פון גערעכטיקייט האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן און טאַפּט אין דער פינצטערניש. זי באַנוצט זיך גיכער מיט דער ציווייזייטיקער שווערד וואָס זי האָט אין דער האַנט, ווי מיט די מאזני־צדק, די וואָגשאָלן וואָס זי האַלט אין דער צווייטער האַנט...

מאָסיע פּעיר האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געהייסן אַריינרופן די עדות.

ס'האָבן זיך אַריינגעשאָטן אַ מענגע מענטשן, פּאָליציי און ציווילע לייט. אייניקע פון זיי זיינען מיר געווען באַקאַנט. די פּאָליציי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין איין זייט און די ציווילע אין דער צווייטער זייט.

דער ריכטער לייענט זייערע דערקלערונגען, לויט די פריער־דיקע פּראָטאָקאָלן, און פרעגט מיך, צי איך שטים צו.

צווישן די צוויי מחנות, די געקנעפּלטע פּאָליסלייט און די גאַס־עדות, זיינען שוין פאַראַן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן.

אַן אינזשעניר, אַ געוועזענער אַרטילעריע־אָפיציר, באַהויפּט אַז פּעטליורא איז געפאַלן נאָך דער פערטער קויל, און איך האָב אים אַריינגעשאָסן די איבעריקע קוילן בשעת ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד.

דער בעל הבית פון רעסטאָראַנט אויף די ראַסין דערקלערט, אַז פּעטליורא, זיין קליענט, איז געפאַלן נאָך דעם צווייטן שאָס און האָט אַפילו דערביי געזאָגט: „מיין גאָט, מיין גאָט, גענוג!“...

די פּאָליסלייט האָבן מיט איין קול גע'טענה'ט, אַז די ציווילע לייט האָבן גאָרניט געזען, גאָרניט געהערט, זיי זיינען זיך צע־לאָפן, ווען זיי האָבן דערהערט אַ שאָס, און ערשט געקראָגן דעם

מוט זיך צוריק צונויפצוקלייבן, ווען זיי האָבן געזען פון דער ווייטנס, אַז איך בין שוין געווען ענטוואָפנט.

דער אַגענט, וועמען כ׳האָב איבערגעגעבן מיין רעוואָלוועד, האָט דערקלערט, אַז פּעטליורא איז געפאַלן נאָכ׳ן פיפטן שאָס, און אַז די צוויי איבערגעבליבענע קוילן האָב איך אויסגעשאָסן נעבן געפאַלענעם קערפּער.

די ריכטער האָבן צוגעגעבן, אַז די דאָקטוירים אין זייער באַריכט ריידן אויך נאָר פון פינף קוילן.

און ווידער דאַרף איך דערציילן פון א׳ ביז ת׳, ווי כ׳האָב אויסגעפילט די טאַט.

איך באַמערק דערביי, אַז דער רעסטאָראַטאָר האַלט עס מן הסתם פאַר זיין פליכט צו זיין אין אַלע פּרטים אונגינסטיק פאַר דעם וואָס האָט ביי אים צוגענומען אַ גוטן קליענט... דערפאַר לייגט ער אויף מיר אַרויף אַזאַ פלעק... אַז אויב פּעטליורא האָט אין די קורצע אַנגסטלאַכע סעקונדן פאַר זיין טויט געזאָגט: „מיין גאָט, מיין גאָט, גענוג!" — האָט ער עס מן הסתם געזאָגט אויף זיין מוטער־שפּראַך, אין אוקראַיניש, וועד שמועסט אַז איך האָב מיך צו אים געווענדט אין דערזעלבער שפּראַך, ווי־זשע האָט דער רעסטאָראַטאָר, וואָס איז אַ פראַנצויז, עס געקענט פאַרשטיין...

— איך גלויב, — האָב איך ווייטער דערקלערט, — אַז עס איז געווען אוננויטיק פאַר מיר צו שיסן נאָך דער פיפטער קויל... איך בין געווען איינער פון די בעסטע שיסער אין מיין רעגימענט, און פלעג טרעפן אין ציל אויף אַ דיסטאַנץ פון 250 מעטער. ווי קען אַ פראַנצויזישער אָפיצער, אַ געוועזענער אַרטילעריסט, אויסטראַכטן אויף זיינעם אַ סאָלדאַט אַזאַ בלבול, אַז ער זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט פינף קוילן, ווען ער שיסט אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ פאָר שפּאַן? (דער ריכטער שמייכלט). אַ שיין פּנים וואָלט איך עס געהאַט...

די פּאָליציאַנטן האָבן מיט צופרידנקייט געלאַכט. איינער זאָגט שטילערהייט צום צווייטן: „וואָס זאָגסטו אויף דעם בחור? ער שרעקט זיך גאָר ניט. ער ווילט זיך גאָר..." „יאָ, — ענטפערט דער צווייטער, — ער האָט קוראַזש... שאַ, שאַ... לאָמיר הערן ווייטער."

דער רעסטאָראַטאָר לאָזט ניט נאָך... ער האָט פאָרט געהערט פּעטליורא׳ן זאָגן עטלאַכע ווערטער, פיליכט אין אוקראַיניש.

— איך פאַרשטיי דאָך ניט קיין אוקראַיניש, — זאָגט דער

ריכטער מיט אומגעדולד, — איר האָט דאָך ניט געקענט וויסן וואָס ער האָט געזאָגט, און איר באַהויפּט, אַז ער האָט זיך געזעגנט און געזאָגט: „מיין גאָט, מיין גאָט, געגנוג!"

דער רעסטאָראַטאָר איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט אבל וחפוי ראש.

— פאַר וואָס האָט איר ניט געשפּאָרט אייערע קוילן... אַזש פינף... איר האָט אויסגעשאָסן איין מאָל, צוויי מאָל, האָט איר זיך באַדאַרפט אַפילו דאָס האַרץ און שווין.

— נייז, הער ריכטער! איך שטאַם פון אַ מאַרטירער-פאָלק, וועמען מען האָט געמאַכט צו ליידן מיט אַלע בעסטיאַלישע מיטלען, וועמען מען האָט אַפּט געקוילעט און ניט-דערקוילעט, וועמען מען האָט געמוטשעט, פון וועמען מען האָט געשניטן פּאַסן און געוואָרט אויף אונענדלאַכער גסיסה... איך האָב ניט געקענט מוטשען דעם מערדער, הגם ער האָט עס פאַרדינט. כ'האָב ניט געוואָלט ניט-דערשיסן... איך האָב אים בלויז געטאָן זיין רעכט... זאָל ער גיין וואָס גיכער...

נאָך אַ קורצער שטילקייט, האָט דער ריכטער אויסגערופן:

— נו, גענענדיקט. פּעטליורא איז טויט, זאָלן מיר שוין פון אים מער ניט ריידן.

אָבער תיכף דערמאָנט ער זיך ווידער אין עפּעס און פרעגט מיך, פאַר וואָס כ'האָב מיך אַזוי דערפרייט, געדריקט דעם פּאָליציימאַן די האַנט, בשעת ער האָט געבראַכט די בשורה, אַז פּעטליורא איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל.

איך שילדער מיין אינערלאַכן צושטאַנד אין דעם מאָמענט און באַמערק דערביי, אַז ווען כ'וואָלט מיך ניט געוועזן שעמען, וואָלט איך געקושט דעם פּאָליסמאַן.

איינעם אַ פּאָליסמאַן איז דאָס אַזוי געפעלן, אַז ער האָט זיך אַזש צעלאַכט אויף אַ קול.

מ'הייסט מיר אונטערשרייבן דעם פּראָטאָקאָל.

— פּאַרלויפיק זיינען מיר פאַרטיק, — זאָגט דער ריכטער, — איר וועט אים לאָזן, הער זשאַנדאַרם, זאָגן אַ „באָנ-זשור" זיין פרוי.

מיין פרוי און חבר האָבן אויף מיר שוין געוואַרט אין קאָרידאָר. איך באַמערק אַז דאָס געזיכט פון מיין פרוי שטראַלט אויסערגעוויינטלאַך.

— ווייסטו וואָס דו האָסט געטאָן? — ווענד זי זיך צו מיר.

— צי איך ווייס? אודאי ווייס איך! די פראגע איז נאר צי דו ווייסט, צי איר אלע ווייסט...

—א גרויסע זאך, — זעצט פאר מיין פרוי מיט התלהבות. — גאר א גרויסע זאך! דו זאלסט וויסן, מיין טייערער, וואס ס׳טוט זיך אין גאס... די גאנצע וועלט איז מיט דיר... אלע זיינען מיך מקנא... פיל פרויען ווינטשן זיך צו זיין אויף מיין פלאץ.

ניט קוקנדיק אויף דער גרויסער מידקייט פון טאג, האב איך דערפילט א נייעם שטראם פון לעבן אין מיין קערפער... מיין פרוי האט אויך פארשטאנען... זי איז איבערגעשפרונגען איבער דעם פערזענלאכן און ארויף אויף א העכערער מדרגה פון לעבן פאר יענעם, פון אטעמען מיט דער וועלט... אנשטאט מיך צו באוויינען, צו באקלאגן, גיט זי מיר צו מוט, קוראזש... איך האב געוואלט אז די דאזיקע מינוטן זאלן זיך ציען און ציען...

ס׳זיינען אבער אנגעקומען עטלאכע מענטשן, מיט א דער־לויבעניש פון ריכטער, מיך צו פאטאגראפירן. טארעם האט זיך געשטעלט אין איין זייט, דער זשאנדארם — פון דער צווייטער, און איך — אינמיטן.

אלע האבן זיך מיט מיר פריינטלאך געזעגנט. און דער זשאנדארם האט מיך גענומען פירן איבער די געדרייטע קארידארן און שווינדל־טרעפ.

אויפ׳ן וועג זאגט מיר מיין זשאנדארם מיט צופרידנהייט:

— מארגן וועלן מיר זיין אין די צייטונגען.

— ווער „מיר״? — פרעג איך.

— מיר אלע דריי, — האט ער געזאגט מיט שטאלץ. — איר, אייער אדוואקאט און איך... אונזערע בילדער אין אלע צייטונגען...

ערשט איצט האב איך מיך געכאפט, אז מען האט אונז פאטאגראפירט פאר דער פרעסע.

פרייטיק, דעם 4־טן יוני.

פון גאנץ פרי אן האט מיר איין געדאנק געעגבערט אין מח: היינט פון האלב נאך איינס ביז פיר וועל איך זען מיין פרוי. די שטונדן, די מינוטן ציען זיך שוידערלאך פאמעלאך. קוים דער־צויגן מיט די ציין דעם גליקלאכן מאמענט.

די טיר עפנט זיך און דער וועכטער זאגט:

— אין „פארלאר״!

כ'האָב זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב תחילת ניט געכאַפּט וואָס דאָס וואָרט באַטייט. כ'האָב מיך ניט גערירט פון פּלאַץ.

— איר האָט דאָך היינט אַ באַזוך פון אייער פאַמיליע, — האָט מיר דער וועכטער אויפגעמונטערט.

— אַ ? ! אין „פּאַרלאָר," דאָס איז אין געשפּרעך־צימער, איך לויף שוין...

אָבער דאָס געשפּרעך־צימער איז ניט מער ווי אַ מין שמאָלע שטייג מיט דיקע, געדיכטע גראַטעס, און אַקעגן, אויף אַ דיסטאַנץ פון אַ האַלבן מעטער, אויך אַ מין שטייג, וואו ס'האָט זיך שוין געפונען מיין פרוי...

— נו, ווי פילסטו זיך ? — שרייט זי פּלוצים אוים צו מיר.

— אַ דאַנק, ניט צו פאַרזינדיקן.

מיר שווייגן ביידע אַ לאַנגע ווילע, די פּנים'ער האַרט צוגעפּלעטשט צו די גראַטעס. איך זע ווי אירע אויגן זיינען פול מיט מוסר און מיט טרערן.

— פרעג איך דיך, האָבן מיר עס באַדאַרפט ?

איך מענטש מיך און ענטפער :

— ס'איז פאַראַן אַ סך זאַכן וואָס מ'דאַרף ניט, נאָר מ'קען אַנדערש ניט מאַכן.

זי הויבט אָן צו ריידן אָפּגעהאַקט, מיט האַלבע ווערטער :

— פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי ?... זעכצן יאָר קען איך דיך און האָב קיין גליקלאַכע מינוט ניט געהאַט... פון איין צרה אין דער צווייטער... מלחמה, רעוואָלוציע, זעלבסטשוץ, איז נאָך אַלץ ניט גענוג... איצט נאָ דיר אַ נייע פּרשה... קיינעם איז דאָס אין קאָפּ ניט געקומען, נאָר דיר... ביז איך גליקלאַך, וואָס מ'זאָגט אַז דו ביזט אַ העלד... איך ווייס ניט ווער פון אונז ביידע איז אַ גרעסערער העלד, דו צי איך... איך, וואָס האָב אַזוי פיל איבערצוטראָגן, וואָס שטיי אַזוי פיל אוים...

— פון מיינע משוגעת'ן, — כאַפּ איך אונטער. — אויף דוד המלך האָט אָכיש מלך גת געזאָגט : „ווייניק משוגעים האָב איך, וואָס איר האָט מיר געבראַכט דעם דאַזיקן."...

— יאָ, דיינע פּסוקים... דו האָסט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן מיין לאַגע.

— וואָס־זשע, ביזט געקומען מיר מאַכן פאַרוואורפן ?

— חס וחלילה, — ענטפערט זי העפטיק, און כאַפּט אָן מיט

די הענט די גראַטעס, — ניין... כ׳פרעג דיך נאָר, וואָס וועט זיין דער סוף.

איך וויל איבעררייסן דעם אונאַנגענעמען, דריקנדן געשפּרעך און ענטפער גלאַט אַזוי:

— סוף אָדם למות, מ׳וועט שטאַרבן...

די פרוי ווערט אויפגערעגט פון מיין גלאַטיקן ענטפער, און רעדט ווייטער:

— דו פילסט ניט מיין האַרץ... פאַר מענטשן האַלט איך מיך שטאַלץ, איך וויל ניט מ׳זאָל זען מיינע וואונדן, אָבער דאָ, מיט דיר, צווישן פיר אויגן, זאָג איך דיר: „איך בין צעבראָכן, איך קאָן ניט מער.״...

און זי האָט זיך צעכליפּעט.

איך פּרוביר זי צו טרייסטן, איך דערצייל, אַז זייער אָפט שטרעבט מען צו טאָן טובות דער וועלט און מ׳טוט זיך און זיין אייגענער פאַמיליע די גרעסטע רעה... אַז איר קומט עס אודאי ניט אַזוי צו ליידן.

די שטימונג איז געוואָרן געמיטלאַכער.

זי דערציילט, אַז צו איר איז געקומען איינער אַ יונגערמאַן, אַ שפּיאָן, ווייזט אויס, און איר געזאָגט, אַז אויב זי וועט אים געבן טויזנט פראַנק וועט ער מיך באַפרייען. זי האָט זיך תיכף ניט געכאַפּט, אַז דאָס קען זיין אַ שווינדלער, אַן אונטערגעשיק־טער מאַן, און האָט אים אויסגעלייזיקט וואָס זי האָט געהאַט אין טאַש — קרוב צו הונדערט פראַנק — בלויז פאַר דער ערשטער בשורה — און, ס׳האָט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

זי האָט מיר אויך דערציילט, אַז דער קאָפּ איז איר ניט ביי דער שטוב, ניט ביים געשעפט, פיל זייגערלאַך פעלן, מ׳צעשלעפּט אַלעס, און זי קען גאָרניט אין זינען האָבן.

אַז פרעמדע מענטשן קומען און לייגן איר פאַר הילף, אָבער זי זאָגט זיך אָפּ.

אַז די שכנים טרייסטן זי... אַז אַן אַלטיטשקער גוי, אַ שכן, קומט אַלע אינדערפרי איר עפענען דעם לאָדן פון געוועלב און פאַרנאַכט קומט ער אים פאַרמאַכן, כדי צוצוהעלפן דער עלנ־דער פרוי...

אַז „צערבער״ (מיין הונט), איז ווילדער ווי פריער, לויפט אַרום און געפינט זיך קיין אָרט ניט...

זי וויל מיר נאָך דערציילן וועגן חברים, פריינט... נאָר מיינע וועכטער דערנענטערן זיך... ס'איז פיר אזייגער... מען רייסט זי אוועק פון די גראַטעס... און מיך פירט מען צוריק אין מיין קבר..

כ׳ סיון תרפ״ו

6טן יוני, 1926.

אין דעם היסטאָרישן טאָג פון אידישע לײדן האָב איך פאַר־שריבן פאָלגנדעס:

די בלוטיקע שווארצע געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק, זיין צוויי טויזנט־יאָריקער גלות, לײדן, די טייכן בלוט און טרערן פון די הייליקע מאַרטירער, וואָס זיינען פארגאָסן געוואָרן און גיסן זיך נאָך ביז היינטיקן טאָג, די אַלע פּאָגראָמען, רדיפות, גזירות, בלבולים און פּורעניות, וואָס הערן ניט אויף זיך צו שיטן אויפ׳ן אידישן פאָלק, — אָט דאָס אַלעס האָט מיך געבראַכט צוריק צו מיין פאָלק!

דורך לײדן — אַ איד, דורך שכל — אַ מענטש.

דאָס בלוט פון נביא זכריה איז ניט שטיל געבליבן ביז דאָס בלוט פון די אומשולדיקע קינדערלאַך, גרייז־גרויע זקנים איז אויף דעם אויפ׳ס־ניי פארגאָסן געוואָרן.

דאָס בלוט פון מיינע שוועסטער און ברידער, פון אַלטע לייט, פרויען און קליינע קינדערלאַך, וועט ניט שטיל בלייבן ביז דאָס בלוט פון די רוצחים וועט דאָס ניט אָפּוואַשן.

פאַר דער שאַנדע פון איין יעקב׳ס טאָכטער האָבן אירע ברי־דער חרוב געמאַכט די גאַנצע שטאָט שכם.

דערפאַר וואָס מ׳האָט דערשאָסן איין מיס קאוועל האָט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אויפגעהויבן איר שטימע פון פּראָטעסט.

דערפאַר וואָס מ׳האָט צעשאָסן די קאטעדראַל אין ריימס האָט די גאַנצע וועלט געשריגן.

און דאָ, אָ, עלנט!!!

וויפיל טויזנטער, הונדערטער טויזנטער הילפלאָזע, שוואַכע, אָן שוץ, — אַלטע לייט, פרויען און קליינע קינדערלאַך זיינען אין מיטן העלן טאָג אויסגעקוילעט געוואָרן מיט אַ באַזונדערן,

שרעקלאַד־ווילדן סאַדיזם, מיט אַ בייזן, גרויזאַמען ציניזם, וואָס פאַרמאָגט ניט זיין גלייכן.

די פרויען געשענדט פאַר די אויגן פון זייערע מענער און קינדער; די מיידלאַך — פאַר די אויגן פון זייערע עלטערן, ברידער און חתנים.

די שולן פאַרברענט און פאַר שטאַלן פון פערד געמאַכט, די הייליקייטן — דאָס איינציקע, טייערסטע, וואָס די אידן פאַרמאָגן, האָט מען צעריסן, באַשמוצט און פאַראומרייניקט.

זייער האָב און גוטס צערויבט, פאַרברענט און אַ תל געמאַכט.

און די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קוקט און שווייגט... קיינער הויבט ניט אויף זיין שטימע פון פּראָטעסט קעגן דעם גוואַלדיק־מורא'דיקן, גרויזאַם־ווילדן פאַרברעכן. קיינער ניט!...

איך האָב דאָס געטאָן אין מיטן העלן טאָג, פאַר די אויגן פון דער ציוויליזירטער וועלט, מיין אַקט איז געווען בלויז אויפצוּוועקן די וועלט, וואָס איז פאַרזונקען אין לעטאַרגיע.

איך האָב געבראַכט דעם נייעם אָפּגאָט, וואָס הייסט עפנטלאַכע מיינונג, אַ פעטן קרבן פאַר זיין נחת רוח...

צו אייך, קריסטלאַכע וועלט, אַדרעסיר איך מיין געבעט:

— איר, גרויסע און מעכטיקע! איר האָט פרייוויליק, מיט גרויס צופרידנהייט אָנגענומען די ביבל, די נביאים, דעם מאַרטירער קריסטוס'ן; נעמט אויך אָן זיין עלנט, מאַרטירער־פאָלק, וואָס זייט צוויי טויזנט יאָר טראָגט אויף זיין געבויגן־געשוואָלענעם רוקן דעם שווערן קרייץ פון מאַרטירערטום...

איר, גרויסע, שטאַרקע און מעכטיקע! וואָס רופט זיך נאָכפאָלגער פון קריסטוס'ן, ראַטעוועט די וועלט פון איר נייעם אונטערגאַנג!...

ניט אויף דער ברוסט דאַרף מען טראָגן דעם סימבאָל פון מאַרטירער, נאָר אינעווייניק, טיף אין האַרצן, ווי ער האָט דאָס געטראָגן אין זיין פלאַמענדיקן האַרץ, פול מיט ליבע פאַר דער גאַנצער ליידנדער וועלט.

צו אייך, קינדער פון ישראל, ווענד איך זיך:

געבוג צו בויגן דעם רוקן, גענוג זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס! ווייסט, אַז מיר זיינען אַ פאָלק ניט נאָר פון קדושים, גאונים,

בני רחמנים, נאָר אויך אַ פאָלק פון קנאים און גבורים! מיר האָבן געגעבן ניט נאָר די נביאים: משה, עמוס, ישעיה, אָדער מיימון, שפינאָזא, מארקס, פרויד און איינשטיין, — נאָר אויך די מאַקאַבעער, די יהודה׳ס, די שמעון׳ס, די יונתן׳ס, בר־כּכבא׳ס און אַנדערע פאַרמאָגן מיר.

דיינקט אָן די ווערטער פון דעם פאָטער פון די חשמונאים:

— בעסער צו שטאַרבן ווי העלדן אין מלחמה איידער ווי הילפלאָזע שאָף געפירט ווערן צו דעם שעכט־הויז.

מיר האָבן געגעבן אונזער טייל, אונזער בלוט אויפ׳ן מזבח פון דער ציוויליזאַציע, פאַר פרייהייט און רעכט פון אַלע פעלקער. אידישע גבורים — זעקס הונדערט טויזנט — האָבן פאַרפלייצט די פעלדער פון רוסלאַנד, פוילן, עסטרייך, רומעניע, דייטשלאַנד, איטאַליע און פראַנקרייך — פון די קאַרפּאַטן ביז די אַלפּען, פון קאַוונע, פשעמישל ביז ווערדון, פונ׳ם באָספּאָר ביז׳ן גיבראַלטאַר, פון קאַווקאַז ביז מאַראָקאָ, פון ווייסל ביז דער מארנע, פון שוואַרצן ים ביז׳ן פּאַסיפיק. איבעראַל און אומעטום איז פאַר־גאָסן געוואָרן דאָס אידישע בלוט: זעקס הונדערט טויזנט! אַזוי פיל ווי עס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. איך האָב זיי גע־זען, די העלדישע יונגען אויף די שלאַכט־פעלדער פון שאַמפּאַן און אַראַם (פראַנקרייך) קעמפן ווי די לייבן און שטאַרבן ווי די געטער! פאַלן מיט דורכגעלעכערטע ברוסטן און שרייען: שמע ישראל, וויוו לאַ פראַנס! אַז אַ וואַן (פאָרווערטס)... און — שטאַרבן.

מיר האָבן אַ רעכט צו לעבן גלייך מיט אַלעמען, מיר פאַר־לאַנגען אונזער רעכט!..

ווייסט, אידן, אַז אין דעם חודש סיון, ווען דער אל קנא ונוקם האָט געגעבן די אידן די תורה, האָבן זיך אָפּגעשפּילט די גרעסטע אידישע טראַגעדיעס אין פאַרלויף פון זייער בלוטיקער מאַרטירער־געשיכטע: עלילת דם הראשונה בעיר בלוא, די גזרות ת״ח פון דעם בלוטיקן רוצח כמעלניצקי, די הריגות נעמיראָוו, טולטשין, באַר און פילע, פילע אַנדערע שטעט און שטעטלאַך.

אין הונדערט צוואַנציג יאָר שפּעטער — די הריגות דורך די רוצחים גאָנטא, זשעלעזניאַק אין אומאַן און פילע אַנדערע שטעט.

ווער פון אייך געדיינקט ניט דעם תענית פון כ׳ סיון, וואָס דער רבנו תם האָט צוערשט גוזר געווען? אָט דער תענית האָט

שוין די פירפאכע באדייטונג, פון 12־טן ביז דעם 20־טן יאָר־הונדערט, — פון דעם אומגליקלאכן אויפשטאנד פון בר כּכבא׳ן מיט רבי עקיבא׳ן ביז די שחיטות פון די יאָרן 1918־1919 — אין אונזער צייט.

איך האָב דער ערשטער אויפגעהויבן מיין האנט אין דעם בלוטיקן חודש סיון און שריי: גענוג!

מיר זאָלן מער ניט פאסטן, אוים סליחות בעטן!

זאָל איינמאָל אין אונזער פינסטערער טויזנט־יאָריקער בלו־טיקער לעבנס־געשיכטע זיין אַ שמחה אין דעם טאָג.

ח

בריוו פון פריזאן

6־טן יוני, 1926.

מיין טייערע אנא!

זיי אזוי גוט און געפין אויס אין מיין גרויסער טעקע, וואס דער אלטער זילבערמאן האט מיר געגעבן, דעם אדרעס פון מיין פינקען און שיק אים אפ דעם בריוו. אויך דעם צווייטן בריוו זאלסטו אפשיקן אויף בנימינ׳ס אדרעס, אהיים. איך וויל, אז אויף דער מצבה פון מיין פאטער׳ס קבר, וועלכער געפינט זיך אין אנאניעוו (איך האב ניט באוויזן צו מאכן אן אויפשריפט אויף דער מצבה) זאל אצינד אויסגעקריצט ווערן די ווערטער: „יצחק בן משה שווארצבארד, שלאף רואיק דו גרויס אידיש הארץ! דיין זון שלום האט נקמה גענומען פאר דעם כשר׳ן בלוט פון דיין ברודער ישראל, דעם קדוש, און פאר דעם גאנצן פאלק ישראל.״

און דו זיי א מענטש, האב אויף קיינעם ניט קיין תרעומות. דיין אומגליק איז א קינדער־שפיל קעגן דער וועלטס... זיי צו־ פרידן, פריילאך, גיי שפאצירן.

איך וועל צופרידן זיין ווען דו וועסט גוט פארברייננגען און זיך בארואיקן.

גרוסן צו אלעמען

דיין שלום.

6טן יוני, 1926, כ׳ סיון.

א גרוס אייך, מיינע נאענטע און טייערע!

גיט צו וויסן אין די שטעט און שטעטלאך: באלטא, פראס־ קוראוו, טשערקאס, אומאן, זשיטאמיר, אנאניעוו, קריוואזער, הא־ לאסקאוו, קיעוו, קרעמענטשוג, פאלטאווע, טריפאלי, קרעסטינאוו־ קע, פאסטאוו, וואסילקאוו און פילע, פילע אנדערע שטעט און

שטעטלאַך, וואו דאָס אידישע בלוט האָט זיך געגאָסן, וואו אידיש האָב און גוטס איז צורויבט געוואָרן, זייערע הייליגקייטן באַשמוצט, געשענדעט און פאַרברענט געוואָרן. זאָגט זיי אַז אַ פרייליכע בשורה:

אַז אַ אידישער קנאי האָט נקמה גענומען פאַר זיי! דאָס בלוט פון רוצח פּעטליורא, וואָס האָט געשפּריצט אין מיטן העלן טאָג פון בלוטיקן חודש סיון אין דער וועלט־שטאָט פּאַריז, וועט אויפוועקן די פאַרשלאָפענע וועלט פון איר געפאַלנקייט און מאַכן דיינקען איבער דעם געוואַלדיג־מורא'דיקן גרויסן פאַרברעכן, וואָס מען איז באַגאַנגען און מען באַגייט ביז דעם היינטיקן טאָג קעגן דעם אָרימען, הילפלאָזן אידישן פאָלק.

די בלוט־בלבולים וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פון בלוא, דמשק, וויען, קיעוו, ווילעדזש, קאַניעוו און טויזנטער אַנדערע שטעט און שטעטלאַך, איבער דעם גאַנצן פאַרשאָלטענעם ערד־קוגל; די רדיפות, גזרות, רציחות, הריגות אין אַלטן רוסלאַנד, אין רומע־ניען און אין פּוילן אַצינד, די נומערוס קלאַוזוס, די מורא פאַר דעם „פּן ירבה", די פאַרשלאָסענע טויערן וואָס אידן טרעפן אי־בעראַל — מוזן און זאָלן איינמאָל פאַר אַלע מאָל אויפהערן!...

מיר זיינען די, וואָס האָבן געגעבן דער וועלט אַ גאָט, אַ ביבל, אַ מאָראַל, מיר טראָגן מיט זיך די גרויסע מיסיאָן פון פרייהייט, פון וועלט־ערלייזונג. אַ פאָלק פון הייליקע מאַרטירער, אַ פאָלק וואָס גייט און וויל באַפרייען די גאַנצע וועלט פון שקלאַפעריי, פאַרברעכן און אונטערגאַנג. מיר זיינען די, וואָס היטן פרעמדע ווייגגערטנער און אונזער אייגענעם גאָרטן האָבן מיר פאַרלאָזט. אוים מיט דעם אַלעמען! לאָמיר צוערשט אָנהויבן פון זיך. צו־ערשט זיך באַפרייען און די וועלט — שפּעטער.

איך וויל, אַז איר, מיינע טייערע, וועלכע געפינען זיך אין דעם אומגליקלאַכן לאַנד אוקראַינע, זאָלט אויפזוכן אויף אַנא־ניעוועך בית עולם דעם קבר פון מיין פאָטער און אויפשרייבן:
„שלאָף רוהיק, דו גרויס אידיש האַרץ! דיין זון האָט נקמה גע־נומען פאַר דעם כשר'ען בלוט פון דיין ברודער ישראל, דעם קדוש, און פאַר דיין גאַנץ פאָלק ישראל!!"

שלום בן יצחק בן משה שוואַרצבאַרד,

פּאַריז, תפיסה לאַ־סאַנטע, צעל נומער 7, דיוויזיאָן 5.

מיין טייערער קאַזין, פּינקע!

זיי ווייסן, מיין טייערער, אַז איך האָב אַצינד נקמה גענומען פאַר דיין פאָטער'ס בלוט, דעם קדוש, וואָס איז אכזריות'דיק דער'הרג'עט געוואָרן, גייענדיק מיט'ן טלית אין שול אריין בעטן דעם אל קנא ונוקם.

איך האָב אויך נקמה גענומען פאַר דעם בלוט פון דעם גאַנצן הילפלאָזן אידישן פאָלק, וועלכעס האָט זיך געגאָסן טייכנווייז איבער דער פאַרשאָלטענער ערד פון אוקראַינע, זייט דעם בלוטיקן רוצח כמעלניצקי ביז 1918-1920 אין אונזער צייט.

איך האָב אין דעם שרעקלאכן פאַר אונז חודש סיון אויפגעהויבן מיין האַנט און מיט אַ מעכטיקער שטימע אויסגעשריגן: גענוג! אַצינד הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל אין אונזער בלוטיק-שווארצער, טרויעריקער, טויזנט-יעריקער געשיכטע פון ביטערן, פינסטערן גלות-לײדן. דער כ' סיון וועט ווערן אַ יום טוב ביי די אידן. אנשטאָט צו פאַסטן און זאָגן סליחות, וועט מען שיקן שלח-מנות און זיך משמח זיין. איך האָב גע'פּטר'ט אַ המן, וואָס ניט נאָר האָט ער געוואָלט אומברייינגען דאָס אידישע פאָלק, נאָר האָט כמעט אומגעבראכט...

זייט מיר אַלע געגריסט פון טיפן האַרצן, דו, דיין פרוי און קינדערלאך, ווי אויך אַלע ליבע גוטע פריינט.

פון מיר, דיין קאָזין שלום.

פּאַריז, 16טן יוני, 1926 (כ' סיון).

תפיסה לאַ־סאַנטע, 5טע דיוויזיאָן, צעלע ד.

טייערע גענאָסן פון פ. א. ש.!

איך שרייב אייך פון מיין געפענגניש-צעל און גריס אייך אַלעמען האַרציליך.

איך האָב נאָך פילע, פילע יאָרן, וואָס איך האָב געדינט ווי אַ טרייער סאָלדאַט דער אידייע פון רעוואָלוציאָן און קלאַסן-קאַמף, ווען מיין גאַנץ לעבן און געדאַנק איז געווען בלויז: ווי אַזוי און מיט וואָס צו פאַרבעסערן, פאַרגרינגערן דעם ביטערן שיקזאַל פון דער אָרימער, אונטערדריקטער מענטשהייט, — זיך ארומגעקוקט אַצינד און דערזען, אַז ווענדיק באַפרייען די גאַנצע וועלט האָב איך צוערשט געדאַרפט זיך און מיין אָרים לײדנד פאָלק באַפרייען, באַפרייען מיין פאָלק פון די אַלע רדיפות, הריגות, רציחות, שענ־

דונגען און בלבולים, וואָס הערן ניט אויף זיך צו שיטן אויף דעם עלנדן, פון אַלעמען אונטערדריקטן פאָלק.

איך האָב געמאַכט דעם ערשטן אָנהויב אין אַ שיינעם, העלן טאָג אין מיטן דער וועלט־שטאָט פּאַריז, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. איך בין געווען גרויסמוטיק גענוג פאַר דעם מער־דער, וואָס אונטער זיין קאָמאַנדע האָט מען געקוילעט אין די צע־נער, הונדערטער טויזנטער, אידן, פון קליינע וויג־קינדערלאַך ביז גרייז־גרויע אַלטע לייט, מענער און פרויען, געשענדעט, גערויבט, געפּלינדערט און געמאָרדעט.

אַט די זעלבע הייַדאַמאַקן, אַן האַרץ און אַן נשמה פון דעם רוצח כמעלניצקי אַן האָבן פון שנת ת״ח ביז אין אונזער צייט ניט אויפגעהערט צו פאַרגיסן און זיך באָדן אין אידיש בלוט; זיי האָבן געזשאַלעוועט קוילן: — די זשידעס פאַרדינען ניט קיין קוילן, מיט די סאַבלעס זיי שניידן! אזוי זיינען געווען די „פּרי־קאַזן״ פון די אַטאַמאַנען־רוצחים.

איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין קוילן פאַר דעם אייגעם רוצח. גאַנצע זיבן שטיק אין זיין קערפּער, די אַכטע איז געבליבן שטעקן. איך בין גליקלאַך וואָס ענדלאַך האָב איך אויך ווי אַ טרייער סאָלדאָט געקענט דינען מיין אָרים, עלנד, הילפלאָזן דער־שלאָגן פאָלק.

איך האָב אָנגעהויבן אַ נייעם קאַפּיטל אין אונזער פינסטער־רער, בלוטיקער, טויזנט־יעריקער געשיכטע — ניט מה־יפית׳דיק בעטן, וויינען, שרייען און אונטערקויפן.

מיט געהויבענע קעפּ, מיט אַרויסגעשטעלטע ברוסטן וועלן מיר אַצינד פאָדערן ביי דער פון זינד און פאַרברעכן זינקענדער מענטשהייט.

ביי דער פון סיפילים פאַרדאָרבענער ציוויליזאַציע פון דעם צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, וואָס איילט מיט ריזן־טריט צום אונ־טערגאַנג.

זייט מיר געגריסט הארציליך אלע!

שטענדיק אייערער מיט גרוים ליבע.

שלום שוואַרצבאַרד (בעל החלומות)

6טן יוני (כ׳ סיון) 1926, פּריזאָן דע לאַ־סאַנטע, צעל 5־ד.

טייערער חבר בארים ס...

מיין בעסטן דאנק פאר אייער גוטער מתנה, יוסף פלאוויוס. עס וועט מיר זיין א באלזאם אין מיין איינזאמקייט, אין דער זעלבער צייט אויך א ביטערע און טרויעריקע עראינערונג פון אן עפאכע וואס איז געווען גלייך צו אונזערער איבער דעם גורל פון אונזער אומגליקלאך, עלנד און אומבאהאלפן פאלק פון מארטירער. איך האב שטענדיק געהאלטן יוסף פלאוויוס פאר א רענעגאט און פאררעטער פון זיין פאלק. לויט זיינע אייגענע ווערטער, האט ער פארלאזט זיין פאסטן, איבערגעלאזט זיינע שוואכע עלנדע ברידער אין די קריטישסטע מאמענטן און זיך איבערגעגעבן צום פיינט...

נו, און מיר? וואס פאר א ראלע קען מען אונז צוטיילן אין דער צוקונפט? מיר האבן דאך אויך אפגעהיט די וויינגערטנער פון אנדערע און פארלאזט אונזער אייגענעם גארטן!

אין אונזערע רעוואלוציאנערע פרינציפן ווייסן מיר ניט פון קיין שום אידישע פראגע; די אידן־פראגע וועט אינגאנצן געלייזט ווערן דאן, זאגן מיר, ווען די גאנצע וועלט וועט ווערן פריי. אבער ביז די אמת'ע פרייהייט וועט קומען, וואס טוען מיר צו דעם, אז די איבערמענטשלאכע ליידן פון אידישן פאלק זאל אויפהערן? איז דאס א וועג צו לאזן אויסקוילן אין די מאסן אומשולדיקע קינדער, אלטע, שוואכע לייט, פרויען און מענער, לאזן באליידיקן אונז און באשמוצן און זיך לוסטיק מאכן איבער אונז, אזוי גוט פון אונזערע פיינט, ווי פון אונזערע כלומרשטע פריינט. מיר וועלן אויך ניט גיין אצינד אורטיילן און ארויסטראגן אונזער פסק דין איבער דער לאנגער בארבארישער קייט פון אומגערעכטיגקייטן; אונז איז געגוג בלויז א בלעטער טאן די געשיכטע פון דער ניט־לאנגער רעוואלוציאנערער פארגאנגענהייט און זיך אנשטויסן אויף אונגערעכטיגקייטן מצד די אנדערע רעוואלוציאנערן צו אידן.

אין דער „נאראדנע וואליע" איז געווען א שטרעבונג צו טאלערירן פאגראמען אויף אידן, כדי דורך דעם מיטל ארויסצורופן אומרוען קעגן דער רעגירונג. באקונין אין זיין שטרייט מיט מארקס'ן האט ניט געפונען קיין אנדער שלאג־ווארט פאר דעם געגנער ווי „שמוציקער איד". זשארעס אין דער צייט פון דעם באן־ארבעטער־סטרייק האט ניט געפונען צו דראהען קיין אנדערן קאפיטאליסט, ווי ראטשילד'ן. דער אלטער וויקטאר דאוואו האט

מיר געזאָגט אַ קורצע צייט פאַר זיין טויט, אַז ער האָט ניט ליב קיין אידן און אַז ער גלויבט ניט אַפילו די רעוואָלוציאָנערן־אידן.

איז ניט דערפאַר וואָלטער געוואָרן אַ אידן־האַסער, ווייל ס'איז אים ניט געלונגען אָפּצונאַרן דעם אידן הירש? און זיינען ניט אַמאָל שולדיק די לויב־געזאַנגען און די לאַרבערן לכבוד מייערבערן וואָס האָבן ניט געלאָזט שלאָפן וואַגנער'ן און אים געמאַכט פאַר אַ פיינט פון אידן?

דאָס וואָס איך האָב אַליין איבערגעלעבט און צוגעזען די לעצטע צייט, האָבן מיך געגנוג איבערצייגט, אַז „לא זו הדרך".

אין פרילינג 1918, בשעת מיר האָבן געקעמפט אין אוקראַינע געגן דייטשן און עסטרייכער פון איין זייט, די היידאַמאַקעס פון דער צווייטער וואָס האָט אונז אויסגעמאָטערט ביז גאָר, — וויפיל מאָל פלעגט טרעפן, אַז די פּויערים, פאַר וועמען מיר האָבן אַזוי פיל בלוט פאַרגאָסן האָבן אונז פאַרגעוואָרפן, אַז מיר ווילן געוועלטיקן אין אוקראַינאַ, א. ז. וו., איך האָב געזען דאָן, אַז זיך ניט שלאָגן פאַר זיי איז נישט גוט, און זיך יאָ שלאָגן פאַר זייער ערד, איז נאָך ערגער...

אין 1919 אין קאַניעוו זיינען צוויי סאָלדאַטן, רומענישע אידן, געגאַנגען מאַכן אַ רעקוויזיציע ביי אַ פּויער און ביי אים צוגענומען אַן אָפּיצעריש העמדל, האָט מען זיי דערפאַר דערשאָסן. און ווען מיט עטלאַכע טעג שפּעטער האָט אַ קריסטלאַכער סאָלאַדט צוגע־גנב'עט זאַכן, האָט מען אים גאָרנישט געטאָן.

לויט אַ גריכישן פילאָזאָף קומט אויס, אַז די אידן זיינען גי־כער אַ פאָלק פון גערעכטע, ווי אַ פאָלק פון חכמים. נאָר גערעכ־טע, צדיקים, זיינען זיך מפקיר פאַר אַנדערע, אָבער ניט „קלוגע" און איבערגעשפּיצטע. אויף אונזער איצטיקער וואָלגאַרער שפּראַך קען מען אונז אָנרופן נאַראָנים און משוגעים, ווייל מיר זוכן צו פאַרזאָרגן די וועלט, בעפאָר זיך. איך פרעג זיך ניט איין מאָל: וואו זיינען די אַלע אידישע רעוואָלוציאָנערן; די הערשל לאַ־קערס, די גערשונים, די ווערא פיגנערס, די גינזבורגס, און טויזנ־טער אַנדערע? וואו זיינען די צען־טויזנטער אידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך געשלאָגן פאַר'ן צאַר, פאַר פּוילן, פאַר רומעניען, פאַר דייטשלאַנד און פאַר עסטרייך־אונגאַרן? וואו זיינען די פריי־וויליקע וואָס זיינען געלאָפן אין די פעלדער פון שאַמפּאַן און אַר־ראַס און געשריגן: שמע ישראל און געלאָפן שטאַרבן! וואו זיינען זיי אַלע אין אַ אידישע עת צרה, ווען ס'זיינען פאַרגעקומען

אַזעלכע שווידערלאַכע שחיטות אויף זייערע אייגענע ברידער און עלטערן? אַט דעם „פּראָוואָס" ווער וועט מיר פאַרענטפערן?

„פּאַרשטענדניש איז פאַראייניקונג" — האָט קאַנט געזאָגט, — נו, וואו איז אונזער פּאַרשטענדניש!? מיר זיינען די בשורה־ברייננער, מיסיאָנערן פאַר פרייהייט און בעסערער מענטשלאַכער צוקונפט. מיר האָבן געגעבן דער וועלט אַ מאָראַל, אַ רעליגיאָן, באַגליקט די באַרבאַרן מיט אַ גאָט, אָבער אַלעס פאַר אַנדערע און ניט פאַר זיך... צומאָל שפּיר איך אויך מיט די ווערטער פון רענאַן: פאַר וואָס האָט דער קליינער פאַרשמאַלצוועטער אידל, דער אַפּאָסטאָל פון פּרעמדע, אויף זיך גענומען אַ חוב צו מאַכן די גריכן, רוימער און אַנדערע „ניי־אידן". וואָס האָט אונז געגעבן דאָס קריסטענטום, ד. ה., די קרייץ־ציגע, די רעליגיעזע מלחמות, די אינקוויזיציע און דעם אויטאָ־דע־פע!?

די חרפּה וואָס מען וואָגט צו באַגיין געגן אידן גייט איבער יעדע מדרגה פון פּרעכהייט.

איך האָב מיך צופעליק געפונען אין אדעס, ווען ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּראָטעסט מיטינג קעגן די פּוילישע פּאָגראָמען אין לעמבערג פון 1918. אין מיטן דער פאַרזאַמלונג האָט זיך ארויסגעשטעלט אַ פּוילישער „רעוואָלוציאָנער" און ערקלערט: „די פּאָגראָמען וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין לעמבערג און אומגעגנט זיינען געמאַכט געוואָרן פון די אידישע קאַפּיטאַליסטן, די אידישע קאַפּיטאַליסטן זיינען שולדיק אין די אידישע פּאָגראָמען!" און ס'האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע אידישע חכמים וואָס האָבן געגעבן דעם פּוילישן „רעוואָלוציאָנער" רעכט. און ווער ווייסט דען ניט ווי די פּוילישע אידן האָבן געלעבט און לעבן אין גאַליציען? נאָר מיט נסים שלאָגן זיי זיך דורך דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן — און זיי זיינען עס די קאַפּיטאַליסטן!

דערמאָנט אייך די אָנקעטע פון אַמבאַסאַדאָר מאָרגענטוי וואָס האָט ערקלערט אין ווארשא אין צייט פון די פּאָגראָמען: ערשטנס, איז גאָר קיינע פּאָגראָמען ניט געווען; צווייטנס, זיינען אין דעם געווען שולדיק די אידישע סאָציאַליסטישע עלעמענטן וואָס האָבן געשטערט דער פּוילישער פּיערונג. און אַזוי איז איבעראַל און אומעטום: אין יעדער אומגליק וואַרפט מען די שולד אויף אידן! סיי די רעוואָלוציאָנערן, סיי די רעאַקציאָנערן.

מיך וויל מען מאַכן מיט געוואַלד פאַר אַ באָלשעוויק.

די פּאָגראָמען און שחיטות אין אוקראַינא, באַהויפּטעט מען,

האבן געמאכט די קאמוניסטן, און אזוי ווי די קאמוניסטן זיינען אידן, קומט אוים אז די אידן האבן געמאכט פאגראמען אויף זיך אליין.

אונזער אומגליק איז נאך דערמיט טרויעריקער וואס מיר האבן א סך פריינט וואס ווילן אונז גוטס טאן. ווילהעלם דער צווייטער איז געווען אזא גרויסער אידן־פריינט, אז ער האט זיך אין יאר 1916 באריממט, אז ער וועט זיין דער אידישער משיח און האט עס באוויזן מיט אותות ומופתים נאך די רייד פון די נביאים. אין 1920 האט ער שוין געזאגט, אז די אידן זיינען שולדיק אין דייטשלאנד'ס נידערלאגע. אפילו די פארביסענסטע אנטיסעמיטן מיינען אונזער טובה און זאגן אז די פאגראמען און שחיטות זיי־נען ניט מער ווי צו פארבעסערן אונזער טרויעריקע לאגע און אז מען ברענגט אונז אום איז עס לטובה, כדי מיר זאלן זיך וויניגער מוטשען אויף דער וועלט... די אינקוויזיציע האט פארברענט די זינדיקע גופים, כדי די נשמות צו לייטערן און אויסלייזן אין די פלאמען...

דער היסטאריקער מאמזען זאגט אויף דעם אידישן פילאזאף פילאן: „ער איז א שלעכטער האסער". און איך דיינק, אז מ'קען דיזעלבע פראזע באנוצן בנוגע דעם רוב אידן. גויים פארשטייען דאס ניט; וואס הייסט ליב האבן די שונאים! און אפשר האבן זיי רעכט: צומאל מוז מען אפשטופן דעם גיהנום מיט'ן גיהנום. מען דארף אפט מאל דערמאנען די בארבארן און מערדער, אז זיי זיינען אויך שטערבלאך. זאלן זיי אויך פילן דעם טעם פון טויט;

„ווען א זאך געשעעט, אליין
די נארן דאס פארשטיין".

האט געטהע געזונגען, און איך נאר האב געמוזט לעבן ביז פערציק יאר צו קומען אביסל צום שכל און פארשטיין אז איך בין גע־גאנגען מיט קרומע וועגן און מיט דער רעכטער האנט געזוכט דעם לינקן אויער.

טארעס'עס מיטהעלפער

איינמאל ביי א וויזיט, זאגט צו מיר טארעס:

— איר ווייסט, מיין טייערער, איך האב צוליב אייך גענומען א נייעם מיט־ארבעטער, א אידן, מעטר סערזש וויל־נודזשאו. ער

האט גרויסע פארבינדונגען אין די רעגירונגס־קרייזן און אין די געריכטס־קרייזן, האט געהאט א זיידן א מיניסטער.

— וואס קומט מיר ארויס וואס זיין זיידע איז געווען א לייב ; זיין פאטער איז געווען א בער, אבער וואס איז ער אליין ?

טארעס צולאכט זיך :

— נו, ער אליין איז אויך א בראווער יונג. אט באקענט זיך פערזענלאך.

— איר זעט אויס, — זאג איך, — טייערער מעטר, ווי אן עכטער ענגלישער דזשענטעלמען, ניט ריכטיק, מעטר טארעס ?

דער שלאנקער שיינער עלעגאנטער יונגערמאן ווערט רויט ביז איבער די אויערן פון מיין פלוצלינגדיקן קאמפלימענט, און טארעס גיט צו :

— ריכטיק ! וויל־נורדזשאו זעט טאקע אויס ווי אן עכטער ענגלענדער.

— איך בין געווען אין ענגלאנד און קען אביסל ענגליש, נאר איך בין א פראנצויז

— איר ווילט זאגן, אז איר זייט א איד, מיין טייערער.

— א פראנצויזישער איד פון עלזאס, — פארענטפערט ער זיך פאר מיר.

— אלץ איינס. איר מעגט אפילו זיין א טערקישער, נאר א איד בלייבט א איד, — אינטריגיר איך אים.

— איך שעם זיך ניט מיט מיין אידישער אפשטאמונג. פארקערט, איך בין שטאלץ אויף מיין אידישקייט. איך בין פרום און פאסט יום כפור.

— קענט איר אבער, מיין טייערער, די אידישע געשיכטע ?

— איך האב געלערנט די ביבל, תפילה און שמע איזראעל. איך קען אביסל לשון קודש מיט די פינטעלאך. שוין אפילו א סך פארגעסן.

— ניט דאס אינטערעסירט מיך, צי איר קענט מיט פינטעלאך אדער אן פינטעלאך דעם שמע איזראעל. די אידישע געשיכטע איז גאנץ עפעס אנדערש. איך מיין די מארטיראלאגיע פון דעם אידישן פאלק זייט טויזנטער יארן. דאס מוז קענען און וויסן יעדער מאדערנער איד. ווייסט איר, למשל, די געשיכטע פון די עלזאסער אידן וואס זיי האבן געהאט אויסצושטיין אין דער צייט פון די קרייץ־ציגע ביז דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע ? ווייסט איר די מארטירער־געשיכטע פון די פאגראמען וואס האבן

זיך אָפּגעטאָן זייט הונדערטער יאָרן אין דעם פינסטערן טהאָל פון טרערן וואָס מ׳רופט אוקראַינאַ?

טאַרעס האָט געזען די פאַרלעגנהייט פון זיין נייעם סעקרע־טאַר איבער מיין עקזאַמינירן אים, האָט ער זיך אַריינגעמישט:

— צו וואָס דאַרף מען וויסן די געשיכטע מיט דריי הונדערט יאָר צוריק. ס׳איז גענוג צו וויסן די געשעעניש פון די לעצטע פּעטליורא׳ס פּאָגראָמען, און דאָס ווייסט ער און וועט וויסן.

אַזוי האָב איך מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט געשלאָסן מיט מעטר סערזש וויל־נורדזשאַו.

אין אַ פּריוואַטן ביים באַזוך ברייננגט מיר מיין ווייב די בשורה, אַז טאַרעס פאָרט קיין רוסלאַנד אויסקוקן אליין די אַלע פּאָגראָם־געגענטן, אויספרעגן עדות און ברייננגען אַלע מאַטעריאַלן.

מיט אַ פּאָר טעג נאָך דער נייס, קומט אַן טאַרעס אליין אין דער תפיסה.

— העללאָ! מיין טייערער, איר פילט זיך גוט?

— ניט צום פאַרזינדיקן, בעסטן דאַנק.

— איך דאַרף אָפּפאָרן אויף אַ קורצע צייט און נאָכדעם וועל איך זיך נעמען מיט מער התמדה צו אייער משפט.

— יאָ, דאָס זאָגט איר יעדעס מאָל, מיין טייערער טאַרעס!..

(ער האָט זיך שטאַרק צולאַכט ביי מיין באַמערקונג). איז אמת, אַז איר פאָרט קיין רוסלאַנד נאָך מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון די פּאָגראָמען?

— קיין רוסלאַנד פאָר איך, אָבער וועגן אַ גאַנץ אַנדערן עניין. אַ טערקישער פּאַשאַ ווערט אַרויסגעפאָדערט דורך דער איצטיקער טערקישער רעגירונג פון רוסלאַנד. האָט מען מיר איבערגעגעבן די זאַך אין די הענט, אַז איך זאָל פּועל׳ן ביי דער מאָסקווער רע־גירונג אַז זי זאָל דעם פּאַשאַ ניט אַרויסגעבן קיין טערקיי, וואו ס׳דראָהט אים טויט־שטראָף. אגב, קען איך דערפאַר קריגן אַ גאַנצן מיליאָן. זעלבסטפאַרשטענדלאַך, וועל איך שוין אויך איינ־וועגס זיך פאַראינטערעסירן וועגן אייך, נאָר קיינער דאַרף דאָס ניט וויסן, פאַרשטענדלאַך.

— קיינער ניט, אַ חוץ די גאַנצע שטאָט.

— מיר איז טאַקע דאָס אַ וואונדער, וואָס איר ווייסט דאָס אַלעס אַזוי גענוי אין דער צייט ווען איך האַלט עס בסוד־סודות.

איך בין אין אַ גוטער שטימונג און עס גלוסט זיך מיר צו שפּאַסן:

— ווען איר זאָלט זיין אַ איד, וואָלט איך אייך געזאָגט דער־רויף אַ פּסוק. נאָר אַזוי ווי איר זייט אַ גוי, וועל איך אייך אים פּאַרטייטשן.

— ווער אַ גוי, גיט ער זיך אַ כאַפּ, איך בין אַ איד! אמת, ניט קיין רעליגיעזער, אָבער דאָך אַ איד!

— ביי מיר איז אַ איד וואָס פילט אידיש און קען אידיש. „פאַר דריי זאַכן זיינען די אידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים". (טאַרעס שטעלט אויף מויל און אויערן). „דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט פאַרביטן זייער שפּראַך, זייערע נעמען און זייערע קליידער". און איר, אַנשטאָט דעם איר זאָלט הייסן חיים, הייסט איר גאָר הענרי, און רעדט בלע"ז און פירט אייך ווי אַ גוי... אַ קיצור ביי אונז שטייט: „די פויגל פון הימל צוטראָגן דאָס קול". די גע־שיכטע מיט'ן גריכישן פּאָעט איביסוס וואָס איז ערמאָרדעט גע־וואָרן אין אַ געדיכטן וואַלד און די פויגל האָבן שפּעטער אויס־געגעבן די מערדער. ווייסט איר יאָ... זאָלט איר וויסן אַז אידן האָבן אויף דעם אַ פּסוק... ער האָט ווידער געשמאַק געלאַכט...

— איר זאָגט, מיין טייערער טאַרעס, אַז איר פאַרט ניט ספּע־ציעל זיך צו ערקונדיקן איבער די פּאָגראָמען, נאָר אַזוי ווי איר וועט שוין זיין דאָרט, וועט איר זיך אויך וועגן דעם אינטערעסירן. אָבער נאָט אייך נאָך אַ פּסוק: „איין מלאך טוט ניט קיין צוויי שליחות", און איר זייט נאָך ווייט ניט קיין מלאך.

דאָקטוירים פּסיכיאַטאָרס

דאַנערשטיק, 10טן יוני.

דער שלאָס פון מיין קעמערל טוט אַ קלונג און די טיר עפנט זיך.

— שנעל, גרייט זיך צו! — וואַרפט דער וועכטער אַריין זיין באַפעל.

איך גיי אַרויס און דער וועכטער ציינט מיר אַז אויף אַ טיר, וואוהין מ'דאַרף אַריינגיין. אין צימער זיצט אַן עלטערער מאַן אין די זעכציקער, מיט ברילן, אַ שפּיציק גרוי בערדל באַצירט זיין אינ־טעליגענט געזיכט, אין לינקן לאַץ רויטלט זיך אַ צייכן פון עהרן־לעגיאָן. פאַר אים אויף אַ טיש ליגט אַ הויפן פּאַפּירן.

ער ווייזט מיר אַן אויף אַ ביינקל און הייסט מיר זיך אַנידער־זעצן. ער שטעלט מיר אַ פּאָר פאָרמאַליטעטס־פראַגן, נישטערט

אין די פאפירן, וואס ליגן פאר אים און צום סוף בעט ער מיך אנ־שרייבן א קורצע ביאגראפיע, אנווייזנדיק די סיבות פון מיין אקט.

— איך שרייב אבער זייער שלעכט, מיט גרייזן, איך בין לייַ־דער אביסל שטומפּיק אין דער פראנצויזישער שפּראך, — ערקלער איך אים.

— ס'מאכט ניט, — ענטפערט ער מיר, — שרייבט ווי איר קענט. איר דארפט זיך ניט ספּעציעל פלייסן... איך וועל קומען נאך מיט צוויי קאלעגן דאקטוירים ארום פינף אזייגער נאכמיטאג.

„קאלעגן דאקטוירים?" טראכט איך מיר... יא, איך פאר־שטיי שוין, מ'וויל זען אויב ס'פעלט מיר ניט א שרייפל אין קאפּ...

— גוט, — ענטפער איך, — פינף אזייגער וועט איר האבן מיין שריפט.

ארום פינף אזייגער רופט מען מיך צו מיין אדוואקאט.

איך האב געטראפן טארעס'ן אין א ווילד־נערוועזן צושטאנד. ער איז ארומגעלאפן אין צימער אן אויפגערעגטער.

— מיין טייערער, — רופט ער זיך צו מיר אן, — איר ווייסט ניט וואס מ'וויל אונז אפטאן פאר א שטיקל. מ'וויל אייך איבער־געבן אין די הענט פון דריי דאקטוירים און אייך מאכן איינפאך פאר משוגע, כדי דערמיט פטור צו ווערן פון גאנצן פראצעס. אזא סקאנדאל! איך האב נאר וואס זיך דערוואוסט דערפון. איר פארשטייט? דא ארבעטן רעאקציאנערע באנדעס, אפילו א אויס־לענדישע פארבינדעטע מלוכה... מ'וויל פארווישן די זאך. און די דאקטוירים, וואס מ'וועט זיי הייסן וועלן זיי טאן. געגעראלן דערמאנען זיך אז זיי האבן אמאל געדריקט די האנט פעטליורא'ן, וועלכער האט זיי צוגעזאגט, אז ער וועט אנטייל נעמען אין אן אנטי־באלשעוויסטישן צוג... ס'וועט זיין א פראצעס וואס וועט שמעקן מיט פאליטיק, וויל מען זיך פון אים ארויסדרייען. — ס'איז אייגענארטיק. געווייגלאך ווערט געמאכט א מעדיצינישע עקס־פערטיזע לויט דעם פארלאנג פון אדוואקאט, וועלכער וויל ראטע־ווען זיין קליענט. דא האט מען מיך אפילו ניט געפרעגט... די דאקטוירים זייערע אפט שטרעבן צו מאכן משוגעים פאראנטווארט־לאך פאר זייערע מעשים און ברענגען פאר דער יוסטיץ א קרבן. אין דעם פאל וועלן זיי האנדלען פונקט פארקערט, זיי וועלן זיך פלייסן אראפּצונעמען פון אייך די פאראנטווארטלאכקייט...

— און מיך ערקלערן פאר משוגע, חסר דעה, כאפּ איך אונטער...

— ווער בעט פון זיי די טובה? — בייזערט זיך אלץ טאַרעס. — ניין, ס'קען אזוי ניט גיין. איך וועל געבן אַ נאָטיץ אין דער פּרעסע, איך וועל שרייבן צום פּרעזידענט פון געריכט, איך וועל ניט דערלאָזן אַזאַ סקאַנדאַל... איך וועל ניט דערלאָזן!!

דער וועכטער קומט אריין:

— מעטר טאַרעס, די דאָקטוירים וואַרטן אויף אייער קליענט.

— גוט, גוט, זאָלן די הערן וואַרטן, איך האָב לייגגער געוואַרט. לאָזט מיר צורו, — לאָזט ער אוים זיין צאָרן צו דעם אָרימען וועכטער, וואָס ווייסט פון גאָרניט צו זאָגן, און ווענדענדיק זיך צו מיר עצה'ט ער:

— שוואַרצבאָרד טייערער, איר זאָלט זיך פאַר זיי ניט שרעקן, זיך ניט אויפרעגן, זיך האַלטן רוהיק...

ס'איז גוט צו זאָגן, טראַכט איך מיר, זיך האַלטן רוהיק, ווען אַליין איז מען אויפגעשרויפט ביז גאָר, האַלב משוגע און מ'קען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

— טייערער מעטר, לאָזט מיר אייך זאָגן, טייערער מעטר, אַז מ'האָט שוין ביי מיר באַשטעלט מיין ביאָגראַפיע.

— אַנו, ציינט מיר נאָר וואָס איר האָט אָנגעשריבן.

איך ציינ אים אַ בינטל בלעטלאַך געשריבן אין פראַנצויזיש. ער נעמט זיך לייענען, און זיין פּנים דריקט אוים צופרידנהייט... ער לייענט אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל און גיט צו אַלע מאָל: גוט, פיין... גרויסאַרטיק... אזוי, אזוי... בראַוואָ... זייער גוט. יאַ, די הערן וועלען שוין זען אויב איר זייט משוגע...

— ס'איז אָבער פול מיט גרייזן, ניט אזוי? — פרעג איך.

— ס'מאַכט גאָר ניט אוים. אבי ס'איז פאַרשטענדלאַך צום לייענען. זיי וועלן שוין זען...

ער קלאַפּט מיר אין דער פּלייצע, גלייך ווי איך וואָלט אויסגעהאַלטן אַן עקזאַמען, און הויבט ווייטער אָן צו ריידן.

דער אָרימער וועכטער קומט ווידער אריין. טאַרעס פאַלט אויף אים אָן אויף דאָס ניי. יענער פאַרענטפערט זיך: „די דאָקטוירים האָבן באַפוילן, פאָדערן"... טאַרעס שרייט אַלץ... און איך לאָז זיי ביידע איבער און דריי מיך אזוי שטילערהייט ארוים.

די דאָקטוירים האָבן קענטיק פון זייער צימער געהערט טאַרעס'ס גוואַלדן.

ווען איך בין צו זיי אריינגעקומען, האָבן זיי זיך אַלע מיט אַמאָל אָנגערופן:

— אייער אדוואָקאַט האָט אייך שוין געזאָגט וועגן וואָס עס האַנדעלט זיך? ער איז קענטיק פון דעם ניט צופרידן.

— מיר שיינט, — ענטפער איך, — אַז ס'איז דאָ פון וואָס ניט צו זיין צופרידן. מיינע הערן, איר נעמט אַ קלאָרן מענטשן און ווילט אים מאַכן פאַר משוגע.

זיי האָבן מיך גענומען באַרוהיקן, און מיך אויסגעפרעגט, צי מיין טאַטע, מיין מאַמע, אָדער אימיצער פון אונזער משפחה איז ניט אַמאָל נערוועאַיש קראַנק געווען. צי די מלחמה אָדער מיין וואונד האָבן אויף מיר ניט געווירקט. זיי האָבן מיך אויך אויס־געפרעגט וועגן אַ רייע קליינינקייטן, פון וועלכע איך האָב ניט תופס געווען די באַדייטונג. ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסצו־דאַכטן, אַז זיי שפּילן מיט מיר אין קאַץ און מויז... זיי ווילן מיך אַריינכאַפּן... איך בין אָבער גיך געוואָרן פאָלשטענדיק רוהיק.

— איך גלויב, מיינע הערן, — זאָג איך, — אַז זיך אָננע־מען פאַר'ן כבוד פון פאָלק באַדאַרף מען ניט זיין משוגע. אויב איר באַטראַכט עס אלס קלאָר און יושר'דיק ווען מ'פירט קריג און מ'ברענגט אום מיליאָנען מענטשן פאַר אַ שטיקל ערד שטח, פאַר אַ געפאַרבט שטיקל פּלאַץ אויף אַ געאָגראַפישער קאַרטע, פאַר אַ פאַרב פון אַ פאָהן, טאָ פאַרוואָס איז ניט קלאָר און יושר'דיק ווען איינער ברענגט זיך אַ קרבן פאַר אַ גאַנץ פאָלק... איך בין פריי־וויליק געגאַנגען אין מלחמה צו קעמפן פאַר אַ פרעמד לאַנד, ווע־מענס שפּראַך איך האָב דאַן אפילו זייער שוואַך געקענט, פאַרוואָס־זשע זעט איר ניט אין דעם קיין נאָרמאַלע ערשיינונג, ווען איך וויל פרייוויליק אַוועקגעבן מיין לעבן פאַר מיין אייגן פאָלק, וואָס איז אַזוי אום'ברחמנות'דיק אויסגעקוילעט געוואָרן...

— האָט איר צוגעגרייט וואָס איך האָב אייך געבעטן? — פרעגט מיך דער דאָקטאָר, ווענען איך האָב געזען אין דער פרי.

איך האָב זיי דערלאַנגט די שריפטן און זיי האָבן זיך גע־נומען לייענען איינער נאָכ'ן אַנדערן.

ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט'ן לייענען האָט מען זיך ערשט גענומען מיר שטעלן פראַגן...

— איר האָט באַגאַנגען די טאַט, כדי נקמה צו נעמען פאַר דער אומגערעכטיקייט, פאַר דער קריוודע וואָס איז באַגאַנגען גע־וואָרן קעגן אייער פאָלק?

— זייער ריכטיק!

יאַ, — גיט צו אַ צווייטער דאָקטאָר, — ס'איז שוין אַז

אַלטע געשיכטע. אין דעם מיטל־אַלטער האָט מען פאַרפאָלגט אידן, דאַן האָט מען אויך אויסגעטראַכט פאַרשיידענע בלבולים, די קרייץ־פאַרער האָבן געגוג צרות אָנגעטאָן דעם אידישן פאָלק, די גהעטאָ, וואו מ'האָט זיי פאַרשפאַרט און די גרושים פון שפּאַניען און פּאָר־טוגאַל...

— ניט נאָר פון דאָרטן, מיינע העררן, — כאַפּ איך אונטער, — אויך פון פראַנקרייך האָט מען די אידן צוויי מאָל ארויסגע־טריבן, אויך פון ענגלאַנד, און זיי פאַרפאָלגט אין גאַנץ אייראָפּאָ. מען האָט אונז געפּלאָגט און געטריבן פון איין גלות אין אַנדערן, ניט נאָר אין מיטל־אַלטער, נאָר אויך אין אונזער צייט. איך דער־צייל אייך, וואָס איז פאָרגעקומען אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט, ערשט ניט לאַנג, שוין נאָכ'ן שרעקלאכן וועלט־קריעג.

— אַלעס איז אמת, איר זייט גערעכט, אָבער איר ברייגנט זיך און אייער פרוי פאָר אַ קרבן. לוינט זיך עס דען?...

— ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איינצעלנע ברייננגען זיך פאַר אַ קרבן כדי דער כלל זאָל דערפון געניסן. אידן זיינען אַ פאָלק פון מאַרטירער, מיר זיינען שטענדיק די ערשטע צו ווייזן שיינע ביישפּילן פאַר אַנדערע, מיר ברייגגען זיך שטענדיק פאַר אַ קרבן כדי אָפּצואוואַשן די פאַרברעכן און זינד פון דער וועלט. מיין פרוי, ס'איז אמת, ליידעט, ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס איך פאַרשאַף איר צרות, איך האָב איר שוין פיל מאָל געמאַכט ליידן. זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו איהר טרויעריקער לאַגע. זי האָט זיך ניט געפונען אין אַ בעסערער לאַגע, ווען איך בין אוועק אויפ'ן פראָנט.

— אויפ'ן פראָנט! — האָט אַ דאָקטאָר אויסגערופן, — איז עפּעס אַנדערש. און דאַן איז געווען מלחמה־צייט.

— די מלחמה האַלט נאָך ווייטער אָן. זי איז נאָך ניט פאַר אַלעמען געענדיקט...

— איר קענט אָבער ניט פאַרגלייכן יענע צייט צו דעם איצ־טיקן מאָמענט. דאַן זייט איר געגאַנגען ווי אַלע אין קריג פאַר אַ גערעכטע זאַך, אין קריג צו גיין איז אַ פליכט, אָבער אַצינד?

— מיינע העררן, קריג פירן איז ביי אייך אַ גערעכטע זאַך, אַ נויטווענדיקע פליכט, און זיך איינשטעלן דאָס לעבן, זיך אַננעמען די קריוודע פאַר אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, דאָס איז עפּעס אַנ־דערש?...

— אויב מלחמה איז אַ פליכט, וואָס אַנדערע לייגן אויף מיר

ארויף, און איך מוז פאָלגן זייערע באַפעלן, ביז איך געגאַנגען טאָן מיין פליכט פאַר מיין פאָלק, מיט מיין אייגענעם פרייען ווילן און לויט ווי מיין געוויסן האָט מיר דיקטירט, און איך דיינק, אַז די פליכט איז מער באַרעכטיקט ווי די געצוואונגענע...

זיי האָבן מיך אָנגעקוקט, אַ ווייַלע געשוויגן, דערנאָך רופט זיך איינער אָן:

— אָבער איר האָט שוין גענוג אויפגעטאָן אין אייער לעבן, געגאַנגען אין מלחמה, געוואָרן שווער פאַרוואונדעט, גענוג! זאָלן שוין אַצינד אַנדערע טאָן דאָס איבריקע. איר וואָלט געדאַרפט זיך שוין אָפּרוען און זיך אין זינען האָבן.

— פאַר אונרוהיקע נשמות איז נישטאָ קיין גרענעץ, קיין „גענוג" און קיין אָפּרו... די קריסטלאַכע מענשהייט האָט גענו־מען בלויז איינעם פון טויזנטער מאַרטירער און געמאַכט פאַר אַ גאָט...

— אַ, יאַ, איר רעדט וועגן קריסטוס'ן? קריסטוס איז געווען אַ גרויסער איזראַעליט, ער האָט אָבער געהאַט אַ מיסיע פון הימל, פון גאָט!

איך האָב געשמייכלט.

זיי האָבן מיר שטייף אַריינגעקוקט אין די אויגן:

— וואָס, אפשר ניט?...

— מיינע העררן, איך קען בלויז זאָגן, אַז איך רעכן אים פאַר אַ ליידענדן אָרימען מענטשן, פאַר אַ מאַרטירער צווישן אַנ־דערע טויזנטע און טויזנטע מאַרטירער פון זיין צייט, וואָס זיינען געקרייציקט און פאַרמאַטערט געוואָרן פון די רוימער. די וועלט קען ניט און וויל ניט פאַרשטיין: אָדער זיי איבערשעצן, אָדער זיי גרינגשעצן זאַכן און געשעענישן... ביי איינע איז זשאַן ד'אַרק אַ הייליקע, ביי די צווייטע אַ כשוף מאַכעריןן און מען פאַרברענט זי... די מענטשן קענען ניט פאַרשטיין, זיי ווילן ניט נעמען זאַכן און מענטשן אַזוי, ווי זיי זיינען אין דער אמת'ן. זיי באַגרייפן דאָס ניט און ווילן דאָס ניט באַגרייפן...

די דאָקטוירים האָבן זיך איבערגעקוקט צווישן זיך און גע־נומען פרעגן פאַרשיידענע זייטיקע זאַכן: וואָס איך שטודיר, וואָס איך האָב געלעזן, וואָס איך שרייב?

— איר האָט געטאָן אַ גערעכטע זאַך, און אייער געוויסן איז ריין? דאָס וואָס איר האָט געטאָן איז ביי אייך גלייך ווי איר וואָלט געווען צוטרעטן אַ בייזע גיפטיקע שלאַנג?...

איך האָב גלייך אריינגעקוקט דעם דאָקטאָר אין די אויגן, כדי צו זען, צי ער מיינט דאָס ערנסט צי ניין.

ער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען מיין בליק און מיר העפ־טיג געענטפערט:

— יא, יא, איך מיין דאָס גאַנץ ערנסט. איר האָט, הייסט עס, באַגאַנגען אַ גערעכטע טאַט און באַפרייט די וועלט פון אַ בייזער גיפטיקער שלאַנג?

איך האָב צוגעשטימט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ.

זיי האָבן זיך מיט מיר געזעגנט און האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל נאָך עפּעס פאַר זיי שרייבן. אין קורצן וועלן זיי מיך נאָכאַמאָל באַזוכן.

זאָל דאָס הייסן, אַז פאַר זיי איז די פראַגע „צי איך בין משוגע צי ניין", נאָך ניט אנטשידן?

גלייכער וועג און אומוועג

דאָנערשטיק, דעם 18טן יוני.

מ'מוז האָבן געדולד, טענה'ן די געזעץ־פאַרכטיקע לייט.

„קומט מיר צו הילף, מיין טייערער אטיקוס", — האָט אַמאָל דער רוימישער רעדנער און שטאַאַטסמאַן ציצעראָ געשריבן צו זיין פריינט — „און ראָט מיר: לויט די ווערטער פון'ם דיכטער פינ־דאַר, דאַרף איך נאָכפאָלגן דעם הארטן, גלייכן וועג פון דער גע־רעכטיקייט און פון יושר; וואָלט פּיליכט געווען אַ סברא צו מאַכן אַן אומוועג?"

— מאַכט אַן אומוועג, מיין פריינט! — האָט געענטפערט אטיקוס, — ווייל כדי נאָכצופאָלגן דעם גלייכן וועג פון דער גע־רעכטיקייט, מוז מען לעבן זייער לאַנג, און מ'דאַרף האָבן אַן אייזערנעם געדולד, צו דערלעבן דעם סוף...

כדי טויבע זאָלן דערהערן, בלינדע זאָלן דערזען און איינגע־שלאָפענע אין לעטארגיע זאָלן אויפוואַכן, מוז מען שטיין מיט אַ בייטש און מונטערן די לאַנגזאַמע, לאַנגזאַמע גערעכטיקייט...

מ'מוז האָבן געדולד... אָבער קען מען האָבן געדולד ווען דאָס הארץ ברוייזט און שטורעמט. קען מען בויען אַ הויז אין צייט פון אַ שרעקלאַכן געוויטער?

„זאָל דער דיכטער אַוועקלייגן זיין לירע, ער וועט זינגען שפּע־

טער", — האָט גאַנדי געזאָגט צום דיכטער טאַגאָר'ן. — „ווען אַ הויז ברענט מוז יעדער נעמען אַן עמער וואַסער און לעשן דאָס פייער".

„מ'בינדט אונז די הענט און מ'וואַרפט אונז אויף, אַז מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַנוצן..." האָט געזאָגט משה מענדעלסאָן.

יאָ, די צוקונפט וועט משפּט'ן צווישן אידישן פאָלק און זיי־נע מערדער. נאָר דערווייל קען מען ניט בלייבן מיט פאַרלייגטע הענט, מיט פלאַמענדע באַקן פון שאַנדע און ווייטאָג און וואַרטן, וואַרטן...

און מ'מאַכט אַן אומוועג...

פרייטיק, 19טן יוני.

מיין טייערער דאָקטאָר זאַלקינד!

איך דאַנק אייך פיל מאָל וואָס איר האָט זיך צוליב מיר מטריח געווען צו קומען פון ענגלאַנד. דאָ דערקענט מען באַלד אין אייך אַ גוטן פריינט, אַ גוטן אידן און אַ גוטן מענטשן. אויב ס'וואָלט מעגלאַך געווען, אַז איר זאָלט זיך זען מיט ישראל זאַנג־וויל און זען אַז ער, דאָס גרויסע אידישע האַרץ, זאָל קענען קומען צום פּראָצעס און זאָגן זיין מעכטיק וואָרט!...

איך מעגט אים איבערגעבן, אַז זיינע „טרוימער פון גהעטאָ" האָבן מיך ניט איינמאָל געבראַכט צו טרערן...

און אויב איר קענט באַוועגן בערנאַרד שאָו, דעם עזאָפּ פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דאָס גרויסע וועלט־געוויסן פון אונזער צייט, אַז ער זאָל זיך ארויסזאָגן וועגן דער אָנגעווייטאָקטער פראַ־גע, וואָלט זייער גוט געווען.

ער, דער אירלענדער, אַ זון פון אַ פאָלק וואָס איז פאַרשקלאַפט זייט זיבן הונדערט יאָר, פילט מיט דעם מאַרטירער פאָלק וואָס ווערט געמאַטערט און פאַרפאָלגט פון טויזנטער יאָרן.

זאָגט אים, אַז זיין דראַמע „הייליקע זשאַן" האָט געמאַכט צאַפּלען מיין האַרץ...

איך בין גאָרניט איינשטימיק מיט דעם קורצזיכטיקן און איי־פערזיכטיקן אנרי בערנשטיין, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף דעם מחבר פון „הייליקער זשאַן", — ער האָט אַזוי פאַרבילינגט אין זיין לעצ־

טער דראמע איינע פון די רייכסטע און שענסטע אידישע לעגענ־
דעס: „יהודית" — בעת דער גרויסער טאַלאַנט און געניוס פון
בערנארד שאָו האָט פון אַ געוויינלאכן כראָניק אויפגעשטעלט אַ
רייכן און גרויסארטיקן מאָנומענט.

איך ווענדע זיך, מיין טייערער זאַלקינד, דורך אייך צו די
מענטשן מיט האַרץ אין ענגלאַנד, די וועמען דער אומרעכט טוט
וויי, וואָס פילן מיט יעדן פיין און שמערץ: זאָלן זיי זיך ארויס־
זאָגן וועגן דעם גרעסטן און שוידערלאַכסטן פון אַלע פארברעכן
און קריוודעס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וואָס מ'איז באַגאַנ־
גען קעגן דעם פון טויזנטער יאָרן געקריוודעטן אידישן פאָלק.

שטענדיק אייערער,

שלום שוואַרצבאַרד,

פריזאָן לאַ־סאַנטע.

צווישן שלאָף און וואַך

20טן יוני.

ס'קומען טעג גרויע, מדבר'דיקע, וואָס שלעפּן זיך ווי קעמלען
אין דער וויסטע און קלינגען איינטאָניג מיט זייערע אומעטיקע
גלעקלאַך. עס פארפלאָנטערן זיך די גרענעצן פון טאָג און נאַכט,
פון שלאָף און וואַך... איז דער אומבאַגרייפענדער גרויסער „עמי־
צער" אנדרימעלט געוואָרן און פארגעסן צו ציילן די אָטעמס פון
לעבנס־זייגער און אַ מידער אַ זאָג געטאָן: „זאָל זיך שוין גיין
ווי ס'גייט זיך?" דוכט זיך, אַז איך הער זיינע אָפּטע גענעצן...

איך דערפיל אויך, אַז מיינע אברים ווערן באַהערשט פון אַ
שטומפּער נאַכלאַזיקייט און אין מיינע אָדערן ווערט דאָס בלוט
ווי פארקילט. איך וועל עס ניט דערלאָזן! איך וויל ניט ווערן
אַן אינערצע טייל פון דער גרויער צייט. איך וויל בלייבן לעבן,
איך וויל בלייבן אויסער דער אומגעבונג פון די פארשטיינערטע
טעג.

איך האַלט אין איין שפּאַנען אין מיין פארשלאָסענעם קע־
מערל. מיין יעדער שפּאַן קלאַפּט אָפּ מיט טאַקט און פאָלגט נאָך
אַן אונבאַקאַנטן אינערלאַכן ריטם. איך צייל זיי: „איינס, צוויי,
דריי, פיר, פינף".... אהין און צוריק, איז דאָסזעלבע: אַ געשלאָ־
סענעס, פארמויערטעס ווינקל. די ווענט פון דער פעסטונג זיינען

געפּאַנצערט פון אייזן, צעמענט, ציגל, שטיין. איך שפּאַן און שפּאַן, קען שוין מיינע טריט מער ניט הערן, זיי קלאַפּן מיר אין קאָפּ, ווי מיט אַ האַמער... איך בלייב שטיין אויף אַ ווײַלע. אַ טויט שטיל־קייט הערשט אַרום מיר. איך הער אַנדערע טריט: טריט פון מיין וועכטער, טריט פון מיין שכן פון רעכטס, טריט פון מיין שכן פון לינקס... מ׳גייט: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף... מ׳שפּאַנט און מ׳קומט קיינמאָל ניט אָן.

די טריט פון דעם וועכטער שטעלן זיך אָפּ נעבן מיין טיר, „אפשר עפּעס נייס, עפּעס אַנדערש" — גיט דאָס האַרץ אַ צאַפּל... ניין, די טריט הויבן איבער דאָס ניי אָן, דאָס האָט דער וועכטער אַריינגעבליקט צו מיר, צי אַלעס איז אין אָרדנונג, צי איך קלע־טער נאָך ניט אויף די גלייכע ווענט. צי כ׳האָב ניט איבערגעריסן די קייטן, מיט וועלכע דער טיש און דאָס ביינקל זיינען צוגעשמידט צו די ווענט...

איינס, צוויי, דריי, פיר פינף... די רגע׳ס פאַלן מיר ווי קאַל־טע טראָפּנס אויף אַן אָפּגעגאָלטן שאַרבן... זיי בויערן דעם מוח ווי מיט אַן עגבער. דוכט זיך אַ גלאָק פון אַ זייגער? יאָ! אַ גלאָק פון אַ זייגער וואָס קומט עפּעס פון אַן אַלטן טהורעם וואו טויבן און שוואַלבן, אומגעשטערט פון מענטשענסהענט, האָבן גע־בויט זייערע נעסטן...

איך באַמערק אַ קוויטיקן, פאַרשטויבטן שטראַל וואָס לעכערט מיין פאַרגראַטעוועט פענסטערל און פאַלט אונמעכטיק אויף דער וואַנט... האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ פליג, אַ לעבעדיק פליג, וואָס זשומעט האַסטיק, און האַלט זיך אין איין דרייען אַרום דעם זוניקן שליח?... איך האָב נאָך קיינמאָל ניט אויפמערקזאַם באַ־טראַכט אַ פליג, ווי איצט... ס׳איז טאַקע אַ גאַנץ באַשעפעניש פון וועלכע אַלע אברים וויברירן און צאַפּלען אין אַ מעכטיקן לעבנס־ווירבל... זי ברענגט מיר אַ גרוס פון אַ לעבעדיקער וועלט און זינגט מיר אַ זיסן שיר המעלות... וויפיל צייט האָב איך געקוקט אויף מיין צופעליקן חבר? ער איז שוין, ווייזט אויס, לאַנג פאַר־שוואונדן צוזאַמען מיט דעם ליכטיקן שטראַל. די פינסטערניש האָט פאַרפלייצט דאָס קאַמערל און איך שטיי נאָך אַלץ אויף דעם זעלבן פּלאַץ...

24טן יוני.

צוויי וואָכן האָבן זיי געוואַרט, מיינע דריי עקספּערטן, ביז זיי

האָבן זיך איבערצייגט אין דעם, אַז זיי ווייסן נאָך ניט באַשטימט, צי איך בין משוגע צי ניט.

ס׳איז ווידער געקומען דער דאָקטאָר מיט דעם שפּיציקן בערדל און מיך געבעטן עפּעס צוגרייטן אַ שריפטלאַכעס, און פאַרנאַכט־צו זיינען זיי שוין אַלע דריי געזעסן אין קאַבינעט און מיך גענומען אויפ׳ן צימבל.

און ווידער אַמאָל דיזעלבע פראַגן, אויף וועלכע איך קען נאָר געבן דיזעלבע תשובות.

— פּעטליורא, — זאָגט מען, — איז געווען אַ מענטשן־און אידן־פריינט. ער פלעגט באַשיצן אידן פון באַנדיטן...

איך פאַררוף מיך אויף טיטוס׳ן, וועלכער האָט גע׳שם׳ט אַלס הומאַניטאַרער מאַן און האָט דאָך חרוב געמאַכט ירושלים.

זיי ווילן וויסן מיין מיינונג וועגן פּעטליורא׳ס פּערזענלאַכער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, צי ער האָט טאַקע אַליין געקוילעט, גע־שענדעט...

איך דערמאָן זיי דעם רוימישן קאַטאָן, וועלכער האָט חרוב געמאַכט קרתגא, הגם ער איז דאָרטן אַליין פּיליכט קיינמאָל ניט געווען. ער האָט פאַראָרדנט, ער האָט באַפוילן און זיין ארמיי האָט אויסגעפירט זיינע באַפעלן. ניט דער אינסטרומענט איז שולדיק, נאָר די האַנט וואָס פירט מיט אים אָן. דער גענעראַל וואָס באַ־קומט אַ לאָרבער־קראַנץ, ווען זיין ארמיי איז זיגרייך, קען אויך גע־שטעלט ווערן צום משפט ווען ער פאַרלירט אַ שלאַכט.

— ער איז דאָך ניט דער איינציקער, ס׳זיינען נאָך פאַראַן פיל אַנדערע... קענט איר דען אָפּראַמען אַלע פון וועג?

— ס׳איזווירקליך אַ שאָד וואָס איך בין ניט קיין טיטאַן פון דער לעגענדע, וואָס האָט געקענט ציגן אַזעלכע גבורות...

זיי האָבן אַלע דריי געשמייכלט.

— האָט איר עפּעס צוגעגרייט בכתב?

איך דערלאַנג זיי אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מאַכט און גערעכ־טיקייט...

איינער האָט דאָס שריפט געלעזן און אַלע האָבן זיך צוגעהערט.

— נו, — האָט איינער פון זיי באַמערקט, ווענדענדיק זיך צו מיר, — די יוסטיץ וועט אייך מאַכן פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר אייער אַקט און אייך פאַראורטיילן ווער ווייסט אויף וויפיל צייט.

— איך וויים, — האָב איך געענטפערט, — איך פאַרלאַנג גאָרניט און בעט ניט קיין רחמנות.

26טן יוני.

דאָס טירל פון מיין שטייג עפנט זיך און די באַקאַנטע האַנט פונ׳ם וועכטער דערלאַנגט מיר אַ בריוו... איך כאַפּ אים, ווי אַ חולה אַ רפואה. די אַדרעס: „פראַנצויזישע רעגירונג פאַר שלום שוואַרצבאַרד"... אַ קלאָרער און קורצער אַדרעס. איך עפן דעם בריוו.

זעקס שורות, קוים אַ פּאָר צענדליק ווערטער אין העברעאיש:

„תל־אביב, 16 סיון תרפ״ו.

שלום שוואַרצבאַרד! שלום!

חלומי פּתרת... (מיין חלום האָסטו ערקלערט)

חזק ואמץ! (שטאַרק זיך און פעסט זיך).

בברכת התחיה

ישראל בן־דוד".

איך ווייס ניט פאַר וואָס די דאָזיקע ווערטער האָבן ביי מיר געעפנט דעם קוואַל פון טרערן... ס׳איז באַשערט געווען, אַז דער ערשטער גרוס וואָס איז אָנגעקומען צו מיר פון דער אויסערלאַכער אידישער וועלט זאָל זיין אין העברעאיש און קומען פון ארץ ישראל... און טרערן, זיסע, מילדע, האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן... אַזוי געוויינט האָב איך ווען כ׳האָב געלייענט די טעלעגראַמע וואָס די רוסישע אינטעליגענץ האָט געשיקט צו ביילים׳ס פאַרטיידיקער: „הינטער אייך שטייט די גאַנצע רוסישע אינטעליגענץ: ניט נאָר איין מענטש שטייט פאַר׳ן געריכט; ניט איין איד ווערט גע׳משפט, נאָר דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק זיצט אויפ׳ן ביינקל אין קיעווער פּראָצעס"....

ישראל בן־דוד, אומבאַקאַנטער פריינט, אַ דאַנק!

ט

דער צווייטער פֿאַרהער

29טן יוני.

היינט פֿאַרטאָג האָט מען מיך ווידער געבראַכט צום אויס־פֿאַרשונגס־ריכטער. עס האָבן זיך געמעלדעט צוויי נייע עדות.

— ווער זיינען זיי? — פֿרעג איך ביי מיין אַדוואָקאַט.

— איינער אַן ענגלישער זשורנאַליסט וואָס האָט בייגעוואוינט די סצענע, און דער צווייטער איז דער פֿאַרוואַלטער פֿון פּעטליור־ראָ'ס זשורנאַל „טריזוב".

איך זיץ אין האַלב־פֿינסטערן קאָרידאָר און וואַרט. דער יונגעטשקער זשאַנדאַרם וואָס היט מיך האָט ניט קיין גרויס חשק צו ריידן. ס'קומען אַריין טאָרעס און מיין פֿרוי. זי קלאָגט זיך, אַז קיינער קומט ניט צו איר, זי זיצט אַפֿ טעג און נעכט און זעט ניט קיין לעבעדיקן נפֿש.

טאָרעס גייט אַוועק אויף אַ ווײַלע און קומט צוריק באַגלייט פֿון פֿריינט נ. הערמאַן פֿון „ניו יאָרקער מאָרגן זשורנאַל"... דער לעצטער דערציילט מיר וועגן דעם איינדרוק וואָס די טאַט האָט געמאַכט אין אַמעריקע, וועגן דער אויסערגעוויינלאַכער וואַרעמער באַציאונג פֿון „מאָרגן זשורנאַל" און דעם „פֿאָנד" וואָס די צייטונג האָט געשאַפֿן האָב איך שוין געוואוסט פֿון עטלאַכע טעג... איך בעט אים איבערגעבן מיין האַרציקסטן דאַנק דעם „מאָרגן זשורנאַל" און די אַמעריקאַנער אידן פֿאַר זייערע סימפּאַטיעס.

מיר ריידן נאָך וועגן דער באַציאונג פֿון די סאָציאַליסטישע קרייזן צו מיין טאַט. אָבער דער זשאַנדאַרם לאָזט לאַנג ניט ריידן קיין אידיש.

מ'האָט מיך אַריינגעפֿירט צום ריכטער. איך האָב דאָרטן גע־טראָפֿן אַ מאַן פֿון אַ יאָר פֿופֿציק. ער האָט מיך העפֿלאַך באַ־גריסט:

— איך בין געווען אַן עדות פֿון דעם טרויעריקן פֿאַל, — זאָגט ער צו מיר.

— זייער גוט, מאַסיע.

ער האָט דערציילט אַז ער האָט געזען ווי איך בין געשטאַנען און געשמועסט אַ פּאָר מינוט מיט פּעטליורא'ן און דערנאָך גענור־מען שיסן. יענער איז נאָך דעם צווייטן שאָס אַנידערגעפּאַלן און איך האָב ווייטער געשאָסן, ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד. ווען דער עדות איז שפּעטער צוגעגאַנגען צו מיר און מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך האָב עס געטאָן, האָב איך אים געענט־פערט: „ער איז געווען אַ גרויסער מאַסן־מערדער. דערפאַר האָב איך אים דערשאָסן".

צום שלום האָט ער ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ער האָט באַלד דערקענט, אַז דאָ איז געשען אַ פּאָליטישער אַטענטאַט.

— איך בין געווען אַ פריוויליקער אין דעם וועלט־קריג, — האָט דער מאַן געזאָגט, — איך האָב דורכגעמאַכט די גאַנצע מלחמה־עפּאָכע. פון מיינע אייגענע האָבן פיל געליטן און פיל זיינען אומגעקומען אין דעם קריג. דערפאַר זאָג איך אייך, הערר ריכטער, אַז ווען איך זאָל נאָר טרעפן דעם באַנדיט ווילהעלם'ן וואָלט איך אים מיט אַ רוהיקן געוויסן דערשאָסן.

— מיין ליבער הערר, — רופט איך זיך אָפּ, — איך בין אויך געווען אַ פריוויליקער אין דער מלחמה און איך פיל אייך מיט. נאָר איר פאַרשאַפט מיר ניט קיין גרוים כבוד ווען איר זאָגט, אַז איך האָב געשאָסן אויף איינעם וואָס איז שוין געלעגן אויף דער ערד. דאָס איז ניט קיין כבוד פאַר אַ סאָלדאַט.

אַלע האָבן געלאַכט.

— ענטשולדיקט! — האָט זיך דער ענגלענדער גענומען פאַר־ענטפערן. — איך זוך ניט חלילה אייך דערמיט צו טרעפן, איך זאָג בלויז דאָס וואָס איך האָב געזען. אפשר האָט איר ניט אַלע קוילן געצילט אויף דעם ליגענדן. דאָס קען איך אייך ניט זאָגן.

דער צווייטער עדות איז געווען אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר דרייסיק מיט אַ רוצח'יש אויסזען און מיט בייזע אויגן וואָס האָבן קרום געקוקט אויף מיר. ער האָט עדות געזאָגט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט, אונטערגעקויפט און געשיקט פון די באָלשעוויקעס צו הרג'ענען פּעטליורא'ן, אַז אומשולדיקן מענטשן.

ער האָט דערציילט, אַז פּעטליורא איז גאָר ניט געווען קיין אידן־פיינט. פאַרקערט, ער האָט זיך שטענדיק גע'חבר'ט מיט אידן, און בכלל אַלע אוקראַינער האָבן ליב אידן. אַ סימן, אַז ער

אליין וואוינט מיט אַ אידישע פרוי. עס איז ניט אַנדערש, ווי איך בין געשיקט פון די באָלשעוויקעס, צו הרג'ענען פּעטליורא'ן.

צום סוף האָט ער צוגעגעבן, אַז די אוקראַאינער האָבן קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פּאָגראָמען אויף אידן. דאָס האָבן געמאַכט די רוסן, די רוסישע רעאַקציאָנערן און די באָלשעוויקעס. ער האָט אויך געזאָגט, אַז איך בין ניט קיין אוקראַאינער, אַז איך קען אפילו ניט די אוקראַאינישע שפּראַך.

— וואָס האָט איר דערויף צו זאָגן? — פרעגט מיך דער ריכטער.

— זייער פיל, הערר ריכטער. ערשטנס, בין איך ניט קיין באָלשעוויק. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי, איי־בערהויפּט צו דער באָלשעוויסטישער. איך בין אַ רעוואָלוציאָנער, אַ רעוואָלטירנדע נשמה און קען אייך נאָר זאָגן, אַז אַ סך פון מיין רעוואָלוציאָנערן גייסט האָב איך צו פאַרדאַנקען די נביאים. אייער קריסטוס איז אויך געווען אַ רעוואָלוציאָנער.

— יאָ, — זאָגט דער ריכטער, — ער האָט אָבער קיינעם ניט גע'הרג'עט און בכלל, אויף וויפיל איך וויים, פאַרבאָטן צו הרג'ענען.

— אמת, הערר ריכטער, ער האָט אָבער געלעבט אין אַן אַנ־דער צייט. און ניט שטענדיק איז דאָך נויטיק צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן פאַר פרעמדע זינד. מ'קען אויך ניט אייביק אונטער־שטעלן די צווייטע באַק ווען מען הערט ניט אויף צו שלאָגן. עס איז גאָר ניט נויטיק צו זיין אַ פּאַרטיי־מאַן, כדי נקמה צו נעמען פאַר אַזאַ געוואַלדיג פאַרברעכן וואָס מ'איז באַגאַנגען קעגן אַ גאַנץ פאָלק. יאָ, איך גיב צו, איך בין געשיקט געווען, איך בין באַ־וואויגן און געשטויסן געוואָרן צו באַגיין די טאַט. פון וועמען? פון מיין געוויסן, פון די צענער־טויזנטער געשפּענסטער פון די געקוילעטע און געשענדעטע אידן. מ'זאָגט דאָ, אַז ניט די או־קראַאינער האָבן געמאַכט פּאָגראָמען. דאָס איז אַ פרעכער, געמיי־נער און גראָבער ליגן, הערר ריכטער. דער באַנדיט באָגדאַן כמעל־ניצקי האָט נאָך אין יאָר 1648 אויסגעקוילעט אַ האַלבן מיליאָן אידן, ווען ער האָט זיך צעבונטעוועט קעגן די פּאָליאַקן. די רוצחים גאָנטאַ און זשעליעזניאַק האָבן זיך צובונטעוועט קעגן די פּאָליאַקן און רוסן אין יאָר 1768 און האָבן אויך געקוילעט אידן. און די אַלע פּאָגראָמען אויף אוקראַאינער אידן אין דער צייט פון צאַריזם, דורך וועמען זיינען זיי אויסגעפירט געוואָרן, אויב ניט דורך די דאָזיקע ווילדע בעסטיעס! און די לעצטע פּאַ־

גראמען און שחיטות פון די יארן 1918-19-20? פראסקוראוו, זשיטאמיר, טשערקאס און אנדערע הונדערטער שטעט און שטעטלאך אין אוקראינא, — ווער זיינען עס געווען די הוליגאנעס און רוצחים, אויב ניט די אוקראינער?!...

איך בין געווארן אזוי אויפגערעגט, אז איך האב ניט געקענט מער איינזיצן. איך האב זיך אויפגעשטעלט און גענומען שרייען. דער זשאנדארם איז צוגעלאפן צו מיר. נאר דער ריכטער האט צו אים א מאך געטאן מיט דער האנט און געהייסן מיר זיך באַרוהיקן און זיך צוריק אוועקזעצן אויף מיין ארט.

— עס איז פארשטענדלאך, הערר ריכטער, — נעם איך וויַדער ריידן, — אז זיי ווילן זיך אצינד ריינוואשן פון דעם פארברעכן, אומשולדיק בלוט וואשט זיך אבער ניט אזוי גיך אפ. עס איז לייכט צו זאגן, אז דאס האבן די רוסן געמאכט פאגראמען אין אוקראינא, ארויפווארפן אויף אנדערע די אייגענע זינד. דאס אליין איז שוין גענוג געמיין און נידערטרעכטיג. זיי זאגן, אז זיי זיינען אידן-פריינט. א סימן איז וואס זיי לעבן מיט אידישע פרויען. דאס איז גאר קיין באווייז ניט. טיטוס איז אויך געווען אזא אידןפריינט און האט געלעבט מיט דער שיינער ביראניקע — און האט צובראכן דעם אידישן שטאלץ, חרוב געמאכט דאס אידישע לאנד, פארטריבן די אידן פון זייער ערד און זיי פארשקלאפט. קארל דער נייַנטער איז אויך געווען א פריינט פון די הוגענאטן און דאס האט ער געמאכט די „הייליקע" שחיטה פון דער בארטאלאמעער נאכט. מ'האט דא געזאגט, אז איך קען קיין אוקראיניש ניט. קיין געבוירענער אוקראינער בין איך טאקע ניט, אבער מיין גאנצע יוגנט האב איך פארבראכט און געליטן אין דער פארשאטלענער אוקראינא, דורכגעמאכט די פאגראמען און גענוג זיך באקאנט מיט די ווילדע חיות אין מענטשלאכן געשטאלט. די אוקראינישע שפראך? איך פארשטיי אוקראיניש, אבער איך וויל באמערקן, אז פילע אוקראינער קענען ניט גוט אוקראיניש. מען איז דארט רוסיפיצירט.

פון גרויס אויפרעגונג האב איך ווידער ניט געקענט איינזיצן אויף דעם ארט. דער ריכטער האט מיר א פאר מאל אויפמערקזאם געמאכט און געהייסן אוועקזעצן זיך צוריק.

— אויב איר זייט ניט קיין באלשעוויק, — האט מיך צו לעצט געפרעגט דער אוקראינער עדות, — פאר וואס זשע האט איר ניט געשאסן טראצקי'ן?

— ווייל ער האָט ניט געמאַכט קיין פּאָגראָמען, ניט געקוי־לעט קיין שוצלאָזע אומשולדיקע מענטשן און קליינע קינדער, ניט געשענדעט קיין פרויען און ניט געראַבעוועט, ווי איר האָט דאָס געטאָן.

דער עדות־הוליגאַן, וועלכער האָט אַלץ געוואָלט מאַכן פון מיר אַ באָלשעוויק, האָט מיך שטאַרק דענערווירט.

1טן יולי.

— דער אַדוואָקאַט! — גיט מיר דער וועכטער אַ זאָג אַריין אין מיין קעמערל.

איך בין אַוועק אין אויפנאַמס־צימער און האָב דאָרטן גע־טראָפן טאָרעס'ן, ווי אימער, אומגעדולדיק און אַרומלויפנדיק אַהין און צוריק.

— מיין טייערער, וואָס מאַכט איר? ווי גייט עס? איך זאָג אייך, אַז ס'איז אַזוינס ווי אַזעלכעס, — האָט מיך טאָרעס באַ־גריסט.

ער ציינט מיר אָן אויף אַ דיקן פּאַק פּאַפּירן:

— איר זעט?... דאָס איז נאָך ניט אַלעס, איך האָב בלויז מיטגענומען אייניקע באַגריסונגס־בריוו, טעלעגראַמעס, אַביסל ציי־טונגס־אויסשניטן. איך באַקום זיי פון דער גאַנצער וועלט זאָג איך אייך, כמעט פון אַלע שיכטן פון דער אידישער געזעלשאַפט. זעצט אייך. איך וועל אייך לייענען אַ פּאָר בריוו און טעלעגראַ־מעס... אָט האָט איר אַ בריוו פון קישינעוו, אַ טעלעגראַמע פון ניו יאָרק... נאָר איך וועל אייך לייענען אַ טעלעגראַמע פון בוע־נאָס איירעס:

„...מיר אַלמנות און יתומים פון פּראָסקוראָווער פּאָגראָם וואָס וואוינען אין אַרגענטינאַ, דריקן אויס אונזער דאַנקבאַרקייט צו מעטר הענרי טאָרעס וועלכער האָט אויף זיך גענומען צו פאַר־טיידיקן שלום שוואַרצבאַרד'ן, וועלכער האָט מקריב געווען זיין לעבן כדי נקמה צו נעמען פאַר די קרבנות, פון פּעטליוראַ'ן, דעם הויפּט־שולדיקן פון די אידישע הריגות אין אוקראַינאַ, און האָפן אַז זיין אָנשטריינגונג וועט זיין ערפאָלגרייך..."

ער איז פּלוצלינג שטיין געבליבן:

— וואָס איז מיט אייך, טייערער שוואַרצבאַרד? איר וויינט? וואָס איז? זייט איר חלילה קראַנק?

ער האָט אויך מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר פרעגנדיקע בליקן און גאָרניט געקענט פארשטיין פאר וואָס איך וויין.

ער האָט ווידער גענומען לייענען און זיך אליין איבערגע־שלאָגן:

— שווארצבארד, טייערער שווארצבארד, איר ליידעט?

איך ציִיג אָן אויף דער ארגענטינאַ׳ר טעלעגראַמע... און שטאַמל:

— יתומים, אלמנות... איך זע פארמוטשעטע מחנות, גע־קריפּעלטע, געשענדעטע, פארשפּיגענע... זיי שטרעקן מיר זייערע הענט... באַגריסן מיך.

אויך ביי טאָרעס׳ן אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן גלאַנ־צענדע וואסערלאָך.

— זאָל זיין גענוג, — האָט ער שווער ארויסגערעדט, — איך וועל מאָרגן אייך שיקן מיין סעקרעטאר און ער וועט פאר אייך פאַרלעזן אינטערעסאנטע בריף, באַרוהיגט אייך, טייערער.

איך בין אַוועק פון אים אָן אַ זיי־געזונט.

2טן יולי.

צו מיר איז געקומען טאָרעס׳ סעקרעטאר, מעטר טריק, מיט נאָך אַ גרעסערן פּאַק דאָקומענטן. ער האָט מיר געצייגט פיל צייכנונגען און פאָטאָגראַפיעס פון פּאָגראָם־סצענעס. פאר מעטר טריק איז דאָס געווען אַ נייס. ער, דער גוי, האָט וועגן פּאָגראָמען געהערט דאָס ערשטע מאָל און ס׳האָט אים, קענטיק, צוטומעלט. האָט דאָס טאַקע פּאַסירט אין אונזער צייט? מיר באַטראַכטן צו־זאַמען די בילדער: אַ דערוואָרגענע פרוי און לעבן איר אַ קינד, אַ גרופּע אידן אויסגעשטעלט אין אַ רייע, די הענט און די אויגן אויפגעהויבן צום הימל און אַנטקעגן זיי אַ גרופּע סאָלדאַטן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן; גרופּעס וואַנדערער איבער אוקראַינער סטעפּעס.

מעטר טריק וואַרפט אויף מיר יעדעס מאָל אַ פארבאַהאַלטע־נעם קוק. טאָרעס האָט אים, קענטיק, דערציילט וועגן מיין שוואַכ־קייט... ער האָט פאַר מיר דורכגעלייענט אַ פּאָר בריף — צווישן אַנדערע אַן אויפרוף פון עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערק־מאַן, פון דער „פרייער ארבעטער שטימע", וואָס האָט אויף אונז ביידע שטאַרק געווירקט.

— איך זייט ניט איינזאַם, — האָט מעטר טריק עטלאַכע מאָל צוגעגעבן, — מען האָט אייך פאַרשטאַנען.

און געזעגנדיק זיך מיט מיר, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר ברייגען נאָך און נאָך בריף...

מיכאל השר הגדול

4טן יולי.

זייער אָפט פלעגט מיין פליענדער געדאַנק זיך אָפּשטעלן אויף דעם ווינקל פון דער גאַס ראַסין און בולוואַר סען־מישעל, וואו אין דעם זוניקן מאַי־טאָג, בפני קהל ועדה, האָט זיך אָפּגעשפּילט מיין אַקט פון גאולת הדם. איך זע פאַר מיר די שמאָלע גאַס וואָס טראָגט דעם נאָמען פון גרויסן קלאַסישן פראַנצויזישן דיכטער ראַסין, און וועלכער פאַלט אריין ווי אַ טייכל אין רוישיקן ים פון בולוואַר סען־מישעל. דער אַלטער ראַסין, און דער מלאך מיכאל, — זייערע נעמען זיינען ווי צוגעשמידט צו דער בלוטיקער דראַמע.

און איך פלי אין אַ קאָשמאַר פון אַ שטיקענדער זומער־נאַכט:

ווי דעם נביא חבקוק האָט אַ פאַרבאָרגענע קראַפט מיך אָנגעכאַפּט ביי די האָר און מיך געלאָזט שוועבן אין דער לופטן... אַלע מיינע אברים ציטערן פאר פחד, ביז מיינע פיס האָבן ניט דערפילט אונטער זיך די שטייפע ערד. אַ גרויסער פרייער פּלאַץ מיט אַ מאָנומענט אין צענטער. איך באַטראַכט דעם מאָנומענט מיט גרויסן נייגיער. אַ העלד פון בראָנז, דער קאָפּ פאַריסן, אין האַנט אַ געווער, די רעכטע פוס טרעט אויף אַ ווילדע חיה מיט אַ קליינעם שטערן, גרינע שלאַנגען־אויגן און אַ ברייט־שוימענדיק אויסגעקרימט מויל... איך לייען די אויפשריפט: מלאך מיכאל... און דערביי אַ קאַפּיטל פון דניאל: „און מיכאל דער גרויסער שר וואַכט אויף דיין פאָלק... און עס וועט זיין אַ עת צרה, וואָס איז נאָך אַזוינס ניט געווען זינט פעלקער עקזיסטירן... און דיין פאָלק וועט דאַן ניצול ווערן א. ז. וו."

און ווי איך שטיי אַזוי און פאַרטיף זיך אין די ווערטער פון דער הייליקער שריפט, שפּרַאַצט אויס נעבן מיר אַן אַלטער מאַן, אַלטמאָדיש געקליידעט. מיט אַ וויסן פאַריק אויפ'ן קאָפּ. איך שטעל אים אָפּ און פרעג אים די ערקלערונג פון דעם מאָנומענט.

דער מאַן נויגט זיך פאַר מיר מאַיעסטעטיש, ציינגט מיט איין פינגער אויף דעם מאָנומענט און ער ערקלערט:

— דאָס איז דער שר מיכאל, דער מלאך הגואל, דער באַשיצער פון פאָלק ישראל, וועלכער האָט זיך אָנגעפילט מיט רוח־נקמה, באַזיגט און צוטראָטן דעם שר פון דעם שבט וואָס האָט זיך דורות־לאַנג ניט געקענט קילן אין טייכן אידיש בלוט.

דער אַלטער האָט אַרויסגענומען פון זיין טאַש זיין טאַבאַק־פּושקעלע, געטאָן אַ שמעק טאַבאַק, אַרויסגענומען פון זיין צווייטן טאַש אַ בוך, אָנגעפּ'ן טאָוול פון וועלכן ס'האָבן געבלישטשעט גאָלדענע בוכשטאַבן: „די הייליקע ביבל", און טייטנדיק מיט די פינגער אויף דעם בוך האָט ער געזאָגט:

— „דאָ איז אַלעס פאַרשריבן, די פאַרגאַנגענהייט, די געגנוואַרט און די צוקונפט" — און האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין.

איך לאָז מיך צו אים:

— ווער זייט איר, מאָסיע?

ער שלעפּט אַרויס פון בוזים אַ שטיק פּאַרמעט אויף וועלכן איך לייען: „זשאַן ראַסין".

11טן יולי.

די לעצטע טעג איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו טראַכטן, אַז דער רעש איז שוין פאַרביי, אַז חשוב'ע מיושב'דיקע אידן האָבן גענומען די אויבערהאַנט אין דער אידישער וועלט, זיי מאַכן זייערע קליינינקע זשעסטן און גיבן טיפזיניקע עצות: „מ'דאַרף מער ניט רוישן, אָפּגעטאָן —איז אָפּגעטאָן. זאָל אַלעס צוריק אַריין אין זיין נעסט"....

מ'ברייננגט מיך אַריין אַ בריף און איך לייען:

„סאָטאַנאָוו, דעם 6טן יוני, 1926.

הויכגעשעצטער שוואַרצבאַרד!

דעם טאָג אין וועלכן מיר אידן אין אוקראַינע האָבן זיך דערוואוסט אַז מען האָט פּעטליורא'ן דער'הרג'עט, זיינען די וואונדן וואָס זיינען ביי יעדן פאַרבליבן נאָך אַמאָל דערפילט געוואָרן. צו פּראָסט איז דער נפש געווען, אַז דער טויט זיינער זאָל קענען פאַרלייכטערן דעם ווייטאָג און שטילן די צובראָכענע הערצער פון טויזנטער אומגליקלאַכע אין אוקראַינאַ. ביז היינט, ווען איר קומט אַריין אין איינע פון די הריגה־שטעטלאַך, וועט איר טרעפן צו־

קריפּעלטע, צוקרימטע, צושניטענע, צושטאָכענע און גלאַט מענ־טשן־שאָטנס דרייען זיך ארום און ווייסן ניט, צו וועמען זיך קערן, און עלנדע פאַרלאָזטע אלמנות, יתומים. און שטילע, פאַרבאָרגענע גייען זיי און טראָגן דאָס בילד פון זייערע טייערסטע און נאָענט־סטע אין האַרצן: טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער. נאָר זיך אליין פאַרטרויט מען אַלע טאָג דעם גרויסן סוד.

מיינע טייערע האָט מען אין פּאָגראָם דער׳הרג׳עט. אַ וויי־טאָג, דערצו עפּעס נאָך אַ בושה. נאָר ביי די יזכור׳ס, פּסח־צייט (דאַן איז פאָרגעקומען אָם מערסטן פּאָגראָמען) גיסן זיך טרערן, הערן זיך קרעכצן, געשרייען. דאָס הערן נאָר די שטומע פייכטע ווענט פון די בתי מדרשים. און טראַכטן פלעג איך שטענדיק, צי אין מערב אייראָפּא איז ניטאָ אזעלכער, וואָס רירט זיך אין אים אן אָדער, ער זאָל נעמען נקמה פון דעם מערדער פאַר דעם אומשולדיקן אידיש בלוט?! און עס האָט זיך ענדלאַך געפונען אַזאַ מענטש מיט אַ ווארעם האַרץ. דער נאָמען שלום שווארצבארד איז אונז ניי און טייער. תמיד וועלן מיר געדיינקען אונזער טייערן חבר, און מיר וועלן זיך אין אונזער חורבן דערמאָנען.

י

דער דריטער פאַרהער

20טן יולי.

מ׳לאָזט מיך וואַרטן אַ שיינע פּאָר שעה אין פינסטערן קאָרי־דאָר פאַר דעם צימער פון אויספאָרשונגס־ריכטער. דאָס לאַנגע וואַרטן מאַטערט אויס. זאָל זיך עס שוין ענדיקן. זאָל זיך אָנ־הייבן דער פּראָצעס, וואו איך וועל האָבן אָפּצוגעבן דין וחשבון פאַר מיינע מעשים צו דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

מיין זשאַנדאַרם דרימעלט צו, אָבער יעדע ווײַלע כאַפּט ער זיך אויף מיט אַ שפּרונג און טוט אויף מיר אַ קוק מיט שרעק: „האָט דער בחור, הייסט עס, ניט געמאַכט קיין ויברח?״ ער באַ־גענעגנט מיך מיט אַ האַלבן שמייכל, ווי איינער זאָגט: „מיר זיי־נען איבערגעשראָקענע... ווי אַ זאַך מאַכט זיך״....

ענדלאַך לויפט אַרויס דער פלינקער אויספאָרשונגס־ריכטער מיט זיין שפּיציקן בערדל און רופט מיך אַריין.

מ׳רופט אויך אַריין דעם אַדוואָקאַט גאָלדשטיין, געוועזענער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע אויסצופאָרשן די פּאָגראָמען אין אוקראַינאַ.

ער דערציילט וועגן די רעזולטאַטן פון זיין אויספאָרשונג. די פּאָגראָמען זיינען קענטיק געווען אָרגאַניזירט. די אוקראַינער רעגירונג האָט זיי באַטראַכט אַלס מיטל צו האַלטן די פּויערים אויף איר זייט.

גאָלדשטיינ׳ען האָב איך געקענט. ער איז געווען פאָרזיצער פון אַ קאָמיטעט וואָס האָט אַריבערגעבראַכט קיין פּאַריז אַ גרופּע אוקראַינער יתומים און איך האָב מיך געהאַט מיט אים פאַר־בונדן, כדי צו נעמען אַ קינד אויף האָדעווען.

גאָלדשטיין האָט מיך אויך דערקענט און דערציילט דעם ריכטער וועגן אונזער באַקאַנטשאַפט.

מ׳פירט אַריין אַן אוקראַינער פּראָפעסאָר, מיטן נאָמען קאָ־וואַל. ער דערציילט אַז ער האָט מיך געזען נאָך אין אַפּריל

אין בולאָנער וואַלד, אין אַן אַטאַמאַביל, וואו כ'האָב נאָכגעשפּירט, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר לייט אים, פּעטליורא'ן און נאָך איינעם. אַ גאַנצע מעשה מיט שפּיאָנאַזש, ווי אין אַ קינאָמאַטאָגראַף...

די געשיכטע איז מיר אַזוי געפעלן, אַז כ'האָב מיך צעלאַכט אויפ'ן קול.

דער ריכטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט פאַרוואונ־דערונג.

— אין אין אַן אַטאָ, אין בולאָנער וואַלד ? ס'איז צו „שיק" פאַר מיר...

— איר האָט אים דערקענט?—פרעגט דער ריכטער קאַוואַל'ן.

— יאָ, — זאָגט ער, — ס'איז געווען אַ ברונעטער יונגער־מאַנטשיק.

— שוואַרצבאַרד איז דאָך אָבער אַ בלאָנדער, — זאָגט דער ריכטער.

— האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז ער איז אַ ברונעטער געווען...

מ'פרעגט נאָך אויס אַן אוקראַינער מיניסטער וואָס לויבט פּעטליורא'ס אידן־פריינטשאַפט...

מיר ווערט אַזוי טרויעריק, אומעטיק...

קאָשמאַרן...

9־טן אויגוסט.

שבת בין השמשות, דער לעצטער וויזיט פון די וועכטער. אריינגעקומען, מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, גענומען זוכן אין אַלע ווינקעלאַך, געהייסן אַרויסשטעלן פון יענער זייט טיר פון קעמערל אַלע פאַרדעכטיקע זאַכן: דעם קרוג, די שיסל, דאָס שרייב־געציייג, און די טיר האָט זיך צוגעמאַכט און פאַרשלאָסן אויף אַ צווייענדיקן שלאָס.

דער שאָטן פון בין השמשות האָט איינגעהילט די קאַמער אין אַ מאַנטל פון שטילע סודות.

איך ליג אויף מיין בעטל און קען ניט איינשלאָפן. געדאַנ־קען פאַרשיידענע, אומגעווינטשטע געסט: וואָס מער איך וויל זיי פאַרטרייבן פון זיך, אַלץ מער קומען זיי אויפ'ן זין און מאַ־טערן. ציען אַרויס די נשמה. אומעגלאַך זיך צו שיצן קעגן

זיי. ניטאָ אין די נאַקעטע, דיקע, קאַלטע ווענט קיין אָרט, קיין שטיקל באַהעלטעניש, וואו זיך אויסצוהיטן פון די פינצטערע, מורא'דיקע געדאַנקען...

איך ווייס ניט, צי איך שלאָף, צי איך בין וואַכעדיק... איז דאָס אַ בענקענדער פויגל וואָס שפּילט אין די גראַטעס, אָדער דער ווינט וואָס רוישט מיט אַ מאָדנער שטימע? די קלאַנגען ווערן אַלץ האַרמאָנישער. ס'הערט זיך מעלאָדיעס פון באַקאַנטע אָפּערן, זיסע אַריעס, טיפע סאָנעטן... ס'נעמט מיך ביים האַרץ, ס'איז מיר גוט... מיין גוף ווערט לייכט ווי אַ שטיקל פּאַפּיראָס און שוועבט אַרויף פּלאַנמעסיק אין דער הויך...

איך בין אויף אַ וויסטן פעלז... פון דער ווייטנס אַן איינזאַמער שלאָס, וועלכער דערנעענטערט זיך צו מיר... אָט איז ער שוין פאַר מיינע אויגן גלייך ווי ער וואָלט אַרוים פון אַ פילם־בילד. ברייטע טירן עפענען זיך, דינער אין פאַנטאַסטישע יוניפאָרמס קומען פון דאָרטן אַרויס און נעמען מיך פירן איבער דעם צויבער־שלאָס. ניט מיר גייען, נאָר גלייך ווי די צימערן גייען דורך פאַר אונז, נעבן אונז, אַלע אויסגעפּוצטע, אויסגעצירטע. אָט שטעלט זיך אָפּ אַ צימער מיט טערקישע דיוואַנען אַרום די ווענט, ווייכע בונטע טעפּיכער. אין מיטן אַ מלכּה, אויסגעצויגן אויפ'ן דיוואַן. איך גיי צו איר. בין איך דער העלד אַלי־באַבאַ וואָס האָט געפונען דעם שפּרוך־וואָרט צו די צויבער־טויערן וואָס עפענען זיך אונטער זיין קוק? בין איך ניט אַריין אין אַ מעשה'לע פון טויזנט און איין נאַכט?... איך לעג מיך אַוועק אויף אַן אויסגעשפּרייטן קונסט־טעפּיך. ס'זשומען אַרום מיין קאָפּ צויבער־געשיכטן פון רייצנדן מזרח...

פּלוצלונג איז אַלעס פאַרשוואונדן. איך בין שוין אין הייל פון רויבערס. אויף מיין פינגער — אַ צויבער־פינגערל... איך קען ווערן אַ רואה ואינו נראה... נאָר לאָמיך צומאַכן די אויגן און שלאָפן... איך הער, דוכט זיך מיר, דעם אָרימען מאַריאָ זינגען. ער בענקט נאָך זיין טאָסקאַ'ן. ער געזעגנט זיך מיט די אויסגעשטערנטע הימלען... ער האָט אַ פאָרגעפיל, אַז ער וועט שוין מער ניט זען די שיינע איטאַליענישע נעכט...

...אָט לאַכט אַ פּאַיאַץ מיט גיפטיקער גאַל, אין דער צייט ווען דאָס האַרץ פּלאַצט פון וויינען און ער מוז פריילאַך מאַכן דעם עולם־גולם.

...די לעצטע מאָמענטן פון טראַגישע ווערטער... די שרעק־

לאכע סצענע פון זעלבסטמארד. מיר דוכט זיך, אז איך הער די לעצטע גסיסה־קרעכצן פון דעם האפנונגסלאזן מאן...

איך כאפ זיך אויף פון שלאף, זעץ זיך אויף, הער זיך גוט איין: וואס איז דאס? חלום איך נאך? איך רייב מיר אויס די פארשלאפענע אויגן און קוק זיך ארום אין מיין צעלע, טאפ די ווענט, מאך אן אנשטרענגונג מיט׳ן מח, כדי זיך צו דערמאנען.

דוכט זיך, אז אצינד בין איך וואכעדיק... כ׳האב פשוט געהאט א קאשמאר, ווי ס׳טרעפט זיך מיר אפט... איך הער אבער פארט א געוויין. אך, ווי שרעקלאך איז ווען מ׳הערט א מאן וויינען אויף א קול. יא, יא, א פארצווייפלטער געוויין פון א מענער־שטימע. איך הער ווי די וועכטער לויפן ארום, ווי פאר׳סמ׳טע מייז, זיי ריידן צווישן זיך האלבע דבורים.

...„אזא טיפל... א גליק... כ׳האב דער ערשטער דער־זען, ווען נאך א פאר מינוטן, פארפאלן!"

די קולות ווערן אלץ שטארקער, און די שטילקייט פון דער נאכט צוטראגט זיי, ווי אויף פליגל, איבער די לאנגע קארידארן, און די ווידער־קולות פון די פוסטע קעמערלאך ענטפערן אפ מיט א בייזן חוזק.. מיין קערפער ציטערט פון פחד. מיין שכן פון דער רעכטער זייט שלאפט אויך ניט. איך הער זיינע שטילע איינזאמע טריט. איך קלאפ אים אן. ער ענטפערט מיר דורך דער וואנט מיט דער שפראך פון די פינגער:

— דאס האט איינער געמאכט א פרווו צו הייגן זיך. מ׳האט אים אראפגענומען פון שטריק... יא, יא, מיט א ליילאך האט ער זיך געהאנגען... ער איז סיי ווי פאראורטיילט געווארן צום טויט... אצינד שלאגן אים די וועכטער...

די גאנצע נאכט האב איך ניט געקענט איינשלאפן. די שרעק־לאכע קולות און ווילדער יאמער פון דעם ניט־דערהאנגענעם האבן מיר קיין רו ניט געגעבן. כ׳האב כמעט געזען פאר מיר די סצע־נע: דער אומגליקלאכער ליגט אויף דער ערד, קלאפט מיט׳ן קאפ אין דער פאדלאגע און שרייט ביטער: „לאזט מיך שטארבן, לאזט מיך שטארבן..."

פלוצלונג טראגט זיך צו מיר א ווילדער קוויטשען, באגלייט מיט שטארקע קלעפ אין טיר... דאס קומט גאר פון א צוויי־טער זייט. ווידער א צופאל? אפילו דער ניט־דערהאנגענער שרייט שוין שוואכער, בעת דאס קוויטשען, אויסגעמישט מיט חיה׳שן רעווען, צעטראגט די ווענט. די וועכטער לויפן פארביי.

„ברייננט דעם דאָקטאָר,״ — רופט איינער אוים, — „דעם פעלדשער״, — הערט מען אַן אַנדער שטימע. — „ברייננט דאָס צוואַנג־העמד,״ — שרייען צוויי וועכטער צוזאַמען.

מיין שכן פון לינקס קלאַפּט מיר אין וואַנט:

— איינער איז משוגע געוואָרן... אויבן אין דער צעלע איבער אונז, אין דער זיבעטער אָפּטיילונג... ער זיצט מן הסתם שוין לאַנג.

כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַ זומער־נאַכט זאָל זיך ציען אַזוי לאַנג, לאַנג...

נייע פּאָגראָמען

פרייטיק, 10־טן אויגוסט.

— זעסט, ווי נאַריש דו ביזט, דו האָסט געמיינט, אַז אַז פּעטלוראַ׳ן וועלן קיינע פּאָגראָמען מער ניט זיין? האָסט גע־וואָלט, אַז איין שוואַלב זאָל מאַכן זומער? אָט מאַכן די רומע־נער שוין פּאָגראָמען. זייט עטלעכע טעג ווי די צייטונגען זיינען פול מיט געשעעניש... זעסטו?

דעם גרוס האָט מיר מיין פרוי געבראַכט אין צייט פון איר וועכנטלעכן קורצן באַזוך.

ווידער פּאָגראָמען! פרישע פּאָגראָמען! נייע פּאָגראָמען! פאַרוואָס בין איך אַזוי געשטראָפט?! איך פיל זיך ווי אַ לייב אין אַ שטייג, אַ געבונדענע פאַרוואונדעטע חיה...

אָ, גיט מיר נאָר פרייהייט און קעמפט מיט מיר ווידער!

מ׳האָט מיך געפאַנגען דאָ בלויז דערפאַר וואָס איך האָב פאַרניכטעט אַן אונמענטשלאַכן מאָנסטער, און פאַר אומברייננגען אומשולדיקע, קליינע קינדער, פרויען, אַלטע לייט — לאָזט מען אַרומגיין פראַנק און פריי און זיך באַרימען.

17־טן אויגוסט.

ביכער, טייערע ביכער, אויפריכטיקע פריינט פון אַן איינ־זאַמען מענטשן, — וואָס וואָלט איך געטאָן אַז אייך, דאָ, אין אַ קליינעם אָפּגעשלאָסענעם קעמערל, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנ־צער וועלט, וואָס קאָכט אַזוי ברייט און לעבט?! ווער וואָלט מיך אַרויסגעשלעפּט פון דעם שפּינוועבס פון חלומות, זודיקע קאָשמאַרן און אונענדלאַכע גרויקייט וואָס פאַרשלייערט מיין נשמה און מאַכט פון מיר צייטנווייז אַ לעבעדיקן מת?

טייערע ביכער! נאָבעלע פּאַרמיטלער צווישן מיר און די גרויסע וועלט-גייסטער! אין דער גרויסער אונענדלאַכער שטיל־קייט וואָס האָט מיך אַריינגעכאַפּט אין אירע סאַמעטענע הענט, פיל איך, ווי ראָמען ראָלאַן, רענאַן, זאָלא און אַלע מיינע אוי־טאָרן ריידן מיט מיר, האַרציק, פרעגן מיך אויס. און איך האָב אויך פראַגן זיי צו שטעלן.

„אין אַנפאַנג פון דער וועלט איז געוועזן דאָס וואָרט..."

יאָ, דאָס וואָרט, דאָס געדרוקטע וואָרט האָט געשאַפן מיין קליין תפיסה־וועלטל. אונטער דעם איינפלוס פון ביכער האָט זיך מיין גייסט אַנגעהויבן צו באַרואיקן, און אַלע געשעענישן פון מיין פּראָצעס האָבן זיך אַפגערוקט אַביסל אויף אַ וויטערן פּלאַן.

רענאַן האָט מיך געפירט אויף די וועגן פון דער פּאַרציי־טיקער אידישער געשיכטע; ראָמען ראָלאַן האָט מיר געצייגט די וואונדערבאַרע פּאַסירונגען פון זיין זשאַן כריסטאָף; זאָלא האָט מיך פאַרכאַפּט מיט זיינע שילדערונגען פון דעם אומגליק־לאַכן פראַנצויזישן ריקצוג אין דעם דייטש־פראַנצויזן קריג פון 1870.

ועל כולם — דאָס אייביקע בוך, דאָס איינציקע בוך, די ביבל, זי האָט מיך שעה'ן לאַנג געהאַלטן אין אַן איבערערדישן עקסטאַז...

רענאַן'ס אַנטיסעמיטיזם

25־טן אויגוסט.

היינט האָב איך פאַרענדיקט לייענען „דאָס לעבן פון ישוע הנוצרי," פון רענאַן. מיט טיפן האַרצוויטיק האָב איך געלייענט דעם שלוס פון דעם שיינעם פּאָעטישן ווערק. דער גרויסער קינסטלער און מאָראַליסט, רענאַן, שילדערט פאַר אונז מיט אַזעל־כע לעבעדיקע פאַרבן דאָס בילד פון דעם נאַיוון, שטילן, אונ־ווינדן, אָריענטאַלישן פאַנטאַסטישן יונגנמאַן, דערציילט אונז זיין קורצע לעבנס־געשיכטע, זיינע צייט־גענאָסן — דער הויפּט־קוואַל פון וואַנען ער האָט געשעפּט זיין לערע — דער אַלטער גרויסער הלל, און צום שלוס קען ער זיך ניט איינהאַלטן און וואַרפט אַ שטיין אויף דעם אידישן פאָלק, בעת פּילאַט'ן און זיינע ווילדע לעגיאָנערן גיט ער אַ גלעט איבער'ן קעפּל.

ער, וואָס זאָגט מיט רעכט, אַז די עוואַנגעליסטן זיינען איג־

נאראנטן, גראבע, אונוויסנדע חברה־לייט, שמאל־קעפּיקע און קליין־האַרציקע, אייפערזיכטיקע איינע אויף די אַנדערע, לעקן די טריט פון׳ם רבי׳ן, אבי צו קריגן דעם אויוון־אָן אין הימל...

— ער, דער גרויסער רענאַן, קומט צו לעצט און באַנוצט זיך מיט זייערע פראַזן, שטיצט זיך אויף זייער גבית־עדות און פאַלט אַן אויף דעם שוין דאַמאַלסט הילפלאָזן אידישן פאָלק.

רענאַן גיט אַליין צו, אַז דער סנהדרין איז געווען אומבאַ־האַלפן און האָט איבערהויפּט קיין מאַכט מער ניט געהאַט צו סאַנקציאַנירן טויט־שטראָף. דער בעסטער באַווייז איז דער, וואָס מען האָט געמוזט אַנקומען צו דער רוימישער מאַכט. די עוואַנ־געליע דערציילט, אַז דער סנהדרין האָט זיך געווענדט צו פּילאַט׳ן און געבעטן אראָפּנעמען דעם אויפשריפט אָדער לכל הפחות אי־בערצואַנדערשן די פראַזע וואָס לאַכט אָפּ און באַליידיקט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק: „ישוע הנוצרי מלך היהודים,״ און דער ווילדער רוימער האָט זיי ניט געוואָלט צוליב טאָן.

דאָס באַווייזט נאָך בולט׳ער, אויף וויפיל די אידן זיינען אומשולדיק און אומבאַהילפיק געווען אין דעם דאָזיקן פּראָצעס, און אויף וויפיל פּילאַט, וועלכער האָט זיך דערלויבט צו טרייבן אַזאַ חוזק קעגן די אידן, איז געווען אַ היפּאָקריט, ווען ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט פון דעם פאַרברעכן.

פאַר רענאַנ׳ען איז אָבער פּילאַט דאָך אַ לאַנדסמאַן, געבוירן אין ליאָן (אַמאָליקע גאַליע), היינט פראַנקרייך), און די אידן זיינען... ניט מער ווי אידן.

צו די פראַנצויזישע חברים

29־טן אויגוסט.

„מיין פרוי גיט מיר איבער, אַז איר אינטערעסירט זיך זייער אין מיין גורל, און, ווי איר דערקלערט, פאַרשטייט איר ניט גרינדלאַך, ווי כ׳בין געקומען צו פאַרטראַכטן און אויספירן מיין אַקט.

„איר, פראַנצויזישע יוגנט, אויף וועלכער וויקטאָר הוגאָ האָט געזאָגט, אַז איר זייט דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט; איר, וואָס וואוינט אין צענטער פון וויסן און קונסט, וואָס הערט די אָפּקלאַנגען פון דער גאַנצער וועלט, וואָס שטאַמט אָפּ פון די ריזן וואָס האָבן די ערשטע באַוויזן צו באַצווינגען די באַס־

טיליעס פון טיראנען, — זייט איר מיינע עדות און ריכטער, משפט מיך לחסד און ניט צו שלעכטן!

„איך בין ניט קיין הייסער פאטריאט אין דעם וואולגארן זין פון ווארט, ניט קיין פראנצויזישער און זאגאר ניט קיין אידישער פאטריאט. איך פיל אין מיר א פארוואנדשאפט מיט די גרויסע און נאבעלע גייסטער, וועלכער האבן ליב געהאט אייער לאנד, ניט געקוקט אויף די פארפאלגונגען וואס זיי האבן פון איר געהאט אויסצושטיין; פעטר קראפאטקין, דאס נאבעלע רוסישע הארץ, דער בודא פון אונזער צייט, ווייל ווי בודא האט אויך דער קניאז פארלאזט זיין הויז פון פרינצן און אפגעגעבן זיין לעבן, זיין שטאנד, זיין גאנצע עקזיסטענץ פאר די ליידנדע און געפלאגטע. פאר אים איז פראנקרייך געווען דאס צווייטע פאטערלאנד, הגם ער איז דא געזעסן דריי יאר אין תפיסה און אפילו דערנאך פון דאנען ארויסגעשיקט געווארן.

„עליזע רעקליו, א צארטע נשמה און א מאן פון גרויסער ווישנשאפט, איז אויך פארטריבן געווארן פון זיין לאנד און געשטארבן אין דער פרעמד, ניט אויפהערנדיק צו זיין א פראנצויזישער פאטריאט, אויף זיין מאניער...

„אויב איך בין געגאנגען פרייוויליק אין קריג, איז דאס געווען דערפאר, ווייל כ'האב ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיק און זיצן רואיק אין דער צייט, ווען טייכן מענטשן-בלוט האבן זיך געגאסן אויף אלע פראנטן... ס'איז מיר אונמעגלאך געווען צו זיין אן איינפאכער צושויער פון דעם געוואלטיקן פארברעכן וואס ווערט באגאנגען, און איך האב באדארפט עפעס טאן, רעאגירן, און איך בין געגאנגען אין די טראנשייען, כדי צו טראגן צוזאמען מיט די מיליאנען מארטירער, פארמאסקירט אין מיליטערישע בגדים, דעם שווערן מארטירער-יאך; כ'בין נעלאפן פארויס, כדי צו פארשטעלן די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יונגע לעבנס, דער טויט זאל אויף זיי האבן א קלענערע שליטה.

„איך האב אבער אויך ניט געקענט גלייכגילטיק צוזען, ווי ס'גיסט זיך דאס אומשולדיקע בלוט פון מיין הילפלאזן ארימען פאלק. איך בין געווען אי א צושויער, אי אן אקטיאר אין די גרויזאמע געוואלד-טאטן, וואס מ'האט קעגן אים באגאנגען, — איך בין אבער געווען הילפלאז צו פארטייטיקן די שוצלאזע קעגן די חיות רעות. און אזוי ווי די פויגל וואס האבן פארהאלטן די מערדער פון גריכישן פאעט איבים, אזוי האב איך ענטדעקט

פאר דער וועלט דעם הויפט־מערדער פון אלטע לייט, קינדער און פרויען... איך האב געפרואווט אראפרייסן די שפינוועבס פון ליגן און פאלשקייט, וואס האט באדעקט די שוידערלאכסטע וועלט־טראגעדיע. די הינט האבן געטרונקען דאס בלוט פון אחאב'ן ווייל ער האט גע'הרג'עט און גע'ירש'נט נבות הכרמלי, איין מענטש; שוין א כל־שכן — א מערדער פון א פאלק.

,,איך בין ניט קיין אנהייגער פון גוואלד־טאט, אבער דא האב איך אנדערש ניט געקענט טאן. ס'איז פאר מיר ניט געווען קיין ציל, נאר א מיטל אויפצואוועקן די וועלט פון לעטארגיע.

,,חברים, פארשטייט מיך...״

שלאפלאזע נעכט

2־טן סעפטעמבער.

נעכטן בין איך כמעט ניט געשלאפן. היינט האב איך מיך לאנגע שטונדן געוואלגערט אויף מיין געלעגער און ניט געקענט איינדרימלען. כ'האב אויך וועגן גארניט געקענט טראכטן. מיין מח איז ווי פארטיפט געווארן און געלעגן אין מיין שארבן ווי א שטיק בליי.

ענדלאך, ווייזט אויס, האב איך איינגעדרימעלט... אבער מיטאמאל האט מיך אויפגעוועקט א שטארקער פראל פון א שווע־רער טיר... ס'האבן געראשט גרויסע שליסלען וואס עפענען טירן און פארמאכן זיי... ס'הערן זיך טריט פון פיל מענטשן און פלוצלונג — א שרעקלאכער יאמער וואס האט ווי א פייל דורכגעריסן די שטילקייט און גענומען שפאלטן דאס הארץ... ס'האבן זיך אויך געהערט אויפגערעגטע טרוקענע שטימעס, אבער דער יאמער, אויסגעמישט מיט אונפארשטענדלאכע ווערטער, האט ניט נאכגעלאזט... מיר דוכט זיך, אז איך הער: ,,ניין... איך וויל ניט... וויל ניט שטארבן,״ עפעס אן ענער־גישע שטימע גיט אפ א באפעל... מיין אויפמערקזאמקייט איז אנגעשטריינגט, אז ס'שניידט מיר אזש אין די אויערן... ס'הערן זיך פאראד־טריט... מ'הערט דאס פאכען און דאס קלינגען פון שפארן... דאס יאמערן דערווייטערט זיך...

איך דערמאן מיך, אז נעכטן האט מיר מיין שכן אנגעקלאפט, אז ,,מיר פארלירן א שכן, און אז דער דאזיקער שכן פארלירט זיין קאפ.״... מ'פירט אים, ווייזט אויס, אהין... מ'פארגינט

אים ניט, אַז ער זאָל נאָך זען דעם זון־אויפגאַנג פון דעם נייעם טאָג...

מיין מח איז שוין ניט טעמפּ. ער פליט שוין, ווי מיט פאַסט־פערד... איך וועל שוין היינט ווידער ניט שלאָפן.

איך בין משנה מקום

מיטוואָך, 8־טן סעפּטעמבער.

ס'איז ערב ראש השנה. ס'קומט אַ ניי יאָר. פאַר וועמען, אויך פאַר מיר?

גאַנץ פרי איז אַריינגעקומען אין מיין צעל אַ בריגאַדיר פון די שליסל־היטער און זי זאָרגפול באַטראַכט.

— יאָ, — רופט ער זיך אָן צום וועכטער, — מ'מעג בייטן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מ'וויל מיך אַריבערפירן אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, און אַזוי ווי כ'האָב געלערנט, אַז מען טאָר ניט בעטן אויף אַ נייעם מלך, וואָס קען נאָך זיין ערגער ווי דער אַלטער, האָב איך אַביסל פאַרקרימט די נאָז. די וועלט זאָגט אַ ווערטל: „אַז אַ וואָרעם קריכט אַריין אין כריין, מיינט ער אַז קיין בעסערס איז גאָר ניט פאַראַן.״ דער פאַל איז געשען מיט מיר.

שוין אַ פּאָר מאָל ווי די עלטסטע און וועכטער זיינען געקומען און מיך אויסגעפרעגט, צי איך פיל זיך באַקוועם אין דער צעל, צי כ'וואָלט ניט געוואָלט בייטן. יעדעס מאָל האָב איך געענטפערט נעגאַטיוו, אַזוי אַז מען האָט מיך געלאָזט ווייטער וואוינען אויף מיין אַלטער קוואַרטיר. דאָס מאָל האָבן שוין אי דער וועכטער אי דער עלטסטער מיר גענומען איינריידן:

— אַ יאָ? — רופט זיך אָן צו מיר דער בריגאַדיר, אָנשטריינגנדיק דערביי זיין קאַרביקן שטערן, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָן עפּעס דערמאָנען, — פאַר וואָס פאַר אַ זאַך זיצט איר דען אָט דאָ? איך האָב עס שוין פאַרגעסן, — האָט ער זיך גענומען פאַרענטפערן.

— עס איז דאָך פאַר פּעטליוראַ'ן! — כאַפּט דער וועכטער אונטער.

— אהא, יאָ, — האָט זיך דער עלטסטער ווי פון שלאָף אַ כאַפּ געטאָן, — זייער גוט! די וועלט וועט ניט האָבן אַ סך פאַרלוירן, דער פאַרלוסט איז אַ קליינער... עס מאַכט ניט.

מיר וועלן אייך איבערבייטן אויף אַ בעסערע צעל, וואו איר וועט זיין רואיקער און מ'וועט אויף אייך ווייניקער אַכטונג געבן!

— גוט, — האָב איך געענטפערט, — ווען איר מיינט, אַז מען דאַרף מיך איבערפירן אין אַן אַנדער, בעסערער צעל, וואו איך וועל זיין רואיקער און מ'וועט אויף מיר ווייניקער אַכטונג געבן! מהיכי תיתי, אַבי ניט אויף קיין ערגערער, מאַכט ניט אויס.

— אַ, ניין, — הויבט דער וועכטער אַן מיר איינצורייד'ן, — איך וועט זיין דאָרטן פיל בעסער ווי דאָ, און קיינער וועט ניט קומען אייך שטערן די רו יעדע ווייל'ע ווי דאָ, מ'וועט אייך זעצן צווישן בעסערע מענטשן. ניט אַזוי? — ווענדט ער זיך צום עלטסטן. יענער שטימט צו.

מיר האָבן נאָך געשמועסט וועגן פאַרשיידענעס און זיי האָבן זיך פריינטלאַך געזעגנט און מיר פאַרשלאָסן אין דער צעל.

איך האָב זיך געפונען אַביסל נערוועז. די קליינע ענדערונג, וואָס איך וועל מאַכן אין מיין תפיסה־לעבן, האָט אויף אַ ווייל'ע אוועקגערויבט די רואיקייט מיינע. אפשר וויל מען מיך גאָר אַריבערפירן אין אַן ערגערער אָפּטיילונג? ווער ווייסט? דאָ ווינציקסטנס בין איך שוין צוגעוואוינט און קען שוין מער־ווייניקער מיינע שכנים. אַלץ איז מיר דאָ שוין געוואָרן טייער: דאָס פענצטער'ל מיינס מיט די מאַטע פאַרשמירטע שויבן, דער לאַנגער קוימען, פון דער ווייטנס, מיטן פאַרראָסטעטן האַלז, דאָס שטיקל הימל, וואָס בעת איך עפן אויף די אויגן רופט עס אין מיר אַרויס פאַרשיידענע דערינערונגען, פאַרלאָשענע חלומות, גליקלאַכע איבערלעבענישן פון לאַנגע, זייער לאַנגע צייטן, דוכט זיך אייביקייטן... היינט, דאָס איי'זערנע בעטל מיטן שטרוי־זאַק, אויף וועלכע איך האָב מיך אַזוי פיל שלאָפלאָזע נעכט גע־ראַנגלט, ביז פאַר טאָג — און ווען עס איז געקומען דער טאָג, האָב איך שוין געבעטן אויף דער נאַכט... דאָס בעטל איז פעסט געקאָוועט צו דער וואַנט. דאָס ברעט וואָס דינט מיר פאַר אַ טיש, דאָס דעמבאָווע בענקל מיט דער אייזערנער קייט, צוגעשמידט צו דער וואַנט, אויף וועלכן איך האָב זיך אַזוי פיל טעג געמוטשעט אין אַ לאַנגזאַמען וואַרטן אין דעם לאַנגן, לאַנגן מאַטערן און וואַרטן אַז אַ סוף. די שפין פון ווינקל, מיין איינ־ציקער לעבעדיקער ווען, דער חבר פון מיין צעל, צו וועלכער איך האָב זיך פונקט אַזוי ווי פעליסאָן אין באַסטיליע־תפיסה צוגע־וואוינט און פאַרטרויט מיין איינזאַמקייט און בענקשאַפט... און

די טויטע מצבות, די פאַרשיידענע אויפשריפטן אויף די ווענט, וואו יעדער קריצט אַריין זיינע לײדן... אַ האַרץ אויסגעקריצט מיט אַ נאָגל און דורכגעשטאָכן מיט אַ שפּיז... דאָס אַלץ וואָס איז מיר געוואָרן אַזוי היימיש און טייער און נאָענט צו מיין האַרץ, די אַלע נעמען, די שטילע פאַרוואורפן און דאָס נאַיווע קלאָגן זיך קעגן דער אומגערעכטיקייט פון דער „גערעכטיקייט.״

— די אַלע צייכנס פון מענטשלאַכע לײדן און שטילער איינזאַמ־קייט, דאָס גאַנצע רומל, די אַלטע שטיינער פון דער ערד, די גראַטעס וועלכע איך האָב שוין טויזנט מאָל איבערגעציילט און קען זיי ווי מיינע צען פינגער — דאָס אַלץ איז געוואָרן אַ שטיק פון מיר אַליין, מיין צווייטער איך, פון וועלכן עס איז געווען שווער זיך צו שיידן און אָפּזונדערן...

איבערהויפּט איז מיר געווען שווער זיך צו שיידן און אונ־מעגלאַך פון די אַלע לײדן און שרעקלאַכע געדאַנקען, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט און דורכגעלעבט און וואָס מיין אומרואיקייט האָט מיר אויסגעמאָלן זינט דעם טאָג וואָס איך בין אַנגעקומען אַט דאָרט אַהין אין דער צעל נומער 7, פיפטע דיוויזיע. שוין באַלד פיר חדשים, פיר לאַנגע חדשים, וואָס יעדער טאָג איז ביי מיר געווען אַן אייביקייט, יעדע שעה — אַ יאָר, יעדע רגע — אַ לאַנגע פּלאָג... און פּלוצלונג מיט איינמאָל — דאָס אַלץ פאַר־לאָזן און פאַרגעסן? שווערע איבערלעבענישן, ביטערע צייטן און דערינערונגען פון גרויסע לײדן און מאַטערניש זיינען נעענ־טער און שווערער צו פאַרגעסן, ווי גוטע מאָמענטן אין לעבן.

דאָנערשטיק, 9־טן סעפּטעמבער.

אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטיק האָט זיך די טיר פון מיין צעל ווידער געעפנט און דער וועכטער האָט אַ זאָג געטאָן:

— גיך, פּאַקט צונויף אייערע זאַכן און קומט!

ביז דעם מאָמענט האָב איך זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז איך וועל אויף דער אמת׳ן מוזן פאַרלאָזן מיין צעל, וואָס איז שוין אַ שטיק פון מיין „איך״, און איך האָב אפילו ניט גע־טראַכט וועגן צוגרייטן מיינע זאַכן און ברענגען מיינע ביכער אין אָרדנונג, אַז איך זאָל ניט דאַרפן מיטאַמאָל אַלץ כאַפּן און ניט וויסן וואָס פריער. נאָר אַז דער שליסל־היטער איז שוין אַריינ־געקומען און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך וואָס גיכער פּאַקן — איז מיר אַלץ מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן... איך האָב געכאַפּט

אויף גיך א לײלאַך און אַלעס אַרײנגעוואָרפֿן. דער וועכטער האָט מיר געהאָלפֿן אײנפּאַקן. מיר האָבן זיך געשלעפּט איבער'ן לאַנגן קאָרידאָר, פֿון דרום קיין צפֿון, פּונקט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג — ביז דער אַכטער אָפּטײלונג, צעל נומער דרײצן.

די טיר האָט זיך געעפֿנט און איך האָב זיך געפֿונען כמעט אין דערזעלבער צעל וואָס פֿריער, נאָר מיט פֿאַרקערטע יוצרות.

— דאָ, — זאָגט דער וועכטער, — וועט אײך זײן פֿיל בעסער און אַ סך באַקוועמער ווי דאָרטן. דאָ, אַמווינציקסטנס, נעמט מען פֿון אײך אַראָפּ דעם „האָט סירוועיאַנס,״ די שטאַרקע שמירה, ווען די וועכטער פֿלעגן יעדע מינוט אַרײנקומען אין צעל און זען וואָס איר טוט (ער ציײַגט מיט דער האַנט אויפ'ן אויג, ווי אַזוי די וועכטער קוקן יעדעס מאָל אַרײן אין דער צעל פֿון די שטרײנג־באַוואַכטע, וואו איך האָב זיך ביז איצט געפֿונען), דאָ וועט איר קענען די גאַנצע נאַכט שלאָפֿן רואיק און די עלעקטרישע באַלײכטונג וועט אײך ניט שטערן, ווי אין דער פֿריערדיקער צעל, ווײל אין דער פֿינצטער שלאָפֿט זיך רואיק און בעסער. ס'גײט דאָך צום ווינטער. דאָ וועט אײך זײן וואַרעמער, די זון שײַנט אַרײן נאָכמיטאָג, — מיט אײן וואָרט, ס'וועט אײך דאָ זײן בעסער ווי דאָרטן. איך זאָג עס אײך גאַנץ ערנסט.

דערהערנדיק דאָס וואָרט „ווינטער״ — איז מיר אַ גרויל איבערן לײב דורכגעגאַנגען; ווינטער! נאָך אַ ווינטער זיך מאַטערן דאָ צווישן די דיקע, פֿײַכטע, מיט שימל באַדעקטע שטײנערנע ווענט? ! די שרעק פֿון די גרויע, קאַלטע, כמאַרנע טעג, פֿון די לאַנגע פֿינצטערע נעכט, פֿון דעם אײנזאַמען, שטילן, טויטן צעל־לעבן, — האָבן מיך שוין געמאַכט ציטערן, און איך האָב מיט אומצופֿרידנהייט, אָן מוט, אָן חשק זיך גענומען אײנאָרדנען אין מײַן נײַער „דירה.״ דער שליסל־היטער האָט מיך געהאַלטן אין אײן צורײדן און טרײסטן, אָבער איך האָב ניט געהערט, וואָס ער רעדט צו מיר. די בײזע טרויעריקעווירקלאַכקייט פֿון איבערווינטערן אין דעם גיהנם האָט מיך געפּלאָגט.

דער וועכטער האָט נאָר וואָס פֿאַרשלאָסן די טיר און מיך געלאָזט מיט מײַן אײנזאַמקייט אַלײן... ווידער האָט דער שלאָס גענומען קלינגען, און אַן אַנדער עלטסטער בריגאַדיר איז צו מיר אַרײן געוואָויר ווערן.

— אהא, זײער גוט! זײער פֿײַן! — האָט ער גערעדט ענטציקט װעגן דער צעל. — דאָ וועט איר, מײַן טײַערער, זײַן

רואיקער און בעסער ווי דאָרטן. איך האָב שוין לאַנג געזאָגט אין דער ביורא, אַז מען זאָל פון אייך אַראָפּנעמען דעם „האָט־סירוואיאנס" — די ספּעציעלע וואַך. מען נעמט אַזאַ רואיקן און שטילן מענטש ווי איר זייט, און מ׳זעצט אַריין צווישן די גרעסטע פאַרברעכער? ס׳איז דאָך באמת אַ סקאַנדאַל! דאָ, וויניקסטנס, זיצט איר צווישן באַנקירן און פיינע מענטשן, בפרט דאָס וואָס די וועכטער וועלן צו אייך ניט אַריינקומען צו זען וואָס איר טוט. ס׳הייסט אַ סך צו זאָגן, ניין, אפשר?

— מיר האָט דאָס אַלץ ניט געשטערט, — האָב איך אָפּגעענטפערט.

— אמת, אָבער עס איז דאָך בעסער, אַז מען קוקט ניט אַריין יעדע מינוט אין אייער צעל, און שלאָפן וועט איר איצט קענען רואיק. ליכט, למשל, וועט איר זיך דאַרפן אַליין קויפן, אויב איר וועט ווען ביינאַכט שרייבן אָדער לייענען.

— אָ, דאָס איז פון די קליינע זאַכן!

— יאָ, דאָס דיינק איך אויך אַזוי. און אַז איר וועט וועלן אפילו די גאַנצע נאַכט שרייבן, וועט מען אייך ניט שטערן; דאָס שרייב־געצייג וועט איר ניט דאַרפן, ווי דאָרטן, אַרויסשטעלן יעדע נאַכט. דאָ זייט איר פריי אין אַלע פּרטים.

„ועוד זה מדבר, וזה בא," אַזוי כסדר דעם גאַנצן טאָג זיינען געקומען די עלטסטע און די שליסל־היטער פון דער „סאַנטע", וואָס זיינען, ניט צום פאַרזינדיקן, פאַראַן לרוב, און מיך באַגריסט מיט מיין נייער „דירה."

איינער האָט געהאַט מיר צו זאָגן, אַז ווינטער איז דאָ בעסער און וואַרימער ווי דאָרטן; דער אַנדערער — אַז דאָ איז באַקוועמער און פרייליכער ווי דאָרט, ווייל מען הערט אָפּט דאָס ריידן צווישן זיך פון די וועכטער, וואָס געפינען זיך ניט ווייט קעגנאיבער; אַ דריטער האָט מיך צוגעפירט צום פענצטער און געוויזן דעם הויף, וואו מען פירט יעדן טאָג פופצן מינוט שפּאַצירן, מיט איין וואָרט: דעם גאַנצן האַלבן טאָג האָב איך געהאַט באַזוך איינס נאָך אַנדערן פון די עלטסטע און היטער און איך האָב קיין סך צייט ניט געהאַט פיל נאָכצודענקען; מען האָט מיר אויך ניט געגעבן די געלעגנהייט דערצו.

10־טן סעפּטעמבער.

ס׳איז שוין פאַרנאַכט און מ׳רופט מיך צום אַדוואָקאַט.

אויף דעם האָב איך זיך גראָדע ניט געריכט. כ'האָב געוואוסט אַז טאָרעס איז אָפּגעפאָרן אויף וואַקיישאַן, זיינע מיטהעלפער אויך; זיין סעקרעטאַר, וואָס פלעגט מיך אָפּט קומען באַזוכן אין תפיסה, איז געפאָרן אַזש קיין רומעניע, חתונה האָבן, און נאָך מיין אויסרעכענונג איז נאָך קיינער ניטאָ צוריק. נאָר, אַז מען רופט, דאַרף מען גיין, מסתמא עפּעס נייעס...

אין צימער פאַר די אַדוואָקאַטן האָב איך, וואַרטנדיק אויף מיין ריי, דערהערט די שטימע פון אַ פרוי.

— אַ פרוי גאָר? — פרעג איך דעם וועכטער.

— יאָ, אַ פרוי, מסתמא אַ סעקרעטאַרקע פון טאָרעס, — ענטפערט מיר דער פריינטלאַכער וועכטער.

ווען עס איז אָנגעקומען מיין ריי, איז אַ פרוי, נאָך אַ יונגע, מיר אַנטקעגן געקומען און אויסגעשטרעקט די האַנט: „הער שוואַרצבאַרד, ניט וואַר?"

— יאָ, מאַדאַם.

— איך קום אייך אָפּגעבן אַ גרוס פון טאָרעס'ן, ער האָט מיך געבעטן, אַז היות ווי איך גיי אין מיין אָנגעלעגנהייט אין תפיסה, זאָל איך אין איינ ווענגס זיך זען מיט אייך. איך בין אַן אַדוואָקאַטין און אַ פריינט פון טאָרעס'ן. איך בין אויך אביסל באַקאַנט מיט אייער געשיכטע, וואָס האָט אויפגערודערט די שטאָט. אַלע איזראַעליטן האַלטן, אַז איר האָט ריכטיק גע־האַנדלט.

— איך גלויב, אַז יעדער אָנשטענדיקער מענטש — אפילו ניט קיין איד — וועט מיר געבן רעכט.

— ריכטיק, יעדער איינער זאָגט, אַז איר האָט רעכט, איך אַליין האָב ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט מיט אַן איזראַעליט, מיין מאַן הייסט סאַלאָמאָן, און איז גוט באַקאַנט מיט אייער געשיכטע און פירט אָפּט דיסקוסיעס וועגן אייך. פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרטייטיקן פּעטליוראַ'ן דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ פריינט פון פראַנקרייך.

— מיט דעם דאַרף זיך אָבער פראַנקרייך ניט גליקלאַך שעצן, — זאָג איך, — אַזעלכע פריינט ברענגען ווייניק כבוד פראַנקרייך.

זי האָט גענומען שמייכלען.

— ריכטיק. פאַרשטייט איר מיך, איך בין אייך געקומען בלויז אָפּגעבן אַ גרוס פון טאָרעס'ן; ער איז שוין צוריקגעקומען

פון רוסלאַנד און מיר געבעטן איך זאָגן, אַז ער האָט אַ גוטן גרוס פאַר איך פון אייער פאַמיליע. ער האָט זיי געזען און גע־בראַכט גוטע נייעס. ער אַליין פאָרט זיך אָפּרוען אויף אַ פּאָר וואָכן, ער איז מיד פון וועג און קען ניט קומען. האָט ער מיך געבעטן גיין געוואויר ווערן צו איך און צום אונטערזוכונגס־ריכטער. דוכט זיך, מאָסיע פּעיר? דאָרטן האָט מען מיר גע־זאָגט, אַז אינגיכן וועט מען איך נעמען צו אַ נייער אויספאָרשונג. עס איז געקומען אַ ברודער פון פּעטליוראַ׳ן און אַ גענעראַל, וואָס האָט קאָמאַנדעוועט מיט דער אַרמיי און ווילן מאַכן אַ נייע „פּאַר־טי ציוויל.״ די זאַך, שיינט מיר, וועט זיך לאַנג אָוועקציען... אַזוי ווי טאָרעס ווייסט ניט דערפון, וועל איך גיין ספּעציעל מאָרגן אים איבערגעבן וואָס מ׳האָט מיר געזאָגט ביים אונטערזוכונגס־ריכטער, און אים באַקאַנט מאַכן מיט אַלע איינצלהייטן, נאָך איי־דער ער פאָרט אַוועק אויף וואַקאַציע.

זי האָט גערעדט און געכאַפּט די ווערטער ווי הייסע לאַקשן, און אויסער דעם וואָס טאָרעס איז געקומען פון רוסלאַנד, געבראַכט אַ גרוס, און פּעטליוראַ׳ס ברודער מיט אַ גענעראַל מאַכן אַ נייע ,פּאַרטי ציוויל,״ און אַז מען וועט מיך נעמען צו דער אויספאָרשונג, האָב איך גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס זי האָט אָפּגעמאָלן אויף דער גיך. און ווען די צייט האָט זיך געענדיקט און איך בין צוריק אין מיין צעל געפירט געוואָרן, האָב איך ערשט דערפילט אַ נייע מרה שחורה אויף מיין פאַר־וואָלקנטן הימל. און די בייזע שרעק פון די ווינטער־חדשים, וואָס איך וועל דאַרפן אין דער איינזאַמקייט דאָ זיך מאַטערן און מאַטערן...

12טן סעפּטעמבער.

אַ סעקרעטאַר פון טאָרעס׳ן טיילט מיר מיט, אַז דעם 16־טן וועל איך האָבן נאָך אַ פאַרהער. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. כ׳האָב געוואוסט, אַז ס׳איז אורלויב־צייט פאַר דעם געריכט, ווי קומט עס עפּעס, אַז מ׳האָט געפונען פאַר וויכטיק אָפּצוטרעטן פון אַלע טראַדיציעס און באַשטימען אַ פאַרהער? און איך האָב געהאָפט, אַז די אויספאָרשונג איז צו ענדע, און אַז אין אָנהויב פון ווינטער־סעזאָן וועט זיין מיין פּראָצעס, און פּלוצלונג גאָר אַ פאַרהער!

כ׳האָב געוואוסט, אַז טאָרעס איז נאָך אויף וואַקאַציע, זיין קאַנצעלאַריע אַרבעט ניט, וואָס־זשע וועט זיין?

דער סעקרעטאַר טיילט מיר ווידער מיט, אַז ס'איז צוגעקומען אַ נייער ציוויל־מאַנער. חוץ מעטר קאַמפּינקי, דער אַדוואָקאַט וואָס וועט אַרויסטרעטן אין נאָמען פון פרוי פּעטליוראַ, וועט נאָך זיין אַ צווייטער אַדוואָקאַט, איינער אַ ווילם, אין נאָמען פון פּעט־ליוראַ'ס אַ ברודער, וואָס וואוינט אין פּוילן.

— די באַנדע, — זאָג איך, — הייסט עס, נעמט זיך אַזוי שטאַרק צו מיינע פּלייצעס.

— אַ קלייניקייט. זיי מעגן זיך גרייטן וויפיל זיי ווילן. מיר האָבן שטאַרקע באַווייזע און מער דאָקומענטן פון זיי. איך דאַרפט זיך ניט זאָרגן.

— און ווער איז דער ווילם? עפּעס אַ באַוואוסטער אַדוואָ־קאַט?

— ער איז אַמאָל געווען באַוואוסט, דאָס הייסט, ער איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט און אַלס אַזעלכער אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. האָט זיך מיט אים געטראָפן אַן אומגליק: איינ־מאָל איז ער געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט בריאַנען, וועלכער האָט דאַן געהאַט פאַרלאָזט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און געשטעמפּלט געוואָרן אַלס רענעגאַט. טרעפט זיך אַז עקסי־דענט און זיי פאַלן ביידע אַרויס פון אויטאָמאָביל. ווערט אַ רעש: סטייטש, אַ סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט און אַ רענעגאַט?!... בריאַן האָט דאַמאָלסט געזאָגט: „איך האָב פאַרלוירן אביסל בלוט, און ווילם אַ מאַנדאַט.” ס'האָט אים אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. די סאָציאַליסטן האָבן אים שוין מער ניט אויסגעקליבן פאַר זייער פאַרשטייער, און ער האָט זיך גע־נומען רוקן און רוקן אַראָפּ ביז ער איז פאַרקראָכן צום פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם, דערצו איז ער אַ טייערער שכור, פאַר אַ גלעזל בראַנפן וועט ער פאַרקויפן זיין טאַטע און מאַמע. ער איז אַצינד אויך געוואָרן גוסטאַוו הערוועס בעסטער פריינט און מיט־אַרבעטער אין זיין צייטונג: „לאַ וויקטואַר.”

— אויב אַזוי, האָבן זיי אַצינד ריכטיק געטראָפן: שקר מיט שלים־מזל, ווי געוואונטשן פאַר די הוליגאַנעס, אַ גליקלאַכע פּאַרטיע.

— פאַר אים איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, ער איז שוין אַן אַלטער הונט, וואָס קען ניט מער בייסן... דער הויפּט־אַד־וואָקאַט איז קאַמפּינקי. ער איז אַ געפערלאַכער קענער.

דאָנערשטיק, 16־טן סעפּטעמבער.

מ׳פירט מיך ווידער צו אַ פאַרהער. פון יענער זייט זיינען פאַראַן אַ סעקרעטאַר פון קאַמפּינקי, אַ סעקרעטאַר פון ווילם און ווילם אַליין בכבודו ובעצמו. דער שרייבער פון ריכטער גייט ארויס אין קאָרידאָר און רופט אויס די נעמען פון די עדות וואָס דאַרפן אויסגעהערט ווערן: שולגין, בעזפּאַלקאָ, שומיאַצקי, אודאָוויטשענקאָ, פּעטליורא (איך ציטער אויף... און דערמאָן מיך תיכּף, אַז דאָס דאַרף זיין דער ברודער וואָס האָט געשטעלט דעם צוויטן אַדוואָקאַט). אַ קול ענטפערט: „ניטאָ אין פּאַריז״; סליאָזבערג, אַ פראַנצויז באַדרי, און נאָך.

„רבונו של עולם,״ טראַכט איך מיר: „די מעשה, ווייזט אויס, הויבט זיך ערשט אָן, די שווערע אַרטילעריע קומט ערשט.״

ענדלאָך רופט מען מיך צו אַ קאָנפראָנטאַציע.

שולגין וויל אויף מיר אַפילו קיין קוק ניט טאָן. ער רעדט אפשר אַ האַלבע שעה און דערציילט מעשיות וועגן אוקראַינאַ, איר העלדישקייט, דעם רעש, וואָס פּעטליוראַ׳ס טויט האָט דאָרטן ארויסגערופן.

בעזפּאַלקאָ, וועלכער שטאַמט פון בוקאָווינאַ, רעדט דייטש, און דערקלערט, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט און אַ אידן־פריינט. ער ווייסט, אַז פּעטליורא האָט פאַרדאַמט פּאָגראָמען און אַפילו אים געשיקט האַלטן רעדעס קעגן פּאָגראָמען.

בעזפּאַלקאָ קוקט יאָ אויף מיר די גאַנצע צייט און זייער אָפט גיט ער אַפילו צו מיר אַ מילדן שמייכל, גלייך ווי ער וואָלט מיר געוואָלט זאָגן, אַז ער איז מיר כּלל ניט קיין בלוטיקער שונא.

סליאָזבערג באַהויפּט, אַז די גאַנצע אידישע וועלט האָלט פּעטליוראַ׳ן פאַר שולדיק.

איך האָב מיך דאָס מאָל געפילט זייער רואיק און דערציילט אַביסל וועגן פּעטליוראַ׳ס האַנדלונג אין אוקראַינאַ, בשעת עס פלעגן קומען צו אים אידישע דעלעגאַציעס פון פּאָגראָמירטע שטעטלאָך. איך האָב פעסטגעשטעלט עטלעכע דאַטן וואָס מען האָט פאַרפלאָנטערט. דער ריכטער האָט מיר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, אַז איך האָב אַ בעסערן זכרון פון אים...

שולגין האָט זיך די גאַנצע צייט קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

ווען איך בין אָנגעקומען צוריק אין מיין צעל, האָב איך זיך פאַלשטענדיק באַרואיקט פון דעם גאַנצן טאָג אָנשטריינגונג און

וואַרטן אויף דער אויספאַרשונג, איבערטראַכטנדיק ווער ווייסט וואָס... איך האָב גענומען זינגען עפּעס אַ אידישן ניגון — אויפ׳ן קול.

אין אַ פּאָר מינוטן עפנט זיך דער שווערער ריגל פון טיר און צוויי בריגאַדירן פון די היטער בלייבן שטיין פאַר מיר.

— דאָס האָט איר געזונגען?!

— יאָ, וואָס איז דען?

— גלאַט אַזוי. מיר האָבן געמיינט אַז אימיצער וויינט און קלאָגט, זיינען מיר געקומען זען וואָס דאָס איז... נאָר אַזוי מאַכט ניט אויס.

— און זינגען טאָר מען אויך ניט! ניט אַזוי?

— נו, פאַרשטייט זיך, אָבער מיר ווייסן, אַז איר זייט אַ שטילער מענטש און מאַכט ניט קיין סקאַנדאַלן.

זיי האָבן זיך פיין אָפּגעזעגנט און פאַרשלאָסן די טיר...

איך בין נאָך אַ שטיק צייט אַרומגעגאַנגען איבער דער צעל, אָבער שוין מער ניט געזונגען...

אָ ן אַ ס ו ף...

פון סעפּטעמבער 1926 ביז סעפּטעמבער 1927.

ס׳איז שוין סעפּטעמבער. דער שמאָלער זון־פּאַס וואָס פלעגט אַ ווײַלע באַזונען מיין צעל איז שוין אין גאַנצן פאַרשוואונדן. די שפּין, מיט וועמען איך האָב געשלאָסן באַקאַנטשאַפט, ווי פּעַ־ ליסאָן אין זיין צייט, איז אויך ערגעץ־וואו פאַרשוואונדן, אויפ׳ן האַרץ איז שווער, אין מח פּוסט... די האָפנונג, אַז דער פּראָ־ צעס וועט זיך ענדיקן אין אָקטאָבער פון דעם יאָר, איז פאַרפלויגן. די פאַרזיכערונג פון טאָרעס׳ן האָט זיך ניט פאַרווירקלאַכט. דער קאָמיטעט איז ניט צופרידן מיט טאָרעס׳ן און טאָרעס — מיט׳ן קאָמיטעט, און צווישן דער געווינערין און דער קינפּעטאָרין קען דאָס קינד צעקוועטשט ווערן.

די נאַסע, גרויע, קאַלטע ווענט פון דער געפענגניש דראָען מיט אַ שרעקלאַכן ווינטער. די קעגנוואַרט איז טרויעריק, די צוקונפט — טונקל... איך וואַרט... און וואַרט... און וואַרט. דאָס בוך ליגט אָפן, איך קוק אין דעם אריין, אָבער לייענען — לייענט זיך ניט... געדאַנקען פליען אָן אַ סדר, אָן אַן עק. דער קאָפּ איז אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד.

זאָל איך זיך פּילייכט נעמען צו מיין אייגענער פאַרגאַנגענ־הייט?

אויב די קעגנוואַרט און צוקונפט באַפרידיקן מיך ניט, וועל איך פּילייכט קאָנען געפינען אַ טרייסט אין דער פאַרגאַנגענהייט?..

ס'איז פאַרנאַכט. איך וואַרף אַן שוואַרצע בוכשטאַבן אויף ווייסן פּאַפּיר. אָבער מיר דוכט זיך, אַז זיי ווערן גאַר רויט... עס שווינדלט מיר אין די אויגן?...

דער אידישער פּחד פּחדתי...

זייט אַ צייט, כמעט באַלד נאָך מיין געפאַנגענשאַפט, קומט מען מיר אָנזאָגן: „אין קאָמיטעט האָט מען מורא. מען פרעגט זיך יעדעס מאָל נאָך צו דו ביזט נישט קיין קאָמוניסט". די לעצטע צייט: „דו מוזט זיי שרייבן צו ביזטו ניט קיין מאַכנאָווען. די אידן האָבן אַלץ מורא, אפשר ביזטו געוועזן ביי מאַכנאָ'ן".

„די אַנאַרכיסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דיר; זיי זאָגן, אַז דאָס איז ניט קיין אַנאַרכיסטישע טאַט; איבערהויפּט קאָכט זיך צווישן די אידישע אַנאַרכיסטן". אַ טייל שרייען אַז איך בין אַ נאַציאָנאַליסט, אַ איך גאָר פּלוצלינג געוואָרן, וואָס איז אַ חרפּה און אַ שאַנדע, אַ טייל ווידער טענה'ן, אַז אַנאַרכיזם און טעראָר זיינען פאַרשידענע פּאָליוסן. מיט די בין איך גראַד איינשטימיק.

ווידער, די קאָמוניסטן ווילן ניט וויסן פון מיר, ווייל איך בין אַ איד, אי אַן אַנאַרכיסט און האָב נישט געמאַכט קיין ברכה און אויסגעשריען אַז איך האָב גע'הרג'עט אַ קאָנטר־רעוואָלוציאָנער און — לעבן זאָל לענין און דער באָלשעוויזם!... אַנדערש איז פּסול די שחיטה...

פון די סאָציאַליסטן פון כל המינים איז שוין אָפּגערעט; זיי דיינקען אַז איך בין געשיקט פון די קאָמוניסטן, און, צווייטנס, האָב איך אומגעבראַכט זייער בעסטן פריינט: אַ גרויסן פריינט פון די „איזראַעליטן", אַ גרויסן פריינט פון פראַנקרייך און אַ גרויסן הומאַניטאַרער.

און אַזוי שטיי איך אַצינד אַליין, ווי דר. שטאָקמאַן, און זאָג: „ווער עס שטייט אַליין אין קאַמף דער איז שטאַרק!"

וואָרים אין דער ווירקלאַכקייט קימערט מיך כלל ניט דאָס דרייען מיט'ן פינגער פון איינע, ווי דאָס שרייען פון די אַנדערע. איך האָב נאָך געזאָגט גאָל פאַר יעדן, און דאַן בין איך דאָך שוין אַ

פראַנצויז און ווייס דעם ענטפער פון קאַמבראַן ביי וואַטערלאָ...

פאַר איינע אַבער מוז איך זיך פאַרענטפערן, און דאָס איז פאַר דער אידישער מורא. אָט די מורא, די שרעק, דער פּחד פּחדתי, די ספּעציפיש אידישע אַנגסט, דאָס אידישע אומבאַהאָלפנקייט און הילפלאָזיגקייט, וואָס באַגלייט אונז זייט דעם אָנפאַנג פון אונזער געשיכטע, וואָס איז אונזער ערשטער אַטריבוט און באַדייטנדער שטאַרקער פון צווייטן — דער בטחון וואָס איז אַבסטראַקט... דער ערשטער אַטריבוט איז סוביעקטיוו, אינסטינקטיוו, איינגעוואָרצלט אין אונז, מיר פילן אים יעדער איינצעלנער באַזונדער און אַלע צוזאַמען. דאָס איז די מורא, וואָס באַפאַלט אַ מענטשן וואָס געפינט זיך איינער אַליין אין אַ וואַלד צווישן ווילדע חיות און גיפטיקע שלאַנגען, און האָט מורא אַ טראָט צו טאָן, טאָמער גיט אים אַ שלאַנג אַ ביס...

די מורא האָט געטריבן זייער באַדייטנדע, פיינע אידן, צו מסר'ן דעם גר און אידישן ענטוזיאַסט, שלמה מלכו, פאַר דער אינקוויזיציע. די מורא האָט געבראַכט די אַמסטערדאַמער אידן צו לייגן אין חרם שפּינאָזא'ן. די מורא האָט געמאַכט זינגען „מה יפית" פאַר די פּוילישע פּריצים. די מורא האָט געבראַכט די אידן זיך עפּנטלאַך אָפּצוזאָגן פון באַגראַוו'ן, ווייל ער האָט גע'הרג'עט דעם צורר היהודים סטאָליפּין. די מורא האָט געצוואונגען פאַר אַ פּאָר יאָרן דעם גראַן־ראַבען (רב הכולל) ישראל לוי, דעם פראַנצויז מיט'ן עהרן־לעגיאָן פון איזראַעליטישן גלויבן, עפנטלאַך צו עדרקלערן, ווען מען האָט אים געפרעגט זיין מיינונג וועגן דעם, וואָס אידן זיינען אריין אין דער מאָדע פון פיל אידישע פילמס, די ליטעראַטור איז פול מיט אידישע סיוזשעטן: — „אידן האָבן ניט ליב, אַז מען רעדט פון זיי אַ סך", — האָט ער געענטפערט, — „זיי זיינען צופרידן און גערן, אַז מען לאָזט זיי אין רו".... און דער אור־אייניקל פון ר' שלמה יצחקי האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט דערזעלבער פראַזע: „מיר ווילן ניט אייער האָניג און אויך ניט אייער גיפט!"....

אָט די מורא פון פאַרצווייפלונג, וואָס האָט געבראַכט איינצעלנע קדושים זיך מפקיר זיין פאַר'ן כלל און נעמען אויף זיך די אַלע בלבולים און שקרים, דערמיט צו ראַטעווען די עדה, דעם כלל ישראל, — דאָס פילט יעדער איינער איד, ווער עס זאָל ניט זיין, פון די אומגליקלאַכע אוקראַינישע, פּוילישע, רומענישע, אונגאַ־

רישע אידן ביז'ן פראנצויזישן מיניסטער און ענגלישן שני־למלך, פון מאַזאישן גלויבן.

אָבער קיינער וועט ניט וואגן צו זאָגן אַז אידן זיינען פייג־לינגע, האָבן מורא פאַר'ן טויט, אפילו די ערגסטע אידישע שונאים מוזן פאַרשטומט ווערן. אויב אידן האָבן פיינט מלחמות איז דאָס ניט אלס מורא פאַר'ן טויט, נאָר עס איז זייער נאַטירלאכער עקל צו בלוט־פאַרגיסונג, און אַז זיי זיינען שוין געצוואונגען צו גיין אין קריג, זיינען זיי פון די בראווסטע און צייכענען זיך באַזונדערס אויס מיט זייער אָפּפערוויליקייט אין די גרעסטע געפאַרן.

דער ביישפּיל פון די ניין־און־דרייסיק וואָס האָבן צווישן זיך געוואָרפן גורל און זיך אויסגעקוילעט איינער דעם אַנדערן אבי ניט אריינפאַלן אין די הענט פון די רוימער, איז נאָך נישט באַוויזן געוואָרן פון קיינעם. דער סטאָאיקער עפּיקטעט מעג זיך קור־מען לערנען די אויסגעהאַלטנקייט פון דער אידישער עדה פון יאָרק (ענגלאַנד) וואָס האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געקוילעט זייערע אייגענע פרויען און קינדער, דערביי געמאַכט אַ ברכה, אָפּגעזאָגט ודוי און זיך געקוילעט, אבי ניט אריינפאַלן אין די הענט פון די קריסטלאכע חיות. וואו, ווען און ווער האָט נאָך געקענט באַוויזן אַזעלכע העלדן־טאַטן און וואונדער פון זעלבסט־אָפּפער, מסירת־נפש, קידוש־השם, ווי אידן ?...

ניין! קיינער איז ניט בכח צו באַווייזן דאָס וואָס אידן האָבן באַוויזן! נאָר די מורא, דער פּחד פּחדתי איז גאָר אַן אַנדערער—ווייל וואָס עס זאָל ניט געשען, לאָזט זיך שטענדיק אויס צו אידן; אַלע צרות, אַלע בלבולים — צו אידישע קעפּ! איש אחד יחטא — ווערן באַשטראָפט אַלע אידן. געפינט זיך אַ בראָדסקי, שרייט מען: אַלע אידן זיינען קאַפּיטאַליסטן! געפינט זיך אַ טראָצקי: — אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן!

פאַר אונז שטייט שטענדיק די שווערע דילעמאַ: זיין אָדער ניט זיין!

אַז וואו מען זאָל ניט לייגן דעם קראַנקן איז פינסטער און ביטער. אין מיטן דערינען אַזאַ צרה — אַ בעל־נקמה!... אַ זאַך וואָס לייגט זיך גאָר ניט אויפ'ן שכל הישר, עס קען גאָר ניט גע־מאָלט זיין, עס איז ניט אַנדערש ווי אַ בלבול אויסגעטראַכט אויף אידן. אדרבה, זאָל מען פרעגן ביי די אַלע אומגליקלאַכע געפּרוואור־טע אידן פון אוקראַינאַ: וואָס איז געשען אין פּאַריז? אַלע וועלן שווערן ביי וואָס הייליק איז, אַז ס'איז אַ ליגן די מעשה;

ניט דער אידישער יונגערמאן האט דער׳הרג׳עט דעם גלית, דעם ווילדן גזלן, רוצח, נאר פארקערט: דער אידישער יונגערמאן איז געגאנגען פארטראכט, פארזארגט וועגן פרנסה, איז אים אנטקעגן געקומען דער שחט׳ער, רוצח, און א געשריי געטאן: „טי זשיד? !״ (ביזט א איד), ארויסגעכאפט א מעסער! האט זיך דער בלייכער יונגערמאן דערשראקן און גענומען זאגן ודוי, איז געשען א נס וואס דער קוילער האט באקומען די אפאפלעקסיע אויפ׳ן ארט... האט מען נעבעך גענומען דעם שטילן יונגנמאן, אים ארייגגע־זעצט, און אויסגעטראכט א בלבול, אז ער האט אים דער׳הרג׳עט...

און הינטער די גראטעס זיצט נעבעך דער יונגערמאן, בעט גאט, זאגט תהילים, און אלע פרומע אידן פון דער וועלט בעטן גאט אין די שולן, ער זאל ניצול ווערן פון תפיסה.

אנו פרובירט איבערצייגן א אידן, אז דער יונגערמאן האט אפגעוואַרט דעם שחט׳ער אין דער גאס, אים אומישנע זיך גע־לאזט אנפרעסן און אנזויפן צוערשט, און ווען ער איז ארויס, איז ער צו אים צוגעגאנגען אין מיטן דער גאס, פאר אלעמענס אויגן און אויף אים א געשריי געטאן: „דו ביזט דער שוחט׳ער, דער מערדער, דער רוצח און „דושעהובניק״ וואס האט געלאזט אויס־קוילענען אזוי פיל אומשולדיקע אידן! אנו, דו קאנאליע, פאר־טיידיק זיך, אויב דו קענסט! און האט אין אים ארייגעשאסן קוילן און ביי יעדער קויל געזאגט: „נא דיר פאר פראסקוראוו! נא דיר פאר זשיטאמיר! נא דיר פאר בערדיטשעוו! נא דיר פאר טשערקאס! נא דיר פאר אומאן!״.... ווער וועט דאס גלויבן? קיין שום איד ניט!

און וואלט ניט געווען „די מורא״, וואלטן די אפיציעלע אמע־ריקאנער אידן ניט ערקלערט, אז איך בין משוגע, אז פעטליורא איז גאט די נשמה שולדיק, און א איד ווייסט נישט פון נקמה...

און מיין ווייב וואלט ניט געקומען יעדעם מאל מיט דעם זעלבן פזמון: א מענטש ביזטו? א משוגענער, א ווילדע בריאה, א פלוט! א מענטש האנדלט אזוי, פרעג איך דיך? אזוי פיל אידן אין פאריז, איז קיינעם גארניט איינגעפאלן זיך אנצונעמען די קריוודע פון די אידן, נאר אזא משוגענעם ווי דו. בסך הכל ווען איך באשיין דיך ניט און באפוץ דיך ניט, וואלט מען דיר דאך נאכגעלאפן אין די גאסן און באווארפן מיט שטיינער... ס׳איז נאר איך וואס פארגלעט דיך און באשיין דיך. א קרינק וועט די וועלט וויסן! איך זאג פאר קיינעם ניט, אבער איך ווייס: וואס

ביזטו געלאָפֿן אין דער מלחמה? וואָס ביזטו געפֿלויגן מיט'ן ביקסל אין רוסלאַנד? פֿאַרוואָס האָסטו אַלצדינג מיר אַזוי אָפּגעטאָן? מיינסטו איך ווייס ניט: דו האָסט געוואָלט גרויס ווערן, האַ?...

מיינער אַ גוטער פֿריינט האָט ניט קיין אַנדער נאָמען פֿאַר מיר ווי: באשיבוזוק!

און וואָלט ניט געווען „די מורא", דאַן וואָלט איך גאָר אַנדערש געהאַנדעלט, און ביים געזעגענען זיך מיט דער פֿאַלשער וועלט וואָלט איך אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, אַז די ווענט וואָלטן געציטערט!... נאָר איך בין אַ איד און האָב מורא... מוז איך ארומגיין מיט אַ פֿאַרבלוטיקט האַרץ, מיט אַ פֿאַרוויטאָגטער נשמה און אַ ברענענדן גרימצאָרן און... שווייגן! בייסן די ליפּן ביז בלוט, נאָר קיין פּיפּס ניט ארויסלאָזן... ווייל מען קען חלילה נאָך שאדן!... צומאָל פֿאַרגעס איך זיך, שטעל ארויס די ברוסט, גלייך זיך אויס, פּרוביר די מוסקולן און שריי: „איר קריסטלאכע היפּאָקריטן! איר באַרבאַרן! ווילדע חיות! ווי לאַנג נאָך וועט איר געוועלטיקן און באַהערשן די וועלט מיט ליגן און באַטרוג?! נאָר באַלד רוימט מיר אריין אין אויער מיין צווייטער „איך"; דו פֿאַרגעסט, ווייזט אויס, אַז דו ביזט אַ איד! וואָס איז מיט דיר! דאַן פֿאַל איך ביי זיך אַראָפּ, קארטשע זיך ווידער צונויף, אַז מען זאָל מיך ניט ארויסזען, צי זיך צוריק אין דעם געצעלט, „איך זאָל ניט גרויס זיין אין די אויגן"... אָט די „מורא" צווינגט מיך אַצינד זיך מודה ומתודה זיין פֿאַר מיינע זינד און פֿאַרברעכן... און באַרוהיקן די, וואָס האָבן אַזוי מורא ווי איך, אַז מען זאָל חלילה ניט קאָמפּראָמעטירן זיך פֿאַר דער וועלט...

יא

די רעדע וואָס איך האָב ניט געהאַלטן

מאַקסימען, מאַקסימען!
איך בין אַרויס פון קבר
כדי דיר צו אַנטפּלעקן,
אַז דער טאָג פון גאָטיס נקמה
איז נאָענט.
(סען־סאַבאַסטיאַן צום רוימישן קיסר מאַקסימען).

מיינע ריכטער!

„פון שטענדיג אָן ווען איך לייען פּאַסירונגען פון דער וועלטס־געשיכטע, בלוטעט מיין האַרץ יעדעס מאָל ווען איך שלאָג מיך אָן אין דער מענטשלאַכער אומגערעכטיקייט.

פון זינט ס'זיינען פאַראַן מענטשן אויף דער ערד, איז דער פאַרביטערטסטער שונא פאַר יעדן מענטשן — דער צווייטער מענטש.

די קלאַסישע וועלט האָט געקענט טיראַנען, ווי הורדוס, קאַליגולאַ, נעראָן, דיאָקלעטיאַן, די אינקוויזיטאָרן וואָס האָבן פאַרפּלייצט מיט בלוט גאַנצע דורות. די פיינע גייסטער ווי טאַציט, פּלין־דער־יונגער, מאַרק ארעליוס, לאָבן זיך אוים פון די אומגליקלאַכע אידן און די מאַרטיריזירטע קריסטן אין זייערע שריפטן.

דער מיטל־אַלטער האָט געזען אַטילאַ, די קרייצפאָרער, די רעליגיעזע מלחמות, דעם מאָנגאָל טאַמערלאַן, די סען־באַרטאָלאָמעער נאַכט, טאָרקוועמאַדאַ און דעם רוסישן איוואַן גראָזני.

עלילת־דם געשיכטן קעגן קריסטן, דערנאָך מצד די קריסטן קעגן אידן, פון מיטל־אַלטער ביז היינט.

שטעלן מיר צום משפט די פאַרגאַנגענהייט; איז דען די היסטאָריע ניט אַ לאַנגער באַשולדיקונגס אַקט קעגן דער מענטשהייט? — די אַלטע געשיכטעס פון אכזר'ישע טאַטן און פאַרפאָל־

גונגעז זעעז אבער אוים ווי קינדער־שפּילן קעגן די גרויזאמע שחיטות, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר אונזערע אויגן.
אונזער דור־דעה מיט זיין וויסנשאַפט אויף אַלע געביטן, אונ־זערע פיינע פילאָזאָפן און אייִדעלע מאָראַליסטן האָבן ניט באַוויזן אויסצוראָמען דעם חיה׳שן אינסטינקט ביים מענטשן.

כ מ ע ל נ י צ ק י

תהום אל תהום קורא
לקול צנוריך
כל משבריך וגליך
עלי עברו (תהילים).

„אלה אזכרה...
איך קען ניט איינהאַלטן מיינע טרערן ווען ס׳קומען ארויף אין מיין זכרון די גרויסע ליידן וואָס אונזער פאָלק האָט איבער־געלעבט די לעצטע הונדערטע יאָרן אין דעם עמק הבכא, אוקראַינע.
שוין דריי הונדערט יאָר, אַז אידיש בלוט גיסט זיך אַן אויפ־הער אויף אוקראַאינער ערד. אין 1648 האָבן העטמאַן באָגדאַן כמעלניצקי מיט זיינע קאָזאַקן פאַרגאָסן אוקראַינע מיט אונזער בלוט. זיי האָבן געקוילעט אַלטע לייט, צוריסן קליינע קינדערלאַך אויף שטיקער, געשענדעט פרויען, און דערנאָך זיי דערשטיקט. די דאָזיקע שחיטה האָט געדויערט ביז 1654 און פינף הונדערט טוי־זנט אידן זיינען אומגעקומען אין די שווערסטע ענויים.
מיט פייער און אייזן האָט מען פאַרטיליקט דאָס אידישע פאָלק אין אוקראַינע. אַ פּוילישער זכרונות שרייבער דערציילט וועגן דער עפּאָכע:
ווען דער אַטאַמאַן באַרטשעווסקי פון קיעוו איז אריין אין קאַניעוו, האָבן די קאָזאַקן אָפּגעשונדן די הויט פון אַלע אידן פון שטאָט. ס׳איז זייער געוואוינהייט זיך אַזוי צו אַמוזירן. אַן אַנ־דער אַטאַמאַן מיט זיינע קאָזאַקן האָבן אין שטאָט נעמיראָוו צו־נויפגעבונדן הונדערטער אידן צוזאַמען און זיי אַזוי דערטרונקען. קינדערלאַך האָט מען קונציק צוריסן אויף צווייען, זעקס טויזנט אידן זייענן אַזוי אומגעקומען אין נעמיראָוו.
אַזוי האָט געאַרבעט דער אַוואַנגאַרד. דערנאָך זיינען געקו־מען די גרויסע באַנדעס קאָזאַקן מיט באָגדאַן כמעלניצקי און זיין געהילף קריוואָנאָס, אין דער שפּיצע...

אין טולטשין האָט מען צונויפגעזאַמעלט אַלע אידן און זיי געהייסן זיך שמד'ען. אַלע האָבן געענטפערט מיט איין אויסגע־שריי: „שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד".

די קאָזאַקן, דערציילט דער זעלבער פּוילישער באַטרעפענדער זכרונות שרייבער, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די אידן, גע־נומען האַקן הענט און פיס, שענדן פרויען פאַר די אויגן פון זייערע מענער, וואַרפן קינדערלאַך צו די מויערן, דער מאָרד זאָל אַרויסשפּריצן, עפענען בייכער פון שוואַנגערדיקע פרויען און אַרייַנ־שטופּן אין זיי לעבעדיקע קעץ...

זיי האָבן מטמא געווען די שולן, צוריסן ספרי־תורות, און אַוועקגעלאָזט גאַנצע שטעטלאַך מיט'ן פייער.

די קהלות פון פּערעיאַסלאַוו, באַריסאָווקע, פּיריאַטין, באַ־ריסלאַוו, דובנע, ליאַכאָוויץ און פילע אַנדערע זיינען חרוב געוואָרן.

טייכן בלוט האָבן געראַנען איבער אוקראַינער וועגן.

אַט אַזוי האָבן אַרויסגעטראָטן דאָס ערשטע מאָל אויף דער וועלט־אַרענע די דאָזיקע ווילדע אוקראַינער ברואים.

ג אַ נ ט ע

מה רבו צרי
רבים קמו עלי. (תהילים)

„120 יאָר נאָך דער ערשטער שחיטה פון די זאַפּאָראָזשעס, אין יאָר 1768 האָבן כמעלניצקי'ס אייניקלאַך, איוואַן גאָנטע און מאַקסים זשעלעזניאַק, איבערגע'חזר'ט די גרויזאַמקייטן פון זייערע זיידעס.

די הײדאַמאַקעס, מענטשן אָן הערצער און אָן נשמות, גע־פירט פון אַן אונענדלאַכן פּאַטאַליזם, האָבן אָנגעהויבן זייערע אַר־גיעס און שדים־טענץ אין שטאָט ליסיאַנקע. דער אַרכימאַנדריט מלכי צדק יאַוואָרסקי, האָט זיי געגעבן די „ברכה פון דעם שווערד" און האָט זיי צוגעזאָגט על־פּי הדת און דער עוואַנגעליע אַ פּאָל־שטענדיקע כפּור־עוון אויב זיי וועלן אויסשעכטן די אונגליקלאַכע אידן.

די באַנדעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין וועג אַריין און חרוב געמאַכט אומאַן, זאַבאָטין, שיגירין, סמילע, קאַניעוו, טשערקאַס.

דער אוקראַינער דיכטער שעווטשענקאָ האָט אין זיין פּאָעמע „הײדאַמאַקן" באַשריבן פאָלגענדן עפּיזאָד:

„אַ נייע באַרטאָלאָמעער־נאַכט איז גרויזאַם אויסגעפירט געוואָרן אין 1768 דורך די היידאַמאַקן און קאָזאַקן אין שטאָט אומאַן.

די הויפּט־העלדן פון דער שוידערלאַכער שחיטה זיינען געווען די אַטאַמאַנען גאָנטע און זשעלעזניאַק.

שטילנדיק אין טייכן בלוט זייער האַס קעגן אידן און קאַטויליקן, האָבן די היידאַמאַקן געפונען אין אַ מאָנאַסטיר פון יעזואיטן, וועלכע זיי האָבן נאָר וואָס אויסגעפּלינדערט, צוויי קינדער וואָס זייער שעף גאָנטע האָט געהאַט פון אַ פּוילישער (קאַטוילישער) פרוי. זיי האָבן געבראַכט די קינדער צו דעם פאָטער און זיך געווענדעט צו אים מיט פאָלגענדע ווערטער:

דו האָסט געשוואָרן צו פאַרטיליקן אַלע אידן און קאַטויליקן אָן אונטערשייד פון עלטער אָדער געשלעכט... אַט האָסטו פאַר דיר דיינע צוויי קינדער, וואָס זיינען ערצויגן געוואָרן דורך די יעזואיטן!

גאָנטע האָט לאַנג ניט געטראַכט און דערשטאָכן זיינע קינדער מיט זיין אייגענער האַנט.

ביים ליכט פון דער גרויסער שרפה וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן, האָבן די היידאַמאַקן זיך געזעצט צו דער סעודה און געיובלט זייער נצחון.

צווישן חורבות, בערגלאַך טויטע קערפּערס, האָבן זיי זיך צולאָזט אין אַ טייפעלשער אָרגיע. ס'פעלט גאָרניט צום שוידערלאַכן ספּעקטאַקל: פעסער וויין, טענץ און הייליקע אידישע טעכטער וואָס מ'האָט פאַרשלעפט אַהער כדי זיי מטמא צו זיין.

גאָנטאַ און זשעליעזניאַק רויכערן זייערע ליולקעס, דער טייך גניליאַטיקעטש איז רויט פון בלוט. די העלדן האָבן גוט געאַרבעט. אַלטע, יונגע, פרויען — אַלע געשאָכטן.

גאָנטאַ און זשעלעזניאַק טרינקען וויין און שרייען: „בראַוואָ, בראַוואָ, קינדער, אַט אַזוי רעכנט מען זיך אָפּ מיט די פאַרפלוכטע, די פאַרשטויסענע, די פאַרטריבענע... מיר טרינקען פאַר די פאַרשאָלטענע פגרים, חאַ, חאַ! פאַר אייער פאַרפלוכטע נשמות... בראַוואָ חברה, גוט געמאַכט, היידאַמאַקעס".

* * *

„אונזער טראַגעדיע פאַרשטאַרקט זיך נאָך דורך דעם, וואָס ווען פּאָעטן און היסטאָריקער קומען מאָלן די שוידערלאַכע טאָטן. די דאָזיקע באַרבאַרישע עפּאָפּעע פון ווילדן סאַדיזם וואָס די חיות

בצורות אדם האבן אויסגעפילט, געפינען זיי ניט אין זייער הארץ קיין פונק פון רחמנות פאר אונזערע מארטירער, קיין מיטגעפיל, קיין חרטה געפיל. אויך פאר די פאעטן און היסטאריקער זיינען די אידן, באשעפענישן אן געזעצלאכן שוץ, א שעיר לעזאזל, א חיה וואס מ'טרייבט און מען דער'הרג'עט מיט א צופרידענעם פנים... פאר די פאעטן און היסטאריקער זיינען די רוצחים פון פרויען און קינדער ריכטיקע העלדן.

דאס אידישע פאלק איז א מין משכון אין די הענט פון דער וועלט, דארף מען האבן א שולדיקן, א פאראנטווארטלאכן אויף וועמעס קאפ ארויפצוואווארפן די צרות און פלאגן פון דער וועלט — כאפט מען זיך צו אים, און אזוי גייט ער שוין צוויי טויזנט יאר און בויגט זיך אונטער דעם יאך פון צאלרייכן מארטירן, בעת זיינע אויגן נישטערן און זוכן א זונען־שטראל אין פארנעבעל־טער צוקונפט.

דער היסטאריקער קאסטאמאראוו, שריפטשטעלער ניקאלאי גאגאל און דער פאעט שעווטשענקא מאלן די גרויזאמע סצענעס פון וואנדאליזם מיט א רוהיקן פאטעטישן סטיל און שיטן מיט שבחים אויף די העלדן, וואס האבן די מעשים אויסגעפירט. די קרבנות, וואס זיינען געפאלן אונטער די הענט פון די חיות רעות, קומען ביי זיי ארוים אלס לעכערלאכע באשעפענישן... א געקווי־לעטער איד צאפלט מיט א פיסל ווי א הון: „די חברה האבן זיך גוט אמוזירט". די הײדאמאקעס האבן זיך גערימט פאר גבורים, ווייל זיי זיינען געווען אכזרים, מ'האט זיי געהאלטן פאר ענער־גישע לייט, ווייל זיי האבן זיך ניט אפגעשטעלט פון צו קוילענען קינדער אין די וויגן.

און אזוי האבן געשריבן היסטאריקער און געזונגען פאעטן.

פעטליורא

כאשר שכלה נשים חרבך
כן תשכל מנשים אמך. (שמואל צום מלך אגג).

„די גרויזאמע שחיטות, די שוידערלאכע סצענעס וואס די הײדאמאקעס פון אטאמאן פעטליורא האבן געמאכט אין 1918, 1919 און 1920, שטייגן איבער מיט זייער אכזריות און ווילדן ציניזם, אלע פריערדיקע העלדישע טאטן פון די אוקראינער אטא־מאנען. די וועלט־געשיכטע געדיינקט ניט אזא חורבן.

מיינע ריכטער!

ס'איז מיר גענוג זיך צו דערמאָנען וועגן דער שוידערלאַכער צייט, אַז אַ גרויל זאָל איבערגיין איבער מיין לייב. די מאַוים־דיקע בילדער פאָלגן מיך שטענדיק נאָך און ווי איך זאָל זיי ניט וועלן אַוועקטרייבן פון מיר, זיי אויסמעקן פון מיין זכרון, בלייבן זיי אימער פריש און מורא'דיק. פּאָגראָם־סצענעס ביי וועלכע איך בין בייגעווען שטייען פאַר מיינע אויגן און לאָזן מיך ניט שלאָפן ביינאַכט. איך כאַפּ זיך אָפט אויף מיט אַ שפרונג און קען מיך ניט באַפרייען פון די בלוטיקע קאָשמאַרן.

אַלע זכרונות פון מיין לעבן זיינען גרויזאַם, ווי ס'איז גרויזאַם די גאַנצע אונזערע מאַרטירער־געשיכטע. מיינע שמערצן זיינען נאָך שטאַרקער ווען איך פיל אַז איך קען ניט קומען צו הילף מיינע ליידענדע ברידער און שוועסטער.

ס'טרעפט, אַז די צרות און אינדיווידועלע ליידן גייען פאַרלוירן און ווערן פאַרשוואונדן אין צרות רבים, ווי אַ טראָפּן וואַסער אין גרויסן ים. אָבער דער וואָס ליידעט פאַר דער מענטשהייט, זיינע ליידן האַלטן אָן, זיי זיינען גרויס ווי די וועלט...

די דאָזיקע עמפּפינדלאַכע נשמות ליידן פון יעדער אונרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען אויף דער וועלט. יעדע מינוט פילן זיי אויף זייער לייב אַ שמיץ פון אַ בייטש. זיי קענען ניט פאַרטראָגן דאָס עזות פון דעם אונטערדריקער און די פּאַמעלאַכע טריט פון דער גערעכטיקייט. זיי רעאַגירן...

דאָס בלוט פון די אומשולדיקע און פון די מאַרטירער פאָדערט גערעכטיקייט און נקמה.

העני ריק דע בוילאַן, וועלכער האָט געזען די הריגות פון דער סען־באַרטלאָמעער נאַכט שרייבט:

„דער שוידערלאַכער אונמענטשלאַכער אַקט האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ ליבע־געפיל צו די ליידענדע און זייער אמונה פאַר וועלכע זיי האָבן געליטן, הגם איך האָב קיין אַנונג פון זייער גלויבן".

מיר אַלע זיינען פאַראַנטוואָרטלאַך איינער פאַר דעם צווייטן, ווייל יעדער לעבעדיקער מענטש טראָגט אין זיך אַ חלק פון דעם לעבנס־וועזן, וואָס צירקולירט אין אַלע אַנדערע מענטשן. אומגליקלאַכער־ווייזע, איז דער באַגריף פון מאָראַל און גערעכטיקייט צווישן אינדיווידומען און סאָלידאַריטעט צווישן פעלקער, נאָך אין

די וויקעלאך און דרינגט זייער פאמעלאך אריין אין דעם מענ־טשנ'ם באוואוסטזיין.

מיין לעבן איז געווען דער טעאטער פון אלע צרות ופגעים. אפטמאל אלס אקטיאר, שטענדיק אלס אן עדות און בעאבאכטער, בין איך תמיד געשטאנען אין קאמף מיט דער טיראניע און זיך פון איר ניט געקענט באפרייען. די בעסטע מיינע האפנונגען אויף דער צוקונפט זיינען צורונען געווארן. דער שונא האט ניט גע־וואוסט פון קיינע תחנונים. אונערמידלאך אין זיינע רדיפות האט ער נאר געוואוסט צו פאדערן קרבנות...

* * *

„ענדע יולי 1919, בין איך אנגעקומען אין קליינעם שטעטל זשידאווסקי־גרעבלי, צוויי טאג נאך דעם פאגראם פון די היידא־מאקעס. אין דער ערשטער אידישער שטוב וואו איך בין אריין איז אלעס געווען מיט'ן קאפ אראפ, ווי נאך אן ערד־ציטערניש. אויף דער ערד זיינען געזעסן צוויי אלטע פרויען און ס'איז גע־לעגן אן אלטער איד, דער לעצטער האט געהאט א פארבלוטיגט פנים, רויטע מיט בלוט־פארלאפענע אויגן, א באנדאזשירטן קאפ, פון וואנען ס'האט געטריפט בלוט. פון זיין גאנצן וועזן האט זיך געהערט איין קינה: „אלי, אלי למה עזבתני" (גאט מיין גאט, וואס האסטו מיך פארלאזט).

אין דעם זעלבן שטעטל זיינען אכט משפחות פון פופצן פאל־שטענדיק פארניכטעט געווארן. אן אלמנה פון זעקס קינדער, וועל־כעם מאן איז געפאלן אויף דעם שלאכט־פעלד, האט מען פריער געשענדעט און דערנאך דערשטיקט.

* * *

„אין טשערקאס אויפ'ן דניעפר האט מיר דער ערשטער איד, וועמען איך האב באגעגנט, דערציילט:

מיר האבן ערשט מקבר געווען א טויזנט קרבנות פונ'ם לעצטן פאגראם. אלע ליגן אין איין ברידער־קבר... מ'געוויינט זיך צו צום אומגליק... ס'איז אן השגחה־זאך.

* * *

„ענדע אויגוסט בין איך געווען אין קיעוו, ווען דער אוואנ־גארד פון פעטליורא איז אריין אין שטאט. דורכגייענדיק האבן זיי גע'הרג'עט אלע אידן וואס זיי האבן באגעגנט אויף זייער וועג.

אין מיטן דער גאַס באַלשאַיאַ וואַסילקאָווסקאַיאַ, האָב איך געזען אַ יונגן מאַן אויסגעצויגן אויף דער ערד און לעבן אים אויף די קני, מיט דעם קאָפּ איינגעגראָבן אין טויטן קערפּער, האָט גע־יאָמערט אַ פרוי: „מיין זון, מיין איין־און־איינציקער זון". אַרום איר האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם פון ווייסע חברה, געשאָטן מיט גראָבע ווערטלאַך און אויסגעלאַכט די פאַרצווייפעלטע מאַמע. ס'האָט זיך אפילו געהערט אַ דרשה פון אַ באַנדיט: „אַזוי איז גוט, מ'וועט עס אייך ווייזן, פאַרפלוכטע אידן, מ'וועט אייך אַלע אויסשעכטן"....

פּילאַטוס און זיינע לעגיאָנערן, כדי אויסצולאַכן דעם מאַר־טירער, האָבן ארויפגעלייגט אויף ישו'ס קאָפּ אַ קרוין פון דערנער, האָבן אים געשפּיגן אין פּנים.

וואָס האָבן געטאָן די וואָס פאַררופן זיך אויף ישו הנוצרי'ס לערע?

קאָזיר־זירקאַ, דער געהילף פון פּעטליורא, דער העלד פון דער שחיטה אין אָוורוטש, האָט זיך אויסגעקליבן דרייסיק אידישע זקנים, כדי זיך מיט זיי צו שפּילן. ער האָט זיי אריינגענומען אין אַ ראָד פון היידאַמאַקעס און באַפוילן צו זינגען און טאַנצן... די היידאַמאַקעס האָבן זיך צולאַזט מיט זייערע בייטשן, ביקסן, גע־לאַכט און געשפּעט און אונטערגעטריבן די טענצער. און ווען איי־ניקע האָבן אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין, האָבן די פּייניקער זיי גענומען שלאָגן און געהייסן ווייטער זינגען, טאַנצן און שרייען: „זאָל לעבן אונזער באַטקאַ קאָזיר־זירקאַ". דערנאָך האָט מען די געפּייניקטע זקנים אויסגעשאָסן און צונויפגעוואָרפן אין איין הויפן.

אַן אַנדערער געהילף פון פּעטליורא, פּאַליענקאַ, האָט געזאָגט צו אַ אידישער דעלעגאַציע פון קיעוו: „איך וויל אייך ניט אויס־הערן. וואָס דיינקט איר, אַז איבער עטלאַכע פאַרפלוכטע אידן וועל איך שטערן דעם שפּיל פון מיינע יונגען?

און דער גרויסער אטאַמאַן פּעטליורא האָט ערקלערט: „צו־קריגט מיך ניט מיט מיין אַרמיי!"

* * *

כל היום כלימתי נגדי,
ובושת פני כיסתני
מקול מחרף ומגדף
מפני אויב ומתנקם
עליך הרגגו כל היום
נחשבנו לצאן טבחה.

זיי האָבן געקלעפּט אפּישעס אין אַלע שטעט, פול מיט באַ־לייידיגונגען, האַס און דראָהונגען, קעגן דער אידישער באַפעלקע־רונג: איר, פאַרפלוכטע נאַציאָן, וועמען אַלע פעלקער פאַראַכטן"...

זיי האָבן געצוואונגען אומגליקלאַכע צו עסן זייער צואה...
זיי האָבן זיי פאַרשאָטן מיט ערד און לעבעדיגערהייט באַגראָבן.
זיי האָבן ניט געשאָנעוועט אפילו די מתים, און זיי געוואָרפן פאַר די הינט. זיי האָבן צושטערט די בית עולם'ס און פאַרבאָטן צו מקבר זיין די מאַרטירער.

אין טריפּאָלי, אויפ'ן דניעפּר, די געבורטס־שטאָט פון רוצח פּעטליורא, זיינען נאָך דעם פּינפטן פּאָגראָם געבליבן ליגן אויף דער גאַס זיבן־און־פערציק טויטע קערפּערס, פון אַלטע, קראַנקע לייט, און קינדער וועלכע זיינען אומגעקומען, און נאָך זיי איז מער קיין לעבעדיקער נפש ניט געבליבן אין שטאָט. הינט האָבן אָנ־געהויבן זיי צו פרעסן, חזרים האָבן זיי געגריזשעט. האָט אַן אַר־טיגער שבת־גוי, איוואַן, רחמנות געקראָגן אויף זיי, האָט אויס־געגראָבן אַ קבר און זיי באַערדיקט.

האָבן זיך די היידאַמאַקעס דערפון דערוואוסט און האָבן דעם קריסט דערפאַר דער'הרג'עט.

אין לאַדאַזשין איז אין גאַנצן שטעטל פאַרבליבן נאָר צוויי אידישע מיידעלאַך, זיי זיינען געשענדעט געוואָרן, זייערע נעזער האָבן די סאַדיסטן אָפּגעביסן און זיי אָנגעשטעקט מיט אַ וועגע־רישער קראַנקהייט. זיי האָבן דאָן געזוכט רעטונג אין אַ שפּיטאָל אין קיעוו.

שכור פון בלוט און פון ווילדן האַס, האָבן די אור־אייניקלאַך פון באָגדאַן כמעלניצקי, פון גאָנטע און זשעלעזניאַק געענדיקט אין 20טן יאָרהונדערט די „מיסיע" פון זייערע זיידעס, און אָט זיי זאָלן עס זיין די פאָן־טרעגער פון דער עוואַנגעליע, פון דער ציווי־ליזאַציע און פון דער האָפנונג פאַר אַ בעסערער מענטשהייט?...

משפט איר, מיינע ריכטער!"

יב

וויענער געשיכטע...

איינמאָל קומט מיין פרוי מיך באַזוכן און דערציילט מיר, אַז אין קאָמיטעט האָט מען דערציילט, אַז ביים אונטערזוכונגס־ריכ־טער איז דאָ אַ מסירה אויף מיר, אַז אין 1908 בין איך פאַראור־טיילט געוואָרן אין וויען פאַר עקספּראָפּריאַציע און אין 1909 בין איך אויסגעוויזן געוואָרן פון אונגארן פאַר אַנאַרכיסטישע פּראָפּאַ־גאַנדאַ קעגן פּריוואַט־אייגענטום.

די נייעס האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג. איך בין שוין עטלאַכע נעכט נאָך דער בשורה ניט געשלאָפן. דער קאָפּ איז געגאַנגען ביי מיר ווי אויף שרויפן: אַזאַ סקאַנדאַל! ווי אַזוי האָבן זיי זיך דערוואוסט וועגן וויען? און גראַד דאַן ווען איך קלער צום ווינציקסטן, מאַניפעסטירן מיינע אַנאַרכיסטישע איי־בערצייגונגען; און אפילו אַלס אַנאַרכיסט איז ביי מיר גאָר ניט קיין כבוד אַצינד מיינע קינדערשע עקספּראָפּריאַציעס־מעטאָדן צו־ליב אַנאַרכיסטישע צוועקן...

אין אַ צייט אַרום קומט טאָרעס.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין זיין אַדוואָקאַטן־צימער, איז ער שוין געשטאַנען אָנגעטאָן אין פּאַלטאָ, דעם הוט אויפ׳ן קאָפּ און דעם שטעקן אין האַנט — גרייט אַוועקצוגיין.

— העלאָ, מיין טייערער, ווי גייט עס?

— זייער שלעכט!!

— וואָס, וואָס?!

— דאָס וואָס איר הערט!

— וואָס, איר זייט אפשר ניט געזונט? וואָס פעלט אייך, מיין טייערער?

— מיר פעלט אַ גוטער אַדוואָקאַט... (טאָרעס זעצט זיך אַוועק אין גרויס פאַרלעגנהייט).

— וואָס איז אייך, שווארצבארד? מ׳באַהאַנדלט אייך דאָ פּיליינט שלעכט?

— ניט אויף דעם באַקלאַג איך זיך!

— וואָס דען?

— די מעשה וויען לאָזט מיך ניט רוען.

— אַה, ס׳מאַכט ניט! ווער האָט דאָס אייך דערציילט?

— מיין פרוי. אין קאָמיטעט ווייסט מען שוין דערפון, און איר?

— איך ווייס דאָס שוין מער ווי אַ חודש צייט!

— פאַר וואָס־זשע האָט איר מיר דערפון נישט געגעבן צו וויסן?

— איך האָב ניט געפונען פאַר נויטיק אייך צו פאַרשאַפן אומזיסטיקע צרות, און צווייטנס האָב איך געדיינקט, אַז דאָס זייט ניט איר באַגאַנגען דעם אַקט דאָן אין וויען...

— וואָס הייסט איר האָט גערעכנט? איר האָט שלעכט געדיינקט. ס׳איז בפירוש טאַקע איך און די זאַך איז זייער ניט קיין אַנגענעמע פאַר מיר און פאַר דער אידישער זאַך אַצינד.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגעכאַפּט דעם פּאַלטאָ, אויסגעטאָן די האַנט־שוה, אויפגעהאַנגען זיין הוט און זיך צוריק אוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר ביים טישל, אַרויסגענומען אַ טיכל און זיך גענומען ווישן דעם שטערן...

— מיין טייערער, מיר וועלן דאָס גלייך פאַרריכטן. דערציילט מיר נאָר אַלע איינצעלהייטן פון דער ווינער געשיכטע.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן אים צו דערציילן, גיט ער זיך אַ כאַפּ אויף פון פּלאַץ, טוט זיך צוריק אָן דעם פּאַלטאָ, דעם הוט, די האַנט־שוה, און נעמט דעם שטעקן אין האַנט.

— באַלד, מיין טייערער, וועל איך פאָרן, באַלד, נאָך היינט! נייןǃ איך שיק באַלד, טאַקע נאָך היינט, מיינעם אַ סעקרעטאַר זשאַלי. ער קען אַביסל דייטש. ער וועט זיך פאַרבינדן מיט מיין פריינט, — איר קענט אים פיליכט, — ראָזענפעלד; ער איז אַ גוטער אַדוואָקאַט אין וויען. ער וועט די זאַך איינאָרדנען איידער מען וועט זיך אויסקלייבן דאָ צו שרייבן נאָך וויען, אַז מ׳זאָל זיי צושיקן די „דאָסיע“, — וועלן מיר דאָס האָבן ביי זיך. זאָרגט נישט, מיין טייערער, באַלד פאָרט אָפּ זשאַלי און די זאַך איז ערלידיקט.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער און אַ קוק געטאָן.

אַ שאָד, וואָס ס׳איז שוין שפּעט. נאָר ס׳מאַכט ניט. מאָרגן אומבאַדינגט פאָרט ער אָפּ קיין וויען און איר מעגט זיין רוהיק. די

זאך איז ווי ביי מיר אויף דער האנט, און אויב ס'וועט נויטיק זיין, פאר איך אליין קיין וויען און נעם ארוים די „דאסיע" פון זייערע הענט און זיי קענען דערנאך לויפן זוכן... אדיע! מיין טייע־רער! זארגט ניט, זייט רוהיק. אלעס וועט זיין אין ארדנונג.

מיט וויל־גודשאו, טארעס'ס סעקרעטאר, בין איך זייער גיך באפריינדעט געווארן. ערשטנס, איז ער א איד וואס פילט, און דאס האב איך באלד אין אים ארויסגעזען אין דער אינטענסיווי־טעט און אינטערעס וואס ער האט ארויסגעוויזן צו מיין פראצע־דורע, צווייטנס, איז ער נאך ניט גענוג קיין אדוואקאט און דאס איז שוין אליין א גוטע זאך, ווייל וואס מער אדוואקאט אלץ ווי־ניגער מענטש.

איין מאל קומט ער מיר באזוכן מיט א פארזארגט זויערן פנים.

— וואס איז, מיין טייערער וויל־גודשאו?

— ס'איז שלעכט, מיין פריינט, זייער שלעכט.

— מיט אמאל פלוצלינג געווארן, — וויצל איך זיך מיט אים.

— איך מיין דאס גראדע זייער ערנסט. ס'איז ניט גוט מיט אייך.

— מיט מיר איז ניט גוט, און איר זארגט זיך אזוי שטארק?

— ס'איז דערפאר ווייל איר האט סודות פאר מיר און טא־רעס'ן, און דאס קען אייך פיל שאדן ברייננגען. אט דערוויסן מיר זיך, אז איר האט עטלאכע ערשטע נעמען: דא הייסט איר סא־מועל און דא סאלאמאן. אין די מיליטערישע אויסצייכנונגען רופט איר זיך איזמאעל און אזוי רופט מען אייך גאר שלום. וואס איז דאס פאר א גאנג?

—ווארט, מיין טייערער, איר האט פארגעסן נאך איין נא־מען, — סימאן, ווי איך שטיי פארשריבן אין מיינע ארבעטער־צייגנישן. און ווייסט איר דען ניט, אז יתרו האט זיך גערופן מיט מער נעמען פון מיר און ס'איז גאר ניט געווען אזא רעש.

— איר שפאסט, און איך זאג אייך ערנסט, אז די געשיכטע קען אייך טייער קאסטן און ניט איך און אויך ניט מעטר טארעס קענען אייך דא העלפן. ס'איז וויניגסטנס צוואנציק יאר שווע־רע ארבעט.

— גוט איז צוואנציק יאר, אלץ בעסער ווי גאר ניט! — הער איך מיך ניט אויף צו וויצלען... און אויפ'ן הארצן איז דאך ניט לייכט.

טארעס קומט צו מיר און צייגט מיר אן ארטיקל פון „פיגא־

ראַ", אין וועלכן דער פּאַרפיומעריע קעניג פראַנסואַ קאָטי האָט זיך גוט גענומען צו מיר און מיך באַשפּריצט מיט אַזעלכע ריחות, אַז ס'דרייט זיך אַזש דער קאָפּ פון זיי.

די געשיכטע געפעלט מיר דווקא. זאָל די גרויסע וועלט־פרעסע ריידן וועגן דעם ענין פּאָגראָמען, זאָל מען די זאַך ברייננען פאַר דער ברייטער עפנטלאַכקייט. מיר וועלן שוין זאָרגן, אַז דער אמת זאָל ענדלאַך אַנטדעקט ווערן. איי קאָטי שטעלט די זאַך פאַר מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף? ס'מאַכט ניט אויס! ס'איז אַ גוטע געלעגנהייט צו ענטפערן. און די „פיגאַראָ" וועט דאָך מוזן דרוקן, ווייל מ'קען דאָס ביי איר פאָדערן דורך געזעץ.

— מ'דאַרף ענטפערן! — האָבן מירביידע, איך און טאָרעס, צוגלייך אַרויסגעזאָגט.

— און שאַרף ענטפערן, — גיב איך נאָך צו.

און טאַקע תיכף האָבן מיר, איך מיט טאָרעס'ן, אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון דעם ענטפער.

און די „פיגאַראָ" האָט געמוזט מיין ענטפער דרוקן און אַזוי מיר געגעבן די געלעגנהייט דאָס ערשטע מאָל ערקלערן פאַר דער עפנטלאַכקייט די סיבה פון דעם אַקט וואָס כ'בין באַגאַנגען.

קאָטי איז ניט געבליבן הינטערשטעליק און אָפּגעענטפערט, אָבער ווי שוואַך איז דער ענטפער געווען.

— מיין טייערער, ווייסט איר וועמען איך האָב גענומען פון די פראַנצויזישע אידן אַלס עדות? — זאָגט צו מיר איינמאָל טאָרעס, — אַנרי בערגסאָן, טריסטאַן בערנאַרד און אַנרי בערנשטיין.

— דער לעצטער געפעלט מיר שוין גאָר ניט. בערנשטיין איז פון די „מה יפית אידן" וואָס ווילן זיין ראָיאַליסטן מער ווי דער קעניג אַליין און קאַטויליש פרומער פון פּויפּסט.

— דאָס ווייס איך זייער גוט, אָבער דער איד איז דאָך שטאַרק אָנגענומען אין פראַנקרייך און ער קען מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף דער דזשורי און דערפאַר האָב איך אים גענומען.

— פאַרוואָס ניט בעסער וויקטאָר באַש'ן, ער איז דאָך אַ טייערער וואַרעמער איד מיט אַ פילנד מענטשלאַך האַרץ?

— איך וויל אים ניט בלויז דערפאַר, ווייל ער רעדט אַ סך און אין דער פּאַריזער יוסטיץ האָט מען ניט ליב, ווען מען שטעלט זיך אַנידער און מ'האַלט אָפּ קאָנפערענצן שטונדן־ווייז אין דער צייט, ווען מען קען אין אַ פּאָר מינוט אַלעם אַרויסזאָגן.

— איך פאַרשטיי. איר אַדוואָקאַטן מיינט, אַז דער מאָנאָ־

פאַל פון ריידן קומט בלויז אייך און ווייטער קיינעם ניט. איר האָט פשוט מורא, אַז ער וועט אַלעם אויסריידן, וועט אייך שוין גאָרניט בלייבן וואָס צו זאָגן?

טאָרעס האָט געגעבן אַן אומרוהיקן און געצוואונגענעם שמייכל.

— איך מיין גאַנץ ערנסט, — זאָג איך, — איך וויל ליבערשט וויקטאָר באַש'ן פאַר אַן עדות, ווי אַנרי בערנשטיין'ען.

— מיר וועלן שוין זען. וואָס זאָגט איר בעסער אויף אייער לואי מאַרשאַל מכח זיין אומגעלומפּערטער אַרויסטרעטונג אין באַ־צוג צו אייער אַקט? איך האָב אים שוין לאַנג וועגן דעם גע־שריבן אַ בריוו און ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק מיט קיין ענטפער. אַזוי זיינען אַלע אַמעריקאַנער.

— אָבער איך וועל אים שוין צווינגען ריידן, אייער לואי מאַרשאַל, נישקשה!

— הלואי, לאָמיר זען וואָס איך הער!...

מאַראַשווילי

— איר ווייסט, מיין טייערער, — זאָגט מיר איינמאָל טאָ־רעס אין איינעם פון זיינע באַזוכן, — איך בין פון דער ציוויל פּאַרטיי (וואָס העלפט דעם פּראָקוראָר) ביי דער מאַראַשווילי־אַפערע (מאַראַשווילי איז געווען אַ גרוזינישער קאָמוניסט, וועמען אַ גרו־זינער פּאַטריאָט האָט געשאָסן).

— וואָס? איר האָט אויף זיך גענומען אָנפירן דעם פּראָ־צעס לטובת דעם ערמאָרדעטן באָלשעוויסטישן גרוזין אין דער צייט, וואָס מען וויל מיך מיט געוואַלד מאַכן פאַר אַ באָלשעוויק און אייך מיט מיר צוזאַמען?! — דאָס קען נאָר שאַדן ברייננען מיין פּראָצעס.

— זאָרגט ניט, מיין טייערער: דאָס געהער זיך גאָרניט אַן איינס צום צווייטן. אַלס אַדוואָקאַט, מעג איך אייך פאַרטיידיקן און דעם אַנדערן באַשולדיקן... ס'איז צוויי באַזונדערע זאַכן.

— דאָס ווייס איך שוין לײדער, צו גוט, — ווײצל איך זיך, — איר מאַכט פון געזעץ אַ היטל מיט צוויי דאַשיקעס און דרייט דאָס ווי אייך געפעלט. ווען מען וויל זוכן יושר און גערעכטיקייט איז ניט ביי אייך אַדוואָקאַטן.

— איך קען אייך נאָר זאָגן, אַז דעם גרוזין וועט מען פאַר־

אורטיילן צו אַן הארבער שטראָף: ערשטנס, האָט ער ניט די סימ־פּאַטיע וואָס איר, און דאַן האָט ער זיך שוין אויך געבונטעוועט אין דער תפיסה און געמאַכט אַ הונגער־סטרייק.

— איר מיינט, אַז מיט דעם וועט איר ביי מיר אויסנעמען! איך בין דער לעצטער דן צו זיין אַ צווייטן לכף חוב!...

* * *

— איר ווייסט, מען האָט אונז דאָ געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל? זיי האָבן געוואָלט אויף גיך אָפּ'פּטר'ן אייער פּראָצעס. איר פאַר־שטייט? עס פּאַסט ניט פאַר דער היגער רעגירונג צו מאַכן צופיל געוואָלד מיט אייער פּראָצעס. זיי ווילן זיך ניט קאָמפּראָמענטירן, זוכן זיי אַן אויסוועג און האָבן געפונען.

— וואָס למשל?

— גאָר פּשוט. זיי ווילן צוטשעפּען אייער פּראָצעס צום גרו־זינער און דערפון מאַכן איין קאַשע; יענער הויבט זיך אָן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום און אייערן האָבן זיי באַשטימט נאָך מאַרשווי־לי'ס. דאָרטן בין איך פון דער ציוויל־פּאַרטי און ביי איך — פונקט דער היפּך... איר פאַרשטייט: זיי ווילן דאָס — איינס און צוויי אַראָפּפּאַרטיקן פון טאָג־אָרדנונג און גיי! איך האָב זיך שוין צוקריגט דערפאַר מיט'ן גענעראַל־פּראָקוראָר. יענער פּראָ־צעס קימערט מיך כלל ניט, וואָס מיך אינטערעסירט, איז אייער פּראָצעס: יענעם וועט מען סיי ווי סיי באַפרייען... און דאָס וועט זיין בעסער פאַר אייך...

— און פריער האָט איר מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט זיין פאַראורטיילט אויף אַ הארבער שטראָף און אַז ער וועט זייער שלעכט אָפּשניידן! איר האָט מיר אויך געהאַט געזאָגט, מיין טייערער מעטר טאַרעס, אַז מיין פּראָצעס וועט זיין אַ סך פריער פון זיינעם, אַז איר וועט דאָס שוין מאַכן... און צום סוף?...

— יענעם פּראָצעס קען איך ניט אָפּליגן, ווייל איך, אַלס ציוויל־מאַנער האָב ניט קיין רעכט דערצו, נאָר אייער פּראָצעס וויל איך מען זאָל אָפּלייגן, און עס וועט מיר געלינגען. זיי ווילן מיר נאָך ניט צוליב טאָן, נאָר איך האָב שוין ערקלערט, אַז אויב אייער פּראָצעס וועט פאָרקומען באַלד, וועלן זיי מעגן פירן דעם פּראָצעס אָן מיר.

— מיט אייך, מיין טייערער, איז דאָס ענלאַכע וואָס מיט

די חרטומים פון מצרים. זיי האָבן געקענט באַווייזן מופתים און צוגעבן צו די אַלע מכות נאָך אַביסל, אָבער פאַר קיין געלט האָבן זיי ניט געקענט אויסמיידן די אויף זיי אָנגעשיקטע מכות. איר קענט, דאנקען גאָט, אויך פארציען און אָפּלייגן דעם פּראָצעס, אָבער ניט פארלייכטערן און פארשנעלערן.

— אָנפאַנג אָקטאָבער, זיכער, מיין טייערע.

הדודאים נתנו ריח...

ענדע יולי 1927 רופט מען מיך אַראָפּ אין ביוראָ פון די היטערס, און מען הייסט מיר זיך אונטערשרייבן, דערנאָך דער־לאַנגט מען מיר אַ צעטעלע, אַז דאָס געריכט פון דעפּאַרטמענט פון סען קלאָגט מיך איין און פאָדערט פון מיר זיך אינגיכן צוצושטעלן צום משפּט.

אין אַ קורצער צייט נאָך דעם שיקט מיר צו דער הויפּט פּראָ־קוראָר זיין אָנקלאָגע קעגן מיר, אַ בלויען פארשריבענעם טעקע, וואו ער צושפּילט זיך מיט זיין פאַנטאַזיע און גיסט קראָקאָדיל־טרערן ווי איבער די אומשולדיקע אידישע קרבנות, וואָס איז אַ שאַנדע פאַר אַ ציוויליזירט לאַנד, אַזוי אויך און נאָך מער איבער דעם טויט פון דעם גרויסן פריינט פון פראַנקרייך און פון די איז־ראעליטן, פאַר וועלכן עס טוט אים ווי דאָס לייב־צודעקל.

אין אַ פּאָר טעג נאָכדעם רופט מען מיך אין יוסטיץ־פּאַלאַץ. דאָס האָט מיך אַביסל געוואונדערט. „ווייזט אויס, אַז טאָרעס'ן איז ניט געלונגען אָפּצולייגן דעם משפּט" — טראַכט איך מיר ביי זיך.

נאָר פיל צו טראַכטן איז ניט געווען קיין צייט, ווייל אין דרויסן זיינען שוין געשטאַנען די פּאַרמאַכטע וועגענער מיט די זשאַנדאַרמען און געוואַרט אויף די געסט. געוויינלאַכער פּראָצעס פון צען מאָל איבערפרעגן און איבערציילן פון האַנט צו האַנט, איבערגיין פון איין זשאַנדאַר צום אַנדערן, פון איין היטער צום צווייטן, לאַנגן וואַרטן אין „שטיינערנעם זאַק"; ענדלאָך דורכ־פירנדיק מיך דעם לאַבירינט פון אונטערערדישע קאָרידאָרן און שטיגן האָט מען מיך געבראַכט אין אַ זאַל, וואו אַן אַלטער שלאַנ־קער מאַן איז געשטאַנען אָנגעטאָן אין אַ רויטן מאַנטל מיט הער־מין־פוטערלאַך באַפּוצט, אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכע מיץ, ווי אַ פּאַרצייטיקער כהן גדול. נעבן אים איז געשטאַנען אַ

נידעריקער מאַן מיט אַ סאַמעטענעם בלויען מאַנטל און געהאַלטן אַ פּאַק פּאַפּירן.

— איר זייט סאַמועל שוואַרצבאַרד? געבוירן דאָרט און דאָרט, אַזוי פיל יאָרן אַלט, אייער טאַטע הייסט אַזוי, אייער מוטער אַזוי?...

אויף דעם אַלעם האָב איך געהאַט בלויז צו שאָקלען מיט'ן קאָפּ.

— נאָט אייך די „ראַסיע" אייערע. איר ווייסט אַז דעם 18טן אָקטאָבער וועט איר קומען פאַר'ן געריכט. איר האָט פיל עדות פאַר אייך, נאָר איר זאָלט זיך העפלאַך האַלטן. איר קענט ריידן וואָס איר ווילט צו אייער פאַרטיידיקונג, נאָר העפלאַך!

און ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם זאַל, רוף איך זיך אָפּ צו די זשאַנדאַרן:

— וואָס האָט ער געוואָלט מיט זיין העפלאַכקייט?

— גאָר פּשוט, ער וויל אַז איר זאָלט מיט אים און די אַנדערע ריכטער ביים פּראָצעס זיין העפלאַך און זיי ניט וואַרפן עפּעס אין קאָפּ אַריין, ווי ס'איז שוין אַ פּאָר מאָל פאָרגעקומען. דערפאַר שניידט מען אָבער שלעכט אָפּ. מיט זיי טאָר מען זיך ניט שפּילן.

— און ווער איז ער דאָס אַזעלכער?

— דער פּרעזידענט פון געריכט, פּלאַרי.

— אַזוי פאַרשטיי איך שוין, פאַר וואָס ער וויל אַז איך זאָל העפלאַך זיין...

לעאָן דאַדע אין מיין צעלע

אין אַ געוויסן שיינעם פרימאָרגן עפנט זיך די טיר און עס באַווייזט זיך דער דירעקטאָר מיט אַן עלטסטן פון די וועכטער.

— באָן־זשור, מאָסיע.

— באָן זשור, מאָסיע לע דירעקטאָר.

— שטערט אייך נישט, — האָט ער געזאָגט און ארומגענומען מיט די אויגן די צעלע און באַלד פאַרשוואונדן.

אין אַ האַלבער שטונדע ארום עפנט זיך ווידער די טיר און אַן אַנדער בריגאַדיר שטעלט זיך אַריין.

— איר קענט צונויפנעמען אייערע זאַכן. מיר וועלן אייך בייטן די צעלע.

צו אַרגומענטירן איז ניט געווען וואָס און מיט וועמען, ווייל

באלד האָט זיך שוין די טיר פאַרריגלט פון יענער זייט און איך בין געבליבן צווישן די פיר ווענט...

נאָך מער: ווי נאָר איך האָב זיך גענומען צו מיינע זאַכן, האָט זיך דער וועכטער פון מיין אָפּטיילונג אַריינגעשטעלט:

— וואָס? איר זייט נאָך ניט פאַרטיק מיט אייערע זאַכן? מאַכט עס וואָס גיכער. איך וועל אייך העלפן, ווייל מען שטייט שוין אין דרויסן מיט אַן אַנדער בעטל.

אויף מיינע פראַגן, פאַרוואָס מען פירט מיך פלוצלינג אַריבער אין אַן אַנדער אָפּטיילונג און צו וועלכן צוועק שטעלט מען אַריין אין דער איינציקער צעלע אַן אַנדער בעטל, האָט דער שליסל-היטער געענטפערט, ניט באַשטימט:

— איך ווייס אַליין פונקט אַזוי פיל וויפיל איר. מ'הייסט אונז אַזוי טאָן, טוען מיר, ווייטער איז נישט אונזער זאַך.

ער האָט מיר געהאָלפן צונויפנעמען מיינע זאַכן און ביכער און זיך אַריבערפירן און איינאָרדענען אין מיין נייער דירה, די צענטע אָפּטיילונג, צעלע נומער 18. אַ בייזער נייער וועכטער האָט מיך פאַרשלאָסן אין דער האַלב-פינסטערער צעלע און איך האָב זיך פאַמעלאַך גענומען איינאָרדענען און זיך צוגעוואוינען צו מיין נייער וואוינונג. ווען איך האָב זיך אויפגעשטעלט און מיט קונצן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף די גראַטעס, האָב איך געזען איבער דער הויכער גראָער וואַנט אַ פּאָר גרינע ביימער אויף דעם בולוואַר אַראַגאָ.

מיך האָט אָבער אַלץ געפּלאָגט די נייגעריקייט „ווער איז דער מיוחס וועמען מ'האָט געגעבן מיין צעלע און אים אַריינגעשטעלט אַ בעטל דערצו".

אין גיכן בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט מיינע שכנים דורך די ווענט און צומאָרגנס פרי ביים שפּאַצירן האָב איך געשלאָסן, נאָך געענטערע קאָנטשאַפט. און אַזוי האָב איך מיך דערוואוסט, אַז מיר האָבן אַ גרויסאַרטיקן גאַסט, לעאָן דאָדע, דער שעף פון די פראַנצויזישע ראָיאַליסטן און אַנטיסעמיטן. מיט גרויס שוועריגקייט איז עס זיי אָנגעקומען צו כאַפּן דעם פויגל, אַצינד זיצט ער שוין נעבעך אַליין אין דער שטייג. אים האָט מען עס געגעבן מיין צעלע. הגם ער איז אַ פּאָליטישן, האָט מען אים געזעצט אין דער אָפּטיילונג פון קרימינעלע, ווייל די פּאָליטישע אָפּטיילונג איז פול מיט קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן, זיינע גרעסטע פיינט, האָט מען אים ספּעציעל צוגעגרייט אַ צעלע אין אַן אַנדער אָפּטיילונג.

אזוי איז מיר שוין אַלעס קלאָר געוואָרן: דאָס אַריבערפירן מיך אין אַן אַנדער אָפּטיילונג, דאָס בעטל און די צוגרייטונג.

ווען לעאָן דאַדע זאָל געוואָר ווערן אַז ער איז אין דער שטייג פון דעם אידן שוואַרצבאָרד, וואָלט ער זיך געמעגט נעמען דאָס לעבן. און חברה האָבן זיך אונטערגענומען אַז זיי זאָלן דאָס אים דערציילן... מן הסתם האָבן זיי געהאַלטן וואָרט.

דריי טעג אויף ברויט און וואַסער

בכלל האָט מען מיר געהאַלטן פאַר אַ רוהיקן אַרעסטאַנט. זידלט זיך ניט, זיצט אַ גאַנצן טאָג און שרייבט, לייענט ביכער און איז געהאָרכזאַם.

נאָר איינמאָל האָב איך מיך פאַרזינדיקט. מעטר ווייל־גוד־שאו האָט מיר געבראַכט דעם בוך וואָס דער קאָמיטעט פון די אידישע דעלעגאַציעס האָט פאַרעפנטלאַכט וועגן פּאָגראָמען אין דעם העפט פון די „ליגע פאַר מענטשן־רעכט" געווידמעט די פּאָ־גראָמען... דער שומר האָט זיי ביי מיר ענטדעקט אויף דעם שפּאַ־ציר, אין אַנוועזנהייט פון אַנדערע אַרעסטאַנטן, און האָט מיך באַ־דאַרפט באַשטראָפן: דריי טעג אויף ברויט און וואַסער.

מילא, ברויט און וואַסער זיינען ניט קיין שלעכטע אַרטיק־לען. איך ווייס אָבער ניט, פון וואַנעט מ'האָט זיך דערוואוסט און מיר אָנגעפילט די צעלע מיט אַלע מינים געבעקסן, איינגעמאַכטס און שאָקאָלאַד...

*   *   *

וואָס אַ שעה און וואָס אַ טאָג ס'גייט אַוועק ווערן די ליידן אַלץ שטאַרקער. דאָס ביינקעניש און אומגעדולד וואַקסט וואָס אַמאָל גרעסער און גרעסער. די אומרוהיקייט ווערט גרויזאַמער און העפטיקער, נאָר אויך די צייט דערנענטערט זיך ווען די אַלע ליידן וועלן מיט אַמאָל אויפהערן.

אָנהויב אָקטאָבער. איך וואַרט יעדן טאָג אַז מען זאָל מיך אַריבערפירן אין דער קאָנסיערזשערי (תפיסה ביים יוסטיץ פּאַ־לאַץ). זאָל זיין ערגער, אַבי אַביסל אַנדערש. ס'בייינקט זיך שוין אַזוי שטאַרק נאָך אַן איבערבייטונג אין מיין געפענגניש־לעבן, אַז יעדע קלייניקייט ווערט אויפגענומען מיט דער גרעסטער ערנסט־קייט און מען לייגט געוויכט אויף אַלע איינצעלהייטן. מיינע גע־פענגניש־חברים ביים שפּאַצירן ראָטן מיר צו באַשטעלן עפּעס עסן

אין דער קאָנסיערזשערי, ווי אזוי צו האַנדלען ביים אריבערפירן און טרייסטן מיר מיט חלשות־טראָפּן, אויב מען וועט מיך פאַר־אורטיילן...

איך הער זיך צו צו אַלץ מיט ערנסטקייט און טראַכט ביי זיך: וועז קומט מען שוין דאָס אַלעס איבער? וועז דערלעב איך שוין צו ווערן עלטער מיט אַ חודש צייט?...

איך פרעג זיך נאָך ביי די וועכטער, ביי די אַרעסטאַנטן, וועלכע זיינען שוין דורכגעגאַנגען די שבעה מדורי גיהנום און קע־נען די געזעצן און פּירונגען פון די געפענגנישן בעסער פון אַלע אַדוואָקאַטן און געזעצגעבער. אייניקע זאָגן מיר, אַז אַכט טעג פאַר'ן משפּט וועט מען מיך אַריבערפירן. אַנדערע זאָגן, אַז בלויז צוויי אָדער העכסטנס דריי טעג פאַר'ן פּראָצעס פירט מען איבער אין דער קאָנסיערזשערי. ווידער אַנדערע זאָגן אַז אויף דעם איז ניטאָ קיין אָפּגעשטעלטע צייט; ווי ס'פאַלט איין דעם פּראָוואַל־טער — אַמאָל פריער, אַמאָל שפּעטער, דאָס איז אויך אָפּהענגיג פון דעם, צי ס'זיינען דאָרט דאָ פרייע פּלעצער. מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין דער קאָנסיערזשערי איז ניטאָ מער ווי 160 קאַ־מערן און אין דער תפיסה זיינען דאָ ביז 1500 פּלעצער, און דאָך איז פאַראַן אַזעלכע צייטן אין יאָר, וואָס אין יעדע ערטער איז איבערפולט, איבערהויפּט טרעפט זיך דאָס צו ווינטער צו. ווען ס'קומען אָן די קעלטן, די אַרבעטסלאָזיקייט ווערט גרויס און די עלנט נאָך גרעסער.

— וואָס ווילט איר, — זאָגט מיר דער אַלטער מאַן, פון 73 יאָר, וועלכער איז שוין צום צוועלפטן מאָל פאַר גנבה אין די גרויסע מאַגאַזינען געזעסן — וואו זאָל איך, אַן אַלטער מאַן, וואָס גייט קוים אַרום, נעמען צום עסן? בעטלען קען איך ניט, און פאַר בעטלען פאַרפאָלגט מען אויך, שוין בעסער צו זיצן פאַר גנבה...

איך באַקום אַ בן־זוג

אַז מען לעבט דערלעבט מען זיך און אויך איך האָב דער־לעבט ענדלאַך זיך צו זען אין דער קאָנסיערזשערי אַ פּאָר טעג פאַר'ן משפּט. און נאָך דערצו צוזאַמען מיט אַ צווייטן אח לצרה. און הגם דאָס קעמערל איז פיל ערגער און שמעלער, ווי אין דער „סאַנטע"־תפיסה, דאָך בין איך צופרידן און איבערגליקלאַך צו זיין

מיט נאָך אַ לעבעדיקן מענטשן צוזאַמען, וואו מען קען זיך פון צייט צו צייט איבערוואַרפן מיט אַ וואָרט און ניט זיין אַזוי איינזאַם אָפּגעשלאָסן פון לעבן און מענטשן.

אַט ווי איך האָב מיך מיט אים געטראָפן:

ווען איך בין אַ נאַקעטער געגאַנגען איבער׳ן האַלב פינסטערן קאָרידאָר מיט דעם פּאַק זאַכן מיינעם אויף די פּלייצעס, האָט דער שליסל־היטער אַ פּראַל אויף געטאָן אַ טיר און אַ געשריי געטאָן: „אַלעי!” און באַלד פאַרקלאַפּט און פאַרשלאָסן די טיר אונטער מיר. ווען איך בין אַריינגעפאַלן מיט׳ן שווערן פּאַק אין קאַמערל, בין איך געבליבן זיצן אַ מידער, סאַפּנדיק, אויף די זאַכן און זיך ניט געקענט רירן. פאַר זיך האָב איך בלויז געזען אַ טונקלע קוויטיק צימער מיט נאַקעטע ווענט, אַן אייזערן בעטל און אַ קלאָזעט, וועלכער האָט מיר געשטאָכן די אויגן און געקיצלט אין דער נאָז, ווייטער גאָרניט...

— נעמט טוט זיך אָן און איך וועל אייך העלפן צוזאַמענלייגן די זאַכן!

איך גיב זיך אַ דערשראָקענער אַ כאַפּ אויף: פאַר מיר שטייט אַ מאַן פון מיטעלן גרויס, מיט אַ סימפּאַטיש איידל געזיכט, אַ פּאָר שוואַרצע קלוגע אויגן קוקן אויף מיר מיט מיטלייד און געבעט, אַ היבש שוואַרץ בערדל באַצירט דאָס געזיכט און ווייסע זילבערנע האָר זעען זיך ארויס און גיבן צו דעם אַריסטאָקראַטישן אויסזען אַ באַזונדערן חן.

— איר האָט זיך דערשראָקן? איר האָט מיך ניט באַמערקט, ווייל אַזוי איז שטענדיק, אַז מען קומט פון דער ליכט אין אַ טונקל אָרט: עס בלענדעט אין די אויגן און מען זעט גאָרניט.

ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אָרדנונג ברייננען אין מיינע זאַכן, האָבן מיר זיך בײדע געזעצט אויפ׳ן אייזערנעם בעטל און מיר האָבן זיך ערשט פאַנאַנדערגערעדט.

— זעט, ווי מען טרעפט זיך צוזאַמען, איר זייט אַ רוסישער און איך קום ערשט פון רוסלאַנד.

— מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפטיקט?

— איך בין אַן אַרטיסט. אַן אַקראָבאַט, אַ טענצער. איך האָב אויך געגעבן פאַרשטעלונגען אין דער אַלאַמבראַ, נאָר איך בין שוין פופצן יאָר אין אויסלאַנד. איך האָב די מערסטע צייט פאַרבראַכט אין רוסלאַנד: אין פּעטראָגראַד און אין מאָסקווע. ווייטער בין איך געוועזן אויף די באַלקאַנען, אין אונגאַרן, איטאַ־

ליען, גריכענלאַנד און קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אצינד זייט צוויי חדשים צייט און נאָך פופצן יאָר ארומרייזן בין איך געקומען צוריק פון קאַווקאַז אין מיין געבורט־שטאָט, נעמט מען מיך אזוי אויף און מען זעצט מיך דאָ אריין.

— פאַרוואָס טאַקע האָט מען אייך אַרעסטירט?

— פאַרשטייט איר מיך, ווען איך בין געווען אינגער, האָב איך געלעבט ווי עס לעבן די מערסטע ארטיסטן — אַ געשוואָלענעם טאָג, געהאַט מעטרעסן (פּלגשים) און גאָר ניט געקלערט וועגן דעם מאָרגענדיקן טאָג. נו! ווי ס'טרעפט זיך ביי אונזער פּאָך, האָב איך געהאַט א רייכע „מעטרעסע" וואָס האָט זיך פאַרשפּילט און ארויסגעגעבן אַ טשעק אָן באַנק־פּראָוויזיען; איז מען שפּעטער געקומען און זי אַרעסטירט און מ'האָט ביי איר געפונען מיין בילד, האָט מען מיך גענומען זוכן, אלס מיטהעלפער אין דעם פאַלשן טשעק. גראָד בין איך דאַן שוין געווען אין אויסלאַנד, אַ געשיכטע פון פאַר דער מלחמה. אצינד ווי נאָר איך בין געקומען קיין פּאַריז, האָט מען מיך אַרעסטירט. ס'הייסט איך האָב זיך דערוואוסט אַז מען זוכט מיך, האָב איך זיך אליין צוגעשטעלט און שוין באַלד צוויי חדשים ווי זיי האַלטן מיך אין דער קאָנסיערזשערי אָן שום געריכט...

— האָט איר כאָטש אן אדוואָקאַט וואָס זאָל אייך פאַרטיידיקן?

— מען קען זאָגן יאָ און ניין! קאַמפּענקי איז אויסגעקליבן געוואָרן פון מיין אונטערזוכונגס־ריכטער פאַר מיין פאַרטיידיקער, נאָר אזוי ווי די הערן האָבן ליב גראָד אָנגעשמירט צו ווערן, האָב איך אים שוין געשריבן, אַז איך וועל אים געבן די פּאָר הונדערט פראַנק וואָס ליגן אין קאַנטאָר, מיין גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט און אַ בריליאַנטענע שפּילקע — צוזאַמען מער ווי טויזנט פראַנק. דוכט זיך גענוג? ערשט האָט ער זיך נאָך צו מיר זייט דער צייט ניט איינמאָל אפילו געוויזן.

— ס'גייט אים ניט אזוי אין לעבן ווי אייך, ווייזט אויס.

— יאָ, זיי מאַכן זיך אַ צימעס פון אַן אָרימען טייפל. ווען ער זאָל וויסן אַז איך האָב אַ סך געלט וואָלט ער שוין ניט איינמאָל געווען מיך באַזוכן. שרעקט אייך ניט, די לייטע דערשמעקן ווי די הינט אַ געשמאַקן ביסן...

— יאָ, — טראַכט איך מיר, — איך ווייס עס. קאַמפּענקי וועט דאָך פאַרטיידיקן פּעטליוראַ'ן.

— האָט איר נאָך וועמען פון אייער פאַמיליע אין פּאַריז?
— קיינעם ניט מער. איך בין דאָ אַצינד איינער אַליין. אפילו מיין פרוי איז אצינד ווייט פון מיר, אין איר געבורטס־שטאַט אין בעלגיען, און ווייסט ניט וואו איך בין.

און אַזוי האָבן מיר זיך אויסדערציילט איינער דעם צווייטן דאָס ביטער האַרץ און געוואָרן באַפריינדעט, וואַרטנדיק אויפ'ן אומבאַשטימטן גורל אונזערן. ער האָט מיך געטרייסט, איך — אים, און יעדער איז געבליבן ביי זיינעם ניט געטרייסט... דאָס איינציקע וואָס האָט יאָ עטוואָס באַפרידיקט, זיינען געווען די ער־אינערונגען פון די לאַנגע פאַרגאַנגענע צייטן, די אַלע גוטע און שלעכטע איבערלעבונגען זיינען געווען דאָס איינציקע מיט וואָס מ'פלעגט זיך קוויקן און פאַרגעסן די ביטערע געגנוואַרט.

דער דירעקטאָר פון דער קאָנסיערזשעריע

דעם 18טן אָקטאָבער.

דינסטיק פרי, דעם טאָג פון מיין פּראָצעס, בין איך אין טואַ־לעט־צימער פון ראַזירער און מאַך זיך פאַרטיק צום געריכט.

— העלאָו! — גיט מיך אַ רוף אַ היטער, — דער דירעקטאָר איז דאָ ביי אייך אין קעמערל און וויל אייך זען גיכער...

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין צעלע, האָט שוין דער די־רעקטאָר מיט'ן עלטסטן פון די היטער געהאַלטן אין פאַרלאָזן די צעלע.

— אָט איז ער, — גיט אַ זאָג דער בריגאַדיר צום דירעק־טאָר, אָנווייזנדיק אויף מיר.

— נו! וואָס מאַכט איר? — גיט ער אַ זאָג אַ וואָרט, אבי עפּעס צו זאָגן.

— מערסי, הערר דירעקטאָר, אָט ווי איר זעט. איך גרייט מיך צו צו מיין ערשטער אוידיענץ.

— נו, וואָס מיינט איר, אַז מען וועט אייך אָנטשעפּען אַ מע־דאַל פאַר אייער האַנדלונג?

— חלילה, איך מיין גאָר ניט!

— פאַרוואָס קומט איר, פרעמדע, אַהער צו מאַכן אומרוען. האָט איר ניט געקענט אים טויטן דאָרטן ביי אייך ערגעץ־וואו, ניט אין פּאַריז?

— ערשטנס, בין איך ניט קיין פרעמדער, און צווייטנס, אַ

גערעכטע זאַך צו טאָן קען מען אומעטום, דאָ און דאָרטן, וואו נאָר מ'געפינט די מעגלאַכקייט.

ער האָט זיך גענומען דרייען, ניט געפינענדיק וואָס מיר צו זאָגן.

— און וועמען געהערן דאָס אַלעס? — האָט ער אַ זאָג געטאָן, דערזעענדיק דעם באַרג ביכער מיינע.

— מיר אַליין.

— און פון דעם אַט נעמען זיך אַלע אומגליקן. די ביכער ברענגען צו אַלע פאַרברעכנס און אומרוען.

— און איך דענק, אַז אין געגנטייל: דערפאַר וואָס מען לייענט ניט גענוג ביכער, קומען אַלע אומגליקן און פאַרברעכן. די וועלט איז שלעכט, ווייל זי איז אומוויסנד...

ער איז ווידער געבליבן אין פאַרלעגנהייט און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן, האָט ער זיך געווענדעט צו מיין צעל־חבר און געפרעגט:

— ווער איז דער דאָ? וועמען האָט דער דער'הרג'עט? ווי רופט מען אים?

— ער איז אַ פראַנצויז, — ענטפער איך פאַר יענעם. — זיין נאָמען איז דע טריומעל, ער האָט קיינעם ניט דער'הרג'עט, האָט קיינעם ניט שלעכט באַהאַנדלט, ער איז אַן אַרטיסט און נאָך פופצן יאָר וואַנדערן, ווען ער איז געקומען אין זיין לאַנד, האָט מען אים פאַרשפאַרט...

דער דירעקטאָר איז ווי פלוצלינג ווייכער געוואָרן און זיך געווענדעט צום בריגאַדיר:

— פאַר וואָס האָט איר ניט געגעבן פאַר דעם מאַן אַ בעסערע צעלע, ניט ער זאָל דאַרפן ליגן דאָ אויף דער ערד אין שמוץ?

— נאָר איידער דער עלטסטער האָט צייט געהאַט צו ענטפערן, האָב איך פאַרכאַפּט:

— בעסטן דאַנק, הערר דירעקטאָר, איך פיל זיך דאָ ניט שלעכט. ערשטנס, און דאָן איז דאָס בלויז אויף עטלאַכע טעג...

— וואָס מיינט איר, אַז מ'וועט אייך באַפרייען?

— ניט דאָס. נאָר ווי ס'זאָל ניט געשען, וועל איך ווייניגסטנס דאָ ניט פאַרבלייבן!...

— רעכט! האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן און פאַרלאָזן די צעלע.

יג

דער יום הדין

דינסטיק, דעם 18טן אָקטאָבער, פּונקט 12 אזייגער...

די טיר פון מיין קעמערל שליסט זיך אויף און דער וועכטער גיט א זאָג ארויס:

— א נו! קומט ארויס!

איך פאָלג אים נאָך און ער פירט מיך איבער קאָרידאָרן ביז א גרויסער אייזערנער טיר, וואו צוויי הויכע געזונטע זשאַנדאַרן וואַרטן שוין אויף מיר.

— אייער נאָמען?... גיט איינער זיך א ווענד צו מיר.

— גוט! קומט!

ער נעמט ארויס א האַנט קייטל, פאַרטשעפּעט מיין רעכטע האַנט און פירט מיך.

דער צווייטער זשאַנדאַרם גייט מיט א שפּאַן פאָראויס. און ווידער טרעפּ אראָפּ, טרעפּ ארויף, געדרייטע קאָרידאָרן, אונטער־ערדישע, אזוי אז דער קאָפּ פאַרדרייט זיך. אפילו די זשאַנדאַרמען פאַרלירן זיך. „דוכט זיך — רעכטס?" „ניין! מיר שיינט, לינקס" — ענטפערט דער צווייטער...

איך פּרואוו דערווייל שליסן גוט־ברודערשאַפט מיט מיינע שומרים: עס קומט מיר אָביסל שווער אָן, נאָר זיי ווערן וואָס אַמאָל מער צוגעוואוינט און ענטפערן מיר פריינטלאַך אויף מיינע פראַגן.

אריינקומענדיק אין דעם וואַרט זאַל, נעמט מען אראָפּ די קייטעלאַך און מ'הייסט זיך זעצן. די אַנדערע וואַך זשאַנדאַרמען, וועלכע זיינען אַלע געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן, האָבן מיט מיין אריינקומען מפסיק געווען און מיר באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי האָבן זיך איבערגעוואונקען ווי איינער רעדט: „אָט איז דער פויגל!"....

ס'איז שוין פינף מינוטן נאָך האַלב איינס... מ'קלינגט: גיך־בער גיבן זיך א כאַפּ די צוויי זשאַנדאַרן, זיי פאַרטשעפּען מיך

מיט'ן קיטל און פירן מיך אריין אין אַ גרויסן זאַל, וואו דער פּרע־זידענט און דער פּראָקוראָר שטייען שוין אָנגעטאָן אין זייערע מאָדנע קליידער: אין די הויכע מיטצן און אין די לאַנגע מאַנט־לען; דער פּרעזידענט אין אַ רויטן מאַנטל באַהאַנגען מיט מע־דאַלן, דער פּראָקוראָר — אין אַ שוואַרצן מאַנטל מיט אַ קרייץ פון אַן עהרן־לעגיאָן. נעבן פּרעזידענט שטייען צוויי מיטהעלפער: איינער מיט אַ שמייכל אויפ'ן פּנים וואָס לאַכט, דער צווייטער מיט אַ געזיכט פון אַ מאַלפּע וואָס האָט ניט קיין מענטשלאַכן אויסדרוק. דער שרייבער מיט אַ סאַמעטענעם מאַנטל זיצט און שרייבט. פון דער זייט קומט אַריין טאַרעס אין זיין טראַדיציאָנעלן אַדוואָקאַטן מאַנטל, נאָך אים זיינע מיטהעלפער — ווייל־גודשאָו, ראָזענטאַל טריק און זשאַלי.

טאַרעס גייט צו מיר צו, — נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַגריסט מיט'ן פּרעזידענט, פּראָקוראָר און די איבעריקע, — דריקט מיר די האַנט:

— וואָס מאַכט איר, טייערער?

די אַנדערע גייען צו און גריסן זיך גלייכצייטיק מיט אַלעמען און מיט מיר.

דער פּרעזידענט גייט ארויף און ס'קומען אריין אַ מחנה געשוואָרענע — זייער צאָל איז פּערציק, פון וועלכע, נאָכ'ן גע־זעץ, דאַרפן אויסגעקליבן ווערן פאַר מיר אין די אויגן צוועלף וואָס וועלן אורטיילן וועגן מיין לעבן און טויט.

דער פּרעזידענט רופט זיי אויס איינציקווייז ביי די נעמען און יעדער איינער ענטפערט מיליטעריש: „פּרעזאַנט" (כ'בין דאָ). דערנאָך פרעגט ער מיך מיין נאָמען און פאַמיליע, די יאָרן און דאָס אָרט פון געבורט. נאָכדעם נעמט ער אַ זעקעלע מיט קעסטע־לאַך, וואו ס'געפינען זיך די נעמען פון די אַלע פּערציק געשוואָ־רענע און רופט אויס אַ נאָמען און פרעגט אַט ביים פּראָקוראָר, אַט ביי טאַרעס'ן, צי ער נעמט אַן — און איידער מ'קוקט זיך אום, ווערן אויסגעקליבן די 12 געשוואָרענע און צו זיי ווערן צו־געגעבן אַלס ערזאַץ־מענער — אין פאַל פון אַ קראַנקהייט אָדער אין אַנדער געשעעניש — נאָך פיר פּערזאָן...

דער פּרעזידענט מיט זיינע צוויי בייזיצער־ריכטער פאַרלאָזן דעם זאַל, און מ'פירט מיך אריין אין דעם „אָפּעראַציאָנס־זאַל", איך מיין דעם געריכט זאַל, מ'הייסט מיך זיך זעצן אויף דעם באַשול־דיגונגס באַנק. איך קוק מיך ארום: דער זאַל איז שוין איבער־

פילט מיט זשורנאליסטן און צוקוקער. די אדוואקאטן קומען אן; טארעס מיט זיין סוויטע און קאמפינקי — מיט זיינער. מען סוד'עט זיך איינער מיט'ן צווייטן, נאר דער פרעזידענט גיט א קלאפ מיט זיין שטעקעלע און בעט ס'זאל זיין שטיל — ער עפנט די זיצונג.

צוערשט הייסט ער שווערן איינציגווייז די צוועלף געשווארענע, דערנאך — די פיר קאנדידאטן; זאגט זיי, אז זיי וועלן דארפן אורטיילן איבער'ן לעבן און טויט פון א מענטשן וואס זיצט נעבן זיי און ווייזט אן אויף מיר. רופט נאך אמאל דעם זאל צו ארדנונג און ווענדעט זיך צו מיר:

— שטעלט זיך אויף! און זאגט מיר אייער נאמען און פאמיליע!...

— מיין נאמען איז שלום! דאס באדייט אין העברעאיש „פרידן" — ענטפער איך. נאך 17 חדשים הער איך מיין שטימע, וואס קלינגט פאר דער עפנטלאכקייט.

— אייערע יארן?

איך ענטפער.

— סעקרעטאר, לעזט פאר דעם באשולדיגונגס אקט.

דער סעקרעטאר, רעכטס פון מיר, הויבט אן צו לעזן מאנאטאן... מיין מוח כאפט אויף אן אויסצוג:

„ווי אזוי קען שווארצבארד באשולדיקן פעטליורען, — פרעגט דער פראקוראר — ווען אזא פאראנטווארטלאכער מענטש ווי זשאבאטינסקי, א צוויפאכער העלד וואס האט געקעמפט פאר ענגלאנד און פאר'ן ציוניזם, א באדייטנדער זשורנאליסט, האט אליין ערקלערט, אז פעטליורא איז א פיינער מענטש און ער וועט קיינמאל ניט גלויבן אז אזא געבילדעטער מענטש קען זיין א פאגראמשטשיק. אויך האט דער באוואוסטער אידישער שרייבער, זאנגוויל, דערקלערט דאס זעלבע. דער ראבינער גוטמאן פון האמעל האט געבענטשט פעטליורא'ן מיט זיין ארמיי און געמאכט א ברכה ווען זיי זיינען אנגעקומען אין שטאט — דאס איז א גענוגענדער באווייז אז דער באשולדיקטער האט ניט געהאט וואס פארצואווארפן פעטליורא'ן.

ווען מען איז פארטיק געווארן מיט'ן לייענען דעם באשולדיגונגס אקט, האט דער פרעזידענט גענומען אויסרעכענען מיין טעטיקייט זייט מיין געבוירן.

— אין אנפאנג פון עלפטן יאר זייט איר געקומען קיין פאריז. איר האט געארבעט אין אייניקע פראנצויזישע געשעפטן און

אלע האָבן פון אייך די בעסטע מיינונג. איבעראל האָט איר אי־בערגעלאָזט גוטע עראינערונגען אלס גוטער און פליסיקער אר־בעטער. ביי וועמען־פרער האָט איר געארבעט ביז די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און איר האָט געוואָלט זיך אומקערן דינען אייער פאטערלאנד, נאָר איר האָט ניט געקענט און איר האָט זיך אנגע־שלאָסן אין דער פראנצויזישער ארמיי.

— ניט ריכטיק, הערר פרעזידענט, איך האָב ניט געהאַט קיין פאטערלאנד. איך האָב קיינמאָל ניט געוואָלט דינען דעם צאַ־ריזם. איך האָב זיך באלד אנגעשלאָסן אין דער פראנצויזישער ארמיי אלס רעוואָלוציאָנער און געוואָלט דינען דאָס וואָס איז אונז געבליבן פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָלוציע.

— גוט! איר האָט זיך געשלאָגן אויפ'ן פראנצויזישן פראָנט ביז אין מערץ 1916, ווען איר זענט שווער פארוואונדעט געוואָרן און געקראָגן אַן אויסצייכנונגס קרייץ. אין 17טן יאָר זענט איר געפאָרן אלס פרייוויליקער צוריק קיין רוסלאנד, כדי צו העלפן בויען דאָס נייע רעוואָלוציאָנערע רוסלאנד, ריכטיק?

— יאָ!

— דאָרטן האָט איר פארבראַכט ביז'ן 20טן יאָר, וואו איר האָט צוגעזען מיט אייערע אויגן די אלע שוידערלאַכקייטן און גרוילטאַטן וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן אייערע גלויבנס גענאָסן, די אידן, מצד די קאָזאקן און היידאמאקעס פון פעטליור־ ראַ'ן און אנדערע אטאמאנען, ריכטיק?

— יאָ, ריכטיק!

— אין צוואנציגסטן יאָר זייט איר צוריקגעקומען קיין פאריז און זיך איינגעאָרדנט אַ קליין געשעפטל פון זייגערמאַכעריי אויף 82 בולוואר מענילמאָנטאַן, וואו איר האָט געטריבן אייער מלאכה און זיך אָפּגעגעבן מיט וואוילטעטיקע צוועקן. די פּאָליציייאישע אויסקונפטן וואָס מיר האָבן באַקומען וועגן אייך זיינען זייער גינסטיק פאר אייך; אלע אייערע שכנים און געשעפטסלייט פון ארום לויבן אייך און שעצן אייך אלס אויפריכטיקער און פיינער מענטש! אלע וואָס קענען אייך און וואָס האָבן מיט אייך גע־האנדלט, האָבן געזאָגט די בעסטע מיינונג וועגן אייך...

דער פרעזידענט האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאָרטגעזעצט:

— אין ענדע פון 1925 יאָר איז צו אייך געקומען אַ רוס (ניט קיין איד) און אייך דערציילט, אַז ער איז געלעגן אין אַ קליניק פון רוסישע אָפיצערן און קאָזאקן און האָט געהערט, ווי איינער

פון זיי האָט דערציילט דאָס ער האָט פאַרגוואַלטיגט 27 אידישע פרויען און אַ צווייטער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אין איין טאָג מיט זיין שווערד אָפּגעהאַקט 15 אידישע קעפּ... און דאָס האָט אויף אייך געווירקט: ריכטיק?

— פאַרשטענדלאַך, אַז אַזאַ סאַדיסטישע באַרבאַרישע האַנדלונג קען ווירקן אַפילו אויף אַ שטיין!...

דער פּרעזידענט האָט לייכט געשמייכלט.

— אין אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם האָט איר זיך דערוואוסט דורך אַ רוסישע צייטונג, אַז פּעטליורא, דער הויפּט אטאַמאַן, איז אין פּאַריז און רעדאַגירט אַן אוקראַינישע צייטונג דעם „טרעזוב". האָט איר זיך באַשלאָסן אים צו טויטן, כדי זיך נוקם זיין פאַר דעם אונשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון די אידן. איר האָט גענומען אים אַרומזוכן, נאָר אָן ערפאָלג; ווען איר האָט געפרעגט וועגן פּעטליורא'ן, האָבן זיך אַלע מיט עקל אָפּגעטרייסלט — סיי אידן סיי קריסטן — און געזאָגט: „וואָס, דער הונט, דער קאַנאַליע פּעטליורא איז אין פּאַריז? ווען גייט ער אַן, אַזאַ בעסטיע!" ביז איר האָט ענדע מאַי 1926 צופעליק, גייענדיק פון דער ביבליאָטעק „סענט זשענעוויעוו", געטראָפן אַ מאַן, גייענדיק מיט'ן בולוואַר סען־מישעל, וועלכן איר האָט געדערכנט, אַז דאָס דאַרף זיין פּעטליורא. אַ דאַנק זיין קליין בילדל וואָס איר האָט אויסגעשניטן אין דער גרויסער לאַרוס ענציקלאָפּעדיע ביי אייך אין שטוב און אַ דאַנק דער צייטונג „אוקראַינישע נייעס" וואו פּעטליורא'ס בילד איז געווען פאָטאָגראַפירט, איז אייך ענדלאַך געלונגען אויסצוגעפינען די פּערזאָן, וועלכן איר האָט געזוכט. איר האָט אים ניט געוואָלט גלייך טויטן, ווייל ער איז געווען צוזאַמען מיט אַ פרוי, און אַזוי האָט איר אים נאָכגעפאָרשט אַ פּאָר טעג און ניט געוואָלט טויטן, ווייל דאַ איז ער געגאַנגען מיט אַ פרוי און דאַ האָט געטראָפן אַז ער איז צוזאַמען געגאַנגען מיט אַ מיידעלע. — איר האָט אים ענדלאַך אָפּגעוואַרט דינסטיק, דעם 25טן מאַי, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם רעסטאָראַן שאַרטיע אויף דער ראַסין־גאַס נעבן דער בוכהאַנדלונג זשילבערט, זענט איר צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט אויף אוקראַיניש: „איר זענט עס דער פּאַן פּעטליורא?" נאָר ווען ער האָט אייך ניט געענטפערט, האָט איר אים נאָך אַמאָל געפרעגט: און ווען ער האָט אייך ווידער ניט געענטפערט, געקוקט ביין אויף אייך און גענומען זיין שטעקן אין אַנגריף, האָט איר צו אים אַ געשריי געטאָן: „פאַר־

טיידיק דיך, בעסטיא און קאנאליע!" און איר האָט אַרויסגענומען פון אייער קעשענע דעם רעוואָלווער און געצילט אויף אים און אויסגעשאָסן. ביי יעדער מאָל האָט איר געשריען: „נאָ דיר פאַר פּראָסקוראָוו! נאָ דיר פאַר בערדיטשעוו! נאָ דיר פאַר אומאַן! נאָ דיר פאַר טשערקאַס! א. ז. וו.... ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד, האָט איר נאָך צוויי מאָל אויסגעשאָסן, כדי, ווי איר זאָגט, אויסצולייידיקן דעם רעוואָלווער, אַז ס'זאָל דערנאָך ניט פּאַר־קומען קיין אומגליק אַז מען וועט אייך אַרעסטירן. ווען מ'האָט אייך דערנאָך ביים קאָמיסאַר געפרעגט פאַרוואָס איר האָט דאָס געטאָן, האָט איר געזאָגט: „איך האָב דערשאָסן אַ מאָסן מערדער". איר האָט ערקלערט, אַז איר זייט אַ איד, געטויט פעטליוראַ'ן דערפאַר וואָס זיין אַרמיי האָט אומגעבראַכט אין די טויזנטער אידן — אַל־טע לייט, פרויען און קינדער. ווען דער פּאָליסמאַן מערסיער איז געקומען און ערקלערט, אַז פעטליוראַ איז געשטאָרבן און זיין נאָמען איז ריכטיק, ווי איר האָט אָנגעגעבן: סימאָן פעטליוראַ — האָט איר אויסגעדריקט שטאַרקע צופרידנהייט און אים מיט פרייד געדריקט די האַנט; ריכטיק?

— יאָ, הערר פּרעזידענט. נאָר געפרייט האָב איך זיך בלויז דערפון וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין טעות און געטראָפן די ריכטיקע הידרא, ניט קיין אונשולדיקן מענטשן!

— אַצינד וועט איר אַזוי גוט זיין און ערקלערן די הערן געשוואָרענע דעם מאָטיוו פון אייער טאַט!

מיט'ן פּנים צו דער וועלט

— הערן געשוואָרענע — האָב איך זיך געווענדעט צו דער באַנק געשוואָרענע — ניט נאָר פון איצט, נאָר זייט דריי הונדערט יאָר, ווי דאָס בלוט פון אידישן פאָלק גיסט זיך אין דעם פאַרשאָל־טענעם טייל וואָס מ'רופט אוקראַינאַ! אין 1648 איז דער רוצח באָגדאַן כמעלניצקי מיט זיינע ווילדע קאָזאַקן אַרויס אויף דער אַרענע פון דער אוקראַינער געשיכטע און פאַרפלייצט די פעלדער און טייכן מיט'ן אונשולדיקן אידישן בלוט. די שחיטה האָט גע־דויערט ביז 1654, בשעת עס זיינען אומגעקומען 500 טויזנט אידן פון זויג קינדער ביז גרויס גרויע אַלטע לייט, פרויען און מענער. אין 120 יאָר שפּעטער זיינען געקומען די רוצחים גאָנטאַ און זשע־

ליעזניאק און באַנייט די ווילדע רציחות פון זייערע זיידעס, און דאס אונשולדיקע בלוט פון אידישע מארטירער האט זיך באַניים געגאסן טייכנווייז. נאר די רציחות פון דער דריטער עפּאָכע, פון דער הײדאמאשטשינע מיט דעם באנדיט פּעטליורא אין דער שפּיץ, זיינען געווען נאך פיל גרויזאַמער און שוידערלאכער, ווי פון זיינע פאָרגענגער. די יארן 20, 19, 18 זיינען די שרעקלאכסטע פאר׳ן אידישן פאלק. מיר געדיינקען ניט אזעלכע גרוילטאטן אין דער בלוטיקער געשיכטע אונזערער. דער מיטל־אלטער מיט זיינע שוידערלאכקייטן זיינען בלאסע פלעקן קעגן די ציניש ע באַרבאַריזמען פון די הײדאמאקן אַז האַרץ און אַן נשמה. איך האב געזען די שוידערלאכקייטן און ניט געקענט גלויבן, אַז מענטשן קענען זיין פייאיק אויף אַזעלכע אונמענטשלאכקייטן; די העכסט קראַנקע פאַנטאַזיע איז ניט בכח זיך אויסצומאַלן אזעלכע שוידערלאכקייטן, ס׳איז נאר אַ שאַנדע צו לעבן אין אַזאַ צייט און צווישן אַזעלכע ברואים! בלויז די עראינערונגען פון יענע שרעקלאכע טעג מאַכן מיך שוידערן. איך בין ניט בכח איבערצוגעבן אין ווערטער די אַלע גרוילטאַטן וואס זיינען אפּגעטאַן געוואָרן אין די פּאָר יאָרן. און פאַרגעסט ניט, מיינע הערן, אַז איך בין ניט אַ שרעקנדיק קינד. איך האב שוין אין מיין לעבן געזען גענוג שרעק און שוידערלאכקייט; די וועלט־און ציוויל־קריג האבן גענוג פאַרהאַרטעוועט מיין כאַראַקטער, דאך קען איך זיך אַן שרעק ניט דערמאָנען אין די ווילדע מעשים פון די אונמענטשלאכע באַרבאַרן וואס זיי האבן אפּגעטאַן דער פרידלאכער הילפלאָזער אידישער באַפעלקערונג. שטעלט זיך פאר, הערן געשוואָרענע, ווען אַ ווילדע באַנדע באַוואָפנטע ברוטן פאלן אַן אויף אַ שלאָפנדער רוהיקער שטאט, לויפן אריין אין די הייזער, שלעפּן אראפּ פון די בעטן די מענער, קוילענען זיי אוים, די פרויען שענדן זיי פאר די אויגן פון זייערע מענער און קינדער, די מיידלאך — פאר די אויגן פון זייערע עלטערן און ברידער, און צום סוף דערוואָרגן זיי אַלעמען! זיי ראַבירן און פאַרברענען אַלעס וואס זיי קענען מיט זיך ניט מיטנעמען און מאַכן פון אַלעם צו שטויב און אַש... ווען איך זאָל קענען אייך דערציילן אַלעם וואס איך האב זיך אָנגעהערט און אָנגעזען אין דעם אוקראַינער גיהנום, וואָלטן די געשיכטעס פון טויזנט און איין נאַכט ניט געווען גענוג... איך קען ניט דערציילן! איך קען ניט דערציילן, ווייל איך פיל אז דאס האַרץ וועט מיר פּלאַצן פון ווייטאָק און שאַנדע...

איך בין שטיל געבליבן. מיר האָט פאַרפעלט אָטעם.

— איך הויב אויף די אוידיענץ אויף צען מינוטן, — האָט דער פּרעזידענט ערקלערט און זיך אויפגעהויבן פון שטול.

* * *

מ'פירט מיך אַרויס פון זאַל און מ'זעצט מיך אַוועק אין אַ צימערל. איך פיל מיך אויפגערעגט, אָבער כּלל ניט מיד. איך בין גרייט צו שטיין דאָרטן אין זאַל שעה'נוויז און דערציילן פאַר די צוועלף אַלעם וואָס איך ווייס און פיל. אָט פירט מען מיך שוין ווידער אַריין אין זאַל.

און ווידער ווענדעט זיך דער פּרעזידענט צו מיר:

— שוואַרצבאַרד! דערציילט פאַר די געשוואָרענע ווי אַזוי איר האָט נאָכגעשפּירט פּעטליורא'ן און אים געטויטעט!...

ווען איך בין שוין פאַרטיק געוואָרן מיט דער שילדערונג — שוין צום ווייפילטן מאָל, — ווי אַזוי איך בין באַגאַנגען מיין טאַט, האָבן זיך ערשט די צוויי אַדוואָקאַטן פון די ציוויל־מאַנער פאַר־קאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו מיר:

— איר ערקלערט, — נעמט מיך קאַמפּינקי אויפ'ן צימבל, — אַז איר זייט געגאַנגען מיט דער אַבזיכט פּעטליורא'ן צו טויטן און אַצינד ערקלערט איר, אַז ווען ער איז שוין געלעגן אויף דער ערד, האָט איר די לעצטע קוילן אויסגעשאָסן, ניט צילנדיק אין קער־פּער, נאָר אויף דער ערד. דאָס איז קעגן יעדער לאָגיק. וואָס האָט אייך באַוואויגן צו שיסן אויף דער ערד פּלוצלונג?

— ס'איז גאָר פּשוט, איך האָב אין אים אַריינגעשאָסן פינף קוילן די גאַנצע צייט וואָס ער איז נאָך געשטאַנען קעגן מיר, און ווען ער איז אומגעפאַלן האָב איך, אַלס געאיבטער סאָלדאַט, וואָס ווייסט זיך ווי צו באַגיין מיט געווער, געפונען פאַר נויטיק אויס־צולײדיקן דעם רעוואָלווער אין דער ערד, כּדי צו פאַרמיידן אַ וואָסער ס'ניט איז פאַרפאַל, וואָס זאָל חלילה קענען שעדיקן אַן אונשולדיקן מענטשן.

— און פון וואַנען ווייסט איר אַז פון די קוילן וועלכע איר האָט געשאָסן אין דער ערד קעגן פּעטליורא'ן, האָבן ניט געטראָפן דעם ליגענדן קערפּער און צום טויט פאַרענדיקט?

— ווייל שיסנדיק פּעטליורא'ן ווען ער איז געשטאַנען קעגן מיר, האָב איך גוט געצילט, אַז אַלע קוילן זאָלן ריכטיק טרעפן, און

ווען ער איז אומגעפאלן איז ער שוין געווען א טויטער און זיך מער ניט גענויטיקט אין די איבריגע קוילן און איך האב בלויז אוים פארזיכטיקייט אויסגעליידיגט דעם רעוואלווער ביים ברעג פון טראטואר...

— איר זייט געגאנגען מיט דער אבזיכט אים צו טויטן, ריכ־טיק? וואס ארט אייך און פאר וואס ווילט איר ניט צוגעבן, אז אויך די איבריקע קוילן האט איר געצילט אין ליגענדיקן קערפער?

— ערשטנס, ווייל איך ניט אז מען זאל זאגן אויף מיר, אז איך בין א שלעכטער שיסער. (אזוי גאר — שמייכלט דער אדוואַ־קאט קאמפינקי) זעלבסטפארשטענדלאך! איך בין פאררעכנט פאר א גוטן שיסער. מען פלעגט מיך רופן: „דער קליינער ווילהעלם טעל", און דא פלוצלינג האב איך אויף א דיסטאנץ פון א מעטער פון זיבן קוילן געטראפן בלויז פינף, און דערצו שיסנדיק אויף א ליגענדן קערפער — ס'איז מיר א שאנדע און נאך מער פאר דער פראנצויזישער ארמיי, וואו איך האב זיך געלערנט שיסן.

— ניט מער ווי אין דעם גייט עס אייך?

— אין וואס דען ווילט איר, אז ס'זאל מיר גיין? אין דעם וואס איך האב דערשאסן א גיפטיקע שלאנג, א ווילדע חיה?...

— אצינד, זייט אזוי גוט, שווארצבארד, און ערקלערט די געשווארענע די אורזאכע, פארוואס איר זייט געזעסן אין וויען און ארויסגעשיקט געווארן פון אונגארן, — האט דער פרעזידענט צו מיר זיך געווענדעט.

ווען איך בין פארטיק געווארן מיט מיין דערציילן, האט קאמ־פינקי מיר געשטעלט א פראגע:

— זאגט, שווארצבארד, איך וויל וויסן יא צי ניין: זייט איר אן אנארכיסט, צי ניט?

— נו, וואס פאר אפראגע! זעלבסטפארשטענדלאך, אז איך בין אן אנארכיסט!

— מערסי! איך דאנק אייך זייער פאר אייער אויפריכטיג־קייט.

— אין וואס פאר א צייטונג און צייט־שריפטן האט איר גע־ארבעט? — האט זיך צו מיר געווענדעט דער צווייטער אדוואַ־קאט ווילם.

— אין דער ניו יארקער וואכן־צייטונג „די פרייע ארבעטער שטימע", אין לאנדאנער „ארבעטער פריינט", אין די „פאריזער

בלעטער", און אויך אין דער פראנצויזישער טעגלאכער צייטונג „פארי סואר".

— מערסי פאר דער אינפארמאציע, — האט ער געזאגט, רויט ווערנדיק, און זיך געזעצט אויף זיין פלאץ.

דער פרעזידענט נעמט מיך אויספרעגן וועגן בריוו וואס איך האב געשיקט מיין פרוי פאר דעם אטענטאט.

— מיט'ן בלייפעדער האט איר צוגעשריבן: „פארצייי מיר פאר די ליידן וואס איך פארשאף דיר, אבער איך קען ניט מער לעבן און זיך בארוהיקן, אין דער צייט ווען מיליאנען ליידן און גייען אונטער, קען איך ניט בלויז זיך אליין אין זינען האבן. יעדער איינצעלנער איז פאראנטווארטלאך פאר'ן כלל, פונקט אזוי ווי דער כלל איז פאראנטווארטלאך פאר יעדן איינצעלנעם".... איר האט אויך געשריבן: „זיי וויסן, אז איך בין גרייט אויסצופירן מיין נקמה־אקט איינער אליין אן קיינעמס הילף... ריכטיק אזוי?" — איצט דערציילט די געשווארענע, פארוואס איר האלט פעטליורא'ן פאראנטווארטלאך פאר די שחיטות און פאגראמען אויף אידן.

— מיינע העררן! ס'איז זייער פשוט און איינפאך. פעטליורא איז געווען דער שעף און קאפ, זאגאר א מיליטערישער דיקטאטאר. ער האט גוט געוואוסט, אז זיינע קאזאקן און היידאמאקן, וועלכע זיינען בארבארן, ווילדע ברואים און אלם אזעלכע — גרויסע טרוסן, — וועלן ניט גיין זיך שלאגן קעגן דער רוסישער ארמיי פון באוואפנטע מענער, וועלכע קענען און וועלן זיי געבן אן העפטיקן ווידערשטאנד. האט ער זיי דערפאר איבערגעענטפערט די שוצלאזע אידישע באפעלקערונג צו רויבן און מארדן און דערמיט אין זיי דערוועקן דעם חיה'שן אינסטינקט פון רויב, מארד און מלחמה. ער איז געווען גענוג מעכטיק אפצושטעלן און ניט דערלאזן צו קיינע פאגראמען און ער האט דאס ניט געטאן אין משך פון דריי יאר וואס ער האט געוועלטיקט אין אוקראינא. דאס איז דער בעסטער באווייז, אז ער האט טאלערירט און געוואלט די פאגראמען אויף דער הילפלאזער אידישער באפעלקערונג אין אוקראינא. אויב איר וועט מיר ערלויבן, הערר פרעזידענט, וועל איך פארלעזן פאר די העררן געשווארענע דאס וואס איך האב אנגעשריבן צו מיין פארטיידיקונג. אזוי ווי איך האב א שלעכטע אויסשפראכע און א שווערן זכרון, האב איך מיר פאהצייכנט אויף פאפיר דאס וואס איך האב פאר איך צו זאגן.

אבער טאַרעס האָט זיך אויפגעהויבן און גענטפערט פאַר'ן פרעזידענט: איר וועט עס לעזן שפּעטער, ווען ס'וועט זיין נויטיק אין די קומענדע דעבאטן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז די הערן געשוואָרענע האָבן גוט פארשטאַנען, ניט קוקנדיק אויף אייער אויסשפּראַכע. די הערן געשוואָרענע האָבן אייך געדולדיק אויסגעהערט און ריכטיק פארשטאַנען. זאָל דאָס זיין אויף שפּעטער".

דער פרעזידענט האָט צוגעגעבן:

— איר וועט לעזן אייער געשריבענעם דאָמאָלס ווען אייער אדוואָקאַט וועט געפינען פאַר נויטיק.

— איר האָט געזאָגט, — זעצט פאָר דער פרעזידענט, — אַז אין פאַריז געפינט זיך אַ קאָמיטעט צו שטיצן די ליידנדע אידן פון פּאָגראָמען? ווער־זשע שטייט אין דער שפּיץ פון דעם קאָמיטעט?

— לעאָ מאָצקין.

— איר ווייסט, אַז דער געוועזענער מיטגליד פון דער צייט־ווייליקער אוקראינער רעגירונג ווי פּראָקאָפּאָוויטש, געוועזענע אָפּי־צערן און פּראָפעסאָרן ווי דער גענעראַל שאַפּאָוואַל און דער מי־ניסטער שולגין, זאָגאַר אידישע זשורנאַליסטן און פּראָמינענטע מענער ווי זשאַבאָטינסקי, זאַנגוויל און אַנדערע, אויך פראַנצויזן זאָגן, אַז פּעטליורא האָט זיך שטענדיק אַרויסגעצייגט פריינטלאַך און געשטיצט די אידן אין אוקראינא?

— דאָס איז ווי מען נעמט די זאַך אַז, הערר פּרעזידענט, דאָס זעלבע קען מען דאָך אויך זאָגן וועגן המן'ען, וועלכער האָט געגעבן צען טויזנט שטיקער זילבער אין קעניגלאַכן אוצר, כדי מען זאָל אויסקוילענען אַלע אידן. טיטוס איז אויך געווען אַ פריינט פון אידן און ווען ער האָט פאַרברענט דאָס בית המקדש, די אידן פאַרטריבן פון זייער לאַנד, האָט ער בלויז געמיינט זייער טובה. אַלע די וועלכע האָבן פון אונזער לאַנגער בלוטיקער געשיכטע אויסגעראָטן די אידן האָבן געוואָלט ניט אַנדערש ווי נאָר די אי־דישע טובה. — זיי האָבן די אידן אומגעבראַכט, זיי אויסגעשאָכטן און פאַרטיליגט פון דער וועלט, כדי זיי זאָלן וואָס גיכער אַרויף אין הימל אריין. פּעטליורא האָט אויך אַזוי געהאַנדלט ווען ער האָט זיי געשאָסן.

קאַמפּינקי האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן:

— איך פאַרשטייט דאָס גוט, געשוואָרענע, דאָ האַנדלט זיך אין אַ ביבלישע געשיכטע און ניט וועגן פּעטליורא'ן...

— די אַלע קאָמפּעטענטע מענטשן — סיי אידן, סיי קריסטן

— האָבן ערקלערט, אַז פּעטליורא איז זייער ווייט געווען צו זיין אַ אידן־פיינט און צו אָרגאַניזירן פּאָגראָמען. אין גענצטייל: ער האָט ארויסגעלאָזט פּיל אויפרופן קעגן פּאָגראָמען און געשיצט די אידישע באַפעלקערונג.

— מיר איז דאָס אַלעס ניט באַקאַנט. איך האָב קיין אַנונג פון אַזעלכע אויפרופן לטובת די אידן.

— זיי פּרעטענדירן און פאַרזיכערן, אַז פּעטליורא האָט גע־סטראָשעט מיט שטרייגגע מאָסרעגלען קעגן די עלעמענטן וואָס װעלן וואַגן מאַכן פּאָגראָמען. אין פּראָסקוראָוו האָט ער דערשאָסן אַ געוויסן סאַמאָסענקאָ פאַר די אומרועו וואָס זיינען אייך געוויס באַקאַנט.

— ווען? אַנדערטהאַלבן אָדער צוויי יאָר נאָך דער שחיטה, און דאָס חלילה ניט פאַר פּאָגראָמען וואָס דער באַנדיט האָט גע־מאַכט די גאַנצע צייט, נאָר פאַר אַן אַנדער פּאָליטישער זינד האָט מען אים דערשאָסן. ניט נאָר האָט פּעטליורא ניט באַשטראָפט פאַר די פּאָגראָמען, נאָר ער אַליין איז בייגעווען דעם צווייטן זשיטאָמי־רער פּאָגראָם און ניט אָנגענומען קיין שום מיטלען אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם. דריי טעג כסדר האָבן די באַנדעס זיינע פאַרטגע־זעצט דעם שוידערלאַכן פּאָגראָם און ער איז געווען אויף דער סטאַנציע און דאָס אַלעס צוגעקוקט; און ווען אַ דעלעגאַציע פון קריסטן און אידן האָבן זיך צו אים געווענדעט, ער זאָל אָפּשטעלן דעם פּאָגראָם, האָט ער זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק און געענטפערט, אַז ער קען ניט העלפן אָפּצושטעלן די שחיטות. אָבער מאַכן פּאָגראָמען דאָס האָט ער געקענט; ער האָט גוט געוואוסט, אַז אַן פּאָגראָמען אויף דער שוצלאָזער אידישער באַפעלקערונג וועלן זיי־נע ווילדע באַנדעס זיך ניט שלאָגן; זייער הויפט־צוועק איז געווען — רויבן און ערמאָרדן, צינדן און פּלינדערן אומבאַוואָפנטע מענ־טשן... אין קעגנטייל: זיי זיינען זיך באַלד צולאָפן, ווען זיי האָבן באַגעגנט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון אַן ארמיי.

— די מענטשן אָבער דערציילן, אַז פּעטליורא איז אריינגע־קומען אין אַ שטאָט, איז ער אויפגענומען געוואָרן פון אידישע דעלעגאַציעס און באַגריסט געוואָרן פון זיי.

— זייער מעגלאַך, הערר פּרעזידענט, דאָס האָט מען אים אָפּגעדאַנקט פאַר די שחיטות וואָס ער האָט געמאַכט אויף אידן...

— איך מוז אייך זאָגן, אַז אַ געוויסע צאָל צווישן אייערע גלויבנס־גענאָסן: אדוואָקאַט גאָלדשטיין, טשעריקאָווער, מאַדמאַ־

זעל קרינבערג, דאָקטאָר נוראלניק, באַהויפּטן אַז פּעטליורא איז יאָ פּאראנטוואָרטלאַד און איז אליין אויך געווען דער אָרגאַניזאטאָר פון די פּאָגראָמען און שחיטות אויף די אידן. אין קעגנטייל: עס זיינען פאַראַן אַנדערע, ווי למשל, שלאָסבערג און אַנדערע וואָס מאַכן אים ניט פאר פאראנטוואָרטלאַד. זיי זאָגן אפילו אַז פּעטליורא האָט ניט געוואָלט די פּאָגראָמען... ער האָט טאָלערירט די פּאָגראָמען? יאָ! אין פארלויף פון אַ געוויסער צייט האָט ער זיי טאָלערירט, ווייל ער האָט ניט געקענט אנדערש מאַכן; אָבער דערנאָך האָט ער זאָגאַר ארויסגעלאָזט פּראָקלאַמאַציעס קעגן די רציחות און געזוכט צו שטערן דאָס ווידערהאָלן פון פּאָגראָמען.

— דאָסזעלבע האָט געטאָן פּילאט... אין דער שטיל האָט פּעטליורא געגעבן אָרדערס צו מאַכן פּאָגראָמען, ווייל אין 20טן יאָרהונדערט האָט דער שטאַמלינג פון יענע גרויסע קוילערס ניט געקענט ארויסגיין אָפן מיט דער זעלבער שפּראַך פון זיינע זיידעס פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט; ער האָט דאָס געמאַכט היפּאָקריטיש. ער איז ווי דער אָפּגאָט יאנוס, אַ צוויי פּנים'דיקער: פון איין זייט האָט ער באַפוילן צו מאַכן פּאָגראָמען, פון דער צווייטער זייט האָט ער כלומרשט ארויסגעלאָזט אויפרופן קעגן די פּאָגראָמען. די גאַנצע צייט פון זיין רעגירונג, דריי יאָר דורכאַנאַנד, האָט זיך געגאָסן אידיש בלוט אין דעם וויסטן לאַנד, אין דעם עמק הבכא פון אוקראינא, און ס'האָט זיך אויפגעהערט צו גיסן זייט דאַן, ווען פּעטליורא און זיינע באַנדעס זיינען פּארטריבן געוואָרן פון דאָרטן...

אין אַ טעלעגראַמע פון 19טן יולי 1919, ווידערהאָלט פּעטליורא זיין אונצופרידנהייט מיט די פּאָגראָמען און דריקט אויס די נויטווענדיקייט זיי אָפּצושטעלן אין דער צוקונפט. ער באַשטימט אויך, אַז די אַגיטאַציע צו פּאָגראָמען ווערט געפירט פון באָלשעוויסטישע אַגיטאַטאָרן.

— אָט זיינען די באַווייזע, הער פּרעזידענט, ווי אזוי פּעטליורא האָט אָנגענומען מאַסרעגלען קעגן די פּאָגראָמען אין דער צייט פון זיין רעגירונג: די צען טויזנט קרבנות זיינען דער בעסטער אַרגומענט. דאָס זיינען ניט די באָלשעוויקעס געווען די העצער צו פּאָגראָמען. ניין! פּעטליורא מיט זיין באַנדע האָבן פּראָוואָצירט און געמאַכט פּאָגראָמען.

— ער האָט דאָך אָנגענומען מיטלען אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען?

— לפנים פיליכט, זיך פאַרמאַסקירן פאַר דער עפנטלאַכער מיינונג אין דער ציוויליזירטער וועלט האָט ער ארויסגעלאָזט אויפ־רופן אָפּצושטעלן די שחיטות: אָבער אין דער שטיל האָט ער געגעבן אַנדערע באַפעלן — אויף צו מאַכן פּאָגראָמען! דער בעס־טער באַווייז זיינען די דריי יאָר וואָס ער מיט זיין באַנדע זיינען געווען אין אוקראַינאַ: די פּאָגראָמען האָבן זיך ווידערהאָלט די גאַנצע צייט.

— איר האָט פּרעטענדירט צו האָבן געפונען אין זייער זשור־נאַל „טריזוב" אַנטיסעמיטישע אויפרופן און אַגיטאַציע פאַר פּאָ־גראָמען? און דער דירעקטאָר פון'ם זשורנאַל, קאָסענקאָ, פּראָ־טעסטירט קעגן דעם. ער באַשטעטיקט אַז דער פּרעזידענט פּעט־ליורא האָט קיינמאָל ניט געטרייצט צו פּאָגראָמען.

— נו, דאָס איז פאַרשטענדלאַך. ווען מ'פרעגט ביים קוילער אַ מיינונג! קענט איר דען וועלן אַז דיזעלבע אוקראַינער באַנ־דיטן זאָלן זיך מודה זיין, אַז זיי האָבן געמאַכט פּאָגראָמען און גע־העצט פאַר שחיטות אויף אידן?! איך האָב גראַד יאָ געפונען אין דעם זעלבן „טריזוב" וואָס איז דער סימבאָל פון טייפל אזעל־כע אַגיטאַציעס — ווי אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט אויפצו־רייצן קעגן דער אידישער באַפעלקערונג די פינסטערע אומוויסנדע עלעמענטן, וואָס, נאָר דאָס ארויפוואַרפן גופא אויף יענעם זייער פאַרברעכן און שולד איז אַ באַווייז פון פייגהייט און נידערט־רעכטיגקייט.

— אין לויף פון אייער אונטערזוכונג האָט מען געמאַכט אייך עקזאַמינירן פון דאָקטוירים־עקספּערטן: מאַזיע, טרועל און קלאָד, וועלכע האָבן אייך ערקלערט פאָלשטענדיק געזונט און פאַראַנט־וואָרטלאַך פאַר אייערע אַקטן. איר אַליין אַנערקענט די פאַקטן און, לויט אייער ארויסזאָגן זיך און ערקלערונגען, גיט איר זיך אַז אַלס נקמה־נעמער פאַר אייער באַליידיקטער ראַסע. איר באַשול־דיקט פּעטליורא'ן צו זיין דער אָרגאַניזאַטאָר און צולאָזער צו מאַכן פּאָגראָמען אויף אידן. איר האָט זייט אַ צייט נאָכגעזוכט פּעט־ליורא'ן און לויט די אומשטענדן ווי מיר האָבן געפירט די אויס־פאָרשונג מיט די איינצעלהייטן ווי איר האָט אים געפונען אין פּאַריז, ווי איר האָט געקויפט דעם רעוואָלווער און צולעצט ווי איר האָט פּעטליורא'ן געפונען איינער אַליין אויף דער ראַסין־גאַס און איר האָט אים ערמאָרדעט קאַלטבלוטיק מיט אייער רעוואָלווער.

— מעטר טאַרעס, פּיליכט האָט איר עפּעס אויסצוזעצן און זיך ארויסזאָגן וועגן דער פּערזענלאַכקייט?

— פאַרלויפיג ניט, הערר פּרעזידענט! איך האַלט מיך אָפּ כדי נאָכצוקומען שפּעטער...

— איינפאַרשטאַנדן...

טאַרעס האָט שפּעטער פּראָטעסטירט פאַר וואָס די רעגירונג האָט אָן זיין וויסן געשיקט עקספּערטן מיך צו אונטערזוכן און אַנדערע יורידישע טענות. טאַרעס האָט אויך פאַרגעלעזן די צווייטע דעקלאַראַציע פון זשאַבאָטינסקי׳ן, וואו ער דרייט מיט׳ן דישל אויף צוריק. דער פּראָקוראָר אָבער ערקלערט, אַז ער וועט זיך שטיצן אויף דער ערשטער ערקלערונג פון זשאַבאָטינסקי׳ן. קאַמפּינקי האַלט מיט׳ן פּראָקוראָר און מאַכט מיר גלייכצייטיק קאָמפּלימענטן: שוואַרצבאַרד האָט נאָר וואָס גענומען אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, ער האָט ניט געטאָן, ווי מ׳דריקט זיך אויס אויפ׳ן פראַסטן לשון — „אַריינגעלייגט די פּען אין קעשענע"; מען מוז צוגעבן, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ קוראַזש וואָס פאַרדינט געלויבט צו ווערן... איך גיב דאָס צו און בויג מיך דערפאַר...

דער רעשט פון ערשטן טאָג איז אָפּגעלאָפן אין אַ ווערטער־קאַמף צווישן טאַרעס׳ן און קאַמפּינקי׳ן וועגן מיין אַנטייל נעמען אין דער רויטער אַרמיי, מיין פאָרן אין 17טן יאָר קיין רוסלאַנד אויף דער שיף „מעלבורן", מיין צוריקקומען פון 1920טן יאָר נאָך פראַנקרייך און נאָך קלייניקייטן...

ווען מען האָט מיך צוריקגעפירט אין מיין קאַמער, האָבן מיך אַלע באַפאַלן, — די זשאַנדאַרמען אַזוי גוט ווי די שליסל־היטער, — און מיך געלויבט פאַר מיין דרייסטקייט. מיין צעלע־גענאָסע האָט מיך באַדיענט, אויסגעטאָן מיינע יום טוב׳דיקע בגדים, זיי צונויפגעלייגט און צוגעגרייט דאָס עסן אין בעט... די גאַנצע נאַכט בין איך אָבער ניט געשלאָפן: די נערוון האָבן געאַרבעט פון דער בייטאָגעדיקער אנשטריינגונג.

ערשט אין דער פרי האָב איך געקענט פאַרשרייבן אייניקע מאָמענטן פון דעם גרויסן טאָג. ווען ס׳איז געקומען די צייט ווידער צו גיין אין זאַל, האָב איך זיך געפילט מונטער און קאַמפּפּייאיק.

דער צווייטער טאָג איז געווען לייכטער פאַר מיינע נערוון. מען האָט אויסגעהערט די עדות וואָס זיינען געווען ביים אַקט, ווי

פּאָליציאַנטן, דעם קאָמיסאַר פון קוואַרטאַל, דעם געהיים־אַגענט, וועלכער האָט באַהויפּטעט, אַז איך בין אַ איש כשר וישר; אַלע שכנים מיינע האָבן פון מיר די בעסטע מיינונג, וואו איך האָב געאַרבעט האָט מען פון מיר באַקומען דעם בעסטן איינדרוק.

דער ענגלענדער סמיטה האָט מיך גאָר געהויבן ביז׳ן הימל אַריין. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געזען די דראַמע און ווען ער האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך האָב געטויטעט אַ מענטשן, האָב איך אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און געזאָגט: „איך האָב דערשאָסן אַ גרויסן מערדער וואָס האָט אומגעבראַכט טויזנטער אומשולדיקע לעבנס״. און ער האָט דערקענט אין מיר אַן ערלאַכן אויפריכטיקן מענטשן וואָס גייט זיך אָפּפערן פאַר אַן אידעאַל און אין דעם ליגענדן האָט ער דערקענט עפּעס אַ מין אומווירדיקן מענטשן.

קאַמפּינקי האָט ניט אויסגעהאַלטן און זיך אַריינגעמישט:

— פּעטליורא האָט נעבעך ניט געהאַט קיין שאַנסן צו געפינען סימפּאַטיע ביי אייך אין די אויגן...

איך האָב געוואוסט אַז טאָרעס האָט צוגעגרייט אַ דראַמאַטישן עפּיזאָד. זיין געהילף ווייל־גודשאו האָט באַדאַרפט זיך אַוועקלייגן אויף דער ערד אין דער פּאָזע פון געפאַלענעם פּעטליורא און טאָרעס מיט דעם רעוואָלווער אין האַנט האָט באַדאַרפט דערוויזן, אַז ווען איך זאָל געווען שיסן אויף דעם ליגענדן פּעטליורא׳ן, פון אויבן אַראָפּ, וואָלטן די קוילן זיך ניט געפונען אין די פלעצער אין גוף, וואו דער דאָקטאָר האָט זיי געפונען.

די גאַנצע דעמאָנסטראַציע האָט טאָרעס קונציק באַוויזן, אָבער ווייל־גודשאו איז אין דער לעצטער מינוט געבליבן זיצן אויף דער באַנק און זיך ניט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, ווי ס׳איז פריער באַשטימט געווען.

און ווידער עדות וואָס נודיען.

פריילאַכער איז געוואָרן ווען זייערע, פּעטליורא׳ס פריינט, נושאי־כלים און טעלער־לעקער האָבן אָנגעהויבן זינגען זייערע לידלאַך: נעסטערענקאָ, אַ געוועזענער פּעטליורישער אָפיצער און פּרעזידענט פון פּראָסקוראָווער פעלד־געריכט וואָס האָט פאַראורטיילט 26 באָלשעוויקעס, צווישן וועלכע עס זיינען געווען פינף און צוואַנציק אידן...

שאַפּאָוואַל, אַ געוועזענער פּעטליורישער גענעראַל האָט אַזוי

לאנג געפלאפעלט, ביז דעם פרעזידענט איז מיאוס געוואָרן און ער האָט געשלאָסן די זיצונג אין מיטן זיין רעדע.

די נאַכט בין איך שוין אַביסל געשלאָפן, דאָך די אומרוהיקייט האָט מיך נאָך אַלץ ניט פארלאָזט...

וואָס אַ טאָג ווער איך אַלץ רוהיקער. בין איך אַזוי שטאַרק מיד וואָס איך לאָז מיך ניט אויפרעגן?... עס גייט אַ שטרייט צווישן צוויי מחנות. איך געהער צו איינער פון זיי, אָבער ניט מער. ווען מ'דאַרף שטעל איך זיך אויך אריין אין דער מערכה.

ביים אָנהויב פון דריטן טאָג לייענט מען די נידערטרעכ־טיקע מסירה פון דאָבקאָווסקי. ער פאַרשמוצט וואָלאָדיןעז, מיך, אַז מיר זיינען ניט מער, ניט ווייניקער, ווי באָלשעוויסטישע אַגענטן.

און דער פרעזידענט וויל דוקא וויסן מיין שטעלונג צו דער זאַך.

איך דערצייל וועגן אידישע פאַררעטער, פון וועלכע מיר האָבן געהאַט צו ליידן די גאַנצע צייט פון אונזער מאַרטירער־געשיכטע. דאָבקאָווסקי האָט פון מיר ניט איינמאָל באַקומען שטיצע. מסתמא האָב איך פאַר אים ניט געטאָן יוצא געווען און ער קומט נאָך די דרייסיק שטיק זילבער־מטבעות.

מען לייענט פאַר אַ בריוו פון אַן אוקראַינישן קאַלאָנעל באַ־טאַקי וואָס האָט ערקלערט, אַז אין פּראָסקוראָוו איז געווען אַ פּאָגראָם, נאָר דאָס איז געווען אינספּירירט פון געטלאַכן ווילן...

טאָרעס'ן האָט דאָס געגעבן אַ געלעגנהייט צו שילדערן דעם פּראָסקוראָווער פּאָגראָם וואָס איז געווען „אינספּירירט דורך דעם געטלאַכן ווילן". איך האָב זיך אריינגעמישט: „און פאַרגעסט ניט, מיינע הערדן געשוואָרענע, אַז די פּראָסקוראָווער שחיטה איז גע־מאַכט געוואָרן מיט קאַלט געווער; די מערדער האָבן געשפּאָרט קוילן — די אידן האָבן זיך ביי זיי ניט פאַרדינט דערשאָסן צו ווערן, נאָר אויסגעשניטן ווערן ווי די אָקסן!"

שאַפּאָוואַל ווערט ווידער גערופן צו ענדיקן זיין נעכטיקע נודנע רעדע. דער עדות איז ניט נאָר אַ געוועזענער גענעראַל און סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער נאָר נוצט זיך אויך מיט פּראָוואָקאַטאָרי־שע שפּיצלאָך און האָט ניט אַנדערש געוואָלט נאָר צוציען זיין פריינט וואָלאָדינען, מיט וועלכן ער האָט זיך צוזאַמען פאַטאָגראַ־פירט, אַלס אַנטייל גענומען אין פּעטליוראַ'ס דערשיסן.

דער פּראָפעסאָר לאַנזשעוואַן איז געקומען ווי אַ באַלזאַם נאָך

די בייזע פינסטערע עלעמענטן. ער האָט גערעדט, ווי נאָר אַ גרויסער געלערנטער און מענטש דאַרף ריידן.

— נאָך דעם וואָס איך האָב געלייענט און דורכגעשטודירט אַלע דאָקומענטן איבער די פּאָגראָמען, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז נישטאָ קיין צווייפל אין די גרויזאַמע אומערהערטע שחיטות וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אוקראַינאַ און מען מוז צוגעבן, אַז אַ גרויסער טייל זיינען געמאַכט געוואָרן פון די רעגולערע אָרגאַניזירטע פּאָלקן. און ס׳איז אויך זיכער, אַז אויב פרישע אומרוהען, ווי קריג, און ציוויל־קריג, וועלן אויסברעכן, וועלן די פּאָגראָמען ווידער אַמאָל באַנייט ווערן, היות, ווי מיר האָבן ניט קיין אינטערנאַציאָנאַלע יוסטיץ אָפּצושטעלן אַזעלכע גרוילטאַטן... דער באַשולדיקער, וועלכער האָט געוויזן ביישפּילן פון טאַפּפערקייט און זעלבסט־אָפּפער אין דער צייט פון קריג, שטאַמט פון אַ פאַרפאָלגטער ראַסע וואָס איז גע׳רודפ׳ט זייט יאָרהונדערטער, און ווען ער האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט אין דעם לאַנד און געזען די אַלע אומרעכטן און דערביי אַליין פאַרלוירן אַ צאָל פון זיין פאַמיליע, האָט ער אויף זיך גענומען די ראָלע פון אַ שופט און אַליין אויסגעפירט דעם פּסק דין. די זאַך שיינט צו זיין קלאָר... אַזוי שטעל איך מיר פאָר דעם מענטשן און דעם אַקט וואָס ער איז באַגאַנגען.

קאַמפּינקי האָט גענומען שטעלן דעם פּראָפעסאָר פראַגן און צולעצט האָט ער געזאָגט:

— איר, אַ וויסנשאַפטסמאַן, גיט צו אייער צושטימונג צו אַ קאַלטן אויסגערעכנטן מאָרד נאָך זיבן יאָר צייט?

דאָ האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און ארויסגעשפּרונגען:

— און איר פאַרגעסט, אַז פראַנקרייך האָט ניט פאַרגעסן די קריוודע וואָס מען איז אַנטקעגן איר באַגאַנגען אין 1870 און נאָך פיר־און־פערציק יאָר?

קאַמפּינקי האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן:

— אַזוי?! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — איר מאַכט אַן אַנאַלאָג צווישן אייער אַקט און דעם פון פראַנקרייך?

— זעלבסטפאַרשטענדלאָך!

פּראָקאָפּאָוויטש, דער בוזעם־פריינט פון פּעטליורא׳ן, האָט דערציילט אַז ער איז אַליין אַ געגנער, אַז מען זאָל געבן אידן ערד

און זיי קאָלאָניזירן אין דער קרים, נאָר ער איז ניט קיין אַנטי־סעמיט...

איך האָב זיך אָנגערופן:

— די אידן וועלכע וואוינען אין אוקראַינאַ זייט דעם 11טן יאָרהונדערט ווערן ביי זיי פאַררעכנט אלס פרעמדע וואָס האָבן ניט קיין רעכט צו קאָלאָניזירט ווערן אויף אייגענער ערד...

און ווידער אַ ווערטער־שטרייט צווישן ביידע אַדוואָקאַטן.

מיט דער גרעסטער נייגעריקייט וואַרט איך אויף דער ווייטערדיקער זיצונג. זיי זיצן שוין אויפ'ן באַשולדיגונגס־באַנק: די מיניסטאָרן, גענעראַלן און לוטענאַנטן פון פעטליורא. זיי מיינען שוין ניט אַזוי פיל ריינוואַשן פעטליורא'ן ווי זיך אַליין.

אין דעם פינטפן טאָג פון משפט האָב איך פאָלגענדעס פאַרצייכנט:

באַלד ביי דער ערפענונג, האָט זיך קאַמפּינסקי גענומען צו מיר:

— אין זייער ערשטער אויספאָרשונג האָט שוואַרצבאַרד ערקלערט, אַז ער איז אַ איד און איז באַגאַנגען דעם אַקט דערפאַר וואָס פעטליורא האָט געמאַכט אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע און האָט זיך ניט באַנוגענט נאָר מיט העצען, נאָר ער האָט אויך מיט זיינע באַנדעס, ווילדע הײדאַמאַקעס, פּאָגראָמירט און געקוילעט אידן יונג און אַלט... נו, וויל איך וויסן באַשטימט, אין וואָס באַשולדיקט איר פעטליורא'ן, צי אין אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדאַ, צי אין מאַכן פּאָגראָמען?

— אין ביידע! איר האָט דערמאָנט, מעטר קאַמפּינסקי, די פראַנצויזישע מפּלה פון 1870, וועלכע איז באַשריבן אין אַ בוך פון זאָלאַ, און אָנגעוויזן, אַז קיין גענעראַל איז ניט שולדיק אין דער צושטערונג פון דער ארמיי און אין אירע אונדיסציפּלינירטע אַקטן... הערן געשוואָרענע, איך קען אייך זאָגן, אַז איך האָב געלעזן דעם בוך פון זאָלא און פאַרגאָסן פיל הייסע טרערן אויף דעם חורבן פון 1870. נו, קען איך אייך זאָגן, אַז אין דער מפּלה פון 70טן יאָר איז יאָ געווען אַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלאַכער און שולדיקער, און דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָן דער דריטער! און אויך אויף דער אוקראַינאַ איז געווען אַ שולדיקער און פאַראַנטוואָרטלאַכער פאַר דעם דריי יאָריקן חורבן און דאָס איז געווען פעטליורא!...

קאַמפּינסקי רוט ניט:

— וואו האט איר אין דעם „טריזוב" געפונען ארטיקלען מיט פעטליורא'ס אונטערשריפט?

— ס'איז ניט נויטיק צו געפינען זיין אונטערשריפט. דער „טריזוב", דער סימבאל פון גיהנום, מיט וועלכע די פעטליורישע באנען זיינען געווען באפוצט, זיינען געווען דער שרעק פאר דער אידישער באפעלקערונג, און ווען איך האב דעם טיפעלשן סימ־באל צוערשט דערזען אויף דעם זשורנאל, האב איך שוין געוואוסט אין וואס דא האנדעלט זיך.

פעטליורא מיט זיין באנדע האבן זיך נאך ניט באנוגנט מיט די שחיטות וואס זיי האבן ביז אהער געמאכט, נאר זיי פריידיקן נאך אויף ווייטער פאגראמען.

— אין אייער ערשטער ערקלערונג האט איר באהויפטעט: „איך האב גענומען דעם באשלוס אפצוראמען פעטליורא'ן פון דער וועלט, כדי אן ענדע צו מאכן צו דער פראפאגאנדא פון פא־גראמען... און אויך צו די שחיטות וועלכע איך האב געפילט אז זיי זיינען גרייט ווידערהאלט צו ווערן.

— אט אצינד זייט איר מיר אליין געקומען צו הילף, מעטר קאמפינקי. א דאנק!

דער געוועזענער מיניסטער שולגין האט אויף מיר אפילו ניט געוואלט א קוק טאן. ער איז די גאנצע צייט געשטאנען מיט דער פלייצע צו מיר און צו טארעס'ן. ער האט זיך מיט חוצפה גע־שטעלט אויס'טענה'ן, איינריידן די געשווארענע, אז איך בין א געשיקטער פון די באלשעוויקעס און ניט קיין נקמה־נעמער פון די איזראעליטן... ער האט לאנג גערעדט און ווידערהאלט דאס זעל־בע. דער פראקוראר האט געקוואלן און זיך געשמאלצן פון זיין רעדע. צום סוף האט זיך דער פארזיצענדער צו מיר געווענדעט:

— שווארצבארד! האט איר עפעס צו זאגן וועגן דעם?

— בלויז צוויי פראגן וויל איך שטעלן דעת עדות. דער הערר שולגין, וועלכער רעכנט זיך פאר א היסטאריקער און ניט קיין מיליטער מאן, האט, זעלבסטפארשטענדלאך א גוטן זכרון. ער האט אפילו פארפאסט א ביכל און ציטירט פאקטן פון פראסקורא־ווער און זשיטאמירער פאגראמען, נאר ווען ער איז געקומען צום אונטערזוכונגס־ריכטער און דער ריכטער האט אים און זיינע קא־לעגן געפרעגט, צי זיי ווייסן אז אין פראסקוראוו און אין זשיטא־מיר זיינען געווען פאגראמען, האט דער היסטאריקער שולגין גע־שוויגן און ניט געענטפערט. און נאך א זאך: דער הערר שולגין

איז אַ גוטער היסטאָריקער. ער דערמאָנט זיך מסתמא פון 1910־1911 ווען אין דער אוקראַינער הויפּט־שטאָט האָט מען גע'משפּט דאָס אידישע פאָלק, אַז עס דאַרף האָבן קריסטלאַך בלוט אויף פּסח. אצינד, אין 1927, קומט דער הערר שולגין, דער היסטאָריקער, און זאָגט, אַז איך בין אַ באָלשעוויק. ס'איז פאַרשטענדלאַך, העררן געשוואָרענע, אַז אין דעם צענטער פון דער אייראָפּיאישער קולטור, קענען די באַרבארן ניט קומען מיט דעם אלטן פּאבל און זאָגן: „דער איד שווארצבארד האָט דער'הרג'עט פּעטליורא'ן ווייל ער האָט געוואָלט זיך באַנוצן מיט זיין בלוט אויף פּסח". קומען זיי און זאָגן, אַז דער איד שווארצבארד איז אַ באָלשעוויק, און האָט דערפאַר געשאָסן פּעטליורא'ן.

— ווייל ער איז אַ באָלשעוויק! — האָט שולגין ווילד אויסגעשריגן.

— ניט דערפאַר ווייל ער דאַרף קריסטלאַך בלוט? אה! איר קענט ניט זאָגן און ווארפן די בלוט־באַשולדיגונג, ווארפט איר אַ צווייטע. מען פאַרשטייט אייך גוט!

דער פּרעזידענט ווענדעט זיך צו שולגין'ען:

— ענטפערט.

— איך ענטפער דעם העררן פּרעזידענט און ניט שווארצבארד'ן!

דער פּרעזידענט ווערט אומגעדולדיג:

— אָבער ענטפערט דאָך! ענטפערט!

— שווארצבארד האַלט מיך פאַר אַן אנדער שולגין, אַ געוויסער באַזיל שולגין, וועלכן מען האַלט פאַר אַן אַנטיסעמיט.

— ענטשולדיגט, מיין הערר, אייער נאָמען האָט מיך בלויז איינמאָל געבראַכט אין טעות ביים אונטערזוכונגס ריכטער, אָבער ניט איצט. איך ווייס שוין איצט ווער איר זייט. אייער ריכטיקע פיזיאָנאָמיע.

דער פּראָפעסאָר קלאָד, איינער פון די דריי עקספּערטן־דאָקטוירים וואָס האָבן מיך אונטערזוכט האָט ערקלערט, אַז זיי זיינען ביי מיר געווען עטלאַבע מאָל און איך האָב זיי געשריבן אייניקע בריוו; און זיי זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך בין פאָלשטענדיג פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר מיינע האַנדלונגען, אַז איך בין אַן אידעאַליסט און האָב אַ הייסע ליבע צו גערעכטיקייט...

טאָרעס בעט דעם פּראָפעסאָר, ער זאָל נאָך אַמאָל געבן פאַר די הערן געשוואָרענע די פּסיכאָלאָגישע ערקלערונגען:

— ס'זיינען פאַראַן אין אייער רעפּאָרט עטלעכע מאָל אי־בערגע'חזר'ט דיזעלבע שטעלן; ס'זעט אויס פון אייער רעפּאָרט, אַז איר אַליין זייט געטראָפן פון דער אמת'ער אויפריכטיגקייט און פעסטער איבערצייגונג פון שוואַרצבאַרד'ן... ווילט איר אַזוי פריינטלאַך זיין און ערקלערן פאַר די הערן געשוואָרענע וואָס איר ווייסט?

דער פּראָפעסאָר ערקלערט נאָך אַמאָל אַז דאָס איז די מיי־נונג אויך פון זיינע קאָלעגן, אויף אַזוי פיל ווי זיי האָבן שטו־דירט און קענען די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, אַז איך מאַך דעם איינדרוק פון אַן אויפריכטיקן מענטשן און אידעאַליסט.

עס ווערט אויסגעפרעגט דער היידאַמאַק און פּאָגראָמשטשיק אודאָוויטשענקאָ וואָס האָט אַליין געמאַכט פּאָגראָמען און ער דער־ציילט, אַז פּעטליורא האָט ניט געמאַכט קיינע פּאָגראָמען און האָט באַשטראָפט פאַר מאַכן פּאָגראָמען מיט טויט־שטראָף...

— אויב, — פרעגט טאָרעס, — מען האָט באַשטראָפט די שולדיקע פאַר מאַכן פּאָגראָמען, פאַר וואָס־זשע האָט מען ניט באַשטראָפט דעם עדות זעלבסט, וואָס האָט מיט זיין דיוויזיע גע־מאַכט פּאָגראָמען אונטער דער אויבערהערשאַפט פון פּעטליורא'ן אין די שטעטלאַך אָוורוטש און שאַרגאָראָד. אין אָוורוטש זיינען אפילו געווען צוויי פּאָגראָמען. דער ערשטער פּאָגראָם, וועלכער האָט געדויערט דריי טעג, פון דעם 21טן ביז דעם 24טן מאַי, 1919, און דער צווייטער — פון 2טן ביז דעם 11טן יוני דעמזעלבן יאָר? און דאָס זיינען געווען די קאָזאַקן פון דעם זעלבן אודאָ־וויטשענקאָ וואָס האָבן אויסגעקוילעט 16 אידן דאָס ערשטע מאָל און פינף דאָס צווייטע מאָל? און וואו זעט מען די באַשטראָפטע?

אודאָוויטשענקאָ איז געשטאַנען אַ צוטומעלטער און זיך פאַר־ענטפערט דערמיט, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט אידישע סאָלדאַטן וואָס האָבן אים פאַרגעטערט און אַכט פון מיינע אָפיצירן האָבן חתונה געהאַט פאַר אידישע טעכטער.

שומיצקי, אַ געוועזענער פּעטליורא'ס מיניסטער, האָט דער־ציילט, די נסים פון זיין שעף, אַלס גוטער קעמפער קעגן די מאָס־קאָווייטן...

און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פעכטעריי פון פראַזן צווישן די אַדוואָקאַטן ביז צו דער ענדע פון דער זיצונג...

מיר וואָלט זיך געוואָלט אַז טאָרעס זאָל זיין אַביסל וויי־ניגער שפּיציק, זאָל זיי פאַרשיטן מיט פאַקטן און ניט זוכן קיין פאָרמעלע

וואָרט־נצחונות. איך וואָלט פיל דערציילט, האָלט ער מיך אָפּ... איך וואָרט שוין מיט אומגעדולד אויף אונזערע עדות.

* * *

ביי דער ערעפענונג פון דער זיצונג האָט דער אַכטער געשוואָ־רענער מיר געשטעלט צוויי פראַגן. ערשטנס, צי האָב איך געהאַט אין מיין פאַמיליע מענטשן וואָס זיינען אומגעקומען אָדער געליטן פון די פּאָגראָמען; איך האָב געענטפערט, אַז פילע פון מיין פאַ־מיליע זיינען אומגעקומען פון פּעטליוראַ'ס באַנדעס. און טאַ־רעם האָט פאַרגעלייענט די ליסטע מיט די נעמען פון די אומגע־קומענע. די צווייטע פראַגע, שוין אַביסל אַ האַרבע: פאַרוואָס האָב איך, זייענדיק אין אוקראַינאַ, וואו ס'האָט זיך געגאָסן דאָס בלוט פון מיינע גלויבנס־גענאָסן, ניט אויסגעפירט דאָרט מיין נקמה־אַקט, וואָס איך רוף „אַ זשעסט פון גערעכטיקייט"?

איך האָב געענטפערט:

— ערשטנס דערפאַר, ווייל איך האָב ניט געפונען און ניט געקענט טרעפן דעם הויפּט־שולדיקן. איך האָט געזען די גרויסע פאַרברעכער, זיי זיינען אַצינד אַלע דאָ און קומען נאָך עדות זאָגן לטובת זייער עלטסטן גזלן. דאָרט איז מיר געווען אונמעגלאַך צו געפינען די ריכטיקע שולדיקע, האָב איך געטאָן ווי דער אינגסטער פון די דריי ברידער האָראַצי: איך האָב זיך צוריקגעצויגן, כדי בעסער אַטאַקירן דערנאָך...

דער פּרעזידענט האָט זיך אָנגערופן: אַט איז אַן ענטפער!

עס קומט צום עדות באַנק אַ געוויסער דאַלענקאָ, וואָס האָט דערציילט, אַז די באָלשעוויקעס און די דעניקינצעס האָבן געמאַכט פּאָגראָמען און פּעטליוראַ האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די אידן און מיט זיין ברוסט זיי פאַרטיידיקט... ער האָט דערציילט, אַז די אידן האָבן געגעבן פאַר דער אַרמיי אַלץ וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט און געפלעגט די פאַרוואונדעטע...

— און דערפאַר האָט איר אָפּגעצאָלט די אידן און זיי אויס־געקוילעט... — האָב איך זיך אַריינגעמישט.

מעטליוק, אַ הוליגאַן אַ פּאָליציימאַן מיט אַ פאַרבונדן אויג, האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אין פּראָסקוראָוו וואו די באָל־שעוויקעס האָבן געוואָלט מאַכן אַ ווידערשטאַנד, און דערביי זיי־נען געפאַלן ניט מער ווי 200 מענטשן; און אַ גלח מיט אַ צלם אין דער האַנט איז אויך געפאַלן...

איך האָב געפרעגט, צי די צוויי הונדערט טויטע האָט ער אַליין געציילט; צי זיינען דאָס ניט געווען די צוויי הונדערט קרבנות געפאַלן פון זיינע ווילדע חברה־לייט.

אַ פראַנצויזישער אינזשעניר באדרי וואָס האָט געוואוינט לאַנג אויף דער אוקראַינא און איז געווען אַ פריינט פון פעטליור־ראַ'ן, האָט דערציילט, אַז די פּאָגראָמען זיינען ניט אַזוי געפער־לאַך; ביי אים אַליין האָט מען אויך צוגענומען אַ פּאָר עופות און אַ קוה... ער האָט אָבער דערביי פאַרגעסן צו דערציילן אַז ער האָט געמאַכט באַנקראָטן אויף מיליאָנען... ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז דעם פּאַרזיצענדן איז נמאס געוואָרן און ער האָט ער־קלערט אַ פּויזע...

נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ לאַנגער שטרייט צווישן טאָ־רעס'ן און קאַמפּינקי'ן וועגן אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „טאַן". דאָן איז געקומען דער אַרויסגעבער פון „טריזוב", קאָסענקאָ, און האָט דערציילט אַז די אוקראַינצעס זיינען די בעסטע פריינט פון די אידן; דער בעסטער באַוויז איז, אַז פילע פון זיי האָבן חתונה מיט אידישקעס און אַז די פּאָגראָמען האָבן געמאַכט די באָלשע־וויקעס און די דעניקינצעס. צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז איך קען גאָר ניט די אוקראַינישע שפּראַך, אויף וואָס איך האָב גע־ענטפערט, אַז איך קען זי גענוג אַז איך זאָל זי פיינט האָבן...

דער עדות האָט געזאָגט, אַז אַלס אַרויסגעבער פון דעם „טרי־זוב" פּראָטעסטירט ער קעגן דעם וואָס מען זאָגט, אַז דער זשור־נאַל איז אַנטיסעמיטיש; ער איז נאָר קעגן דער אידישער קאָלאָני־זאַציע, ווייל ער וויל ניט, אַז מען זאָל די „באַשעס" באַזעצן אויף דער אוקראַינער ערד...

טאָרעס האָט שוין די זאַך גוט אויסגענוצט: אידן אין אוּ־קראַינא זיינען, הייסט עס, ווי „באַשעס" (דייטשן) אין פראַנקרייך?

די זיצונג איז געשלאָסן געוואָרן און מ'פירט מיך צוריק. ס'איז שבת, מאָרגן — זונטיק, אַ פרייער טאָג און איך האָב צייט צו באַטראַכטן די לאַגע.

איך פיל אַן אומצופרידנהייט. מיר דוכט זיך, אַז דאָס פּאַר־האַנג איז נאָך ניט אויפגעריסן ווי ס'דאַרף צו זיין. טאָרעס האָט צוגעשטעלט אַ צעטל פון הונדערטער „מאָראַלע" עדות, פראַנ־צויזן וואָס וועלן זיך חקר'נען וועגן פּאָגראָמען. אַנשטאָט זיי, וואָלט פיל בעסער געווען, אַז ס'זאָלן דורכגיין פאַר דער דזשורי הונדערטער פּאָגראָם־געליטענע, יתומים און בעלי־מומים, די אָפּ־

געראַטעוועטע פון דעם בלוט־באַד, וואָס פּעטליורא און זיינע מיט־העלפער האָבן געמאַכט אין אוקראַינאַ.
איך קען אויך ניט ליידן, וואָס טאָרעס קלאַפּט צו פיל אויף מיין פראַנצויזישן פּאַטריאַטיזם און פּעטליוראַ׳ס דייטש־פריינט־שאַפט; ס׳פּאַסט ניט טאָרעס׳ן און מיר נאָך וויניגער. דאַרף מען נאָך די זאַך באַפּוצן כדי צו פאַרשטיין מיין אַקט?
און איך באַשליס, אַז אין מיין לעצטן וואָרט וועל איך אַלעם אויפריכטיק זאָגן...
ענדלאַך קומען אונזערע, ס׳ווערט גערופן צום עדות־שטול ראובן גרינבערג. ער דערציילט, אַז זייענדיק אין רוסלאַנד אַ צייט נאָך די פּאָגראָמען, האָט ער זיך פיל אַנגעהערט וועגן זייער שוי־דערלאַכקייט און ספּעציעל וועגן די פּעטליוראַ׳ס פּאָגראָמען; ער גיט אויך איבער, אַז איך האָב אים אַ קורצע צייט פאַר מיין אַקט געפרעגט, צי ער ווייסט ניט, אַז פּעטליורא געפינט זיך אין פּאַריז.
דער אַדוואָקאַט גאָלדשטיין טרעט אויף און דערציילט וועגן די פּאָגראָם־שרעקן וואָס די אידישע באַפעלקערונג האָט איבער־געלעבט מיט דעם ארייננקומען פון פּעטליוראַ׳ס באַנדעס. ער גיט צו, אַז בלויז אין דער קורצער צייט, פון ענדע 1918 ביז אין מיטן אַפּריל 1919, זיינען געווען רעגיסטרירט הונדערטער פּאָגראָמירטע אידישע שטעטלאַך מיט 50 טויזנט קרבנות. ער האָט דערציילט, אַז מיט מיר האָט ער זיך באַקאַנט אין פּאַריז, וואו איך האָב גע־נומען אַ טיכטיקן אַנטייל אין די איינאָרדנונג פון די פּערציק פּאָגראָם־יתומים וואָס מען האָט געבראַכט קיין פּאַריז, און אַז איך האָב אַליין געוואָלט צונעמען אַ קינד.
ס׳הויבט זיך אָן אַ דיסקוסיע צווישן די אַדוואָקאַטן איבער אוורוטשער פּאָגראָם.
די פריילין גרינבערג, וועלכע האָט אַליין בייגעוואוינט דעם פּראָסקוראָווער פּאָגראָם, גיט איבער איינצעלהייטן וואָס האָבן גע־רירט די הערצער פון די געשוואָרענע און פון די מענטשן אין זאַל, און ווי איך האָב מיך געפלייסט ניט צו וויינען, כדי ניט צו ווייזן מיין שוואַכקייט, האָב איך דעם נסיון ניט געקענט ביישטיין...
דער אַדוואָקאַט סליאָזבערג, וועלכער איז גערופן געוואָרן אַלס עדות פון די פּעטליוראָווצעס, האָט ביים אונטערזוכונגס ריכטער כמעט גאָרניט געזאָגט וועגן די פּאָגראָמען און נאָך וויניגער וועגן פּעטליוראַ׳ס שולד. נאָר קומענדיק אין געריכט, האָט ער זיך גע־טראָפן מיט דעם שולגין נומער צוויי, וועלכער האָט ניט אַנדערש

געוואָלט, נאָר אַז די אידן אַליין זאָלן זיך פון מיר אָפּטרייסלען און ערקלערן, אַז איך בין אַ באָלשעוויק און בין געשיקט פון דער טשעקא און ס'זיינען גאָר קיין פּאָגראָמען ניט פּאָרגעקומען, און אויב יאָ — האָבן דאָס די באָלשעוויקעס געמאַכט און ניט חלילה די אוקראַאינצעס וואָס זיינען די בעסטע אידן־פריינט און האָבן חתונה מיט אידישקעס... דערפאַר האָט „שולגין נומער צוויי" מיט זיינע מיטהעלפער צוגעזאָגט סליאָזבערג'ן און די איבריקע אידן, אַז אם ירצה השם, אַז זיי וועלן זיין ביי דער מאַכט צוריק, וועלן זיי ניט פאַרגעסן אין די „זשידלאַקעס"... דאָס האָט סליאָז־בערג'ן אַזוי געטראָפן, אַז ער איז געקומען פאַר די געשוואָרענע און זיי אַלעם דערציילט: „ווי קענען מיר איינגיין אויף אַזאַ זאַך?" — פרעגט ער, — „דאָס הייסט זיך אַליין שפּייען אין פּנים! דאָס פאַרגאָסענע אידישע בלוט איז אַזוי הפקר, אַז ס'לוינט זיך ניט דערפאַר איינצושטעלן? זאָגן אַז שוואַרצבאַרד איז געשיקט פון די באָלשעוויקעס בלויז צוליב דעם, אַז מ'זאָל צופרידנשטעלן דעם הערר שולגין, וואָלט געווען אַ שאַנדע און אַ פאַרברעכן!"...

„ניין! טויזנט מאָל ניין! איך שווער אייך ביי מיין גרויען קאָפּ, הערן געשאָרענע, אַז שוואַרצבאַרד איז ניט קיין באָלשע־וויק!"...

וולאַדימיר טיאָמקין, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלישן אויסזען, האָט גענומען דאָס וואָרט און אָנגעהויבן לייענען די עלעגיע פון דעם אידישן אומגליק, נאָר טאָרעס האָט אים אַ פּאָר מאָל איבערגע־שלאָגן און אונטערגעטריבן, אַז ער זאָל קומען צום עיקר־זאַך. דאָס האָט דעם עדות אַביסל נערווירט און ער האָט זיך ארויסגע־כאַפּט מיט אַ פראַזע וואָס האָט געקענט פיל שאַדן ברייגנען. ער האָט געזאָגט, אַז פּעטליורא איז פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די פּאָ־גראָמען, און דעניקין — ניט. דאָס האָט קאַמפּינקי געוואָלט אונטערכאַפּן ווי אַן אבן־טוב און זיך פאַרקאַטשעט די אַרבל, נאָר צום גליק האָט דער פּרעזידענט געשלאָסן די זיצונג אין מיטן דער דיסקוסיע.

ביי דער עפענונג פון דער זיבעטער זיצונג האָט קאַמפּינקי זיך ווידער גענומען צום עדות טיאָמקין, אַז ער זאָל נאָך אַמאָל ערקלערן, פאַרוואָס ער האַלט פּעטליורא'ן יאָ פאַראַנטוואָרטלאַך פאַר די פּאָגראָמען און דעניקין'ען ניט. טאָרעס האָט זיך אַריינ־געמישט און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַ ווערטער־קאַמף. אין דעם ברען פון ווערטער־קאַמף ווענדעט זיך צו מיר קאַמפּינקי:

— שווארצבארד! האָט איר געטויטעט פּעטליורא'ן דערפאַר, ווייל ער האָט אָרגאַניזירט די פּאָגראָמען, צי דערפאַר ווייל ער איז געווען דערמיט שולדיק וואָס ער איז געווען דער אַטאַמאַן און שעף?

— ער איז געווען אי דאָס ערשטע אי דאָס צווייטע. מיר שיינט, אַז אַלעם איז זייער קלאָר פאַר אַלעמען! מעטר טאָרעס האָט אויך גאָר וואָס געזאָגט דאָסזעלבע און דער עדות האָט איבערגע'חזר'ט און ביז וואַנען וועט מען אויך דאָס דאַרפן איבער־חזר'ן?!...

טשעריקאָווער, אַלס היסטאָריקער פון די פּאָגראָמען, איז גע־קומען מיט פאַקטן און דאַטומס, רשימות פון טויזנטער קרבנות און הונדערטער חרוב־געוואָרענע שטעטלאַך...

קאַמפּינקי האָט זיך פאַרלוירן: זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז דער עדות קומט באַלאַדן מיט צען טויזנט דאָקומענטן, קען איך זיך אים ניט קעגנשטעלן", — האָט ער יעדעס מאָל גע'טענה'ט.

דער איבערזעצער האָט אַביסל צוקאַליעטשעט דעם עדות, האָב איך אים אַרויסגעהאָלפן. ווען ס'האָט געהאַלטן ביים צווייטן זשיטאָמירער פּאָגראָם, בשעת פּעטליורא איז געווען אַנוועזנד:

— און דער עדות גיט צו, — האָב איך זיך אָנגערופן, — אַז די גאַנצע צייט וואָס פּעטליורא איז געווען אין זשיטאָמיר, איז דער פּאָגראָם וויטער אָנגעגאַנגען...

דער עדות גיט איבער אַ געשפּרעך אין וועלכן פּעטליורא האָט געענטפערט אַ דעלעגאַציע וואָס האָט געבעטן אָפּצושטעלן די פּאָגראָמען: „איך קען גאָר ניט טאָן, די פּאָגראָמען האַלטן אויף די דיסציפּלין אין דער אַרמיי!"

— אָט דאָס איז קלאָרע ווערטער! — האָב איך אויסגעשריגן.

לעאָ מאָטצקין איז געקומען צום עדות־באַנק און גענומען שילדערן די פּאָגראָם־שרעקן:

— די אַלע וואָס האָבן אַליין ניט איבערגעלעבט און ניט צו־געזען די שרעקן פון אַ פּאָגראָם, ווייסן ניט וואָס דאָס איז אַזוינס אַ פּאָגראָם. איך אַליין האָב איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם, נאָך זייענ־דיק אַ קינד און איך וועל קיינמאָל אין מיין לעבן ניט פאַרגעסן דעם שרעקלאַכן איינדרוק...

מאָטצקין האָט גערעדט מיט אַ שוואַכער שטימע און מיט אַ האַרץ און געפיל. איך מוז צוגעבן אַז מאָטצקין'ס עדות זאָגן האָט מיך שטאַרק צובראָכן. איך האָב פאַר זיך דערזען דעם גאַנצן

אידישן צער און טרויער, די טיפע שאנדע און נשמה־ווייטאָגן פון אַ פאָלק וואָס קען ניט אויסשרייען און וויל ניט ארויסטראָגן פאר דער וועלט זיין שמאך און שאנדע!... ווען קאמפינקי האָט זיך געפונען געטראָפן פון די אינערלאכע ליידן פון מאָטצקין'ס עדות־זאָגן, האָט ער אים גענומען טרייסטן און פארזיכערן, אז ער פילט אים מיט און ווייסט ווי ס'טוט אים ווי אַזאַ זאַך...

— ניין! האָט מאָטצקין אויסגעשריען, איר קענט ניט וויסן און אונז מיטפילן. ווען איר זאָלט אונז מיטפילן, וואָלט איר גע־ווען מיט אונז און אויף אונזער זייט!

— איך בין מיט אייך, — האָט קאמפינקי זיך גענומען פאר־ענטפערן, — איך בין מיט אייך.

— ניין! איר קענט ניט זיין מיט אונז און פילן אונזער שמערץ און ווייטאָג אין דער צייט ווען איר פארטיידיקט די פאָ־גראָמשטשיקעס...

מען לעזט פאָר דאָס עדות־זאָגן פון דעם פארשטאָרבענעם קאָוואל, וועלכער האָט געגלויבט אַז איך בין אַ ברונעטער און זאָל מיך האָבן געזען אין שטעטל בולאַן, וואו מיין פוס איז קיינמאָל ניט געוועו.

איך ערקלער אַז דער עדות האָט זיך טועה געוועו און איך באַדויער וואָס ער איז שוין טויט און איך האָב ניט די געלעגנהייט אים צו איבערצייגן אין זיין טעות.

סאפרא, דער פאָטער וואָס האָט פארלוירן זיין זון אין קיעוו, אין סעפטעמבער 1919, קומט צום עדות־שטול מיט זיין אויפ'ן מיליטערישן שטייגער ארויסגעשטעלטער ברוסט און ערקלערט, אַז דער טויט איז אַ צו מילדע שטראָף פאר דעם באַנדיט און פאָ־גראָמשטשיק. ער וואָלט אים ניט אַזוי גיך פארטיק געמאַכט ווי שוואַרצבאַרד (ער ווייזט אַן אויף מיר), נאָר ער וואָלט אים צוערשט געמאַכט פאר אַ קריפּל און אים זיך געלאָזט מוטשען...

ער רעדט מיט טעמפעראַמענט און געפיל...

פּלוצלונג נעמען זיך סוד'ען די אַדוואָקאַטן צווישן זיך און טאָרעס ערקלערט, אַז מיט דער איינשטימונג פון זיינע קאָלעגן, מעטר קאמפינקי און ווילמס, שליסן זיי די עדות־ליסטע און טרעטן צו צו די אַדוואָקאַטן־רעדעס.

דער פּרעזידענט ערקלערט די זיצונג געשלאָסן און באַשטימט די מאָרגנדיקע זיצונג אויף איינס אַ זייגער נאָכמיטאָג.

יד

מיין לעצט וואָרט

קומענדיק צוריק אין מיין צימער, האָב איך גענומען שרייבן מיין לעצט וואָרט... אין האַרצן האָב איך געפילט אַ גרויס אומ־צופרידנהייט מיט טאַרעס'ס קונץ. איך האָב ניט געדיינקט אַז אַלעס איז אויפגעדעקט געוואָרן פאַר דער וועלט. מיך האָט ווייניג געשראָקן מיין אייגענער גורל. ס'זיינען אפילו געווען מאָמענטן, ווען ביי מיר האָט זיך אויפגעכאַפּט די אַמאָליקע דורשטיקייט צו זעלבסט־אָפּפער, צו מאַרטירערטום פאַר אַ גערעכטע זאַך... אדרבא, זאָל מען מיך פאַר'משפט'ן. זאָל די וועלט, די גאַנצע וועלט, זיך „אויספיינען" פאַר אונז אידן, זיך אָפּוואַשן די הענט פון דעם בלוט וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן און מיט פרומע אויגן פון צבועקעס מיך פירן צו דער תליה... ס'פּאַסט דאָך איך אזוי!...

נאָר אין אַן אנדער מינוט, האָב איך מיר געטראַכט, וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט מיט די מיליאָנען אידן וואָס לעבן אונ־טער באַרבאַרישער הערשאַפט. זייער בלוט וועט דאָך דאַמאָלס געווים ווערן הפקר... און אזוי האָבן אין מיר געקעמפּט פאַרשיידענע געפילן און מיך געהאַלטן אויפגעשרויפט ביז גאָר.

דאָס שרייבן האָט מיך אַביסל באַרוהיקט. איך עפן אויף דאָס תנך"ל און טרעף אָן אויף דעם קאַפּיטל פון עמוס וואָס הויבט זיך אָן: „פאַר דריי זינד"....

און אָן אַ שום אנשטריינגונג האָב איך אָנגעשריבן פאָלגענ־דעס:

מיינע הערן ריכטער!

איך שטיי אייגנטלאך פאַר אייך ניט ווי קיין אָנגעקלאָגטער, נאָר ווי אַן אָנקלאָגער. יאָ! איך בין אַן אָנקלאָגער, איך קלאָג אָן אונזער יאָרהונדערט, די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, וועלכע האָט געקענט דערלאָזן, אַז אַזאַ אונערהערטעס אומרעכט זאָל גע־שען! די מאָדערנע וועלט פון געוואַלטיקן פּראָגרעס, פון טעכ־

ניק, קונסט און וויסנשאַפט, איז שולדיק ניט נאָר אין דעם וואָס זי האָט אויסגעוואָרעמט אין איר שויס די גיפטיקע שלאַנגען, נאָר אויך מיט דעם וואָס זי האָט בייגעוואוינט רוהיק און אפילו פאַר־מאַכט די אויגן פאַר דעם געוואַלדיקן פאַרברעכן וואָס מען איז באַגאַנגען קעגן אַ גאַנצן פאָלק!

איך בין נישט געקומען ביי אייך בעטן רחמים! ניט דער טויט איז מיר שרעקלאַך.

איך וואָלט אייך געקענט ווייזן, ווי אַ איד קען שטאַרבן, ווי ער קען ניט נאָר ווייזן דעם רוקן זיינע פייניקער, נאָר ארויסשטעלן די ברוסט!

און אויב, מיינע ריכטער, איך שטיי אצינד פאַר אייך אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלאַכן פאַר מיין פאָלק מאָמענט, איז דאָס דער־פאַר, ווייל איך וויים און קען אייך, מיינע העררן! איר, די איי־ניקלאַך פון יענע קעמפער, וועלכע האָבן אראָפּגעריסן די דונערן פון די הימלען און די קרוינען פון די טיראַנען, איר וועט מיך פאַרשטיין און מיטפילן! אייערע זיידעס האָבן געהאָלפן באַ־פרייען אַמעריקע פון דעם ענגלישן יאָך! די נביאים פון 18טן יאָרהונדערט, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט רעכט און פרייהייט פאַר אַלע מענטשן און בירגער זיינען אייערע עלטערן. די סאַן־קילאָטן און וואָלונטירן וועלכע האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט ניט נאָר צו באַפרייען דאָס פראַנצויזישע פאָלק נאָר די גאַנצע וועלט, האָבן אויך באַפרייט און עמאַנציפּירט דאָס אידישע פאָלק. און נאָך אַכטצן הונדערט יאָר וואָס אידן האָבן פאַרלוירן זייער זעלבסט־שטענדיקייט האָבן אייערע עלטערן אין דעם זעלבן פאַריז ווידער אַמאָל אויפגעשטעלט דעם אידישן סנהדרין.

און אצינד נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, ליגט ווידער דער אידישער גורל אין אייערע הענט!

איר האָט געהערט ווי די שולגינס און זייערע מיטהעלפער, די אַפּאָלאָגיסטן פון דעם העכסטן אטאמאַן פּעטליורא, האָבן אין זייער פאַרלעגנהייט וועגן דער ראָלע פון זייער היידאמאַקן־אַטאַמאַן זיך געשטיצט, און מיט רעכט, אויף זייערע היסטאָרישע העלדן פון דעם 17טן יאָרהונדערט, ווי דער העטמאַן באָגדאַן כמעלניצקי און זיינע נאָכפאָלגער. זיי קענען נאָך צוגעבן די העלדן פון אַכט־צענטן יאָרהונדערט: גאָנטא און זשעליעזניאַק.

שולגין זאָגט: „פּעטליורא איז ניט נאָר געווען דער שעף פון דער רעגירונג, ער איז געווען דער גרויסער באַגייסטערער פון דער

גאַנצער אוקראַינישער אַקטיוויטעט, דער נאַציאָנאַלער העלד פון גאַנץ אוקראַינאַ; ער וועט פיגורירן אין דער געשיכטע פון זיין לאַנד, ביי דער זייט פון אונזערע גרעסטע און געשעצטע העלדן פון אוקראַינאַ". ליידער, דערציילן זיי ניט וועגן דער אמת'ער היס־טאָרישער ראָלע פון די גרויסע, געשעצטע אוקראַינער העלדן. אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פאַר דער עפנטלאַכער פראַנצויזישער מיינונג פאַסט זיי ניט ארויסצושטעלן אין זייער ריכטיקן ליכט די העלדישקייט פון זייער היסטאָרישן פאַרדינסט. אָבער דיזעלבע העלדן פיגורירן אויך אין דער געשיכטע פון דעם אידישן פאָלק. זיי פאַרנעמען אַ בכבוד'יקן פּלאַץ זייט ביי זייט מיט די נעמען פון המן, טיטוס, פּערדינאַנד דער קאַטאָליקער, טאָרקוואמאדא און די צאַרן.

דאָס אידישע פאָלק האָט לזכר די בלוטיקע העלדן און זייערע טאַטן געשאַפן אַ ספּעציעלן פאַסט־טאָג, מחבר געווען קינות און פאַראייביקט די טרויער־טעג אויף דורות.

דריי בלוטיקע היידאמאטשינעס וועט דאָס אידישע פאָלק ניט פאַרגעסן:

די שרעקלאַכע הריגות פון 1649—1648, דורך דעם גרויסן „העלד" כמעלניצקי און זיינע קאַזאַקן, וואָס האָבן געקאָסט הונדער־טער טויזנטער לעבנס דעם אידישן פאָלק — פון קליינע זויג־קינ־דער ביז אַלטע און קראַנקע לייט, פרויען און מענער!

שפּעטער מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר אין 1768, האָבן די רוצחים גאָנטאַ, זשעליעזניאַק מיט זייערע היידאמאקעס באַנייט די בלוטיקע רציחות פון זייערע זיידעס און די דאָזיקע פרישע סאַנט־באַרטאָלעמעער נאַכט האָט ווידער געקאָסט צעהנער טויזנ־טער לעבענס פון אידישע קדושים און מאַרטירער.

און די דריטע פאַזע פון דער בלוטיקער עפּאָפּעע פון די יאָרן 1918-19-20 וואָס האָט מורא'דיק איבערגעשטיגן די אַלע פריי־ערדיקע שוידערלאַכע גרוילטאַטן און ווילדע בעסטיאַליטעט.

און דאָך קומען פאַר אייך די אונפאַרשעמטע פאַנעגיריסטן און ווילן מיט אַמאָל ריינוואַשן אַלע זייערע אטילא'ס פון זיבע־צענטן און אַכטצענטן ווי אויך דעם תליון פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט!

פּעטליורא, זאָגט שולגין, איז דער ריכטיקער שעף פון זיינע סאָלדאַטן געווען. ער איז באַטראַכט געוואָרן פון די ענטוזיאַזירטע מאַסן ווי אַ גאָט! פּעטליורא האָט פאַרשטאַנען די נשמה פון

זיינע אוקראינער און כדי ארויסצורופן ביי זיי העלדנשאפט און קוראזש, האט ער זיי ערלויבט צו מארדן און רויבן די שוצלאזע אידישע באפעלקערונג....

און דערפאר איז ער געווען באליבט, פאפולער, זייער שטארק פאפולער!

די שולגינס זיינען אבער אויך גוטע דיפלאמאטן און זיי זוכן צו שיטן זאמד אין די אויגן פון דער ציוויליזירטער וועלט. זיי זאגן: „די פאראנטווארטלאכע פאר די פאגראמען, פאר די קראנק־הייטן און הונגער, זיינען די פארברעכער פון מאסקווע", און זיי ווילן ניט אנערקענען, אז זייט דעם וואס „די פארברעכער פון מאס־קווע", האבן איבערגענומען די מאכט, האבן אלע פאגראמען און רציחות אויפגעהערט מיט אמאל. און פארוואס וואשן זיך אפ די הענט די נייע פילאטן פון די שרייענדע פארברעכנס און בלוט און ווארפן די שולד אויף אנדערע?!

זיי זאגן, אז זיי זיינען שטענדיק געווען די בעסטע פריינט פון די אידן; אבער וואו איז דער אמת? די היסטארישע שווי־דערלאכע פאקטן זיינען צו שרייענד און ווייזן דעם היפך. די דריי הונדערט יאר געשיכטע זיינען צו שרעקלאך! מערקווירדיק איז דאס, וואס אלע פאגראמען, בלבולים און רציחות זיינען פארגע־קומען אויף דעם אוקראינישן באדן און אויסגעפירט געווארן פון די קאזאקן און היידאמאקעס! אפילו די פאגראמען פון די צארן און אויך די פון דעם בלוטיקן דעניקין זיינען פארגעקומען אין אוקראינא און ניט אין פעטערבורג אדער אין מאסקווא.

זיי שפילן איצט אין דיפלאמאטיע. זיי ווייסן אז היינטיקע צייטן דארף מען שפילן די ראלע פון „גרויסע פריינט". אט ווערן זיי די גרויסע פריינט פון דייטשלאנד, גרויסע פריינט פון פראנק־רייך, גרויסע פריינט פון די „איזראעליטן" און די הויפטזאך, גרויסע הומאניטארן. זיי האבן מורא, און מיט רעכט, אז די צי־וויליזירטע וועלט וועט איצט דיינקען, און האבן דעם איינדרוק, דאס א פאלק וואס רופט זיך אוקראינער, האבן געוואלט דורך פאגראמען פארניכטן, גאט ווייסט פארוואס, אן אנדער פאלק וואס וואוינט מיט אים אויף איין טעריטאריע...

אצינד, קלאגן זיך די שולגינס, דאס גאנץ אוקראינא האט אי־בערגעלעבט א חורבן. דאס איז פארשטענדלאך: נאך די הריגות, נאך די אונצאלבארע טויטע קערפערס, וועלכע מען האט ניט בא־ערדיגט און וועלכע האבן פארגיפטעט די אטמאספערע, איז געקור־

מען דער טיפוס, דער הונגער, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט און פאַרפלייצט דאָס לאַנד. דאָס באַרעכטיקט נאָר די ווערטער פון מאָנטעסקיו: „זייער דעספּאָטיזם איז גלייך צו אַ ווילדן וואָס האַקט אָפּ דעם בוים, כדי אָפּצורייסן זיין פּרוכט".

ווילט איר אַ פּאָר פאַקטן וועגן דער פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פון פּעטליורא'ן אין די אידישע פּאָגראָמען?

אין אַ געשפּרעך וואָס וויניטשענקאָ האָט געהאַט מיט פּעטליורא'ן אין בערלין מכח די אונאַנגענעמע קלאַנגען וועגן די אידישע פּאָגראָמען, האָט פּעטליורא געענטפערט: „זייער גוט פאַר די שמוציקע זשידעס! ס'איז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך ניט אָנגעשלאָסן אין דער אוקראַינער אַרמיי"! און וויניטשענקאָ האָט מיט רעכט געקענט ערקלערן רעוואוצקי'ן: „פּעטליורא האָט פאַרדינט דעם נאָמען פּאָגראָמשטשיק".

אַ אידישע דעלעגאַציע האָט ער געענטפערט: „איך בעט אייך, לאָזט מיך צו רו און צוקריגט מיך ניט מיט מיין אַרמיי". איז נאָך נויטיק צו באַטאָנען, אַז ניט נאָר ער האָט ניט באַשטראָפט די פּאָגראָמשטשיקעס, נאָר ער פלעגט זיי נאָך אַזאַ „העלדנטאַט" באַלוינען. אין זשיטאָמיר איז ער אַליין געווען בשעת דער פּאָגראָם האָט זיך צופלאַקערט און ער האָט ניט געמאַכט קיין מינדעסטע אָנשטריינגונג אים אָפּצושטעלן. דער בעסטער באַווייז פון פּעטליורא'ס פאַראַנטוואָרטלאַכקייט איז דער וואָס די גאַנצע צייט ווען דער „גרויסער פריינט פון די איזראַעליטן" האָט רעגירט אין אוקראַינא, האָבן די שחיטות ניט אויפגעהערט, און זייט ער איז נישטאָ — איז שטיל און רוהיק.

אוקראַינא צאָלט פאַר פּעטליורא'ן. דערמאָנט אייך די ווערטער פון עמוס'ן: „פאַר דריי זינד וועל איך ניט פאַרגעבן... זיי טוען אומרעכט קליינע קינדער, זיי אונטערדריקן עלנדע און אָרימע, זיי האָבן אויפגעשניטן בייכער פון טראָגנדיקע פרויען"...

מיינע ריכטער! הינטער מיר שטייען הונדערטער טויזנטער קדושים, אַ מחנה מאַרטירער וואָס קוקן שטום אויף אייך און פאָדערן גערעכטיגקייט. ניט קיין רחמים, נאָר גערעכטיגקייט. מיין גאַנץ וועזן ציט צו זיי... און איך אויך, מיינע ריכטער, שריי: ניט קיין רחמים, נאָר גערעכטיגקייט.

ציכנונגען פון:

חנוך העניך גליצנשטיין

משה מורא

טאדרעס געלער

דוד בן מנחם בעקקער (אבי שושנה)

בן שלום

„אין קריג מיט זיך אליין” פון שלום שווארצבארד, דערשינען אין דעצעמבער 1933. ארויסגעגעבן פון ש. שווארצבארד קאָמיטעט. שיקאגע, 1933.